ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה



קונטרס

# עונג יו"ט

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## יום כיפור

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גרויס** הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.



# מַיין יום כיפור אוֹצָר



מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

מַיין אוֹצָר... שלש עשרה מדות... ערב יום כיפור... כל נדרי... נעילה... המבדיל טיש...

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## סליחות ערב יוהכ"פ

**הליכות בקודש**

**ערב יום כיפור זאגט מען נישט "אבינו מלכנו" ביי שחרית און אויך נישט ביי מנחה. אין טייל פלעצער פיהרט מען זיך אז ווען יום כיפור געפאלט אין שבת זאגט מען נישט דעמאלט "אבינו מלכנו", און מ'זאגן "אבינו מלכנו" ערב יום כיפור ביי שחרית, און אזוי איז מנהג בעלזא.**

### געגאנגען אין מקוה פאר זאגן די סליחות...

איין יאהר האט זיך מרן מהרי"ד זי"ע



געפעדערט און אריינגעקומען ערב יום כיפור אין די שוהל צו סליחות, און ס'איז דארט אפילו א מנין נאכנישט געווען. מרן זי"ע האט האט מיט אן הקפדה געפרעגט די גבאים ווי זענען די חסידים אין אזא טאג, און פארוואס זענען זיי נאכנישט געקומען צום דאווענען. בליץ שנעל האט מען זיך דערוואוסט אז מרן זי"ע ווארט שוין אין די שוהל צו זאגן סליחות , און די חסידים האבן מורא געהאט אריינצוקומען אין די שוהל מורא האבנ'דיג פון די הקפדה פון מרן זי"ע האבן זיי זיך געווענדן צום באקאנטער בעל תפילה הרה"ח רבי יוסל'ע יארטשאווער ז"ל ם און אים געבעטן אז ער זאל פריער אריין גיין אין די שוהל און מפייס זיין מרן זי"ע וואוסנדיג אז רבי יוסל'ע איז באליעבט ביי מרן זי"ע, איז רבי יוסלע אריין דער ערשטער און באלד ביים אריינקומען פרעגט אים מרן זי"ע וואו ער איז געווען ביז אצינד. האט רבי יוסל'ע געענטפערט מיט א שטילע שטימע "איז ביך געגאנגען אין מקוה זיך טובל'ן איידער מ'זאגט די סליחות" האט זיך מרן זי"ע בארוהאיגט און געזאגט "אויב אזוי... איז אנדערש..." און באלד דערויף האט אים מרן זי"ע מכבד געווען צו זיין דער בעל תפילה און זאגן די סליחות פאר'ן עמוד.

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## כפרות ערב יוהכ"פ

**הליכות בקודש**

**רבוה"ק האבן זיך געפיהרט צו מאכן דעם סדר הכפרות ערב יום כיפור אינדערפרי. סדר הכפרות: מ'נעמט דעם עוף אין די רעכטע האנט און מ'זאגט די פסוקים "בני אדם - מצאתי כופר". דערנאך דרייט מען דעם עוף דריי מאהל ארום דעם קאפ, און מ'זאגט "זה חלפתי, זה תמירתי, זה כפרתי". דערנאך זאגט מען נאכאמאהל די פסוקים "בני אדם..." און מ'דרייט דעם עוף ארום דעם קאפ דריי מאהל און מ'זאגט "זה חלפתי...." און אזוי מאכט מען אויך דעם דריטן מאהל.**

### געבן די עופות עסן און טרינקען

ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט מען געברענגט די עופות פון די 'כפרות' עטליכע טעג פאר ערב יום כיפור, און מרן זי"ע האט מקפיד געווען נישט צו עסן אדער טרינקען איידער מ'האט פריער געגעבן צו עסן און טרינקען פאר די עופות. די כפרה פון מרן זי"ע איז געווענהליך געווען א ווייסער האן.

מרן זי"ע האט געמאכט דעם סדר כפרות נאך די סליחות פון ערב יום כיפור, פאר תפילת שחרית. מרן זי"ע איז געשטאנען די גאנצע צייט, אויך בשעת'ן שחט'ן די אנדערע כפרות פון בני ביתו. דערנאך האט מרן זי"ע געבעהטן פונעם שוחט, ער זאל אים מכבד זיין מיט מצוות "כיסוי הדם". און אזוי פיהרט זיך אויך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

### "דער סדר הכפרות".

דער משב"ק רבי מרדכי וועבער שליט"א דערציילט אז ווען אין די יאהרן ווען ער איז געווען משמש בקודש האט מרן זי"ע געמאכט אזוי ווי דער אויבן דערמאנטער סדר, און אזוי פיהרט זיך אויך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, [אבער דער משמש בקודש הרב יצחק לאנדא ז"ל שרייבט אין זיין ספר "בקודש פנימה" אז אין די יאהרן ווען ער איז געווען משמש הקודש האט מרן זי"ע געזאגט דריי מאהל איינס נאכן אנדערן "בני אדם" און דערנאך געדרייט דעם האן ארום דעם קאפ דריי מאהל...און געזאגט "זה חלפתי..." ]

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## בדיקת הסכין

**הליכות בקודש**

**רבוה"ק האבן זיך געפיהרט בודק צו זיין דעם סכין השחיטה פאר'ן שחט'ן די כפרות. דער שוחט האט גע'שחט'ן די עופות, און נאך די שחיטה האבן רבוה"ק מקיים געווען מצות כיסוי הדם בעפר דריי מאהל.**

### "רב ששת בדיק בריש לישניה".

דער משב"ק רבי יצחק לאנדא ז"ל האט דערציילט: אין איינע פון די יאהרן האט ער געהערט ווי מרן זי"ע זאגט אינמיטן בודק זיין דעם חלף לשחיטה דעם מאמר חז"ל (חולין יז:) "רב ששת בדיק בריש לישניה". און דער משב"ק הרה"ח רבי מרדכי וועבער שליט"א דערציילט: אז עטליכע מאהל האט



זיך מרן זי"ע אויסגעדריקט און געזאגט: **"איך בין א מבין, נאר מיט די אויגן, דער טאטע ז"ל, [מרן מהרי"ד זי"ע] האט געקענט זעהן, אויך מיט די פינגער, און אויך מיט די אויגן...!".**

<<<<<



# מַיין יום כיפור אוֹצָר



מַיין אוֹצָר... יום כיפור... כל נדרי... נעילה...

## על השחיטה

ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע אין בעלזא איז דער שוחט פאר די כפרות געווען, רבי וואווע שוחט [הרה"ח רבי חיים זאב באב"ד ז"ל]. אין ארץ ישראל אין די יאהרן תש"י, תשי"א איז דער "שוחט" פון די כפרות עיוכ"פ געווען הרה"ח ר' וואלף מוטצען ז"ל פון קטמון. און שפעטער נאכדעם וואס ר' וואלף האט זיך אוועק געצויגן פון קטמון, און זיך באזעצט אין צענטער פון ירושלים האט מרן זי"ע גענומען דעם שוחט הרה"ח ר' יחיאל יעקב ליכטנשטיין ז"ל, וואס האט געוואוינט בשכונת "קטמון"...! [מרן זי"ע האט מקפיד געווען בגודל זהירותו, צו נעמען דעם "שוחט



דמתא" און קטמון האט פאר מרן זי"ע געהייסן מתא].

ביי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זענען די שוחטים געווען: הרה"ח רבי שמואל יעקב אבראהאם ז"ל (דער שווער פון ר' יצחק לאנדא ז"ל, און להבלחט"א ר' מרדכי וועבער הי"ו). הגה"ח ר' חיים יוסף וואלדמאן ז"ל, הרה"ח ר' פישל זוסמאן ז"ל, הרה"צ ר' אלימלך שיף, האדמו"ר מליזענסק זצ"ל, ולהבלחט"א הרה"ח ר' יעקב מארבאך שליט"א, און היינט איז דער שוחט הרה"ח ר' משה יוסף ווייס שליט"א.

[אגב דערציילט דער משב"ק הרה"ח ר' מרדכי וועבער שליט"א, אז זיין שווער הרה"ח ר' שמואל יעקב אבראהאם ז"ל איז געווען דער ערשטער שוחט פאר די כפרות ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע אין ירושלים. אין תל אביב איז דער שוחט געווען א גערער חסיד, און ווען מרן זי"ע איז געקומען פון ירושלים קיין תל אביב, האט ער נישט מסכים געווען צו ברענגען עופות פון ירושלים, ער האט פעסט געהאלטן, אז מ'דארף נעמען דווקא דעם שוחט פון תל אביב.].

## על כיסוי הדם בעפר

הרה"ח ר' אברהם יצחק ליכטנשטיין ז"ל דער זוהן פון הרה"ח ר' יחיאל יעקב ליכטנשטיין ז"ל דער שוחט פון די כפרות ביי מרן זי"ע אין קטמון האט דערציילט אזוי: זיין פאטער ר' יחיאל יעקב, האט זיך געוואלט אוועקציעהן פון קטמון צו אן אנדערע געגענד פון ירושלים, האט ער געשיקט פרעגן, אויב מרן זי"ע וועט אים ווייטער נוצן אלס 'שוחט', אויך ווען ער וואוינט נישט אין קטמון? האט מרן זי"ע געענטפערט, אז ער וועט נוצן נאר דעם 'שוחט' וואס וואוינט אויפ'ן ארט אין קטמון. הערנ'דיג דאס איז ר' יחיאל יעקב געבליבן ווייטער וואוינען אין קטמון, און זיך נישט אוועק געצויגן.

אויך דערציילט ר' אברהם יצחק ז"ל, אז אין שנת תשי"ז נאכדעם וואס זיין טאטע ר' יחיאל יעקב האט גע'שחט'ן די כפרה פונעם קינד, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, האט אים מרן זי"ע געזאגט: **"בערניו, זאג מיט מיר די ברכה"**, און מרן זי"ע האט געמאכט צוזאמען מיט מרן שליט"א די ברכה "על כיסוי הדם בעפר", בשם ומלכות און געהייסן דאס קינד מאכן כיסוי הדם.

אויך דערציילט ער אז נאכ'ן שחט'ן די כפרות, האט מרן זי"ע געהייסן פאר'ן גבאי הרה"ח ר' שלום פויגל ז"ל ער זאל באצאהלן פאר זיין טאטע, דער שוחט, שחיטה געלט וואס ס'קומט אים, אבער זיין פאטער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען באצאהלט, מרן זי"ע איז אבער געשטאנען דערויף אז ער זאל יא נעמען באצאהלט וואס ס'קומט אים. דערנאך האט מרן זי"ע אויסגעשטרעקט זיינעביידע הייליגע הענט, און אים געוואונטשן מיט אסאך ברכות. נאכ'ן שחט'ן די כפרות, זיי צורעכט מאכן און קאכן, האט מען געגעסן דאס פלייש ביי די סעודה ערב יום כיפור און ביי די סעודה פון "המבדיל טיש".

## מאוצרות הצדיקים

# מנהג בפרוה

## די תפילה פאר כפרות, א לימוד זכות...

**אם יש עליו מלאך מליץ אחד מיני אלף להגיד לאדם ישרו...** [מתוך התפלה קודם כפרות]

אייגענטליך וואס באדייט דאס ווארט 'ישרו', ס'וואלט געדארפט שטיין 'ללמד זכות'. נאר ס'קען זיין אז אפילו רשעים וואס האבן געזינדיגט, איז אבער זייער הארץ פוהל מיט חרטה געפיהלן, און אפילו ווען ער ווערט ארייגעכאפט אינעם נעץ פונעם יצר הרע וואס רעדט אים איין צו זינדיג'ן, מיינט ער נישט צו דערצערענען חלילה דעם באשעפער, נאר דער יצר הרע מיט זיינע כיטרע שטיק ווייזט אים אין יענער

## פערל ווערטער וזהב"פ

## אלעס פאר דיר באשעפער...

**זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים... למענך אלוקים חיים** [תפילת שמו"ע]

דער הייליגער בארדיטשעווער רב זי"ע האט כסדר מלמד זכות זיין אויף כלל ישראל. ער פלעגט זאגן "רבונו של עולם, פארוואס דארף כלל ישראל פרנסה און אלעס גוט'ס, אלעס נאר כדי אויפצוהאדעווען עהרליכע אידישע דורות, צו קענען זיי שיקן לערנען, מענג צו זיין דעם הייליגן שבת, קענען געבן צדקה, און קענען מקיים זיין אלע דיינע הייליגע מצוות, אויב אזוי אוודאי זאלסטו זיי העלפן". מיט דעם האט הרה"ק רבי דוד משה מטשורטקוב זצוק"ל געטייטשט: מיר בעהטן **"זכרנו לחיים"**, פארוואס **"למענך אלקים חיים"** ווייל אלעס דארף מען נאר פאר דיינעט ווענגן, צו טוען מצוות ומעשים טובים.

## מ'האט נאר דעם איינעם טאג

**כי ביום הזה יכפר עליכם (אחרי טז:ל)**

**"כי ביום הזה".** ווען מ'טראכט אז מ'האט נאר דעם איינעם טאג יום כיפור, און דער טאג גייט שוין באלד אדורך, און מ'נוצט אויס דעם טאג ווי ס'דארף צו זיין, דעמאלט איז דער באשעפער מוחל אויף אלע זינד. *(ייטב פנים)*

## 'זיך נישט פארלאזן אויף יום כיפור אליין'

**כי ביום הזה יכפר עליכם (אחרי טז:ל)**

**"ביום הזה יכפר עליכם"**,—ס'איז טאקע ריכטיג אז דער עצם טאג פון יום הכיפור איז מכפר, פונדעסטוועגן, **"לכפר עליכם מכל חטאתיכם"**,— דארף מען ארבעטן אויף זיך, און תשובה טוען אז די זינד זאל פארגעבן ווערן און זיך נישט פארלאזן בלויז אז דער יום כיפור טאג איז מכפר. *(הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאצק זצ"ל)*

## 'לויט דיין זאגן איז דיין פארגעבונג'

**ויאמר ה' סלחתי כדבריך (במדבר כד:כ)**

דאס ווארט 'כדבריך' מיינט, לויט דאס זאגן פון א מענטש, לויט וויפיהל ער בעהט פון באשעפער, אויב טוהט ער תשובה פון טיעפן הארץ אזוי ווי מ'דארף, דעמאלט איז דאס פארגעבונג פונעם באשעפער אויך בשלימות, און זיינע זינד ווערן אויך אויסגעמעקט אינגאנצן. דאס איז פשט וואס דער באשעפער זאגט: "סלחתי כדבריך", לויט דיין זאגן און דיין איבערבעהטן אויף די זינד, אזוי וועט זיין מיין פארגעבונג. *("תפארת שלמה")*

<<<<<

רגע אז די זינד אז גאר מותר, און צומאהל פארבט ער דאס אים גאר אלס א מצוה, און דאס איז פשט 'אם יש מלאך' וכו' 'להגיד לאדם ישרו', דער מלאך זאל אויף אים עדות זאגן זיין יושר, וואס ער האט געטראכט בשעת די עבירה, און דורכדעם אויך יחננו ויאמר וגו'. *(הרה"ק ר"מ מפרימשלאן, פנים מאירים בשם קב ונקי)*

## ♦ וואס זאגט דער האן ווען מען שלאגט כפרות

אמאהל ערב יום כיפור האט הרה"ק רבי מאיר'ל פרימישלאנער זי"ע געזאגט בדרך צחות פאר א דארפסמאן וואס האט געמיינט אז מיט שלאגן כפרות אליין וועט אים דער באשעפער מוחל זיין אויף אלע זיינע עבירות, ער האט אים אזוי געזאגט: איך וועל דיר דערציילן וואס דיין האן זאגט יעצט ווען די שלאגטס מיט אים כפרות, "אני־הְגָבר",—איך האן, (ווי באקאנט ווערט א "האן" אנגערופן "גבר" אזוי ווי די משנה זאגט "קרא הגבר", דער האן האט געקרייעט). "ראה עני",—כ'האט געזעהן אן ארימאן מיט ווייניג פארשטאנד, "בשבט עברתו",—מיט א בינטל עברות, "אותי נהג וילך",—מיך האן פיהרט ער ארום זיין קאפ, "חשך ולא אור",— פארטאגס ווען ס'איז טונקל און נישט ליכטיג, אבער "אך בי ישיב",—אויב מיינט ער נאר מיט מיר וועט ער תשובה טוען, דאס מיינט אז אויסער כפרה שלאגן טוהט ער גארנישט עפעס אנדערש צו פאררעכטן זיינע מעשים, דעמאלט, "יהפך ידו כל היום",—קען ער אזוי דרייען דעם האן ארום דעם קאפ א גאנצען טאג און דאס וועט אים גאר ווייניג העלפן. *(מרגניתא דרבי מאיר איכה ג' - אוצר המועדים)*

## ♦ טעם לכיסוי הדם

דער טעם פארוואס מ'איז מהדר מקיים צו זיין די מצוה פון צודעקן דאס בלוט ביי די כפרות, איז כדי צו פארמעהרן מיט זכותים און מצות פאר'ן הייליגן טאג.

## ♦ ג'מלנים, ב'יישנים, ר'חמנים

א רמז אויף דעם וואס מיר נעמען א האן אויף כפרות, ווייל א האן רופט מען "גבר", און די ראשי תיבות פון "גבר" איז **ג**'מלנים, **ב**'יישנים, **ר**'חמנים מרמז צו זיין אז מ'זאל זיך מתקן זיין אין די דריי מידות.*(אוצר המועדים)*

## ♦ "אלעס גע'פסק'נט לויט'ן דין..."

ערב יום הקדוש זענען געקומען הונדערטער שאלות פון די כפרות צום פראנקפורטער רב, הגה"ק רבי אביש'ל זצ"ל, אויף אלעס האט דער רב גע'פסק'נט אז ס'איז כשר. ווען די דיינים האבן זיך געוואונדערט דערויף, האט רבי אביש'ל זיי ערקלעהרט אז ווער ס'פסק'נט אויף א כשר'ן עוף אז ס'איז טריפה, איז דאס אן עבירה שבין אדם לחבירו, ער האט דאך שאדן געמאכט זיין חבר'ס געלט, און יום כיפור איז נישט מכפר דערויף. אבער ווען מ'פסק'נט אויף א טריפה'נעם עוף אז ס'איז כשר, דעמאלט איז דאס פון די עבירות שבין אדם למקום, וואס יום הכיפורים איז דערויף מכפר. "פונדעסטוועגן" האט ער זיי בארואיגט, "זארגט אייך נישט, איך האב אלעס גע'פסק'נט לויט די הלכה."



## ♦ פון וואנעט וועט איר נעמען־הינער אויף כפרות.

דער בארדיטשובער רב, הרה"ק רבי לוי יצחק איז אמאהל תשעה באב געגאנגען זאמלען געלט פאר א וויכטיגע צדקה צוועק, און צו זיין גרויס וואונדער זעהט ער ווי ס'זיצן א חברה יונגען 'פורקי עול' און עסן יידער הינער פלייש אינעם פאסט טאג. רופט ער זיך אהן צו זיי: "אויב איר עסט יעצט אויף די הינער, פון וואנעט וועט איר נעמען ערב יום כיפור הינער אויף כפרות?"... די הייליגע ווערטער וואס זענען ארויס פון זיין ריינע הארץ, זענען אריין אין זייער הארץ, און זיי האבן תשובה געטוען אויף זייערע מעשים.

## ♦ איבער א יאהר וועט זיין צוויי ליידיגע ביכלעך

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע האט געשיקט איינער פון זיינע תלמידים אין א דערפל, וואו ער האט געדארפט צוקוקן ווי א געוויסער איד שלאגט כפרות און בשעת מעשה זיך לערנען די כוונת הכפרות. ערשטוינט ביז גאר, האט דער חסיד געטראפן דעם איש פשוט מאד וואס וועט אים לערנען גרויסע מדריגות. מיט אמונת צדיקים האט ער צוגעקוקט אן אינטערסאנטע געשעהעניש, ווי דער איד נעמט ארויס א ביכעלע און הייבט אן ליינען אויפן קול אלע צרות וואס ער האט געליטן דורכאויס דעם פארגאנגענעם

<<<<<

# ♦ פערל ווערטער יוהכ"פ

## ♦ פאר'ן כבוד פון באשעפער

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם (אחרי טז:ל)**

צווישן 'יכפר',—א לשון כפרה, און 'לטהר' ,—א לשון טהרה, איז דא א חילוק. 'כפרה' איז א לשון אפווישן, וואס נעמט נישט אוועק די שמוץ אינגאנצן, 'טהרה', נעמט יא אוועק די גאנצע טומאה. "**כי ביום הזה יכפר עליכם**",—אפילו די תשובה איז נישט גאנץ, נאר מיראה, קענט איר ווערן אפגעווישט פון די עבירות, אבער כדי ס'זאל זיין א גאנצע טהרה, "**לפני ה' תטהרו**",—איז נאר פאר'ן כבוד פון באשעפער, טוען תשובה מאהבה. *('ילקוט דברי חכמים' בשם 'מנחת עני')*

## ♦ יום כיפור דער כח פונעם גאנצן יאהר

**לכפר על בני ישראל מכל חטאתם אחת בשנה. (ויקרא טז:לד)**

יום הכיפורים איז מכפר אויפ'ן גאנצן יאהר, און זיכער האט דער טאג א כח פונעם גאנצן יאהר. דאס ווארט "**הכפרים**" (355) (אזוי ווי ס'שטייט אין די תורה, אהן די ו') באטרעפט "**שנה**" (355). *(מדרש פנחס)*

## ♦ ער טוהט שטענדיג מוחל זיין

**כי אתה סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישורון.**

צום הייליגן רוזשינער זי"ע איז אריינגעקומען א איד ערב יום הקדוש און געוויינט. אזוי ווי ער איז א גרויסער חוטא, און פיהל מאהל נאכ'ן תשובה טוען האט ער זיך ווידער פארזינדיגט, פארכט ער אז דער רבש"ע וועט שוין נישט וועלן מער פון אים הערן. האט אים דער צדיק בארוהאיגט: "זארג נישט מיין פריינד, ווען דער הייליגער באשעפער וואלט געהאט די מידה, וואלט געדארפט שטיין 'כי אתה סולח לישראל ומוחל לשבטי ישורון', מיר זאגן אבער סלחן ומחלן, וואס באדייט אז ער טוהט שטענדיג מוחל זיין און פארגעבן, א ראי' פון די גמרא (בבא מציעא לג) 'רובץ ולא רבצן וכו'', און מעקט אפ אונזערע זינד בקביעית, א יעדעס יאהר פון דאסניי..." *(עזרי מעם ה')*

## ♦ ס'איז פאר'ן גאנצן פאלק

**ונסלח לכל עדת בני ישראל... כי לכל העם בשגגה. (במדבר טו:כז)**

וויבאלד ס'איז פאר דעם גאנצן פאלק, איז דאך דאס געווען בשגגה, ווייל יעדער טראכט אז די גאנצע וועלט טוהט אזוי. וק"ל. *(ישמח משה)*

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו,** [תפילת יוהכ"פ]

ווען דער מענטש איז עובר ח"ו אויף אן עבירה, ווערט פון די עבירה באשאפן א שלעכטער מלאך. דער מלאך שטייט איבער'ן קאפ פונעם מענטש, און פארשטעלט אים ער זאל נישט קענען זעהן דעם ריכטיגן וועג אין וועלכ'ן צו גיין. דאס איז פשט אין די גמרא (ברכות (יז): "ומי מעכב **שאור** שבעיסה", —דאס וואס דער שלעכטער מלאך פארשטעלט דעם מענטש די אויגן, ער זאל נישט זעהן דעם ריכטיגן וועג, דאס איז דער "שאור שבעיסה". דאס איז פשט אין פסוק: "כי ביום הזה יכפר **עליכם**",— דער יום כיפור'דיגער טאג איז מכפר אויף דעם, וואס איז "עליכם"—יום כיפור איז מבטל דעם מלאך רע, וואס שטייט איבער אייך, און פארשטעלט אייך צו זעהן דעם ריכטיגן וועג, און דעמאלט וועט איר אייך מטהר זיין פון אייער זינד. איר וועט קענען זעהן דעם ריכטיג'ן וועג, אין וועלכ'ן איר דארפט גיין "מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו",—איר וועט קענען תשובה טוען און זיך צוריק דערנענטערן צום באשעפער.

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו,** [תפילת יוהכ"פ]

ווען א איד זינדיגט ח"ו, חוץ פון די עצם עבירה, דארף מען אויך תשובה טוען אויף די 'צייט' וואס מ'האט געטוען די עבירה, ווייל אין די צייט וואלט מען געקענט טוען מצוות און מעשים טובים, אזוויו דער עלטער זיידע ז"ל [מרן מהר"י זי"ע] פלעגט זאגן אז דאס שטייט אין פסוק (תהלים קטז:א): "ובימי אקרא",—איך רוף צוריק די טעג וואס איך האב נישט אויסגענוצט ווי ס'דארף צו זיין. דערפאר האט אונז דער באשעפער געגעבן דעם גרויסן טאג פון יום כיפור, וואס דער טאג האט א כח צו פארעכטן די טעג וואס מ'האט נישט אויסגענוצט. אזוויו ס'שטייט אין פסוק (שם קלט:טז): "ימים יצרו ולו אחד בהם", און רש"י זאגט אז דאס גייט ארויף אויף יום כיפור, דאס איז א רמז אז אויב מ' נוצט אויס דעם טאג אזוויו ס'דארף צו זיין, קען מען פארעכטן אלע טעג פונעם גאנצע יאהר. און דאס איז אויך מרומז דא אין פסוק: "כי ביום הזה יכפר עליכם... לפני ה' תטהרו", אזוויו ביים באשעפער איז נישט קיין חילוק צווישן דעם 'עָבר' און דעם 'עתיד', אזוי אויך קען מען אין דעם טאג פארעכטן אפילו דעם 'עבר' וואס איז שוין אריבער געגאנגען.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - דברי כיבושין פאר 'כל נדרי' תשלו)*

**שש ועירה דם הפר בדם השעיר לתוך המזרק שבו דם השעיר.** [עבודת כהן גדול ביוהכ"פ]

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע,** האט ערקלעהרט דעם מאמר הפייטן אינעם סדר העבודה פון יוה"כ "**שש ועירה דם הפר לתוך המזרק שבו דם השעיר**", וואס מ'דארף פארשטיין, ווייל וואס איז דער ענין פון 'שש', [=ער האט זיך געפרייט] ביי די עבודה דייקא? האט מרן זי"ע געענטפערט: דער כהן גדול האט זיך געמאכט א חשבון הנפש, אז די כפרה פון כלל ישראל איז געוואנדן אין אים, און ער אליין האט געשפיהרט אז ער אליין האט נאכנישט מתקן געווען וואס ער דארף מתקן זיין, איז וויאזוי וועט ער זוכה זיין אז זיין עבודה וועט באוויליגט ווערן, און ער האט געהאט דערפון זייער א צעבראכן הארץ, ביז ער האט געפונען א עצה אז ער וועט זיין תשובה כולל זיין מיט תשובת הרבים, און אינעם זכות דרבים, וועט זיין תשובה און עבודה פאר זיין תיקון הנפש אויך באוויליגט ווערן. דער פר איז געווען צוליעב כפרת כהן גדול וביתו, און דער שעיר צוליעב כפרת כל ישראל, האט די תורה געהייסן אויסמישן דעם דם הפר מיט'ן דם השעיר, מרמז צו זיין אז דער כהן גדול דארף זיך כולל זיין און פאראייניגן זיין אייגענע תשובה מיט תשובת כלל ישראל, און דאס האט געגעבן פאר'ן כהן גדול א געוואלדיגע חיזוק און א שמחה. און דאס באטאנט דער פייטן, ווען דער כהן גדול האט געטוען די עבודה האט ער געפונען פאר זיך א התחזקות און ער האט זיך געפרייט מיט דעם ווען ער האט אויסגעמישט דעם דם הפר, וואס באצייכנט זיין אייגענע תשובה, מיט די בלוט פונעם דם השעיר, וואס באצייכנט די תשובה פון כלל ישראל. עכתד"ק".

*(ספר "ויחי יוסף" מ'פאפא זצוק"ל פ' שמיני)*

---

## ✦ כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים...

### הליכות בקודש

**מנהג רבוה"ק איז געווען צו זאגן ערב יוהכ"פ איידער מ'איז געגאנגען צו כל נדרי "דברי מוסר" פאר די נשים צדקניות און זיי ערוועקן צו תשובה ומעשים טובים, זיך צו פארבעסערן און ספעציעל אכטונג געבן אין עניני צניעות...**

הרה"ח רבי בעריש אורטנער ז"ל אין ספר "דבר חן" שילדערט די דברי התעוררות וואס מרן מהרי"ד זי"ע האט געזאגט פאר די בנות ישראל הכשרות, אין די 'גרויסע שטוב' וואס האט געמאכט א שטארקן איינדרוק און נישט געווארן פארגעסן. [די מענער וואס האבן זיך דארט פארזאמלט האט מרן זי"ע פארשיקט און זיי געזאגט, "איר גייט אין שוהל אריין אצינד זאג איך נאר פאר די פרויען]. דאס וויינען און קלאגן פון די פרויען פון די דברי התעוררות האבן געהאט אן אפקלאנג אויף ווייט. ס'האט פשוט צוריסן הערצער און אפילו א הארץ פון שטיין איז צוגאנגען פון די דברי מוסר וואס האבן אריינגעדרינגן טיעף אין יעדנס ביינער און זיי אויפגעציטערט, ס'האט יעדן ארומגענומען א פארכט און א שרעק פונעם יום הדין.

אין שנת תרפ"ז האט מרן זי"ע צווישן זיינע דברי מוסר אויך געזאגט פאר די פרויען וואס האבן זיך פארזאמלט אין די 'גרויסע שטוב', "מ'זאל נישט ליינען וואס מ'דארף נישט ליינען, מ'זאל נישט קוקן ווי מ'דארף נישט קוקן....און מ'זאל זיך דערווייטערן פון די 'מאדעס'.

אן אנדער יאהר האט מרן זי"ע געזאגט פאר די פרויען אזוי: איר זאלט וויסן אז די גאנצע הנהגת הבית איז געוואנדן אין די פרויען, און איך זאג אייך צי בנאמנות, אז אויב איר וועט זיך אויפפיהרן, ווי מ'דארף און גיין אין גלייכן וועג, וועלן אייערע קינדער נישט זיין יתומים און איר וועט נישט זיין חלילה קיין אלמנות..." *(מועדי קדשיך עמוד תעז-תעח)*

דער בילגורייא רב זי"ע שרייבט: אז ווען דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט געענדיגט זאגן דברי מוסר ביי זיך אין צימער פאר די קינדער און אייניקלעך איז ער דערנאך געגאנגען אין די גרויסע שטוב און דארט האט ער נאר געוואונטשן פאר די פרויען מיט די ברכות פון "בני חיי ומזוני". מיט אלע בעלזער פירושים. [צומאהל פלעגט מרן זי"ע זיי אויך זאגן דברי מוסר, אבער אין די לעצטע יאהרן ווען מרן זי"ע איז געווען שוואך האט ער זיי נאר געוואונטשן מיט די ברכות].

<<<<<

יָאהר, ווען אינצווישן די שורות פרעגט ער כסדר 'על מה עשה ה' ככה'? דערנאך נעמט ער ארויס א צווייטן ביכעלע ווי ער האט פארשריבן זיינע עבירות און צווישן איין קרעכטץ און צווייטן פּאָרט ער צוזאם זיינע צרות קעגן זיינע עבירות און ער מאכט א סך הכל אז דער חשבון שטימט... מיטאמאהל כאפט ער אהן ביידע ביכלעך, און וויינט זיך אויס ביים גענאדיגן אב הרחמן, דער הייליגער באשעפער, אז איבער א יאהר אין פריידן וועט ער אי"ה האבן צוויי ליידיגע ביכלעך (נישט קיין עבירות און נישט קיין צרות) און מאכט מיט זיי 'זה חליפתי' און ווארפט זיי ביידע ארויס פון פענסטער. ווען מיר ליינען די ביכעלע פון צרות דארפן מיר אויך ליינען די אנדערע ביכעלע און זיך פארנעמען אז מיר הייבן אן מיט צוויי ליידיגע ביכלעך וואס וועלן בלייבן ליידיג ותחל שנה וברכותיה.

## מאוצרות הצדיקים

## • מִצְוַות אכילה •

### "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב", (ויקרא כג:לב)

רב חייא בר רב מדפתי האט געלערנט: ס'שטייט אין די תורה (ויקרא כג:לב) "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב",—און איר זאלט פייניגן אייער קערפער אין די נאכט פון דעם ניינטן טאג אין חודש, פרעגט די גמרא "וכי בתשעה הם מתענין",—צו פייניגט מען זיך אינעם ניינטן טאג אין חודש תשרי, די נאכט פון דעם ניינטן טאג, "והלא בעשירי מתענין",—מ'פאסט דאך נאר אין דעם צענטן טאג אין חודש תשרי. ענטפערט די גמרא "אלא לומר לך",—אז דער פסוק קומט אונז זאגן אז "כל האוכל ושותה בתשעה, מעלה עליו הכתוב" רעכענט אים די תורה גלייך **"כאלו מתענה תשיעי ועשירי"**,—ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג אין דעם ניינטן און אינעם צעהנטן טאג. *(ברכות ח: פסחים סה: יומא פא:)*

**דער טעם:** קען זיין איז אזוי, אז דאס עסן אינעם ניינטן טאג איז אזוי שטארק חשוב אז ס'ווערט גערעכנט פונקט ווי ער וואלט געפאסט, וויבאלד ערב יום כיפור עסט מען אסאך און מארגן אין יום כיפור פאסט מען, איז זיין ליידן שטערקער, דערפאר ווערט דאס גערעכנט ווי ער וואלט ווען געפאסט צוויי טעג.

**נאך א טעם:** ווייל אין אנדערע ימים טובים באשטימען מיר א סעודה אלץ א שמחת של מצוה, ווייל ס'איז זייער גרויס די באלוינונג פון א שמחה של מצוה, אבער וויבאלד יום כיפור קען מען נישט באשטימען א סעודה ווייל מ'דארף צו פאסטן, זענען מיר אנגעזאגט געווארן צו באשטימען א סעודה אלץ שמחה של מצוה אין ערב יום כיפור.

**נאך א טעם:** מיר עסן ערב יום כיפור ווייל מיר ווילן דערמיט ווייזן אז מיר טוען אנדערש פון די צדוקים וואס זיי פאסטן ערב יום כיפור אויך, ווייל דער פסוק איז נישט געגעבן געווארן צו דרשנ'ן נאר פאר חז"ל, און די חכמים האבן דעם פסוק פון "ועניתם" גע'דרשנ'ט אז מ'זאל עסן און טרינקן.



### • עסן ערב יום כיפור איז מסוגל אויף רפואות

דורך דאס עסן וואס מיר עסן ערב יום כיפור וואס איז אן הכנה אז מיר זאלן האבן כח צו קענען פאסטן יום כיפור וועט דער באשעפער אפטוען אלע קרענק פון אונז, אז אלע אידישע קראנקע זאלן געזונט ווערן, א רמז דערויף קען זיין אין פסוק שטייט (שמות כג:כה) **"וברך את לחמך ואת מימך והסירותי מחלה מקרבך"**,—דער באשעפער וועט בענטשן דיין ברויט מיט דיין וואסער, און ער וועט אפטוען דיין קרענק פון צווישן דיר, ווייל דאס ווארט "מקרבך" באטרעפט דאס זעלבע ווי "יום כיפור", אז דורכ'ן עסן פון ערב יום כיפור וועלן אלע אידישע קראנקע געזונט ווערן, אמן. *(עטרת ישועה, בד"ה בפ' ועבדתם)*

### • מ'איז מתקן אלע עסן און טרינקן פון א גאנץ יאהר

ס'שטייט אין כתבי האריז"ל אז יעדן טאג פון די עשרת ימי תשובה איז מען מתקן עפעס פון א גאנץ יאהר, ערב יום כיפור איז מען מתקן וואס מ'האט פוגם געווען דורכ'ן עסן און טרינקן פון א גאנץ יאהר, און אין יום כיפור איז מען מתקן אלעס וואס מ'האט פוגם געווען א גאנץ יאר דורכדעם וואס מ'האט נישט געגעסן. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

די גמרא (ברכות ח:) זאגט: **"כל האוכל ושותה בתשעה, מעלה עליו הכתוב"**,—דער פסוק איז מעלה

<<<<<

## • די כל נדרי דרשה

**נוהגין שהרב שבעירו או הזקן וחשוב שבציבור אומר קודם התחלת הש"ץ כל נדרי דברי כבושים...** *(מטה אפרים סי' תרי"ט)*

איינס פון די טעמים פארוואס מ'זאגט דעמאלט דברי כבושים קען זיין, ווייל אין אזא הייליגע נאכט ווערט דער מענטש ווי שטום, דאס הארץ ווערט אים ווי א שטיין און ער קען זיך נישט עפענען דאס מויל, און נישט הייבן דעם קאפ צוליב די גרויסע מורא פונעם יום הדין הגדול והנורא, און צוליעב די גרויסע בושה וואס נעמט אים דעמאלט ארום, מאכנ'דיג זיך א חשבון הנפש וויאזוי דאס יאהר איז אים אדורך. דערפאר פעהלט אויס אז איינער זאל מעורר זיין דעם ציבור, אזוי ווי דער בעל תפלה וואס זאגט הויך און דער גאנצער עולם זאגט אים נאך.

חז"ל (יומא פו.) זאגן: ס'איז פארהאן "ד' חילוקי כפרה", און איינס פון זיי איז, אז זיין תשובה העלפט נישט ווילאנג ער לעבט, נאר בצירוף פונעם יום המיתה. אבער דער באשעפער וויל דאך אז א איד זאל תשובה טוען בגוף ובנפש, איז וויאזוי קען א מענטש תשובה טוען אויף די דאזיגע חטאים בגופו? האט דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהר"י זי"ע] געזאגט אויף דעם, אז דאס וואס חז"ל זאגן אז אויף חילול השם העלפט נישט קיין תשובה ביים לעבן, דאס איז נאר אויב מ'טוהט תשובה דורן תעניתים וכדו', אהן תפילה, אבער אויב די תשובה איז צוזאמען מיט תפילות ותחנונים פאר'ן באשעפער, דעמאלט, "אין לך דבר העומד בפני התפלה". ווייל דעמאלט ווערט דאס ווי די איבריגע מענטשליכע געברויכן, וואס מ'איז דערויף מתפלל צום באשעפער און ער ענטפערט. דאס קען זיין די כוונה אין די גמרא (שם): "היכי דמי חילול השם? אמר. רב: כגון אנא...ולא יהיבנא דמי לאלתר ... והני מילי באתרא דלא תבעי, אבל באתרא ותבעי לית לן בה'.. "תבעי", איז א לשון תפילות פון לשון "אם תבעיון בעיר", זאגט די גמרא: "הני מילי באתרא דלא תבעי",—ער טוהט בלויז תשובה און לייגט נישט צו קיין תפילות דערצו, "אבל באתרא דתבעי",—אויב מ'איז מתפלל אינאיינם מיט די תשובה, דעמאלט "אין לך דבר שעומד בפני התפלה". *(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*



# מַיין יום כיפור אוֹצָר





<<<<<

אויף אים אז **"כאלו מתענה תשיעי ועשירי"**,—ווייל דורכדעם עסן פון ערב יום כיפור איז מען מעלה אלע עסן'ס און טרינקן פון א גאנץ יאהר דערפאר איז דאס גלייך ווי מ'וואלט ווען געפאסט צוויי טעג. *(בית אהרן)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## קברי צדיקים

### הליכות בקודש

**מנהג ישראל זיך משתטח זיין אויף קברי צדיקים ערב יום הקדוש. און מרבה זיין מיט געבן צדקה פאר ארימעלייט, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט.**

### • געמאכט א שליח צום ציון הק'.

במשך פון די יאהרן פלעגט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ארויף גיין צום ציון פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע אין די עשרת ימי תשובה. (ערב יום כיפור איז מרן שליט"א נישט געגאנגען אויפ'ן בית החיים ווייל דער טאג איז ווי א יום טוב). און ווען מרן שליט"א האט נישט געקענט אליין גיין האט ער ממנה געווען א ספעציעלער שליח וואס זאל פוקד זיין דעם הייליגן ציון אין זיין שליחות במשך די ימי נוראים. [אין אייע פון די יאהרן האט מרן זי"ע געבעהטן פונעם שליח ער זאל אים מזכיר זיין אז ער און אלע אידישע קינדער זאלן קענען גרינג פאסטן, און אז די תפילות זאלן אהנגענומען ווערן לרחמים ולרצון לפני אדון כל, צווישן אלע תפילות פון כלל ישראל און אז אלע אידישע קינדער זאלן זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה.

### • געמאכט א שליח צו טיילן צדקה.

הרה"ח רבי יאשע בעלזער [שטייכל] ז"ל האט דערציילט אמאהל האט ער געזעהן החסיד רבי דוד געצל'ס ז"ל קומט אין בית החיים ערב יום כיפור מיט א פולע האנט מיט געלט וואס ער האט צוטיילט צווישן די ארימעלייט וואס האבן דארט געקליבן נדבות, און רבי דוד האט דערציילט אז ער טיילט דאס געלט בשליחות כ"ק מרן מהר"א זי"ע. דערנאך איז רבי דוד צוגעגאנגען און מתפלל געווען ביי די ציונים פון רבוה"ק וואס ליגן דארט באהאלטן, און ווארשיינליך אויך בשליחות פון מרן מהר"א זי"ע.

### • צדקה אין די קערות איז מבטל די דינים

אמאהל האבן די גבאים אין די שטאט מעזיבוז געוואלט מבטל זיין דעם מנהג פון זיצן מיט שיסלען ערב יום הקדוש, און זאמלען געלט, ווייל דער גערודער



איז מבטל די כוונות פון די מתפללים. ווען דער בעש"ט האט דאס געהערט האט ער דאס נישט צוגעלאזט, און ער האט זיי דערציילט, אז איין יאהר האבן זיך די קליפות צוזאם גענומען און נישט צוגעלאזט אז די תפילות פון אידישע קינדער זאלן ארויפגיין, און וויבאלד מ'האט אנגעהויבן צו קלאפן מיט די מטבעות אין די שיסלען האבן יענע קולות פארטריבן די קליפות. און זיי זענען בטל געווארן...".

### • צוגעגרייט צוויי עופות פאר כפרות.

ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט מען צוגעגרייט צוויי לעבעדיגע עופות פאר כפרות, כדי נאך אן עוף זאל זיין גרייט אויב ס'זאל זיך מאכן א שאלה אויף איינע פון די עופות [למעשה פלעגט המשב"ק רבי יצחק לאנדא ז"ל דערציילן אז ס'האט קיינמאהל נישט פאסיהרט א שאלה אויפ'ן עוף מיט וואס מרן זי"ע האט געמאכט מנהג 'כפרות'.] דערנאך האט מרן זי"ע געהייסן מ'זאל דעם צווייטן עוף אוועקגעבן פאר ארימעלייט, צוזאמען מיט א סומע געלט וואס מרן זי"ע האט דעמאלט מפריש געווען פאר צדקה, און במשך'ן טאג האט זיך מרן זי"ע אינטערעסירט אויב מ'האט שוין אוועק געגעבן דעם אנדערן עוף און די צקדה פאר די ארימעלייט.

<<<<<

### • דער גרויסע 'יום טוב' פון יום כיפור

די גמרא (ראש השנה לב:) זאגט: אז די מלאכים האבן געפרעגט פון באשעפער, פארוואס זאגן די אידן נישט קיין 'הלל' אען ראש השנה און יום כיפור, האט זיי דער באשעפער געענטפערט: "וויאזוי קען מען זאגן 'הלל' ווען דער באשעפער זיצט אויפ'ן כסא דין און ס'איז אפן פאר אים די ספרי החיים און ספרי המתים?!". מ'זעהט פון די גמרא א געוואלדיגע זאך, אז כאטש פון אויבן-אויף דארף א איד זיך ארום דרייען אין די טעג מיט א צובראכענע הארץ און מיט גרויס פחד און ציטער: "ס'איז עפעס א קלייניקייט?! מ'שטייט דאך פאר א משפט פאר'ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא! א פחד!" אבער ווען מ'טראכט אריין אביסל טיעפער, זעהט מען אז אדרבה ואדרבה, אז מ'דארף זיין בשמחה, ווייל די טעג פון ראש השנה און יום כיפור זענען ימים טובים אזיווי אלע אנדערע ימים טובים. אזויווי מיר זאגן: "לפני מי אתם מטהרים, ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים" (משנה יומא ח:ט), דער גאנצע יום הדין פון ראש השנה און יום כיפור איז א געוואלדיגע מתנה און א חסד פון אונזער טאטע אין הימל וואס האט רחמנות אויף זיינע באליבטע קינדער. אזויווי ס'שטייט אין 'ספר החינוך' (מצוה שיא), אז דער באשעפער מיט זיין גרויס גוטסקייט האט באשטימט איין טאג אין יאהר וואס ער משפט אונזערע זינד כדי זיי זאלן זיך נישט פארמעהרן צופיהל, און ווען מיר טוען תשובה איז דער באשעפער אונז מוחל יעדער יאהר פונדאסניי. דאס איז דער טעם פארוואס די מלאכים אין הימל פרעגן פארוואס מיר זאגן נישט קיין 'הלל' אין די טעג פון ראש השנה און יום כיפור, ווייל פונקט אזויווי מיר זאגן הלל פסח שבועות און סוכות אויף די נסים ונפלאות וואס דער באשעפער האט געטוען מיט אונז, אזוי דארפן מיר זאגן הלל אין די הייליגע טעג וואס דער באשעפער מאכט מיט אונז אסאך א גרעסערע נס, ער גיט אונז די געלעגנהייט זיך צו דערנעהנטערן צו אים, און ער נעמט אהן אונזערע תשובה. און דערפאר וואונדערן זיך די מלאכים פארוואס מיר זאגן נישט קיין הלל? און אויף דעם ענטפערט זיי דער באשעפער, אז כאטש מ'וואלט טאקע גדארפט זאגן הלל ווייל ס'איז פריליכע טעג, אבער דאס איז באהאלטן אינעווייניג, און מיר דארפן זיך רעכענען מיט וואס ס'זעהט אויס פון אינדרויסן, און פון אויבן-אויף זעהט מען אז ס'איז פארכטיגע טאג, און מ'איז דערשראקן פונעם גרויס'ן משפט, ממילא קען מען נישט זאגן קיין הלל.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - כוללות קוויטל' ערב יהכ"פ תשסז)*

### • יום כיפור איז נאך גרעסער ווי עולם הבא

הרה"ק מקארלין זי"ע האט געזאגט: יום הכיפורים איז מעין עולם הבא, ווייל ס'האט נישט קיין אכילה ושתיה, און ס'איז נאך אפילו שטארקער פון דעם, ווייל ס'האט אויך די תשובה וואס מיר טוען. *(בית אהרן, סוכות)*

<<<<<

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# מִנְוֹת אֲבִילָה

### הליכות בקודש

**ערב יום הכיפורים אינדערפרי האבן רבוה"ק געפיהרט א טיש און געגעסן א סעודה לכבוד היום. דער מנהג איז צו גיין מיט בגדי שבת צו די סעודה, און מ'צינד אהן פינף לעכט. סדר המאכלים: מ'מאכט אן המוציא אויף צוויי קאליכעגע חלות. מ'טינקט איין די חלה אין האניג. ס'איז א מצוה צו עסן פיש ביי די סעודה. ביי די יאהך עסט מען קרעפלעך געפוהלט מיט פלייש. מ'עסט אויך הינדל פלייש מיט וואס מ'האט מקיים געווען מנהג כפרות. מ'עסט מייערן צימעס און עפל צימעס.**

### ♦ מ'איז מתקן דאס עסן און טרינקען פון א גאנץ יאהר

**"כל האוכל ושותה בתשעה, מעלה עליו הכתוב כאלו מתענה תשיעי ועשירי".** *(יומא פא:)* ס'שטייט אין די כתבי האריז"ל אז יעדער טאג פון די עשרת ימי תשובה איז מתקן א געוויסע זאך אויפ'ן גאנצן יאהר. און ערב יום הכיפורים איז מתקן וואס מ'האט פוגם געווען מיט'ן עסן און טרינקען פון א גאנץ יאהר. און יום הכיפורים איז מתקן וואס מ'האט פוגם געווען א גאנץ יאהר וואס מ'האט נישט געגעסן. [ווען מ'האט געדארפט עסן]. *(כ"ק מרן מהר"ש זי"ע)*

### ♦ דאס עסן דארף זיין אן עינוי

כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט געוואוינט נאך זיין חתונה עטליכע יאהר אין טשערנאביל, נעבן זיין גרויסע זיידע הרה"ק רבי אהרן פון טשערנאביל זי"ע. איין יאהר ערב יום כיפור האט אים רבי אהרן טשערנאביל'ער צוגערופן און געזאגט מיט א ליעבשאפט: "בער'ניו, מ'זאגט אויף דיר אז דו קענסט לערנען, וואס איז דער פשט פונעם מאמר חז"ל (יומא פא:) "כל האוכל ושותה בתשיעי, כאילו התענה תשיעי ועשירי"? האט מרן מהרי"ד זי"ע גארנישט געענטפערט, ווייל ער האט געטראכט אז אויב ער פרעגט אים, מסתמא האט ער עפעס א תירוץ אויף דעם. און רבי אהרן טשערנאביל'ער האט אים געזאגט אז דער פשט איז אזוי: "כל האוכל ושותה בתשיעי כאילו התענה",—איינער וואס דאס עסן און טרינקען איז ביי אים אן 'עינוי', אז זיין עסן איז אויף אן אופן כאילו ער האט געפאסט, דעמאלט ווערט דאס אים גערעכנט "כאילו התענה תשיעי ועשירי".

### ♦ דער תכלית פון פאסטן יום כיפור

דער תכלית פון פאסטן יום כיפור איז אז די פעטנס און בלוט וואס ווערן וויניגער אינעם מענטש דורכ'ן פאסטן, דאס איז אנשטאט א קרבן וואס מ'איז מקריב פאר'ן באשעפער, דערפאר דאס פעטנס און בלוט וואס ווערט פארמעהרט דורכ'ן נישט עסן בקדושה ובטהרה, אדער ח"ו פון אן עסן וואס איז נישט כשר, אזא פעטנס און בלוט האבן בכלל נישט קיין חשיבות ווייל דאס



פעטנס און די בלוט זענען אויך נפגם געווארן, דערפאר האט דער באשעפער אונז באפוילן אז מיר זאלן עסן און טרינקן ערב יום כיפור, כדי אז דאס עסן זאל זיין אזא עסן וואס איז א מצוה, וואס מ'עסט מיט א קדושה, און די פעטנס און בלוט וואס ווערן פארמעהרט פון אזא עסן איז פאסיג צו א קרבן פאר'ן באשעפער. קומט אויס לויט דעם, אז דאס פאסטן פון יום כיפור האט נאר דעמאלט דעם חשיבות ווייל מ'האט ערב יום כיפור געגעסן בקדושה ובטהרה, דערפאר ווערט דאס עסן פון ערב יום כיפור גערעכנט ווי גלייך מ'וואלט געפאסט דעם ניינטן מיט'ן צעהנטן טאג, ווייל נאר צוליעב דאס עסן פון ערב יום כיפור האט דאס פאסטן פון יום כיפור א חשיבות. *("ויגד יעקב" ליוכ"פ אות א' בשם מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)*

### ♦ איך ווייס ווער דער פיש איז....

אין איינע פון די יאהרן ווען מרן מהרי"ד זי"ע האט געוואוינט אין ראצפערד בשעת די ערשטע וועלט קריג, האט זיך געמאכט אז אין עשרת ימי תשובה איז נישט געווען צו באקומען קיין פיש אין די גאנצע געגנט. און מרן מהרי"ד זי"ע האט געהאט דערפון גרויס צער און בפרט אז ערב יום כיפור וועט נישט זיין קיין פיש (זעה טור או"ח סימן תרד, ווי ער ברענגט א מעשה פון א שניידער וואס האט געקויפט ערב יום כיפור א פיש

<<<<<

## ♦ פערל ווערטער יוהב"פ

### ♦ טוען תשובה נאך פאר יום כיפור

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם (אחרי טז:ל)**

אינעם פסוק איז מרומז אז מ'דארף טוען תשובה שלימה נאך פאר דער יום כיפור קומט אריין. "**כי ביום הזה יכפר עליכם**", דער באשעפער איז מכפר אין דעם טאג, אבער איר זענט "**לפני ה'**" ד.מ. נאך פאר דער וואס דער באשפער איז מטהר און מכפר קומט אריין, "**תטהרו**", זאלט איר טוען תשובה און זיך מטהר זיין. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### ♦ מ'זאל נישט שטערן פון צו זאגן 'סלחתי'

**דוד שואג בקול יתן קול דברו סלחתי**

**[תפילת ליל יום הכיפורים].**

דער באשעפער שרייט אויף די מסטינינים זיי זאלן אים נישט מעכב זיין פון צו זאגן '**סלחתי**'. "דוד שואג בקול",—דער באשעפער שרייט כביכול מיט זיין קול, אויף די מסטינינים און מקטריגים זיי זאלן נישט שטערן און מעכב זיין, דעם באשעפער פון צו זאגן "סלחתי" פאר אידישע קינדער. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### ♦ אויף די קעפ פון די שונאים

**ועל חטאים שאנו חייבים עליהם חטאת**

**[תפילת יום הכיפורים].**

כ"ק מרן מהר"ש זי"ע ווען ער האט געזאגט "ועל חטאים שאנו חייבים" האט ער געמאכט א שטיקל הפסק און דערנאך געזאגט "עליהם חטאת". מרן זי"ע האט ערקלעהרט דעם טעם. ווייל אויב ס'איז ח"ו נגזר געווארן א גזירה און דער משחית באקומט ח"ו רשות אויסצופיהרן דעם גזר דין, קען מען נישט צוריק ציעהן דעם גזר דין, ביז דער משחית באקומט נישט אן אויפטויש אויסצופיהרן דעם גזר דין. דעריבער האט מרן זי"ע מדקדק געווען און געזאגט "ועל חטאים שאנו חייבים", אויב ס'איז ח"ו אויף אונז נגזר געווארן דער גזר דין, בעהטן מיר "**עליהם** חטאת", די חטאים און שטראפן זאלן אריבערגיין פון אונז אויף די קעפ פון אנזערע שונאים. לויט דעם איז מדוייק דאס לשון: "ותשובה ותפילה **מעבירין** את רוע הגזירה, ס'שטייט נישט '**מבטלין**', מ'פיהרט אריבער די גזירה פון די אידן אויפ'ן קאפ פון די שונאי ישראל. *(קונטרס ירח האיתנים)*

### ♦ אליין מקדש זיין

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם (אחרי טז:ל)**

<<<<<

פאר א סאך געלט). דאנערשטאג פאר שבת שובה האבן זיך די חסידים ארויס געלאזט אין אלע דערפער און שטעט, צו זוכן פיש אבער אלע זענען צוריק געקומען מיט ליידיגע הענט, ס'איז נישט געווען קיין פיש צו באקומען. יענע נאכט האט דער חסיד רבי שלום שטערוויצער, משמש געווען מרן מהרי"ד זי"ע, אזוי ווי ס'איז געווען איינגעפיהרט אז יעדער נאכט האט זיך איינער פון די "יושבים" געפונען במחיצתו הקודש. אינמיט'ן די נאכט האט מרן זי"ע געהערט פונעם צימער א גרויש פון אינדרויסן, האט מרן זי"ע געבעהטן פון רבי שלום ער זאל גיין זעהן ווער ס'דרייט זיך אינדרויסן, איז ער צוריק געקומען און דערציילט, אז א פרוי געפונט זיך אינדרויסן און זי דערציילט אז איר פאטער וואס איז שוין פון לאנג נפטר געווארן, איז איר געקומען אין חלום, און געהייסן גיין קויפן א פיש און פאהרן קיין ראצפערט צום בעלזער רב, און אים דארט געבן דעם פיש. אין אנהייב האט זי זיך נישט געמאכט צו טוען פונעם חלום, אבער ווען איר פאטער איז איר נאכאמאהל געקומען אין חלום, און איר צוגעיאגט אז זי זאל גיין קויפן א פיש, האט זי פארשטאנען אז ס'איז נישט א פוסטער חלום, איז זי שנעל געגאנגען מקיים זיין איר פאטער'ס פארלאנג. און אזוי ווי אין איר וואוינארט איז נישטא צו באקומען קיין פיש, איז זי ספעציעל געפאהרן צו די שטאט מישקאלץ, און דארט האט זי געקויפט א גרויס'ן פיש און דאס געברענגט פאר מרן זי"ע. מרן מהרי"ד זי"ע האט זיך טאקע זייער געפרייט מיט'ן פיש, און געהייסן מ'זאל א טייל פונעם פיש קאכן אויף שבת און א טייל אויף ערב יום כיפור צו די סעודה", און מרן זי"ע האט אויך געזאגט: "די חסידים וועלן נאך זאגן אז ס'איז א מופת..." ביי די סעודה ווען מרן זי"ע האט געגעסן פון די פיש, האט ער געגעבן א זאג: **"איך ווייס ווער דער פיש איז....."** און מער גארנישט געזאגט.

## "האסט געלייזט פיש?"

הרה"ח ר' מרדכי וועבער שליט"א משב"ק ביי מרן מהר"א זי"ע דערציילט: איין יאהר ערב יום כיפור, ס'איז שוין געווען זייער שפעט, און מרן זי"ע איז שוין געגאנגען דאווענען מנחה, האט מרן זי"ע געהייסן מ'זאל אים רופן, און ווען ר' מרדכי איז צוגעגאנגען פרעגט אים מרן זי"ע: "האסט געלייזט פיש?" (ר' מרדכי האט געהאט א פיש געשעפט) האט ער געענטפערט,

<<<<<

# חפצי הקודש

## סידור כל בו "ליקוטי צבי"

**דער** סידור כל בו "ליקוטי צבי" פון וועלכער מרן מהרי"ד זי"ע האט געזאגט א ספעציעלע תפילה פאר מנחה פון יום כיפור, און היינט דאווענט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערפון די תפילה פאר מנחה ערב יום כיפור. דער סידור האט באלאנגט צו הרה"ח ר' ברוך בארד ז"ל, באקאנט אין בעלזא אלס "ר' ברוך יאריטשובער". ר' ברוך איז געווען פון די גרויסע חסידים, און ער איז אויך געווען בעל תפילה ביים מרן מהרי"ד זי"ע. ווי מיר ווייסן האט מרן מהרי"ד זי"ע אז ביי די ערשטע וועלטס קריג, געוואנדערט קיין אונגארן, וואו ס'איז נישט געווען קיין מלחמה. אין יענע תקופה האט ר' ברוך נישט געקענט פאהרן פון זיין היימשטאט אין גאליציע קיין אונגארן, צו ווייל בצל הקודש. נאר ביים ענדע פון די מלחמה, ווען מרן מהרי"ד זי"ע האט געוויילט אין מונקאטש, איז ר' ברוך געקומען צו פאהרן צו מרן זי"ע. ווען ער איז אריין אל הקודש פנימה, האט מרן זי"ע זיך זייער געפרייט מיטזיין קומען, און ער האט אפילו געקלאפט אויפ'ן טיש ארויסצווייזן זיין פרייד. ר' ברוך האט געהאט א סידור כל בו "ליקוטי צבי", און וויבאלד ער האט געוואוסט אז מרן זי"ע האט זייער ליעב דעם סידור האט



דער בלאט פון וועלכע מרן מהרי"ד זי"ע האט געזאגט די תפילה פאר מנחה פון יום כיפור (ביי די זייט זעהט מען דאס סטעמפל פון ר' ברוך בארד ז"ל)

ער דאס מיט געברענגט קיין מונקאטש און געגעבן פאר מרן זי"ע. יענעם יאהר פאר מנחה ערב יום כיפור, האט מרן זי"ע געזאגט פונעם סידור א ספעציעלע תפילה וואס ווערט געברענגט צו זאגן פאר מנחה, און נאך יום כיפור האט מרן זי"ע צוריק געגעבן דעם סידור פאר ר' ברוך און אים באדאנקט. שפעטער איז דער סידור אריבער צו זיין זוהן הרה"ח ר' חיים משה בארד ז"ל און היינט ליגט דאס ביי זיין זוהן הרה"ח ר' אברהם בארד שליט"א פון חשובי אנ"ש אין לאנדאן. יעדעס יאהר, ווען ר' אברהם שליט"א קומט קיין ארץ ישראל אויף די הייליגע טעג, ברענגט ער מיט, דעם סידור פאר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס דאווענט דערפון די תפילה פאר מנחה, אזויווי דער זיידע כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט געדאווענט דערין ווײלנדיג אין מונקאטש. *(ניצוצי אור)*

## פערל ווערטער יוהכ"פ

אמת טאקע, "**כי ביום הזה יכפר**", דער באשעפער זאגט אז ער וועט שוין זארגן אז די קדושת היום זאל פארגעבן די זינד, ווייל עיצומו של יום מכפר, אבער "**עליכם**" אויף אייך זעלבסט, "**לטהר אתכם מכל חטאתכם**" ליגט פארט א פליכט זיך מקדש און מטהר זיין. *('בית אברהם' -סלאנים)*

## אוועק גענומען דעם 'ראש'

**אתה הבדלת אנוש מראש, ותכירהו לעמוד לפניך... [תפילת נעילה].**

"רבש"ע!" האט דער סניגורן של ישראל, דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע זיך אמאהל אויסגע'טענה'ט מיטן כל יכול: "דו האסט פונעם מענטש דעם 'ראש' אוועק גענומען; די פיהלצאליגע פלאגענישן און טרדות הפרנסה, ביז זיין קאפ איז אים שוין נישט אויף די פלייצעס, איז ווי קענסטו דערנאך פארלאנגען פון אים 'ותכירהו לעמוד לפניך', אז ער זאל זיך שטעלן פאר דיר דאווענען מיט ישוב הדעת...?!"

## אהבת חנם אנשטאט שנאת חנם

**אתה נותן יד לפושעים... [תפילת נעילה]**

דער "אהבת ישראל" פון וויזשניץ זצ"ל איז געווען באוואוסט מיט זיין זעלטענער אהבת ישראל, ער האט יעדן אויפנעמען בסבר פנים יפות, א שומר תורה ומצוות און א פורק עול מיט'ן זעלבן שמייכל. "איך וועל ענדערש אפגעבן א דין וחשבון אויף יענער וועלט אויף 'אהבת חנם', ווי איידער אויף 'שנאת חנם'," פלעגט ער זאגן. איין טאג איז אריינגעקומען צו אים א איד, וועלכער איז נישט געווען באוואוסט אלס א שומר תורה ומצוות. דער רבי האט אים אויפגענומען הארציג און ווארעם, און אים אפילו געדרוקט די האנט מיט א פריינטליכן שלום עליכם. שטייט א חסיד און וואונדערט זיך און פרעגט: "וויאזוי געבט דער רבי די האנט פאר אזא פושע?" האט אים דער רבי געענטפערט: "די קושיא איז אויפ'ן הייליגן באשעפער, נישט אויף מיר. פון אים האב איך זיך געלערנט אזוי צו פיהרן: ביי דער תפילה פון 'נעילה' זאגן מיר דאך, '**אתה נותן יד לפושעים**'..."

## די מלאכים רעדן גוטס אויף אידן

**ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון: [תפילת יום כיפור]**

פארוואס דארפן די מלאכים ציטערן, האבן זיי



# מַיין יום כיפור אוֹצָר



## מַיין אוֹצָר... יום כיפור... כל נדרי... נעילה...

<<<<<

"יא!", און באלד דערנאך האט זיך מרן זי"ע געשטעלט דאווענען מנחה. (ס'איז מסתבר אז יענעם יאהר האט מרן זי"ע נישט אנגעיאגט צו קענען פיהרן א טיש און עסן פיש ערב יום כיפור, דעריבער האט מרן זי"ע געהאט אן ענין צו דערמאנענען וועגן פיש, און זיך כולל זיין מיט'ן מנהג ישראל צו עסן פיש ערב יום כיפור.)

### ◆ געהאלפן קראנקע ערב יום כיפור...

כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט דערציילט אז אמאהל ערב יום כיפור איז דער בעל "מעשה רוקח" אב"ד אמסטרדם, געקומען זייער שפעט אין בית המדרש. ס'איז געווען א גרויס וואונדער ביי יעדן, וואס האלט אויף דעם רב, אז ער איז נאכנישט דא? שפעטער האט מען זיך דערוואוסט אז ערב יום כיפור איז דער "מעשה רוקח" געגאנגען אין שפיטאל צו העלפן פיטערן און זיך אפגעבן מיט די קראנקע, טראכטנ'דיג אז אין דעם טאג איז יעדער פארנומען מיט די מצוות היום און מיט'ן זיך גרייטן צום הייליג'ן טאג, וועט נישט זיין ווער ס'זאל באדינען די קראנקע און זיי אונטערהאלטן און העלפן.

אזוי האט דער "מעשה רוקח" געהאלפן אסאך קראנקע דעם גאנצן טאג, און ווען ער איז אהיים געקומען שפעט נאכמיטאג, האט ער זיך אראפגעלייגט אפרוען פון גרויס מידיקייט און שוואכקייט, און דערנאך האט ער שנעל געגעסן די סעודת המפסקת. דעריבער האט ער געשפעטיגט, און געקומען אין בית המדרש, ערשט נאכ'ן גאנצן קהל.

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# ◆ יום הכיפורים ◆

### ◆ עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר ...

יעדעס יאהר, ביי די כל נדרי דרשה, פלעגט כ"ק מרן מהר"ש זי"ע דערמאנען: ס'שטייט אין די משנה (שבת לד.) "שלשה דברים צריך אדם לאמר ערב שבת עם חשיכה, עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר". און די זעלבע איז אויך ערב יום הכיפורים פארנאכט'ס דארף מען זאגן די דריי זאכן, ווייל יום הכיפורים ווערט גערופן "שבת שבתון". אצינד ווען די זון גייט שוין אונטער און ס'ווערט פינסטער אויף די וועלט, דארף יעדער מענטש זאגן די דריי זאכן: **"עשרתם"**, — נאך אביסל גייען שוין פארביי די עשרת ימי תשובה. **"ערבתם"**, — אויך ערב יום כיפור איז שוין פארביי געגאנגען און ס'איז שוין נישטא. **"הדליקו את הנר"**, — מ'האט שוין געצינדן די יום כיפור לעכט, און מיר האבן נאכנישט געטוען תשובה שלימה.

אזוי פלעגט מרן מהר"ש זי"ע זאגן כמעט יעדן ערב יום כיפור פאר 'כל נדרי', פאר'ן גאנצן קהל, מיט א שאגת הארי און שטארקע געוויין, ביז דער גאנצער עולם איז ערוועקט געווארן צו תשובה שלימה אזוי ווי מ'דארף... *(מועדי קדשיך עמ' תע"ח)*

### ◆ "אם עווניו ענו בנו",



אמאהל אין יום כיפור, איידער כ"ק מרן מהר"ש זי"ע איז צוגעגאנגען זאגן 'כל נדרי', האט ער זיך אויסגעדרייט און געבעהטן מ'זאל אים אויפזוכן און ברענגען דעם בראדער שניידער. מ'האט געזיכט און אים געטראפן זיצן אין א ווינקעל פון די שוהל צווישן די פשוט'ע מענטשן. ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער, האט אים מרן זי"ע געפרעגט דער טייטש פונעם פסוק (ירמי' יד:ז) "אם עוונינו ענו בנו", — וואס מ'זאגט ביי תחנון יעדן שני וחמישי? דער שניידער האט נישט פארשטאנען פארוואס מרן זי"ע פרעגט פונקט אים, אזא פשוטער מענטש? האט ער געענטפערט מיט א תמימות, "צו ווייסט דען נישט דער רבי טייטש פון די ווערטער? דער טייטש איז דאך אזוי פשוט: **'אם עוונינו'**, — כאטש מיר האבן געזינדיגט און אונזערע זינד איז פיהל, **'ענו בנו'**, — זענען מיר פארט דיינע קינדער. מרן זי"ע האט שטארק באוואונדערט דעם טייטש, און עטליכע מאהל איבערגע'חזר'ט: **"הייליגער באשעפער כאטש מיר האבן קעגן דיר געזינדיגט בשוגג ובמזיד, זענען מיר פארט דיינע קינדער"**. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס מרן זי"ע האט געפונען אינעם טייטש, פון א פשוטער שניידער אן עם הארץ, ממליץ טוב צו זיין אויף כלל ישראל, און מ'האט אויך נישט פארשטאנען פון וואו מרן זי"ע האט זיך דערוואוסט פונעם בראדער שניידער, און זיין 'איינפאכן' טייטש.

*(ספר 'יחיד בדורו' - עמ' שז)*

<<<<<

## ◆ פערל ווערטער זוהב"פ

דען עבירות? נאר דער באשעפער וויל אז די מלאכים זאלן רעדן גוטס אויף די אידן, און זיי ווייסן אז דאס איז דער ווילן פון באשעפער, דערפאר ציטערן זיי, אויב זיי וועלן נישט אויספיהרן זייער שליחות פון רעדן גוט'ס, ווי ס'דארף צו זיין. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### ◆ מין במינו אינו בטל

**שש ועירה דם הפר בדם השעיר לתוך המזרק שבו דם השעיר. [עבודת כהן גדול ביוהכ"פ]**

אין די ערשטע תקופה נאך די הסתלקות פון כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, איז כ"ק מרן מהר"א זי"ע, דער ממלא מקומו געווען זייער צעבראכן, און אמאהל איידער ער איז אריינגעקומען אין שוהל, האט ער זיך אויסגעדרוקט און געזאגט: ביים כהן גדול ביי די עבודה פון יוהכ"פ שטייט, **"שש ועירה דם הפר בדם השעיר"**, — וואס כאטש דער דם פונעם פר איז געווען אסאך מער ווי דער דם השעיר, ווערט דאס גערעכנט ווי ער האט געשפריצט פון ביידע, ווייל דאס ביסל בלוט פונעם שעיר ווערט נישט בטל. דער כהן גדול איז געווען פארזארגט פארוואס פון אלע יודן, האט מען אים אויסגעקליבן צו טוען די עבודה, כאטש ס'איז דא אזעלכע וואס זענען א גרעסערע מדריגה פון אים. אבער אזוי ווי פון די עבודת יוהכ"פ לערנען מיר אז "מין במינו לא בטל", (חולין צח:) האט ער זיך בארואהיגט, אז כאטש ס'איז דא גרעסערע און חשובער פון אים ווערט ער נישט בטל פאר זיי. דעריבער "שש וערה", — האט זיך דער כהן גדול געפרייט און זיך געטרייסט דערמיט. *(ספר "סימן טוב" - הרה"ג מקאפעוואר שליט"א)*

### ◆ 'מיר זאלן קענען לערנען...'

**אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה...**

מיר בעהטן ביים באשעפער, "אבינו מלכנו כתבנו" שרייב אונז אריין "בספר" אז מיר זאלן קענען לערנען תורה, אבער צו דעם האבן מיר אויך שטארק נויטיג "פרנסה וכלכלה", פרנסה מיט אלע געברויכן. ווייל אנדערש וועלן מיר נישט קענען לערנען קיין תורה. *(תפארת שלמה)*

### ◆ 'אבער דו ביזט דאך אין סוף...'

**אנו מלאי עון ואתה מלא רחמים'.**

אין יאהר יום כיפור ביינאכט, בשעת'ן זאגן דעם פיוט **'אנו מלאי עון ואתה מלא רחמים'**, האט דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע אויסגעשריגן מיט א התלהבות: "**'אנו מלאי עון'**,



# מַיין יום כיפור אוֹצָר





<<<<<

## ♦ געבעהטן ער זאל מער נישט זינדיג'ן

כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע האט דערציילט: איין יאהר ווען דער 'רבי' פון לובלין זי"ע האט געהאלטן די ספר תורה אין זיין האנט פאר "כל נדרי", האט ער מיט א צעבראכן הארץ געזאגט: "רבונו של עולם איך וויל תשובה טוען, אבער איך קען דיר נישט צוזאגן אז איך וועל מער נישט זינדיגן, דעריבער בעהט איך פון דיר, העלף מיר אז איך זאל מער נישט זינדיג'ן". האט מרן מהר"י זי"ע ערקלעהרט די כוונה פון די הייליגע רייד. ווייל דער רבי פון לובלין צוליעב זיין גרויס יראת חטא האט מורא געהאט צוצוזאגן אז ער וועט נישט זינדיגן, און נאך דערצו ווען ער האלט א ספר תורה אין זיין האנט, וואס דעמאלט וואלט דאס געווען ווי א 'שבועה בנקיטת חפץ', וואס איז זייער א הארבע זאך, און אויב זאל ער חלילה זינדיגן, דעמאלט, אויסער די עבירה זעלבסט, וואלט ער געווען עובר געווען אויך זיין שבועה. דעריבער האט ער מתפלל געווען צום און געבעהטן פון באשעפער ער זאל מער נישט זינדיג'ן.

## ♦ אמת'ע תשובה פון טיעפן הארץ

**והתודו את חטאתם [תפילת יום הכיפורים]**

אין ספר "ויגד יעקב" (מאמר "קדושת היום" ליוהכ"פ אות יח) שטייט א שיינעם משל וואס כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט געזאגט, וויאזוי די וידוי פון יום כיפור דארף אויסזעהן. און מרן זי"ע האט דאס ערקלעהרט אזוי: א דארפסמאן איז אמאהל געקומען אין א שטאט. און מיט וואונדער זיך אומגעקוקט אויף אלע שטאטישע מנהגים וואס זענען פאר אים פרעמד געווען. און אזוי דרייען זיך אין די גאסן זעהט ער ווי א מענטש גייט ארום, און קלאפט אויף א גרויסן פויק וואס ער האלט אין זיין האנט. וואונדערט זיך דער דארפסמאן, און פרעגט פון די מענטשן פארוואס און וואס דאס איז? ענטפערן זיי אים: ס'האט אויסגעבראכן א גרויסער פייער אין שטאט, און ס'איז א סכנה די שטאט זאל נישט פארברענט ווערן, קלאפט דער מענטש מיט'ן פויק און לאזט וויסן פאר אלע שטאט'ס לייט אז ס'ברענט אין שטאט. נאך א קורצע צייט זעהט דער דארפסמאן אז דאס פייער איז שוין פארלאשן, איז דאס אים זייער געפעלן נאכ'ן זיך אומקערן צוריק אהיים צו זיין דארף, און גייענ'דיג אין גאס זעהט ער ווי ס'פלאקערט א פייער, און פארברענט אלעס ארום, איז ער שנעל אהיים געלאפן, גענומען א פויק, און געלאפן צום פייער און גענומען קלאפן אויפ'ן פויק נאכאמאהל און נאכאמאהל, ווענדיג פארלעשן דאס פייער, אבער צו זיין גרויסער בראך האט דאס פייער זיך נישט דערשראקן פון זיין נאכאנאנדיגע קלאפעריי, ביז דער גאנצער דארף איז פארוואנדלט געווארן אין איין פלאם פייער. פארביטערט פאהרט דער דארפסמאן צוריק אין שטאט, און פוהל מיט צארן שרייט ער אויף די שטאטסלייט וואס האבן אים אזוי פארפיהרט און פארנארט. הערנדיג זיינע רייד, לאכן זיי און זאגן אים: שוטה און טיפוש וואס דו ביזט, וואס האסטו געמיינט אז דער פויק לעשט דאס פייער? דאס קלאפן אויף די פויק איז א סימן פאר די שטאטסלייט אז זיי זאלן שנעל לויפן און גיסן וואסער צו פארלעשן דאס פייער. 'ווייל מיט בלויז קלאפן קען מען קיין פייער נישט לעשן'... "

די זעלבע זאך איז דא האט מרן זי"ע ערקלעהרט



דעם נמשל: ווען מיר זענען זיך מתוודה אויף אונזערע זינד, דארף מען וויסן אז די מטרה פון קלאפן אויפ'ן הארץ ווען מ'זאגט ווידוי איז צו ערוועקן דאס הארץ פונעם מענטש, אז ס'זאל זיך גיסן טייכן טרערן פון זיינע אויגן, און ער זאל חרטה האבן אויף זיינע זינד. און ווער ס'זאגט די ווידוי און קלאפט אויפ'ן הארץ, אבער דאס הארץ איז נישט דארט, און ער טוהט נישט באמת תשובה אויף זיינע זינד איז ער גלייך ווי יענער דארפסמאן וואס קלאפט און קלאפט אויפ'ן פויק, אבער דאס קלאפן העלפט גארנישט.

## ♦ פארוואס האט מען געדארפט היטן אויפ'ן כהן גדול אז ער זאל נישט עסן צופיהל?

איין יאהר ווען כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע איז אריינגעקומען יום הקדוש ביינאכט צום דאווענען, האט ער פארגעסן צו זאגן 'על דעת המקום', און גלייך נאכ'ן 'דרשה' האט ער אנגעהויבן צו זאגן 'כל נדרי', אבער די גבאים האבן זיך נישט דערוואגט אים דאס צו דערמאנען. אביסל שפעטער ווען מרן זי"ע האט זיך דערמאנט, האט ער זיך געבייזערט און געשריגן: "נו, נו", און ער האט אנגעהויבן און געזאגט 'על דעת המקום', און דערנאך האט ער נאכאמאהל געזאגט 'כל נדרי' דריי מאהל. נאכ'ן דאווענען, ווען מרן זי"ע איז אהיים געגאנגען, האט ער געזאגט אז ס'שטייט אין די משנה (יומא א:ד) , אז ערב יום כיפור פארנאכט האט מען געהיטן אויפ'ן כהן גדול און מ'האט אים נישט געלאזט עסן קיין סאך מאכלים, ווייל דאס קען צוברענגען אז ער זאל איינשלאפן, און דער כהן גדול האט געדארפט זיין אויף א גאנצע נאכט. דארף מען פארשטיין, דער כהן גדול איז דאך געווען דער הייליגסטע איד פון כלל ישראל, און מ'שטייט דא ערב יום כיפור פארנאכט, איין טאג פאר ער גייט אריין גיין אין 'קודש הקדשים', פארוואס האט מען געדארפט היטן אויפ'ן כהן גדול אז ער זאל נישט עסן צופיהל? נאר דער תירוץ איז, אז אין אזא הויכע צייט איז דער כהן גדול געווען אינגאנצן אויסגעטוהן פון די וועלט, און אויב ער וואלט אנגעהויבן צו עסן וואלט ער געקענט אויפעסן אויך א גאנצע 'אקס' מיט די 'פאטקיוועס' [די פוס] אהן צו באמערקן בכלל וואס ער טוהט, דערפאר האט מען אים געדארפט היטן". און מרן זי"ע האט אויסגעפירט: "מעך דארף מען דערמאנען...".

> **♦ פערל ווערטער יוהכ"פ**
>
> מיר זענען פוהל מיט זינד, און ווי גרויס איז דען לוי יצחק אינגאנצן, וואס ער איז פוהל מיט זינד? אבער 'ואתה מלא רחמים', דו ביסט דאך 'אין סוף', קומט דאך אויס אז אויך דיין רחמים האט נישט קיין סוף און נישט קיין גבול!".

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# ♦ תהלים חצות לילה ♦

## ♦ מנהג ותיקין צו זאגן גאנץ ספר תהלים יום כיפור ביינאכט.

דער של"ה הק' (מסכת יומא פרק נר מצוה אות כח) שרייבט: "דער מנהג אין אסאך גלילות ביי אידן, צו זאגן גאנץ ספר תהלים יום כיפור ביינאכט. און ס'איז א מנהג ותיקין. ווייל ס'איז נישטא גרעסער'ס פונעם ספר תהלים וואס אין זיך אלעס, ס'האט אסאך שבחים אויפ'ן באשעפער, ס'איז מעורר צו תשובה,

<<<<<



# מַיין יום כיפור אוֹצָר



מַיין אוֹצָר... יום כיפור... כל נדרי... נעילה... המבדיל טיש

<<<<<

און אסאך פון די מזמורים זענען בקשות פאר סליחה ומחילה".

אין בעלזא האט די 'חזקה' פון זאגן תהלים יום כיפור ביינאכט נאך חצות, געהאט החסיד ר' הירש מיכל פניא'ס (דער טאטע פון הרה"ח ר' משה אלעזר לעמבערגער ע"ה), וואס האט געהאט די חזקה בירושה פון זיין טאטע און זיידע. היינט האט די 'חזקה' דער דומ"ץ הגאון רבי אלי' שמואל ווינד שליט"א. אגב דער משב"ק הרה"ח רבי יצחק לאנדא ז"ל, האט דערציילט אז איין יאהר איז מרן זי"ע געגאנגען זיך אפרוהען יום כיפור ביינאכט פאר חצות און געהייסן מ'זאל אים וועקן ביי חצות.

### ◆ 'יהי רצון' נאר נאכ'ן זאגן גאנץ תהלים

אויך דערציילט הרה"ח רבי יצחק לאנדא ז"ל, אז איין יאהר האט מרן מהר"א זי"ע אריינגעהערט אין זיין צימער ווי דער ציבור המתפללים זאגן תהלים יום כיפור אינדערפרי, און אז זיי זאגן 'יהי רצון און שלשה עשרה מידות נאך יעדער ספר תהלים. איז מרן זי"ע געווארן אויפגעציטערט, און געזאגט: "אוי, אוי, זיי מוחל גיי זאג זיי אז זיי זאלן נישט זאגן דעם יהי רצונ נאר נאכ'ן ענדיגן גאנץ ספר תהלים".

### ◆ די דיינע און הייליגע לופט פון יום כיפור

אין יאהר יום כיפור, האבן די גבאים באמערקט אז מרן זי"ע דרייט זיך ארום אין זיין צימער און שעפט אריין אין זיך לופט איינמאהל און נאכאמאהל. ס'האט זיי מיט זארג געוואונדערט, "אפשר שפירט זיך מרן זי"ע נישט גוט, אפשר איז אים שווער צו אטעמען און ער שטרענגט זיך אהן צו כאפן לופט?" ווען מרן זי"ע האט באמערקט זייער וואונדער, האט ער זיי געזאגט: "היינט איז דאך יום כיפור, דער הייליגסטער טאג אין יאהר, און די ווערטער פון חז"ל זענען דאך באקאנט: אז די הייליגקייט פון טאג אליין איז מסוגל פאר א כפרה און פאר טהרה. קומט אויס אז אין דעם הייליגן טאג איז די לופט מער ריין ווי א גאנץ יאהר. נו, אזעלכע הייליגע לופט, וואס מ'טרעפט נישט א גאנץ יאהר, וויל איך אריין אטעמען"...

### ◆ די עבודה יום כיפור האט אים אויפגעלעבט...

דער טארנאפאלער רב זצ"ל האט דערציילט ווי אזוי ער איז נתקרב געווארן און געווארן א בעלזער חסיד: זיין שווער, פון די חשוב'ע בעלזער חסידים, און א רב אין א שטאט, האט אים געשיקט אויף ראש השנה קיין בעלזא און אים אנגעזאגט, אז באלד נאך ראש השנה זאל ער צוריק אהיימקומען, ווייל ער פלעגט ארויס העלפן זיין שווער מיט פארשידענע רבנ'ישע אנגעלעגנהייטן און ער האט געענטפערט אויף שאלות פאר די פולע מענטשן אין אזעלכע הייליגע טעג. נאך עטליכע יאהר פאהרן קיין בעלזא אויף ראש השנה, האט אים שוין געגלוסט צו בלייבן אויך ביז נאך יום כיפור. ער האט אבער געלעבט אין א שרעקליכע ארימקייט, און כמעט וואס ער האט נישט געגעסן, וואס דאס האט אים שטארק אפגעשוואכט. יום כיפור אינמיטן דאווענען, האט ער זיך אנגעהויבן שלעכט צו שפיהרן און ער איז געווארן פארחלש'ט. ווען מ'האט אים דערמינטערט, האט ער זיך געטראפן אינדרויסן פון די הייליגע שוהל, און ארום אים שטייען די דיינים און פסק'נן ווי אזוי אים צו געבן צו עסן. פלוצלינג האט ער געהערט די שטימע פון מרן מהר"י




זי"ע, וואס האט געהאלטן אינמיטן דעם סדר העבודה, וואס האט זיך ארויס געהערט פון די שוהל ווי א לייבן-געשריי... פון גרויס זיסקייט הערנ'דיג דעם רב'ס שטימע, האט דער טארנאפאלער רב געשפיהרט ווי ער באקומט א פרישע לעבן. ער האט זיך אויפגעשטעלט און צוריק אריין אין שוהל צווישן די מתפללים, און איז דארט געבליבן זיצן ביז ביינאכט, נישט פיהלנ'דיג מער קיין הונגער אדער שוואכקייט, ווי גליך דער רב וואלט אין אים אריינגעלייגט א נייע נשמה.

### ◆ דער עבודה פון יום כיפור

ווען כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע זי"ע איז געווען אין די שטאט ראצפערט, בשעת דער ערשטע וועלט'ס מלחמה, האט ער זיך אויפגעהאלטן א לענגערע צייט, איידער ער האט אנגעהויבן צו זאגן דער 'סדר העבודה' ביי מוסף פון יום כיפור. שפעטער האט מרן זי"ע ערקלערט אזוי: "אין בעלזא, איידער איך האב אנגעהויבן צו דאווענען מוסף, האב איך זיך פארגעשטעלט פאר מיינע אויגן דער גאנצער בית המקדש און וויאזוי דער כהן גדול טוהט דער עבודה, און אזוי האב איך אויך געקענט זאגן דער עבודה; אבער דא האב איך דאס קודם נישט געקענט זעהן, און נאר נאך א שטיקל צייט ווען איך האב דאס שוין געזעהן, האב איך געקענט אנגעהויבן צו דאווענען".

## מאוצרות הצדיקים

# ◆ יום הכיפורים ◆

### ◆ פארוואס זאגט מען "כל נדרי" יום הכיפורים

די גמרא (נדרים כג:) זאגט: אז דער וואס וויל אז זיינע נדרים פון דורכ'ן גאנצן יאהר זאל נישט שטיין, זאל זאגן אין ראש השנה: יעדע נדר וועלכע איך וועל מנדר זיין אין די צוקונפט, זאל שוין פון יעצט זיין בטל, און דאס איז א "מסירת מודעה", מ'לאזט באקאנט מאכן אויף די נדרים וועלכע וועלן זיין אין די צוקונפט, און ס'ניצט צו מבטל זיין יעדע נדר, וואס ווען בשעת ער מאכט דעם נדר פארגעסט ער פון די "מודעה" וועלכער ער האט שוין פון פאראויס איבערגעגעבן, און דער טעם דערצו, פארוואס ס'איז אזוי, ווייל מיר רעכענען זיך דערמיט, אז אויב דער מענטש וואס מאכט דעם נדר וואלט בשעת מעשה געדענקט, אז ער האט שוין אין אמת'ן פון פאראויס געלאזט וויסן אז ער וויל נישט נעמען אויף זיך גאר קיין נדרים, וואלט ער באלד אויפ'ן פלאץ חרטה געהאט, און זיך אפגעשייד פון צו זאגן דעם נדר, און דערפאר הייסט דער גאנצער נדר, אזוי ווי א טעות.

*(אוצר המועדים)*

כאמש די גמרא זאגט אז מ'זאל אנהייב יאהר מתיר נדר זיין, פונדעסטוועגן זענען מיר הערשט מתיר נדר אין יום הכיפורים, דער טעם דערפון איז ווייל יום הכיפורים ווערט אויך אנגערופן ראש השנה. נאך קען מען זאגן אז ווייל יום הכיפורים איז דא מער מענטשן אין שוהל ווייל אין יום כיפור טאהר מען נישט טוען קיין שום ארבעט אפילו נישט אנצוגרייטן קיין עסן, דערפאר דעמאלט איז די ריכטיגע צייט אז דער חזן זאל מוסר מודעה זיין אויף גאנץ קהל פון דעם יום הכיפורים ביז צום קומענדיגן יום הכיפורים אז אלע נדרים זאלן בטל ווערן. *(תוס' נדרים כ"ג:)*

### ◆ פארוואס מ'זאגט דריי מאהל כל נדרי

דער סדר פון זאגן "כל נדרי" איז אזוי: דער שליח ציבור הייבט אהן צו זאגן דאס ערשטע מאהל "כל נדרי" מיט א נידריגע שטימע און דער קהל זאגט מיט אויך מיט א נידריגע שטימע, דאס צווייטע מאהל אביסל העכער, דאס דריטע מאהל גאנץ הויך. דער טעם דערפון איז ווייל דעמאלט וועט זיך דאס דערהערן מיט א פארכט און שרעק, אויך ווייל

<<<<<

>>>>>

שטענדיג איז דאס דער לשון פון די חכמים אז מ'זאגט יעדער זאך איבער דריי מאהל.

נאך א טעם ווייל התרת נדרים איז אנקעגן דעם וואס ווען דער חכם איז מתיר דעם נדר זאגט ער דריי מאהל "מותר לך", אויך דערפאר שטייען דריי מענטשן ווען מען זאגט "כל נדרי" פאר'ן עמוד, דער שליח ציבור, און צוויי חשובע מענטשן, ווייל ס'זאל אויסזעהן ווי התרת נדרים וואס מ'דארף האבן דריי מענטשן. *(מהרי"ל)*

### • פארוואס זאגט מען כל נדרי אויף ארמיש'ן שפראך

דער טעם פארוואס מ'זאגט "כל נדרי" אויף די אראמישן לשון, איז ווייל דאס האט מען מתקן געווען אין בבל, וואס דארט האט מען גערעדט אויף ארמיש, כדי יעדער זאל פארשטיין וואס מ'זאגט. *(הג"ה במהרא"ק)*

### • א געוואלדיגער "כל נדרי"

ערב יום כיפור פארנאכט, דאס בית המדרש פון הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע איז פוהל מיט מתפללים. די זון האלט שוין ביים אונטערגיין, אבער דער רבי איז נאך נישטא אין בית המדרש. שפעטער נאך "כל נדרי" איז דער רבי אנגעקומען און זיך פארענטפערט, אז קומענדיג אהער אין בית המדרש האט ער געהערט פון א שטוב ווי א קינד וויינט, און אריין קומענדיג דארט, זעהט ער ווי א קליין קינד ליגט אין א וויגעלע, וויינט יאמערליך אוועק, און קיינער געפונט זיך נישט אין שטוב. די מאמע איז געגאנגען צו "כל נדרי", און דאס קינד האט זי איבער געלאזט אליין. האט רבי משה לייב באשלאסן אליין צו בארוהיגן דאס קינד. און נאר נאך דעם וואס די מאמע איז אהיים געקומען פון "כל נדרי", האט ער געקענט גיין אין בית המדרש. יענער "כל נדרי" האט אויפגעשטורמט אין הימל א גרויסע רעש, און אלע אידן זענען געבענטשט געווארן מיט א זיס און גוט יאהר.

### • דער 'אימת הדין' פונעם הייליג'ן בעל שם טוב זי"ע

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט אמאהל דערציילט: איין יאהר ערב יום כיפור, ווען דער הייליגער ר' בער זי"ע איז געפאהרן צום בעל שם טוב הקדוש זי"ע, האט ער באמערקט ווי דער טלית פון זיין רבי, דער בעל שם טוב, גייט כמעט אראפאלן, איז ער צוגעגאנגען כדי דאס אויפצוהייבן. ווען ער איז געקומען נאנט, האט ער באמערקט ווי דער בעל שם טוב ציטערט פון גרויס פחד און שרעק, אזוי גרויס איז געווען זיין פחד אז אפילו דער טיש נעבן אים האט געציטערט. האט דער רבי ר' בער זי"ע געזאגט: "ביז דעמאלט האב איך נישט געוואוסט ווי שטארק מיין רבי ציטערט פונעם אימת הדין".

### • יום כיפור איז מכפר אויך אויף די עבירות וואס ס'העלפט נישט קיין תשובה!

דער הייליגער "מאור עינים", הרה"ק רבי נחום מטשערנאביל זי"ע ערקלעהרט די שיטה פון רבי אז יום כיפור איז מכפר אפילו פאר די וואס טוען נישט תשובה (יומא פה.). לכאורה וויאזוי קען דאס זיין אז מ'זאל האבן א כפרה אהן תשובה צו טוען? נאר די כוונה פון רבי איז, אז יום כיפור צוזאמען מיט תשובה איז מכפר אפילו



אויף אזעלכע עבירות וואס ס'העלפט נישט אויף דעם קיין תשובה א גאנצע יאהר. האט געזאגט אויף דעם זיין זוהן הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע, אז ווען זיין טאטע האט געזאגט די הייליגע ווערטער, האט מען גלייך אויסגערופן אויבן אין הימל: "הלכה כרבי נחום, הלכה כרבי נחום".

### • ויאמר ה' סלחתי כדבריך...

אמאהל יום כיפור נאך כל נדרי, האט דער הייליגער בארדיטשובער רב, דער "קדושת לוי" זי"ע, א קלאפ געטוען אין טיש, דער עולם איז שטיל געווארן, און ער רופט אויס :רבותי! די חז"ל זאגן אונז, "כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם"—זאג איך אייך טאקע, בשם אומרו, **"ויאמר ה' סלחתי כדבריך!"**

### • גלייבן אז דער באשעפער איז מוחל אונזערע עבירות

ביים טיש פון הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע איז אמאהל געזיצן א גרויסע בעל עבירה, און ער האט זיך שטארק צוקרעכצט אויף זיין נידריגע מצב אין אידישקייט, און ער האט געטראכט ביי זיך, אז די תשובה פון אזא גרויסער חוטא און פושע אזויווי ער איז, ווערט זיכער נישט אנגענומען אויבן אין הימל. פלוצלינג הערט ער ווי דער טשערנאביל'ער צדיק רופט זין אהן: "ווער ס'גלייבט נישט אז ווען א איד קרעכצט און טוהט תשובה נעמט אים דער באשעפער אהן, איז א ריכטיגע אפיקורס". *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - דברי כיבושין לפני 'כל נדרי' תשנ"ד)*

### • "א צענטער צו כל נדרי" אין חברון

כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא ב"פ זצ"ל האט דערציילט: הרה"ק דער טאטע זצוק"ל איז געווען געוואוינט צו פאהרן קיין חברון מדי שנה בשנה אין די טעג פון חודש אלול, צו מתפלל זיין פאר די ימים הנוראים. ער איז געפאהרן מיט א חבורה פון עטליכע אידן. איך פלעג אויך מיטפאהרן מיט זיי. צווישן די מיטרייזנדע איז געווען הרה"ח ר' יצחק אייזיק אייזן ז"ל וואס ער איז געווען גוט באקאנט אין די געסלעך פון די שטאט חברון, ער האט אונז געוויזן דעם בית מדרש וואס ווערט אנגערופן בית מדרשו של אברהם אבינו. ביי איינע פון די נסיעות האט הרה"ח ר' יצחק אייזיק ז"ל דערציילט א מעשה וואס איז געווען אין חברון אין פריער'דיגע יאהרן. אמאהל ערב יום כיפור ווען מ'איז געגאנגען זאגן כל נדרי, איז נישט געווען אין בית מדרש נאר ניין אידן. ס'איז נישט געווען קיין צענטער צו משלים זיין צו מנין. די מתפללים זענען געווען זייער באזארגט אויב מ'וועט קענען דאווענען מיט מנין אינעם הייליגן טאג. זיי זענען ארויסגעגאנגען ברחובות העיר צו זעהן אפשר וועלן זיי קענען טרעפן א צענטער משלים צו זיין צו מנין. האבן זיי דעמאלט אנגעטראפן אן עלטערער איד וואס גייט אין וועג. זיי האבן אים געפרעגט צי ער קען קומען משלים זיין דעם מנין. האט דער זקן זיי געפרעגט



צי מיט מיר האט עטץ מנין. האבן זיי געענטפערט אז יא. האט ער געענטפערט, אויב אזוי קום איך, און איך וועל דאווענען מיט אייך. דער זקן האט דארט געדאווענט אלע תפילות. די אידן זענען געווען בשמחה אז זיי האבן געטראפן א צענטער צו קענען דאווענען די תפילות פון יוכ"פ מיט א מנין. קיינער פון די מתפללי בית הכנסת האבן

<<<<<



# מײַן יום כיפור אוצר



מײַן אוצר... יום כיפור... כל נדרי... נעילה... המבדיל טיש...

נישט געוואוסט ווער איז דער דאזיגער אורח, זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז ער איז עפעס א גאסט וואס איז דא צופעליג אנגעקומען. דער חזן בית הכנסת, וואס איז געווען אן איש חסיד, האט מוצאי יום הכיפורים געוואלט פארבעהטן דעם זקן ער זאל קומען איבערבייסן ביי אים אין שטוב. אבער באלד ווי מ'האט געענדיגט דאווענען מעריב איז דער זקן נעלם געווארן. מ'האט אים נישט געקענט געפינען. מ'האט אים גאר שטארק געזוכט און נישט געטראפן, און די אלע אידן פון ביהמ"ד זענען געווען אין גרויס צער אז מ'קען נישט דעם איד מכבד זיין. יענע נאכט איז דער זקן געקומען אין חלום צו חזן און אים געזאגט, אז ער איז געווען אברהם אבינו ע"ה. ער איז געקומען משלים זיין דעם מנין, ווייל ער האט געזעהן זייער גרויסע צער פון נישט וועלן דאווענען ביחידות. די אידן האבן זיך גאר שטארק געפרייט דאס צו הערן. *(המעשה מובא בקיצור נמרץ בספר 'תפארת שלמה' פ' לך לך)*

## מאוצרות הצדיקים

## תפילת נעילה

### משה רבינו האט מתקן געווען די תפלת נעילה

דער 'חתם סופר' ברענגט פון זיין רבי'ן הגאון הפלאה זצ"ל אז די פונף הונדערט פופצן תפילות וואס משה רבינו האט מתפלל געווען אז ער זאל קענען אריין גיין קיין ארץ ישראל, האט ער יעדן טאג בשעת ווען ער האט געדאווענט שחרית מנחה מעריב דערמאנט זיין בקשה, אז ער זאל זוכה זיין אריין צו גיין קיין ארץ ישראל. מאכט דער חתם סופר א חשבון אז משה רבינו האט אנגעהויבן מתפלל צו זיין נאכדעם וואס עס איז אויף אים נגזר געווארן אז ער וועט נישט קענען אריין גיין קיין ארץ ישראל וואס איז געווען נאך די זיבן טעג פון אבילות פון מרים הנביאה וואס איז געווען ט"ז ניסן, און באלד בשעת מעריב האט ער אנגעהויבן מתפלל זיין דערויף, און די תפילות האבן זיך געענדיגט יום כיפור בשעת מנחה, דערפאר האט משה רבינו מתקן געווען די תפלת נעילה פון יום כיפור וועלכער איז געווען דאס פונף הונדערט פופצנטער תפילה, דערפאר האט משה רבינו געזאגט דאס לשון (ואתחנן אל ה' בעת ההוא" דייקא אין די צייט פון נעילה, ווייל די גמרא (ראש השנה יז:) זאגט: אז פאר א יחיד נאך יום כיפור ענטפערט מען נישט מער פון הימל, אבער דער באשעפער האט אים געזאגט "רב לך" אז די משה רבינו וואס דער רבים דארף אנקומען צו דיר, האסטו א דין ווי א רבים אז די קענסט אויך מתפלל אפילו נאך יום כיפור, נאר איך בעהט דיך



זאגט דער באשעפער אז "אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה", מער בעהט נישט דאס. *(דרשות החתם סופר דף של"ד)*

### דער שטן האט נישט קיין רשות מקטרג צו זיין

די גמרא (יומא כ.) זאגט: "שטן ביומא דכיפורי לית ליה רשותא לאסטוני",—דער שטן האט נישט קיין רשות צו מקטרג זיין אויף אידן יום כיפור. דער טעם דערפון האט געזאגט דער הייליגער אמורא רמי בר חמא, ווייל א יאהר (שנת החמה) האט 365 טעג, דאס ווארט 'השטן' באטרעפט נאר 364, ווייל איין טאג אין יאהר, דאס איז יום כיפור, האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג צו זיין אויף אידן.

### פארוואס רופט מען די תפלה "נעילה"

די תפילה ווערט אנגערופן "נעילה" וועגן די צייט וואס מ'דארף צו דאווענען די תפלה. דער 'בית יוסף' ברענגט א מחלוקת פון ירושלמי צווישן רב און רבי יוחנן. רב זאגט אז "נעילה" מיינט מ'פארשפארט דעמאלט די טויערן פון הימל, דערפאר לויט די שיטה מעג מען ענדיגן דאווענען תפלת נעילה אפילו ביינאכט אויך. רבי יוחנן זאגט אז "נעילה" מיינט מ'פארשפארט צו די טויערן פונעם היכל, וואס די צייט דערפון איז געווען נאכדעם וואס מ'האט אנגעצינדן די מנורה נאכמיטאג, און לויט די שיטה מוז מען ענדיגן "נעילה" ווען ס'איז נאך טאג. *(שו"ע או"ח סי' תרכ"ג ובמג"א שם)*

### די צדיקים אליין מיט'ן באשעפער

פון הרה"ק רבי ר' צבי הירש הכהן מרימנוב זצ"ל שטייט א טעם ווייל דעמאלט איז די צייט וואס די צדיקים פונעם דור, שפארן זיך איין צוזאמען מיט'ן באשעפער אליין אין א באזונדערן היכל, וואס מ'גיט נישט קיין שום רעכט פאר קיינעם פון די מקטריגים דארט אריין-צו-גיין. *(בארת המים)*

### עפענען דאס הארץ צו תשובה

ס'איז זייער גלייך אז דער לעבעדיגער מענטש זאל יעצט אין די מינוטין ווען ס'שפארן זיך צו די טויערן פון הימל, גוט אריין טראכטן אין זיין הארץ אז דאס זאל זיך יעצט עפענען צו תשובה, ווייל אויב ס'וועט זיך יעצט נישט עפענען, ווען דעמאלט וועט זיך דאס הארץ יא עפענען צו תשובה? דערפאר דארף דער מענטש שטארק צוטערן מיט א צוטער און מורא און שרעק מכוון זיין ביי די תפלת "נעילה" מער פון אלע אנדערע תפלות פון א גאנץ יאהר וואס דאס וועט גורם זיין אז דער באשעפער וועט פארמאכן די טיהר אז די מקטריגים זאלן גארנישט קענען מקטרג זיין אויף דעם כלל ישראל, אזוי ווי ס'שטייט אין די הייליגע ספרים אז דאס ווארט "נעילה" זענען די אותיות פון נע"ל - י"ה, דער באשעפער מאכט א שלאס און פארשטאפט פאר די מקטריגים אז זיי זאלן נישט קענען מקטרג זיין אויפ'ן כלל ישראל. *(באר משה)*

### מעורר רחמים איידער מ'שפארט צו די טויערן אין הימל

ס'שטייט אין ספר סדר היום אז די תפלה פון "נעילה" איז א תפלה וואס מ'איז מוסיף אין דעם הייליגן טאג כדי מ'זאל מעורר רחמים זיין ווען מ'שפארט די טויערן אין הימל אז אונזערע אלע תפלות פון די הייליגע טעג זאל מען מקבל זיין לרחמים ולרצון מיט א ליעבשאפט און מ'זאל אונז מוחל זיין אונזערע עבירות. *(סדר היום - ספר אוצר המועדים)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## תפילת נעילה

### אריינברענגען א גוי אין שוהל אינמיטן נעילה

אין בעלזא איז געווען דער מנהג, אז א גוי פלעגט אריינקומען אין שוהל יום כיפור פאר 'נעילה' און אנצינדן די לעכט. ווייל די לעכט וואס מ'האט אנגעצינדן ערב יום כיפור האבן זיך שוין געהאט פארלאשן במשך'ן טאג, און בשעת נעילה איז דאך שוין געווארן טונקל אינדרויסן. איינמאהל האט די רעביצין מלכה ע"ה געפרעגט פון מרן מהר"ש זי"ע,



# מַיין יום כיפור אוֹצָר



מַיין אוֹצָר... יום כיפור... כל נדרי... נעילה... המבדיל טיש...

פארוואס זאל מען נישט צוגרייטן אין שוהל גרויסע לעכט וואס וועלן ברענען א גאנצע טאג, פון ערב יום כיפור ביז מוצאי יום כיפור, און אזוי וועט מען נישט דארפן אריינברענגען א גוי אין שוהל אין אזא הייליגע צייט?! האט מרן זי"ע איר געענטפערט: "אדרבה, איך וויל אז א גוי זאל אריינקומען אין שוהל אין אזא הייליגע צייט, און ער וועט זעהן וויאזוי אידישע קינדער שטייען און פאסטן, און זיי גיסן זיך אויס דאס הארץ פאר'ן הייליג'ן באשעפער, און דעמאלט וועט ער אויך מלמד-זכות זיין אויף די אידן און זאגן: רבונו של עולם! מי כעמך ישראל! - צו דען קענען מיר מוותר זיין אויף אזא לימוד-זכות?!"

### • נישט לאנג דאווענען אפילו א האלבע מינוט נאכ'ן זמן

מ'דערציילט אז הגה"צ רבי אברהם יעקב רוקח זצ"ל, דער הוביניבער רב, האט אמאהל לאנג געדאווענט תפילת נעילה ביים עמוד אין זיין שטאט, און ער האט געענדיגט דאס דאווענען שפעטער ווי ס'איז אנגענומען. ווען מרן מהרי"ד זי"ע האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ווען רבי אברהם יעקב איז געקומען חול המועד סוכות להסתופף בצל הקודש, הא אים מרן זי"ע געזאגט: "הוביניבער רב, איר זאלט וויסן, אז מוצאי יום כיפור, נאך וואס אידישע קינדער האבן געפאסטעט א גאנצן טאג און געשטאנען און געדאווענט, דארף מען נישט מאריך זיין בתפילה אפילו נישט א האלבע מינוט נאכ'ן זמן. *(מועדי קדשיך עמוד תקפ"ב)*

### • ברכנו בברכה המשולשת בתורה ה'חתימה'.

הרה"ק רבי דוד'ל דינובער זי"ע האט דערציילט: "אמאהל איז געווען א דארפסמאן וואס האט זיך געהאלטן פאר א גרויסע 'תלמוד חכם', ער פלעגט שטענדיג 'לערנען' דעם סידור, אז ווען ער וועט זיין אין שטאט און דער חזן וועט מאכן א טעות, וועט ער באלד אריינשרייען און 'פארעכטן' דעם חזן, וועלן דעמאלט אלע 'וויסן' אז ער איז א תלמוד חכם. גאנץ ראש השנה האט ער געווארט אויף א טעות, וואס איז נישט אנגעקומען, אזוי אויך גאנץ יום כיפור האט ער שוין געווארט ווען וועט דער חזן ענדליך מאכן א טעות. און אט ווען ס'איז געקומען צו 'נעילה' האט ער געטראכט: יעצט ווען מען פארענדערט דעם נוסח פון 'כתיבה' צו 'חתימה', וועט דער חזן זיכער מאכן א טעות. אינמיטן נעילה ביי 'ברכת כהנים' הערט ער ווי דער חזן זאגט 'ברכנו בברכה המשולשת בתורה הכתובה, און אט שרייט דער דארפסמאן אריין הויעך אז אלע זאלן הערן: "**החתימה**"... דער גאנצע עולם האט זיך צולאכט פונעם גרויסן עם-הארצות, און פארשטייט זיך אז אלע האבן באלד איינגעזעהן וואס פאר א תלמוד חכם ער איז...

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# • די הייליגע שטריי •

### • די סגולה פון די יום כיפור שטריי

ווי באקאנט זענען רבוה"ק געשטאנען יום



כיפור אויף (טריקענע) שטריי, וואס איז געווען אויסגעשפרייט אויף די פאדליגע פון די שוהל.

אסאך וואונדערליכע מעשות ווערן דערציילט וועגן די געוואלדיגע סגולות פון דעם שטריי, אויף וואס רבוה"ק זענען געשטאנען ביים אפרעכטן זייער הייליגע עבודה אין דעם הייליגן טאג, אז חסידים האבן זיך געגאיילט און געשטופט באלד נאך נעילה צו קענען כאפן פון די שטריי, וואס מ'האט געהאלטן פאר א שמירה און פאר א ברכה.

און נישט נאר ביי חסידים איז די שטרוי געווען ווי א טייערע אוצר, נאר אויך רבוה"ק האבן פאר זיך גענומען אביסל פון די שטרוי, און דאס געהאלטן ביי זיך, אזוי ווי דער בילגורייער רב זי"ע שרייבט: דער ברודער [שליט"א] כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט געזאגט בנוגע די שטרוי וואס מ'האט אויסגעשפרייט יום כיפור אויף די פאדליגע פון די שוהל, אז דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט גענומען פאר זיך, מוצאי יום הכיפורים, פון די שטרוי אויף וואס ער איז געשטאנען, און די שטרוי איז ביי אים געווען א סגולה און אזוי ווי ער האט מיר עטליכע מאהל געברענגט פון די שטרוי ווען איך בין נישט געזונט געווען אלס א סגולה פאר א רפואה. ווי ווייטער דערציילט

### • געהאט א רפואה שלימה...

אינמיטן די ערשטע וועלט קריג איז דער בילגורייא רב זי"ע [אלס בחור'ל] נישט געזונט געווארן, און זיין קרענק האט זיך פארערגערט פון טאג צו טאג, ביז דאקטורים האבן באשלאסן אז זיין געזונט צושטאנד איז גאר געפערליך. זיין טאטע מרן מהרי"ד זי"ע, איז אים געקומען באזוכן יעדן טאג. ערב יוהכ"פ האט מרן זי"ע געשיקט זאגן אז ער וועט היינט נישט קומען, און אז ער וועט קומען מוצאי יום כיפור אים באזוכן. מוצאי יוהכ"פ איז מרן זי"ע געקומען און געברענגט פון די שטרוי וואס ער איז געשטאנען דערויף ביים דאווענען יום כיפור, און מרן זי"ע האט געזאגט פאר'ן בילגורייא רב: "נעם די שטרוי אין די האנט און לייג דאס צוקאפ'נס אונטערן קושן, און איך האף אז דו וועסט האבן א רפואה שלימה". און טאקע פון יענעם טאג זענען די שמערצן געווארן וויניגער, און ער געווארן אויסגעהיילט. "פון דעמאלט אהן", האט דער בילגורייא רב זי"ע דערציילט, "האבן חסידים אנגעהויבן כאפן, מוצאי יום כיפור, פון די שטרוי אויף וואס מרן זי"ע איז געשטאנען ביים דאווענען, און דאס געהאלטן פאר א גרויסע סגולה".

### • נישט כאפן פון די שטרוי פאר אים...

אויך כ"ק מרן מהר"א זי"ע פלעגט זיך אראפבייגן נאכ'ן דאווענען מוצאי יום כיפור און נעמען אביסל פון די שטרוי פאר זיך, וואס ער האט באהאלטן אין א ספעציעל טיכל, צוזאמען מיט אנדערע שטרוי וואס אלטע חסידים האבן מיטגעברענגט מיט זיך נאך פון בעלזא. מרן זי"ע האט אויך מקפיד געווען אז קיינער זאל זיך נישט דערוואגן צו כאפן פון די שטרוי פאר אים, און ווי מרן זי"ע האט אמאהל אליין אויסגערופן בלשון קדשו: **"איך בין נישט מוחל ווער ס'וועט כאפן פאר מיר".**

## מאוצרות הצדיקים

# • מוצאי יום הכיפורים •

### • זאלסט האבן אלעם גוטס אויסגעבעטן

די וועלט פיהרט זיך אז נאך יום כיפור וואונטשט איינער דעם צווייטן **"זאלס'ט האבן אלעס גוטס אויסגעבעטן"**. קען זיין דער טעם דערפון איז, ווייל ווער קען אויף זיך זאגן אז ער האט געדאווענט ווי ס'דארף צו זיין, אז ער האט אינזין געהאט די ריכטיגע כוונות, דערפאר איז מען מרמז איינער דעם צווייטן, אז אפילו די תפלות זענען נישט געווען מיט די ריכטיגע כוונות, אבער ס'זאל זיין דעם ווילן פון באשעפער אז

<<<<<

ער זאל דאס אויך אננעמען לרצון. *(דברי יחזקאל)*

### • וואס מ'האט געבעהטן זאל זיין גוט פאר מיר.

נאך אן אופן קען מען זאגן א טעם דערויף, אז דער ענין איז אזוי: ס'שטייט אין חובת הלבבות (שער חשבון הנפש השמונה עשר) אז א חסיד האט מתפלל געווען צום באשעפער דערנאך האט ער געזאגט "רבונו של עולם" איך האב דאס און דאס געבעהטן ווייל לויט מיינע השגות ווי איך פארשטיי זענען די זאכן גוט פאר מיר, אבער די רבונו של עולם לויט דיינע גרויסע חסדים וואס דו ווייסט דאך, וואס ס'איז גוט פאר מיר באמת, נאר דאס גיב מיר, סיי איך וויל דאס יא אדער איך וויל דאס נישט, דערפאר וואונטש מען איינעם דעם צווייטן אז "דו זאלסט האבן אלעס גוט'ס אויסגעבעהטן" אז וואס מ'האט געבעהטן זאל זיין גוט פאר מיר. *(ישמח ישראל אות ה')*

### • מוצאי יוהכ"פ ווערט גערופן "יום טוב"

ס'שטייט אז ווען דער כהן גדול איז ארויסגעקומען פון קודש הקדשים נאכדעם ווי ער האט געענדיגט די גאנצע עבודה וואס ער האט געדארפט טוען יום כיפור אין בית המקדש האט ער געמאכט א "יום טוב" דערפאר מאכן מיר אויך נאך יום כיפור א יום טוב. מוצאי יום כיפור איז א גרויסע שמחה און פרייד און מען מאכט טענץ. *(רמתים צופים)*.

### • סעודה במוצאי יום הכיפורים

ס'שטייט אין מדרש אז מוצאי יום הכיפורים גייט ארויס א בת קול פון הימל און רופט אויס, גייט עסן אייער ברויט מיט א פרייד, ווייל דער באשעפער האט שוין באוויליגט אייערע מעשים, דעם בת קול הערט מן הסתם יעדער לויט זיין מדריגה. *(תורת אמת למוצאי יו"כ)*

די סעודה וואס מ'עסט מוצאי יום כיפור איז נאר א מנהג פון אלע אידן, צוליעב דעם וואס דער באשעפער האט מוחל געווען אלע אונזערע עבירות, האבן מיר דאס געמאכט פאר אונז פאר א יום טוב, אזוי ווי איינער וואס האט אויף איינמאהל פארדינט א גרויסע סומע געלט וואס ער האט זיך נישט געפלאגט דערויף מאכט ער דעמאלט א סעודה פאר זיינע גוטע פריינד אז זיי זאלן מיט קומען מיט אים צו זיין סעודה, אזוי אויך ווען דער בת קול רופט אויס פון הימל: 'גייט עסן אייער ברויט מיט פרייד' מאכן מיר דעמאלט א סעודה. *(תורת אמת למוצאי יו"כ)*

### • נישט קיין רשות מקטרג צו זיין

די גמרא (יומא כ) זאגט: "שטן ביומא דכיפורי לית ליה רשותא לאסטוני",—דער שטן האט נישט קיין רשות צו מקטרג זיין אויף אידן יום כיפור. דער טעם דערפון האט געזאגט דער הייליגער אמורא רמי בר חמא, ווייל א יאהר (שנת החמה) האט 365 טעג, דאס ווארט 'השטן' באטרעפט נאר 364, ווייל איין טאג אין יאהר, דאס איז יום כיפור, האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג צו זיין אויף אידן.

### • די הארה פון די סעודה פון מוצאי יום כיפור

ווען ס'קומט דער הייליגער טאג יום הכיפורים דארף מען זיך פרייען דערצו, דערפאר איז דאס ענין אז דער וואס עסט ערב יום כיפור איז גלייך ווי ער וואלט געפאסט ביידע טעג, ווייל דורך די שמחה איז שוין דא א לעכטיגקייט פון יום כיפור, דאס זעלבע איז



אויך מוצאי יום כיפור ווי ס'שטייט אין פסוק "מערב ועד ערב" (ויקרא כג:לב) איז דאס זעלבע אויך שווער ווי די גמרא פרעגט ביי ערב יום כיפור, צי פאסט מען דען מוצאי יום כיפור, מ'פאסט דאך נאר אין יום כיפור בייטאג? נאר ס'קען זיין אז דער וואס עסט די סעודה מוצאי יום כיפור און פרייד זיך, דעמאלט איז דאס אויך גלייך ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג, און מ'איז ממשיך אויף זיך די הארה פון יום כיפור אויף אלע אנדערע טעג. *(שפת אמת ליוכ"פ תרנ"ב ד"ה מערב)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# • מוצאי יום הכיפורים •

### • א כלי שבור

איין יאהר ווען מרן מהר"ש זי"ע איז ארויס פון די שוהל מוצאי יום כיפור האט ער געזאגט אויף זיך מיט אן התפעלות: **"אזא בריה שפלה זאל אזוי קענען זאגן דיבורים צו גאט ברוך הוא?!"** *(כתבי מרן מבילגורייא זי"ע ששמע מאחיו מרן מהר"א זי"ע)*

### • "גוט וואך, גוט יום טוב, און א גוט יאהר",

עהנליך ווערט דערציילט אז אמאהל מוצאי יום כיפור האט מאן מהר"ש זי"ע געזאגט פאר די רעבעצין מלכה ע"ה "גוט וואך, גוט יום טוב, און א גוט יאהר, מ'זאל האבן געפועל'ט אלעס גוטס. דאס יאהר האבן מיר געהאט א גרויסע דעה אין הימל, מ'האט נישט געטוען אין הימל איין זאך, אהן דעם וואס מ'זאל אונז פרעגן...איך ווייס נישט פארוואס... נאר ס'איז דרכו להשתמש בכלי שבור, און ווי איך נאך דא א כלי שבור ווי מיר"...

### • איך האב באצאהלט אלע חובות

מוצאי יום הכיפורים פון שנת תרפ"ז, דאס אונטערשטע יאהר פון כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, ווען ער איז אריין אין שטוב וואונטשן א גוט יאהר פאר די רעבעצין הרבנית הצדקנית מרת חיה דבורה ע"ה און איר שוועסטער הרבנית מרת חוה'לע ע"ה האט זיי מרן זי"ע צווישן אנדערס געזאגט: "די חסידים האבן אויף מיר מער גארנישט, איך האב זיי שוין באצאהלט אלע חובות". *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בשם כ"ק הרה"צ רבי יצחק מיאברוב זצ"ל)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# • המבדיל טיש •

**הליכות בקודש**

**מוצאי יום כיפור האבן רבוה"ק געפיהרט א טיש בסימן "ויום טוב היה עושה לאוהביו בשעה שיצא בשלום מן הקודש" (יומא ע.) דער טיש האט געהייסן "המבדיל טיש", אויפ'ן נאמען פונעם פיוט "המבדיל" וואס מ'זינגט אינמיט'ן טיש. רבוה"ק האבן אויך געטיילט פירות פאר'ן 'המבדיל טיש' מוצאי יום כיפור.**

### • אין זכות פון קידוש ה'

הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל, חַטֹּאתֵינוּ הוּא יִמְחוֹל [פיוט למוצאי יום כיפור].

פארוואס זאגט מען באלד מוצאי יום הכיפורים **"חטאתינו הוא ימחול"** נאכדעם וואס מיר האפן אז דער באשעפער האט אונז שוין אין יום כיפור אלעס מוחל געווען. נאר ס'קען זיין, די גמרא זאגט אז אויף די עבירה פון "חילול השם" איז אפילו יום כיפור נישט מכפר. שטייט אבער אין ספר "שערי תשובה" [שער א' אות מ"ז] אז דורך די מצוה פון קידוש השם קען מען פארריכטן די עבירה פון חילול השם,

<<<<<

<<<<<

דערפאר אויב לערנט מען מיט די קינדער תורה און מ'איז זיי מחנך אויף תורה און מצות אז זיי זאלן דאס מקיים זיין אין די עפענטליכקייט דאס איז א גרויסער קידוש השם וואס א איד קען מקדש זיין דער באשעפער'ס נאמען אויף דער וועלט, און דאס איז א תקון אויף די עבירה פון "חילול השם". דאס איז מרומז אינעם פיוט פון המבדיל, מיר דערמאנען "חטאתינו הוא ימחול, זרענו ירבה כחול", אז אונזערע עבירות, די עבירה פון חילול השם דאס זאל דער באשעפער מוחל זיין דורכדעם וואס "זרעינו ירבה כחול", מיר וועלן ערציהען אונזערע קינדער פאר תורה און מצות און יראת שמים וואס דורכדעם וועט ארויס קומען א קידוש השם אויף דער וועלט. *(כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע מבעלזא)*

## ♦ מיר בעהטן מחילה, פאר'ן מטריח זיין דעם באשעפער אז ער זאל אונז מוחל זיין

**הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל, חַטֹּאתֵינוּ הוּא יִמְחֹל** [פיוט למוצאי יום כיפור].

מ'דארף פארשטיין, פארוואס בעהטן מיר מוצאי יום כיפור 'חטאתינו הוא ימחול', מיר גלייבן דאך אז יום כיפור האט שוין דער באשעפער מוחל געווען אויף אלע אונזערע עבירות? מ'דערציילט אז דער הייליגע אפטא רב זי"ע האט זיך אמאהל אויסגעדרוקט, אז ס'איז דא אזעלכע זאכן וואס ביי אנדערע מענטשן איז דאס 'מצוות', און ביי אים איז דאס 'עבירות' און ער טוהט תשובה אויף דעם. כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט געזאגט אויף די ווערטער עטליכע 'פשטים', און איינע פון די פשטים איז געווען אז ער האט געמיינט די מצוה פון תשובה, וואס ביי אנדערע מענטשן איז דאס א 'מצוה', אבער דער אפטער רב האט תשובה געטוען אויף דעם וואס ער דארף תשובה טוען, ווייל ס'וואלט דאך בעסער געווען אז ער זאל בכלל נישט זינדיגן און ער זאל נישט דארפן מטריח זיין דעם באשעפער ער זאל אים מוחל זיין זיינע עבירות. דאס קען זיין די כוונה וואס מיר בעהטן מוצאי יום כיפור אז דער באשעפער זאל מוחל זיין אונזערע עבירות, מיר בעהטן מחילה אז מיר האבן



מטריח געווען דעם באשעפער אז ער זאל אונז דארפן מוחל זיין יום כיפור אויף אלע אונזערע עבירות. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - המבדיל טיש תשנ"ח)*

## ♦ ס'איז נאכנישט בשלימות, אלעס איז נאר א גוטע התחלה!

אין משנה (אבות פ"ה מ"ה) שטייט, אז איינע פון די ניסים וואס איז געווען אין בית המקדש איז אז דער כהן גדול איז נישט טמא געווארן יום כיפור. דער מדרש שמואל ברענגט פון א 'חסיד', אז דער גרויסקייט פון דער נס איז געווען, וויבאלד יום כיפור זעט דער יצר הרע אז ער גייט האבן א מפלה, דערפאר שטארקט ער זיך און ער פראבירט מיט אלע כוחות מטמא צו זיין דער כהן גדול. לכאורה איז שווער, חז"ל (יומא כ.) זאגן דאך אז יום כיפור האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג זיין אויף די אידן, אויב אזוי וויאזוי קען זיין אז דער יצר הרע האלט מלחמה מיט אלע זיינע כוחות מיט דער כהן גדול, עד כדי כך אז מען דארף האבן א נס אז ער זאל נישט טמא ווערן?! דער תירוץ איז, אז באמת קען דער שטן נישט רעדן קיין שום שלעכטס אויף די אידן אין יום כיפור, ווייל די אידן זענען אין דעם טאג אויף אזא הויכע מדריגה אז ער טרעפט נישט אויף זיי קיין שום שלעכטס, נאר אדרבה - ער רעדט גוטס אויף זיי, און ער דערציילט ווי הייליג און טייער זיי זענען, און זיין כוונה איז אריינצוברענגען אין די אידן דורך דעם א מחשבה אז זיי זענען שוין אינגאנצן בשלימות, און דורך דעם וועלן זיי שפעטער אראפ פאלן פון זייערע מדריגות. דאס האט אויך דער שטן פראבירט ארייצוברענגען אין דער כהן גדול, אז ער זאל טראכטן פון זיינע גרויסע מדריגות, אז ער קען אריינגיין אין קודש הקדשים, און ממילא וועט ער האלטן אז ער איז שוין אינגאנצן בשלימות, און די מחשבות וועלן איהם צוברענגען צו א מכשול ח"ו; אבער עס איז געשען א נס אז ער האט געדענקט א גאנצע צייט אז ער איז נאכנישט בשלימות, און אלע הויכע מדריגות פון יום כיפור איז נאר א 'התחלה' צו די עבודה פון דער נייע יאהר. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - המבדיל טיש תשסא)*

## ♦ ווען מ'טראכט אריין פאר וועמען מ'האט געזינדיגט, איז נישטא קיין שיעור צו די תשובה!

**"אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים" (יומא פ"ח מ"ט).**

ווען א מענטש מאכט זיך א חשבון הנפש, און ער זעט אז ער האט ליידער געזינדיגט, ווערט ער דאך צובראכן זיי זיך, ער האט שטארק חרטה און טוהט תשובה אויף זיינע מעשים, און זיין תשובה ווערט אנגענומען. אבער ווען א מענטש הייבט אן ארייצוטראכטן פאר וועמען האב איך געזינדיגט - פאר דער מלך מלכי המלכים הקב"ה, און ער טוהט תשובה "על חטא שחטאנו לפניך", ווערט ער דאך אסאך מער צובראכן, און ער פארשטייט אז אויב מען האט געזינדיגט פאר אזא גרויסע באשעפער, איז נישט דא קיין שיעור און קיין סוף צו דער חרטה וואס דארף ארומנעמען דער מענטש, ווייל וויפיהל ער וועט נאר תשובה טוהן וועט דאס נישט זיין גענוג. דערפאר האבן מיר נישט קיין אנדערע ברירה נאר צו בעטן פון אייבערשטן: "רבונו של עולם, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב חרטה, און איך ווייס אז מיין תשובה און מיין חרטה איז נישט גענוג, דערפאר בעט איך דיר אז דו זאלסט מיר העלפן צו משלים זיין מיין תשובה, עס זאל זיין אזיווי עס דארף צו זיין!" דאס זאגט רבי עקיבא: "לפני מי אתם מטהרין" - ווען איר טוהט תשובה און מאכט אייך א חשבון הנפש, טראכט אריין 'לפני מי אתם מטהרין', פאר וועמען האט איר געזינדיגט, און דעמאלט וועט איר צוקומען צו א מסקנא אז דער תשובה האט נישט קיין שיעור, און ממילא "מי מטהר אתכם אביכם שבשמים" - דארפן מיר בעהטן דער באשעפער זאל אונז העלפן צו תשובה טוען. *כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - כוללות קוויטל תשסא)*

**גמר חתימה טובה ושנה טובה ומבורכת לכל בית ישראל**

## ♦ אז 'מהייצט איין דאוונט זיך ווארעם...

דער בעל שחרית אויף די ימים נוראים ביי כ"ק מרן מהר"י זי"ע איז געווען דער חסיד המפורסם הרה"ג רבי מרדכי פעלץ זצ"ל. אמאהל יום כיפור פאר תפילת שחרית האט זיך ר' מרדכי פארזוימט אין שטוב פון א חסיד וואס איז געליגן שווער קראנק אין זיין שטוב, און ר' מרדכי מיט זיין גרויס מסירות נפש צוליעב פיקוח נפש, האט געדארפט האקן האלץ צו קענען מאכן א פייער און אפקאכן וואסער פאר'ן קראנקען, נישט נעמענדיג אין אכט, אז ער איז דער בעל תפילה צו שחרית אין די הייליגע שוהל.

ווען ר' מרדכי איז ענדליך אנגעקומען אין שוהל האט מען שוין געהאלטן ענדע פון תפילת 'נשמת' אזוי אז ר' מרדכי האט אנגעהויבן "המלך" מיט הילכיגן געשריי, שטייענדיג ביים טיהר פון די שוהל, און פון דארט איז ער צוגעגאנגען צום עמוד.

נאכ'ן דאווענען האט זיך מרן זי"ע געוואנדן צו אים און געזאגט: **"דו האסט היינט געדאווענט זייער ווארעם"**

האט ר' מרדכי געענטפערט: **"אז מ'הייצט איין פאר'ן דאווענען, דאווענט זיך ווארעם".**

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇קרית יואל◇
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇תתק"ה◇
וילך - שבת שובה
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תקפז) עס דערציילט אונז

**הגאון הגדול משיירי כנה"ג רבי אליקים שלעזינגער שליט"א** ר"י הרמה לאנדאן

## תענו את נפשותיכם

עס איז געווען איינמאל אין חודש אלול ווען איך בין אריין צום **חזון איש** ז"ל, פרעגט ער מיך "ווי אזוי איז דער אלול ? !".

האב איך געזאגט "**איך לערן מער מוסר**". זאגט דער חשון איש: "**איך לערן מער גמרא**"...

ב. איינער פון מיינע קינדער שיחי' איז געבוירן ז' תשרי, האב איך געפרעגט דעם חזון איש ז"ל בנוגע דאס פאסטן פון די יולדת יום כיפור. האט ער מיר געזאגט אז היות די ערשטע דריי מעת לעת ענדיגט זיך הערשט יום כיפור צופרי, זאל זי געהעריג עסן יוה"ק ביינאכט, אזוי וועט זי נישט דארפן עסן צומארגנס יום כיפור.

ער האט באלד צוגעלייגט "כ'גלייב אז זי וועט נישט וועלן עסן יוה"ק ביינאכט, און בלית ברירה, וועט זי מוזן עסן יוה"ק"... וכך הוה.

ג. זייענדיג אמאל ביים **חזון איש** ז"ל אין די טעג פאר יום הקדוש, האט ער מיר געזאגט אז ער שפירט זיך זייער שוואך, און דער דאקטער זאגט אז ער טאר נישט פאסטן יוה"ק. דער חזו"א האט געלאזט רופן מיין פעטער דר. **פאלק שלעזינגער** ע"ה, צו הערן זיין מיינונג איבער דעם.

דער פעטער האט אים אונטערגעזוכט, און ער האט געזאגט פארן חזו"א אז אויב מ'זאל אים קענען געבן א 'איינשפריץ' (נידל) אין יום כיפור וועט ער יא קענען פאסטן, אבער עס איז שטארק מעגליך אז דאס אריינגעבן די נידל וועט גורם זיין אז עס וועט ארויסקומען א טראפן בלוט.

ווען דער חזו"א האט דאס געהערט האט ער ממש אויפגעשטראלט, זאגנדיג אז מחמת הקזת דם איז ער נישט חושש ווייל עס איז א פסיק רישא דלא ניחא לי', און ער איז גרייט צו נעמען דעם נידל אז ער זאל קענען פאסטן.

א היבשע צייט שפעטער נאכדעם וואס מיין פעטער איז שוין אוועק געגאנגען האט ער נאך גערעדט מיט א שמחה אז ער וועט קענען פאסטן יום כיפור. (עס איז וויכטיג צו פארצייכענען, אז אפילו ווען דער דאקטער האט אים געהאט געזאגט אז ער וועט נישט קענען פאסטן, האט מען נישט געזעהן אויף איהם קיין שום צער, וואוסנדיג אז דאס איז די הלכה און דאס איז דער רצון ה'). (ויה"ר שיתחזקו כנשר נעוריו של רב האי שריד לדור דעה **רבי אליקים בן בילה שליט"א**, ויעמוד עוד על משמרת הקודש רבות בשנים, ובהרבצת תורה ויראה בקרב בית ישראל)

ז' תקפח) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה"ח רבי וואלף נויאוויטש הי"ו**

## א גוט יאר, איז א שמחה אין אלע עולמות

דעם צווייטע טאג ראש השנה תשל"ג בין איך געווען אנוועזנד ביים טיש ביי **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** וואס איז געפראוועט געווארן פריוואט בביתו נאוה קודש.

ווען עס איז געקומען צום בענטשן האט דער רבי געבענטשט, און ער האט בטעות געזאגט נברך אלקינו "**שהשמחה במעונו**". דער רבי האט זיך גלייך געכאפט און האט זיך צושמייכלט.

נאכן בענטשן האט דער רבי געזאגט בזה"ל: "**אז מ'בעט זיך אויס א גוט יאר, איז א שמחה אין אלע עולמות**".

ז' תקפט) עס האט דערציילט אונזער יידע

**הרה"ח ר' חיים ארי'** (לייבעלע) **קארפען ע"ה**

## די כל נדרי דרשה תשי"ב

ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע האבן מיר זוכה געווען זיך צו מסתופף זיין בצל קדשו פון **כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע** תמידין כסדרן. מדי שבת בשבתו ומועד במועדו פלעגן מיר מיטהאלטן די הייליגע טישן במחיצת הקודש.

אין די ערשטע יארן האט מיין ברודער הרה"ח ר' ישעי' ז"ל נאך געוואוינט אין פראנקרייך - אזוי אויך ש"ב הרה"ח ר' יצחק דייטש ז"ל וועלכער האט געוואוינט אין ארץ ישראל - האבן זיי מיר כסדר געשיקט בריוו אין וועלכן זיי האבן זיך געבעטן אז איך זאל זיי שרייבן איבער די איבערלעבענישן און די הייליגע דברי תורה במחיצת קדשו פון רבי'ן. איך האב זיי עטליכע מאל אריבערגעשיקט בריוו מיט דברי תורה וואס איך האב געהערט מפה קדשו פון רבי'ן.

מיט יארן שפעטער האב איך געהערט פון ש"ב ר' יצחק דייטש ז"ל אז ער האט אפילו געהערט אן הסכמה אויף די דברי תורה וואס איך האב געהאט געשריבן אין מיינע בריוו.

געווען איז דאס ווען דער רבי האט געווייזלט אין ארה"ק בשנת תשי"ב. א נאכט בעפאר דער רבי איז אהיימגעפארן מיט'ן שיף, האט זיך דער רבי אויפגעהאלטן אין 'חיפה' אינעם הויז פון זיין פלומעניק דער **אחוזה'ער רב הגה"צ רבי יחיאל יהודה אייזיקסאן זצ"ל** חדב"נ כ"ק מרן הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע.

ר' יצחק ז"ל האט זיך דאן אויך געפונען אינעם הויז פונעם אחוזה'ער רב, און ער האט אים געצייגט א בריוו וואס איך האב אים געשיקט אנהייב יאר מיט א שטיקל באריכט פון חודש תשרי תשי"ב ביים רבי'ן, מיט עטליכע דברי תורה וואס דער רבי האט געזאגט דורכאויס די הייליגע טעג.

ווען דער רבי האט באמערקט ווי דער אחוזה'ער רב איז מעיין אין געוויסע צעטלעך, האט אים דער רבי געפרעגט: "וואס איז דאס ? !". האט ער געזאגט פאר'ן רבי'ן אז דאס איז א בריוו פון עמיצער וואס האט אפגעשריבן דעם רבי'נס חידושי תורה דעם פארגאנגענעם ימים נוראים.

צוערשט האט דער רבי רעאגירט זאגנדיג "מען שרייבט נישט גוט", מיינענדיג ארויסצוברענגען אז ער האט שוין געזען אין דער פארגאנגענהייט ווי מאנכע האבן נישט גוט אפגעשריבן זיינע דברי תורה.

דאן האט אים דער רבי געבעטן דעם בריוו, דער רבי האט דאס אפגעליינט פון אנהייב ביז צום סוף, און דאן זיך אנגערופן מיט א קענטיגע הנאה: "דאס איז יא גוט געשריבן !".

מיר זענען דא מעתיק עטליכע אויסצוגן פונעם דערמאנטן בריוו, וואו עס ווערט געשילדערט עטוואס פון די געהויבענע הייליגע טעג בשנת תשי"ב בצילא דמהימנותא פון רבי'ן זי"ע:

"אייגנטליך, ווער קען דען שילדערן אויפ'ן טרוקענעם פאפיר די מחזה וואס אונזערע אויגן האבן זוכה געווען צו זען במשך דעם גאנצן חודש אלול, ראש השנה און יום כיפור. ווער קען דען דערציילן די געוואלדיגע נעימות פון די תפילות און דרשות פון וואס אפילו א שטיין האט געקענט צוגיין 'אם אבן הוא נימוח ואם ברזל מתפוצץ'. וואויל איז צו די אויגן וואס האבן צוגעזען אזא עבודה, און וואויל איז צו די אויערן וואס האבן געהערט אזעלכע דיבורים וואס מיר האבן דא געהערט מפורש יוצא מפה מפיק מרגליות בקדושה וטהרה, וועלכער האט מיט הימל-שפאלטנדע בכיות און זעקות נוראות זיך מתחנן געווען פאר אונז: **טוט תשובה! און קערט זיך אפ פון אייערע שלעכטע מעשים; "שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו בית ישראל"**.

פאר "כל נדרי", ביי די דרשה, ווען דער רבי האט ארויסגענומען די ספר תורה, האט ער אראפגעלייגט די ספר תורה אויפ'ן שטענדער, און האט ארויפגעווארפן זיין קאפ און אנגעהויבן צו וויינען הויך אויפ'ן קול - אויף א פארנעם וואס איז אוממעגליך צו שילדערן אין א בריוו - און געזאגט: **תורה הקדושה! מיר ווענדן זיך צו דיר זאלסט ממליץ טוב זיין פאר אונז. ווייל אינ'אמת'ן ווען נישט מיר אידישע קינדער, ווער וועט לערנען די תורה?! ווער וועט אפהיטן אירע מצוות?! מיר האבן דאך אלע געזאגט "נעשה ונשמע", אינדערצייט וואס די גאנצע וועלט האט נישט געוואלט מקבל זיין די תורה. אבער מיט וואספארא פנים בעטן מיר דאס פון דיר?! וויפיל האבן מיר מבטל געווען דאס יאר פון לימוד התורה?! מיט גרויס בושה קומען מיר צו דיר. וואס האבן מיר געטון אגאנץ יאר? ווי אזוי האבן מיר דיך געלייגט אין א זייט?!**

דאן האט דער רבי געשריגן: "**אוי להם לבריות מעלבונה של תורה**", לאמיך אלע אינאיינעם בעטן מחילה פון די הייליגע תורה; וויפיל האבן מיר פוגם געווען דערין אין יעדן איינציגן אות.

דער רבי האט ווייטער געזאגט: **אונזערע עלטערן האבן דאך בפועל אוועקגעגעבן זייער גאנצער נפש און גוף פאר'ן טאטן אין הימל אויף קידוש שמו יתברך, און עטס אידישע טעכטער קענטס נישט מוותר זיין אפילו אויף איין האר?! וואס דען בעט דער אייבערשטער פון ענק?! נאר אביסל האר! צוליב איינצעלנע האר זענען איר גרייט צו פארלירן ווערן פוןביידע וועלטן?!**

דער רבי האט ביטערליך געשריגן: "**אידישע טעכטער! שערט אפ ענקערע האר, און גיט כבוד פאר די תורה!**".

דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן ווערטער לפני קונו: "רבונו של עולם ! אויף וואס ווארטסטו נאך מיט דער גאולה ? ! מיר זענען דאך שוין געבליבן 'מעט מן המעט'. נאך מיט זעקס יאר צוריק, אין דעם הייליגן טאג, זענען געווען צענדליגער טויזנטער הייליגע אידן, חסידים ואנשי מעשה, אמת'ע צדיקים, וואס האבן זיך באמת אויסגעגאסן זייערע הערצער פאר'ן אייבערשטן. וויפיל תורה; וויפיל תפילות; זענען ארויפגעגאנגען צו דיר. און אצינד: וואו איז דאס ? !. איצט נאך אלעם וואס איז פאריבער אויף אונז האבן מיר שוין געהאפט אויף די ישועה, און עס גייט אדורך נאך א יאר און נאך א יאר, און **מיר האלטן שוין אין יאר תשי"ב און מ'דערזעט זיך אין**

**אמעריקע! אוי ווייז!"** האט דער רבי געשריגן. - אט די ווערטער האט דער רבי אויסגעשריגן כמעט פאר'חלש'ט, מיט'ן קאפ אויפ'ן ספר תורה.

ווי איז צו אונז, אז נאכ'ן צוזען אזא מחזה, און נאכ'ן הערן אזא דרשה מיט אונזערע אויערן, קענען מיר נאך גיין יעדער נאך זיינע תאוות, צו די ארבעט, און צום עסן וכו'. האבן מיר טאקע אזא פארשטיינערט הארץ ?!...

דער רבי [שליט"א] האט אויסגעפירט: **מורי ורבותי! מיר האבן אלעס פארלוירן, אונז האבן מיר נישט קיין כהן גדול און קיין בית המקדש. אין די לעצטערע יארן, אין יעדן דור, האבן מיר נאך געהאט צדיקים אמיתיים וואס האבן געהאט די מעגליכקייט צו טון מורא'דיגע מעשים און האבן גע'פועל'ט ישועות פאר אונז.**

דער רבי האט געזאגט א משל: אמאל איז געווען א גרויסער קעניג וואס האט פארטריבן זיינע קינדער פון שטוב, ווייל זיי האבן זיך נישט גוט געפירט, ער האט מיטגעשיקט מיט זיי עטליכע פון זיינע גוטע פריינד, כדי זיי זאלן זיך אומקוקן אויף זיי. שטענדיג ווען די קינדער האבן געברויכט סיי וואס, האבן די יועצים געש'תדל'ט פאר זיי ביים קעניג, און אזוי האט זיי קיינמאל גארנישט געפעלט, און זיי האבן זיך קיינמאל נישט צוריקגעקערט פון זייערע שלעכטע וועגן, ווייל זיי האבן נישט געשפירט אז עפעס פעלט זיי אין אפוועזנהייט פון זייער טאטן.

זעענדיג דאס, וואס האט דער קעניג געטון? ער האט דאך געוואלט אז זיינע קינדער זאלן זיך צוריקקערן פון זייערע שלעכטע וועגן. האט ער אהיימגענומען צוריק די יועצים, און אזוי זענען די קינדער געבליבן אן גארנישט, בעירום ובחוסר. ווען די קינדער האבן דאס געזען האבן זיי זיך צוזאמענגענומען און באשלאסן אז זיי האבן נישט קיין אנדערע עצה וואס צו טון, סיידן אז זיי זאלן אלע גיין צו זייער טאטן דער קעניג און בעטן מחילה פון אים אליין. צו קיין אנדערן קען מען זיך נישט ווענדן, ווייל די יועצים זענען שוין מער נישט מיט זיי.

דאס זעלבע איז מיט אונז: אחי ורעי! דער מלך מלכי המלכים הקב"ה זעענדיג אין דעם פריערדיגן דור אז די צדיקי הדור פועל'ן פאר אונז אלעס גוטס און עס פעלט אונז גארנישט, האט ער זיי אוועקגענומען פון אונז, המה הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות. רבותי! לאמיר זיך אינאיינעם צוזאמנעמען כדי צו בעטן מחילה פונעם מלך אליין.

דער רבי האט געשריגן מיט א שאגת ארי: **"אלעס האבן מיר פארלוירן, אבער דעם אייבערשטן האבן מיר נישט פארלוירן! דער אייבערשטער איז חי וקיים, און פאר אים, נאר פאר אים, קענען מיר קומען זיך בעטן אויף אונז, לפני ה' תטהרו"**.

דער גאנצער עולם האט אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, עס איז געווען א פחד נורא. אלע תפילות זענען ווייטער צוגעגאנגען מיט בכיות נוראות. ווי איז צו די אויערן וואס האבן דאס געהערט און זענען זיך נישט משים על הלב. דער גוטער באשעפער זאל שוין אפטון פון אונז די פארשטיינערטע הארץ.... ע"כ.

ז' תקצ) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ח ר' ישראל מנחם פערל הי"ו**

## די כל נדרי דרשה תשי"ד

עס איז נישט שייך צו פארגעסן די ערשטע 'כל נדרי דרשה' וואס איך האב זוכה געווען צו הערן מפה קדשו פון **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**.

עס איז געווען דאס ערשטע יאר וואס מיר זענען געווען אין וויליאמסבורג, ערב יום כיפור תשי"ד. מיין זיידע איז געווען הרב החסיד ר' וואלף לאנדא ז"ל פון דעברעצין, ער איז געווען פון די חשובי זקני החסידים ביים רבי'ן, און פון די יחידי סגולה וואס זענען אנגעקומען קיין אמעריקע מיט א שטוב מיט קינדער און אייניקלעך.

אזוי איז אויסגעקומען אז ערב יום כיפור, ווען רוב אידן פון די שארית הפליטה האבן אין יענע יארן אנגעהויבן צו בויען זייער 'בית שני' מיט עטליכע קליינע קינדער אין שטוב, איז דער זיידע ז"ל געווען פארנומען נאכן זמן מיטן אויפנעמען און בענטשן א לאנגע ריי מיט קינדער און אייניקלעך. אזוי אז ווען ער איז געגאנגען אין ביהמ"ד צו 'כל נדרי' איז שוין געווען היבש שפעט נאכן זמן, און דאס ביהמ"ד איז שוין געווען פול געפאקט מהקצה אל הקצה.

איך בין דעמאלטס געווען א גרעסער אינגל בעפאר די בר מצוה, און איך האב באגלייט דעם זיידן אין ביהמ"ד, אבער עס איז געווען זייער שווער זיך צו קענען אריינשטופן, דער זיידע האט געהאט זיין מקום קבוע ביי די מזרח וואנט, אויף די אנדערע זייט פונעם ארון הקודש, און ער האט זיך שווער געמוטשעט אנצוקומען צו זיין פלאץ.

ווען דער זיידע איז אנגעקומען פארנט פונעם ארון הקודש, זענען געווען עסקנים וואס האבן געזעהן אז עס איז כמעט אוממעגליך אז ער זאל אנקומען צו זיין פלאץ, האבן זיי אים עקסטער געהאלפן און צוגעפירט ביז צו זיין פלאץ. אזוי האט פאסירט אז איך, זיין באגלייטער, האב זיך געטראפן בלייבן אינמיטן מזרח, ממש ביים צוים פונעם ארון הקודש.

עס האט טאקע נישט גענומען לאנג און דער רבי איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד און איז ארויף אויפן ארון הקודש זאגן די דרשה, דעמאלטס האב איך זוכה געווען צו שטיין נאנט צום רבי'ן, כ'האב געזעהן ווי בשעת די דרשה איז געווען זלגו דמעות מעיניו ווי א קוואל, און בשעת מעשה האט ער אזוי געקלאפט מיט די פיס מיט אזא קראפט אז מ'האט געהערט דעם ווידער קול. די בכיות נוראות וואס דער רבי האט געוויינט, און די געוויינען פונעם עולם איז געווען עפעס וואס מ'קען זיך נישט משער זיין... דאס ליגט חקוק על קירות לבבי עד היום הזה.

ז' תקצא) עס האט דערציילט אונזער רבי

**הגה"צ רבי שמואל דוד טויב ז"ל** אב"ד ברייד

## במצוותיו חפץ מאד

עס דערציילט איינער פון די חשוב'ע תלמידים שליט"א:

עס איז געווען בשנת תשנ"א, ווען אונזער רבי הגה"צ **רבי שמואל דוד** זלה"ה האט אונז צוגעגרייט צו די הייליגע טעג מיטן ספר 'מטה אפרים' מיט די הלכות כסדרן. יעדע מאל ווען עס איז אנגעקומען עפעס א ווארים ווארט צו די ימים נוראים, איז דאס געווען מיט אזא השתפכות הנפש אז עס האט זיך צוגאסן אין די ביינער.

אויסער דעם האט ער געהאט א כח אריינצוגעבן אין זיינע תלמידים א חביבות המצות, סיי ווי עס איז אויסגעקומען אין מטה אפרים צו דערמאנען א ענין פון א מצוה, לדוגמא, דאס ענין פון זיך שערן פאר יום טוב, אזוי וועט מען זיכער ארויסגיין זכאי בדין, האט ער מסביר געווען אז דאס שערן - אויסער וועט משערט זיך לכבוד שבת אדער לכבוד יו"ט, איז דא דערביי נאך עטליכע מצות, מיטן אכטונג געבן אויף די פיאות הראש והזקן איז מען מקיים פינף עקסטערע מצות ל"ת. האט ער אזוי הארציג ארויסגעברענגט "מ'זיצט סיי ווי ביים שערער, זאג ארויס געב אכט נישט רירן די בארד און פיאות, איז ער מקיים נאך פינף מצוות"...

אזוי אויך פאר פסח ווען ער האט פארגעלערנט שו"ע הרב הלכות בדיקת חמץ, אז מ'קען מאכן א שליח צו בדיקת חמץ, האט ער געזאגט "א בחור'ל קען בעטן פון זיין טאטן ער זאל בודק חמץ זיין אין צימער" און ער האט ממשיך געווען מיט א זיסקייט "ער קען אריינכאפן א מצוה פון בדיקת חמץ"... עס לאזט זיך נישט זאגן מיט וואס פארא טעם און געשמאק ער האט געזאגט די ווערטער וואס לאזט זיך נישט פארגעסן"...

ז' תקצב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהל יט"ל

## אשרי משכיל אל דל

יוה"ק איז די יארצייט פון **הרה"ק רבי משה יצחק ב"ר נפתלי אלימלך מפשעווארסק זלה"ה.**

עס האט דערציילט איינער פון די חשובי מתפללי ביהמ"ד, אז ער פלעגט באמערקן ווי רבי איציקל פלעגט צומאל אריינקומען אין ביהמ"ד און ארויסנעמען א ספר וואס מ'האט ווייניג גענוצט און אריינגענומען צו זיך אין צימער, און א קורצע צייט שפעטער האט ער דאס שוין צוריק געברענגט. איז אים דאס געווארן אויפפאלענד, האט ער אמאל ארויסגענומען דעם ספר נאכדעם וואס רבי איציקל האט דאס צוריק געלייגט, און ער האט דארט געטראפן א סכום געלט. האט ער פארשטאנען אז רבי איציקל שמועסט אפ מיט זיינע נצרכים אין וועלכע ספר ער האט פאר זיי אריינגעלייגט א סכום געלט.

ב. עס האט דערציילט הרה"ח ר' חיים יעקב גרינפעלד ע"ה, אז ער האט אמאל געזעהן ווי עס איז אריינגעקומען אן אנטווערפענער איד אין ביהמ"ד, און ער האט זיך דארט ארומגעדרייט אין ביהמ"ד און זיך אראפגעזעצט מיט א ספר.

האט רבי איציקל געזאגט פארן איידעם רבי יענקעלע ז"ל אז ער זאל ארויפגיין אין שטוב און ברענגען א סכום געלט. אויף די פראגע פון רבי יענקעלע פארוואס ער דארף יעצט געלט, האט אים רבי איציקל געזאגט "זעהסט יענעם איד דארט, ער הייסט א בעה"ב'טישער איד אין די שטאט, אבער וואס זוכט ער דא אינמיטן טאג?! פארוואס איז ער נישט ביי די ארבעט?! דאס מיינט אז ער איז א גרויסער נצרך"...

דערויף איז רבי איציקל אריבער יענע פלאץ, און אריינגערוקט דאס געלט אונטער די גמרא, ביז עטליכע מינוט האט דער איד געענדיגט לערנען... און פארלאזט דאס ביהמ"ד.

ג. עס האט דערציילט הרה"ח ר' מנשה שטערן ע"ה פון לאנדאן אז איינמאל ליל שישי שפעט ביינאכט, האט אים רבי איציקל געהייסן אריבערטראגן א סכום געלט פאר א איד, האט ר' מנשה קודם געזאגט אז עס איז באישון לילה, ער וויל קיינעם נישט אויפוועקן, זאגט רבי איציקל "איך האב דיר געהייסן גיין, אויב ער וועט האבן טענות וועסטו איהם זאגן אז איך האב געשיקט".

ר' מנשה איז אהין געגאנגען און ער האט אריינגעקלאפט אין טיר, יענער עפענט די טיר און ר' מנשה זאגט אים "רבי איציקל האט געשיקט געלט"... דער איד האט זיך גענומען וויינען "רבי איציקל האט מיר געשיקט געלט?! איך האב נישט מיט אים קיין שייכות, אבער דער אמת איז אז איך בין אזא בעל חוב, עס איז ערב שבת, כ'האב נישט קיין פרוטה איינצוקויפן צרכי שבת, כ'האב נישט פון וואו צו בארגן, יישר כח"... זכותו יגן עלינו.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**

# אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים ועניני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' אברהם ב"ר משה זאב ז"ל (ראזענבערג) - נלב"ע ב' מנחם אב תשע"ה
ולע"נ מו"ח הרה"ח ר' חיים ב"ר מיכאל דוב הכהן ז"ל (הערמאן) - נלב"ע כ"ד ניסן תשפ"ה
ולע"נ אחי מו"ה יצחק ב"ר אברהם ע"ה ~ מו"ה משה זאב ע"ה ב"ר מיכאל דוב שליט"א ~ מו"ה אליעזר צבי ע"ה ב"ר יום טוב הלוי שליט"א

בעזהשי"ת

יום כיפור תשפ"ו לפ"ק – כיתות ה' ו'


כל הזכויות שמורות להמו"ל

## שלש עשרה מדות

א טאג פאר ערב יום כיפור ווערט אנגערופן שלש עשרה מדות, צוליב דעם וואס מ'זאגט אין דעם טאג ביי סליחות דעם התעוררות'דיגן פזמון ה' ה' א' רחום וחנון וכו'.

עס זענען דא מענטשן וואס פירן זיך צו פאסטן אינעם טאג שלש עשרה מדות, עס זענען דא וועלכע פאסטן נאר ביז חצות, אויך זענען דא פלעצער וואו מ'פירט זיך צו זאגן אין דעם טאג גאנץ תהילים בציבור, דער הייליגער שינאווער רב פלעגט ענדיגן אינעם טאג שלש עשרה מדות דריי מאל גאנץ תהלים.

## סדר הקרבנות

מ'פירט זיך צו ליינען אינעם טאג שלש עשרה מדות די סדר פון די קרבנות, ווייל ביים ערשטן בית המקדש האט שלמה המלך באנייט דעם מזבח מיט קרבנות אינעם טאג ח' תשרי.

מיר בעטן פון הקב"ה ונשלמה פרים שפתינו, דורכ'ן ליינען די פרשה פון די קרבנות זאל דאס גערעכנט ווערן כאילו מיר האבן מקריב געווען אלע קרבנות אויפ'ן מזבח.

## דרשת התעוררות

אין סיגוט איז געווען דער מנהג צו זאגן א לענגערע דרשה אינעם טאג פון שלש עשרה מדות, הרה"ק מקאשוי רבי שאול בראך זצ"ל האט דערציילט, אז ער איז איינמאל געווען ביים הייליגן ייטב לב זי"ע שלש עשרה מדות ביינאכט, און דער ייטב לב איז אריינגעקומען אין בית המדרש צוועלף אזייגער ביינאכט, קודם האט ער פארגעזאגט גאנץ תהלים פאר'ן עמוד, דערנאך האט ער געזאגט סליחות מיט א געוואלדיגן התעוררות און מיט בכיות נוראות, און פאר'ן פזמון פון שמע קולנו האט ער געזאגט א דרשה מיט א פלאם פייערדיגן התעוררות וואס האט גענומען בערך פיר שעה.

לימוד זכות - קבלת העונשים

דער קאשוי'ער רב דערציילט, אז פון די דרשה האט ער זיך אויסגעלערענט ווי אזוי מען דארף זאגן א דרשה, דער עיקר פון דרשה איז געווען, צו מלמד זכות זיין אויף אידן כדי זיי זאלן ארויסגיין גערעכט פונעם משפט.

אויך האט ער זיך אויסגעלערנט, אז א ריכטיגער צדיק איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פאר כלל ישראל, און אויב ח"ו איז דא א מדת הדין אויף כלל ישראל, איז דער צדיק דאס מקבל אויף זיך, אז ער שפירט אז ער איז אויף אלעם שולדיג, און אויב ח"ו די אידן דארפן געשטראפט ווערן, איז ער אלעס מקבל אויף זיך.

נאך די דרשה און נאכ'ן ענדיגן די סליחות האט מען געדאווענט שחרית, דער ייטב לב האט געדאווענט פארן עמוד, גלייך נאך שחרית האט דער ייטב לב געליינט דעם סדר הקרבנות, דערנאך האט מען געדאווענט תפלת מנחה, און ס'איז שוין געווארן ערב יום כיפור ביינאכט.

צוליב דעם יום השוק

מ'האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן זי"ע פארוואס ער האט געטוישט פון די מנהג פון זיינע זיידעס און ער זאגט נישט קיין דרשה אין שלש עשרה מדות, האט ער געזאגט, ווייל די ערשטע פלאץ וואו ער איז געווען רב, איז געווען אין די שטאט ארשיווא, וואו ס'פלעגט זיין א מארק טאג יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, און דאס האט צוגעברענגט אז נישט אייביג האט מען געקענט זאגן א דרשה, ממילא איז די זאך בטל געווארן.

## תשליך

עס זענען דא וועלכע פירן זיך צו גיין צום תשליך אין שלש עשרה מדות, אנשטאט ראש השנה, ווייל די פסוקים וואס מען זאגט ביי תשליך מי א' כמוך וגו', זענען קעגן די י"ג מדות של רחמים.

ביז תשכ"ט פלעגט דער רבי זי"ע גיין צום תשליך שלש עשרה מדות פארנאכט, דער סדר היום איז געווען, ער האט געדאווענט און געזאגט תהלים, געליינט די קרבנות, געזאגט די ווידוי פון רבינו נסים מיט בכיות נוראות, געדאווענט מנחה, דערנאך האט ער טועם געווען, און נאכדעם איז ער געגאנגען צום תשליך, און פון תשכ"ט ווען דער רבי איז שוין ליידער געווען אפגעשוואכט, פלעגט ער גיין צו תשליך א טאג פאר שלש

עשרה מדות, און נאכדעם וואס מ'האט אויפגעבויעט דעם שטאט קרית יואל וואו עס געפינט זיך א טייך, האט דער רבי געזאגט אז מ'זאל גיין צו תשליך דעם ערשטן טאג ראש השנה.

אין יאר תש"ו ווען דער רבי זי"ע איז געווען אויפ'ן שיף פארענדיג פון ארץ ישראל קיין אמעריקע, האט ער געזאגט תשליך דעם ערשטן טאג ראש השנה.

## מנהג כפרות

דער מנהג פון שלאגן כפרות איז א פריערדיגער מנהג, עס שטאמט נאך פון די צייטן פון די גאונים, דער עיקר מנהג איז דאס צו טאן ערב יום כיפור פארטאגס ווען ס'איז אן עת רצון, אבער די אחרונים שרייבן, אז מ'קען אויך מקיים זיין דעם מנהג גאנץ עשרת ימי תשובה.

מען פירט זיך צו נעמען א ווייסע הינדל, א זכר פאר א מאנס פערזאן, און א נקבה פאר א פרוי, מ'דרייט ארום די כפרה העכערן קאפ, און מ'זאגט זה חליפתי, מ'דארף אינזין האבן אז באמת איז דער מענטש פארזינדיגט און איז חייב מיתה און מ'וואלט אלעס געדארפט טאן מיט אים, אבער דער מענטש זאל זיך נישט איינרעדן, אז מיטן שחט'ן די כפרה, קען מען שוין אפקומען דאס וואס מ'איז חייב מיתה ל"ע, נאר מען טוט דאס כדי דער מענטש זאל תשובה טאן נאכ'ן ארייגקלערן וואס מ'וואלט געדארפט טאן מיט אים.

ד' מיתות בית דין

מ'טוט מיט די כפרה עטליכע זאכן וועלכע זענען גלייך צו ד' מיתות בית דין, סקילה שריפה הרג וחנק, מ'ווארפט אראפ די כפרה אויף דער ערד, דאס איז אזוי ווי סקילה, אבער ס'שטייט אין די אחרונים, אז מ'זאל דאס נישט טאן, ווייל ס'קען ווערן טריפה, דעריבער זענען דא וועלכע פירן זיך, אז מ'גיט א קליינע שטויס אויף די כפרה, וואס איז אזוי ווי סקילה.

אויך ברענט מען אביסל אפ די פעדערן, דאס איז ווי שריפה, דאס וואס דער שוחט ציט אויס די האלדז פאר'ן שעכטן, איז קעגן חנק, וואס דאס מיינט דערווערגן, און די שחיטה איז אזוי ווי הרג (א שווערד).

כיסוי הדם

גלייך נאכ'ן שחט'ן דארף מען צודעקן דעם בלוט מיט זאמד, אזוי ווי דער דין איז ביים שחט'ן א חיה אדער אן עוף, און מ'מאכט די ברכה "ברוך אתה וכו' אשר קדשנו במצותיו וצונו על כיסוי הדם בעפר"

צדקה

מ'פירט זיך צו געבן די כפרות נאכ'ן שחט'ן פאר ארימעלייט, אדער גיבט מען געלט די ווערד פון די כפרות פאר ארימעלייט.

## ערב יום טוב

ערב יום הכיפורים זאגט מען ווייניג סליחות, ווייל ערב יום כיפור ווערט שוין גערעכנט ווי א יום טוב, צוליב דעם זאגט מען אויך נישט ביי שחרית קיין למנצח, און קיין תחנון, אויך זאגט מען נישט קיין מזמור לתודה, ווייל ערב יום כיפור האט מען נישט געברענגט קיין קרבן תודה אין בית המקדש, ווייל קרבן תודה מעג מען עסן א טאג און א נאכט און אויב מ'וועט מקריב זיין א קרבן תודה ערב יום כיפור, איז מען גורם אז מ'זאל דאס מוזן עסן ווייניגער צייט, ווייל ביינאכט טאר מען דאך נישט עסן.

ערב יום כיפור ביי שחרית זאגט מען נישט קיין אבינו מלכנו וכו', אויסער אויב יום כיפור געפאלט אים שבת קודש זאגט מען יא, וויבאלד מען זאגט עס נישט אום שבת.

מ'פירט זיך אז דער גבאי פון ביהמ"ד טיילט אויס ערב יום כיפור נאך שחרית, מזונות מיט בראנפן פארן עולם, דער טעם דערפון איז אז אויב עס איז ח"ו נגזר געווארן אויף א מענטש אז ער זאל פאראיינטט ווערן רח"ל, זאל ער אפקומען מיט דעם וואס ער בעט מזונות פון דעם גבאי.

נאך א טעם פארוואס דער גבאי טיילט מזונות, ווייל עס קען זיין אז במשך דעם יאר האט דער גבאי הנאה געהאט בשוגג פון קהל'ס צדקה קאסע, דעריבער טיילט ער מזונות, כדי די מענטשן זאלן הנאה האבן פון אים, און דורך דעם וועלן זיי אים מוחל זיין.

## מצות אכילה

ערב יום כיפור איז א מצוה צו עסן כדי מ'זאל האבן כח צו פאסטן, מ'דארף ממעט זיין פון

## זיך נישט פארלאזן בלויז אויף דעם

הרה"ק רבי מאיר'ל פרימשלאנער זי"ע האט אמאל געזען ווי א דארפסמאן, א גרויסער בעל עבירה, שלאגט כפרות ערב יום כיפור, האט רבי מאיר'ל געזאגט, דער דארפסמאן מיינט אז מיט שלאגן כפרות אליינס וועט אים השי"ת מוחל זיין אויף אלע זיינע עבירות, עס ארבעט נישט אזוי.

האט ער געטייטשט אויפ'ן פסוק אין איכה, אני הגבר ראה עני בשבט עברתו אותי נהג וילך חושך ולא אור, אך בי ישב יהפך ידו כל היום, (דער פשוט'ער פשט איז, ירמיה זאגט, אני הגבר, איך בין דער מענטש, ראה עני, וועלכער האט געזען דעם פיין, בשבט עברתו, פונעם ריט פון הקב"ה וואס האט געשלאגן די אידן, אותי נהג וילך חושך ולא אור, מיך האט ער געפירט אויף א טונקלן פלאץ, אך בי ישב יהפך ידו כל היום, נאר איך אליינס ווערט כסדר געשלאגן א גאנצן טאג), האט רבי מאיר'ל געזאגט פאר'ן דארפסמאן, איך וועל דיר דערציילן וואס דיין האן זאגט יעצט בשעת דו שלאגסט כפרות, אני הגבר איך האן (דאס ווארט גבר, מיינט אויך א האן), "ראה עני" כ'האב געזען א מענטש וועלכער איז ארים מיט פארשטאנד, בשבט עברתו מיט א בינטל עבירות (עברתו איז פון לשון עבירות), "אותי נהג וילך" מיך האן פירט ער אהער און אהין, חשך ולא אור פארטאגס ווען ס'איז נאך טינקל, אך בי ישב אבער אויב מיינט דער מענטש אז נאר מיט מיר וועט ער תשובה טאן, אויסער שלאגן כפרות טוט ער גארנישט צו פארעכטן זיינע מעשים, יהפך ידו כל היום קען ער דרייען דעם האן ארום זיין קאפ א גאנצן טאג און ס'וועט אים גארנישט העלפן.

לערנען כדי צו עסן און טרינקען, ס'שטייט אין די גמרא, ווער עס עסט ערב יום כיפור ווערט דאס גערעכנט ווי גלייך ער האט געפאסט צוויי טעג ברציפות.

געצאלט טייער געלט פאר'ן פיש

ס'שטייט אין מדרש, אז אמאל אין א ערב יום כיפור, האט איינער פון די פריצים באפוילן זיין קנעכט ער זאל גיין אין מארק און אים קויפן א פיש, ס'האט געהערשט דעמאלט א גרויסע מאנגל אין פיש, און ס'איז נישט געווען צו באקומען אין מארק נאר איין גרויסער פיש פאר גאר א טייערע פרייז, אין די זעלבע צייט איז אויך געווען אין מארק אן ארימער איד א שניידער, וועלכער האט געוואלט קויפן דעם פיש כדי צו מקיים זיין די מצוה פון עסן אין ערב יום כיפור, וויבאלד ביידע האבן דאס געוואלט קויפן האט דער מוכר באשלאסן אז ווער ס'וועט געבן מער געלט, דער וועט דאס באקומען.

דער קנעכט פונעם פריץ האט כסדר געזאגט מער און מער געלט, אבער דער ארימער איד האט זיך נישט אפגעשטעלט און וויפיל דער קנעכט האט געזאגט, האט ער גלייך ארויפגעצויגן העכער, און אזוי איז דאס געגאנגען אהער און אהין, ביז דער קנעכט פונעם פריץ האט אויפגעגעבן און דער שניידער האט דאס באקומען.

ווען דער קנעכט פונעם פריץ איז אהיימגעקומען מיט ליידיגע הענט, האט דער פריץ זיך געבייזערט אויף אים פרעגענדיג, פארוואס ער האט נישט געקויפט קיין פיש, האט דער קנעכט דערציילט די גאנצע מעשה מיט דעם איד, ווען דער פריץ האט דאס געהערט איז ער געווארן אין כעס, שרייענדיג ווי קומט דאס צו א איד אן ארימאן זאל פון מיר אויסכאפן דעם פיש.

דער פריץ האט באפוילן אז מ'זאל שוין אהערברענגען דעם איד און ער וועט אים באשטראפן, ווען דער איד איז אנגעקומען, האט אים דער פריץ געפרעגט מיט וואס ער ארבעט, האט ער געענטפערט אז ער א פשוט'ער שניידער, האט דער פריץ געפרעגט, אויב אזוי פארוואס האסטו געקויפט אזא טייערן פיש.

# משיח זאל נישט האבן בזיונות

דער הייליגער ישמח משה זי"ע פלעגט זאגן אין זיינע דרשות, אז אויבן אין הימל משפט מען אלע לענדער פונקטליך וואס ס'זאל געשען מיט זיי דעם קומענדיגן יאר, יעדער לאנד ווערט פארטרעטן דורך זיין שר, זיין מלאך, יעדער מלאך גייט אריין צום משפט און דער בית דין של מעלה פסק'נט וואס ס'וועט זיין מיט זיין לאנד, דער מלך המשיח גייט אויך צום דין און ער ווארט אויף זיין פסק, האפענדיג אז דאס יאר זאל ער שוין קענען קומען אויסלייזן די אידן פון גלות.

דער מלך המשיח בעט זיך מיט א געוויין, אז די צרות וואס די אידן האבן אין דעם שווערן לאנגן גלות זענען זייער שווער אויסצוהאלטן, ער לייגט אראפ די צער פון די שכינה זייט דעם חורבן בית המקדש וואס דאס אלעס איז וועגן אונזערע עבירות, דער מלך המשיח איז מעורר רחמים און ער טענה'ט אז ס'מוז שוין זיין די גאולה שלימה, ער שרייט מיט א יאמערליכע געוויין.

אלע אויבערשטע וועלטן קוקן ארויס וואס מ'וועט פסק'ענען, מ'קען זיך פארשטעלן די גרויסע שמחה וואס ס'וואלט געווען, אויב מ'זאגט פאר'ן מלך המשיח אז ער איז א גערהאלפענער, דאס יאר איז שוין געקומען זיין צייט, ער וועט שוין קענען אויסלייזן די אידן פון גלות, און ס'וועט שוין קומען א סוף צו אלע אידישע צרות, כלל ישראל וועט שוין ווערן אויפראכטן, די אידן וועלכע האבן זיך געהאלטן ערליך ביי די אמונה און געטריי געדינט הקב"ה וועלן שוין זיין גליקליך.

אבער ביטער און וויי איז ווען ס'איז פארקערט, ס'איז נישט מעגליך זיך פארצושטעלן דעם צער און די בזיונות וואס דער מלך המשיח האט ווען די אלע שרים פון די גוי'אישע פעלקער קוקן און לאכן פון אים מיט שפּאָט, זעענדיג אז דער פסק דין איז ארויס אז דער כלל ישראל דארף בלייבן נאך א יאר אין דעם ביטערן שווערן גלות.

האט דער הייליגער ישמח משה אויסגעפירט מיט גרויס התעוררות, אז מ'זאל זיך פאָרשטעלן דעם מצב אין הימל, און יעצט אין די הייליגע טעג איז די ריכטיגע צייט איינצורייסן אז דער משפט אויפ'ן מלך המשיח און אויף אויף כלל ישראל זאל זיך אויסלאזן צום גוטן, דאס קען מען נאר מיט אמת'דיגע תשובה און מיט אמת'דיגע טרערן פאר השי"ת, מיט תפלות ותחנונים קען מען אויספועל'ן די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

האט דער איד געענטפערט, אז היינט איז ערב יום כיפור, הקב"ה האט אונז באפוילן צו עסן און צו טרינקן כדי צו ווייזן אז מיר זענען זיכער אז הקב"ה וועט אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות, דערפאר האב איך באשלאסן נישט צו קוקן אויף קיין געלט און כ'וועל דאס קויפן פאר יעדן פרייז, און אויב וואלט זיך אויסגעפעלט, וואלט איך אפילו באצאלט דאפלט.

דער פריץ איז זייער איבערגענומען געווארן פון זיין ענטפער, און ער האט באוואונדערט די אמונה און בטחון פון די אידן, און ער האט אים געזאגט, האסט גוט געטאן, און דער פריץ האט אים אהיים געשיקט בשלום, און פון דעמאלט און ווייטער האט דער פריץ שטארק ארויפגעקוקט אויפ'ן אידיש פאלק און זיי שטארק ארויסגעהאלפן.

מ'פירט זיך צו עסן ביי די סעודה קרעפלעך וואו ס'ליגט באהאלטן פלייש, דאס איז צוליב דעם וואס דער טאג ערב יום כיפור איז א באהאלטענע יום טוב, כאטש ס'איז א יום טוב מעג מען טאן א מלאכה.

## מקוה

ערב יום כיפור איז מען מחוייב זיך צו מטהר זיין דורכ'ן טובל'ן אין א כשר'ע מקוה, אויך איז דאס אן ענין פון תשובה, אזוי ווי דער דין איז אז ווען א גר איז זיך מגייר, דארף ער זיך טובל'ן.

פאר מ'טובל'ט זיך זאל מען אכטונג געבן אז מ'זאל נישט האבן קיין חציצה, דעריבער זאל מען קודם אפשניידן די נעגל, און דאס גלייכן.

## צדקה

מ'זאגט נאך פונעם הייליגן בעל שם טוב, אז די קול פון די געלט וואס אידן ווארפן אריין אין די פושקעס ערב יום כיפור, צומישט זייער שטארק דעם שטן און די מקטריגים.

## מנחה

ביי מנחה וואס מ'דאווענט פאר די סעודת המפסקת, דארף מען זאגן ווידוי סוף שמונה עשרה, נאך יהיו לרצון, דעם ווידוי דארף מען זאגן שטייעדיג, אבער מ'זאל זיין אביסל איינגעבויגן צו ווייזן אז מ'איז בהכנעה.

ווען מען דערמאנט דעם חטא, זאל מען זיך קלאפן מיט'ן פויסט אויפ'ן הארץ, וועלכער איז גורם אז דער מענטש זאל חלילה זינדיגן.

## סעודה המפסקת

נאך מנחה עסט מען די סעודה המפסקת, מ'עסט נאר אזעלכע עסן וועלכע זענען גרינג צו פארדייען, כדי מ'זאל נישט זיין צו שטארק אנגעגעסן, וואס ברענגט צו גאות.

ביי סעודת המפסקת עסט מען נישט קיין בשר בהמה נאר בשר עוף, אויך עסט מען נישט קיין פיש, אויב וויל מען נאך עפעס עסן נאכ'ן בענטשן, איז בעסער אז פאר'ן בענטשן זאל מען בפירוש ארויסזאגן אז מ'וויל נאך עפעס עסן נאכ'ן בענטשן, בדיעבד אויב מ'האט נאר געטראכט אין הארץ איז אויך גוט, אבער אויב מ'האט שוין געטראכט אין הארץ אז מ'איז שוין מקבל תענית, זענען דא אחרונים וועלכע זאגן אז מ'טאר שוין גארנישט עסן.

## דאס געזונטע לעכט

ס'איז א מנהג אז מען צינדט אן לכבוד יום כיפור א באזונדערע ליכט, וועלכע מ'רופט אן "דאס געזונטע לעכט", מ'צינדט אן איין לעכט פאר א גאנצע משפחה.

דער טעם פארוואס מ'צינדט אן די ליכט איז, ווייל יום כיפור איז משה רבינו אראפגעקומען פון הימל מיט די צווייטע לוחות, און די תורה איז גליך צו א ליכט.

## ברכת בנים והבנות

מ'פירט זיך אז ערב יום כיפור בענטשט דער טאטע אלע זיינע קינדער, ביי די זון זאגט מען ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, און ביי די טעכטער זאגט מען, כשרה רבקה רחל ולאה, מ'איז אויך מתפלל א תפלה צו הקב"ה, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ערליך בתורה ובמצוות

## עניני תשובה

תשובה, איז דער טייטש צוריקקערן, דאס מיינט אז מ'קערט זיך צוריק צו הקב"ה און צו זיין תורה מיט'ן גאנצן הארץ.

ס'שטייט אין רמב"ם, אז דער עיקר פון תשובה זענען פיר זאכן, א) עזיבת החטא, דאס מיינט אז מ'לאזט איבער די עבירה, מער וועט ער נישט זינדיגן. ב) קבלה על העתיד, ער איז זיך באמת מקבל אז ער וועט מער נישט טאן די עבירה. ג) חרטה, דאס מיינט אז עס טוט אים באמת ווי אז ער האט געזינדיגט קעגן דער גרויסן באשעפער, ער פארשטייט אז ער האט נישט גוט געטאן. ד) ווידוי בפה, ער זאגט ארויס ווידוי מיט'ן מויל אז ער האט געזינדיגט, און ער וועט דאס מער נישט טאן

ס'שטייט אין רמב"ם אז תשובה מיינט, דער מענטש האט אזוי שטארק באשלאסן ביי זיך אז ער וועט מער נישט זינדיגן, ביז הקב"ה קען עדות זאגן אז דער מענטש וועט מער נישט טאן די עבירה.

ראשי תיבות פון תשובה

ס'שטייט פון אר"י הקדוש אז דאסווארט תשובה איז ראשי תיבות, ת'ענית [פאסטן] ש'ק [אנטאן א זאק], ו'אפר [לייגן אש אויפן קאפ], ב'כי [וויינען], ה'ספד [קלאגן], די אלע זאכן דארף מען טאן ביים תשובה טאן.

ס'שטייט אין בני יששכר אז היינטיגע צייטן ווען די כוחות פונעם מענטש זענען מער אפגעשוואכט ווי אמאל, איז זייער שווער צו תשובה טאן אויף אזא אופן, דעריבער מוז מען זאגן אנדערש די ראשי תיבות פון תשובה, ת'ורה [לערנען תורה], ש'בת [האלטן שבת אזוי ווי דער דין איז], ו'ידוי [זיך מתוודה זיין], ב'ושה [זיך שעמען מיט די עבירה] ה'כנעה [זיין אונטערטעניג פאר הקב"ה].

דער הייליגער רבי ר' זושא האט געזאגט, רבונו של עולם, זושא האט נישט קיין כח צו טאן תשובה, זושא וועט מקיים זיין די ראשי תיבות פון תשובה ווי פאלגענד, ת'מים תהיה עם ה' אלקיך [זיך פירן מיט תמימות], ש'ויתי ה' לנגדי תמיד [געדענקען שטענדיג אז השי"ת זעט אלע מעשים], ו'אהבת לרעך כמוך [ליב האבן דעם חבר ווי זיך אליינס], ב'כל דרכיך דעהו [אלעס וואס מ'טוט זאל

זיין לשם שמים], ה'צנע לכת עם ה' אלקיך [זיך פירן באשיידן].

עבירות שבין אדם לחבירו

תשובה נוצט נאר אויף עבירות שבין אדם למקום, וואס מ'האט געזינדיגט קעגן באשעפער, אבער אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, איז יום כיפור נישט מכפר ביז מ'בעט איבער דעם חבר.

## יום מחילה וסליחה

דער טאג יום כיפור איז באשטימט געווארן אלס א יום סליחה ומחילה דעם ערשטן יאר ווען די אידן זענען געווען אין מדבר נאכ'ן חטא העגל, ווען הקב"ה האט געזאגט סלחתי כדבריך, און צוליב דעם איז געבליבן דער טאג יום כיפור לדורות עולם אלס א יום סליחה ומחילה.

## צדקה תציל ממות

דער עצם טאג יום כיפור איז מכפר אויף אלע לא תעשה'ס וועלכע זענען נישט קיין חייבי כריתות אדער מיתות בית דין, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט דער ציגעלע וואס מ'האט אוועקגעשיקט צום עזאזל פארציית אויף אלע עבירות פון כלל ישראל אפילו אויף די הארבסטע עבירות ווי כריתות, מיתות בית דין, חילול ה', אבער היינט בעוונותינו הרבים וואס מיר האבן נישט קיין שעיר המשתלח, שטיט אין רבינו יונה אז כדי צו פארעכטן אלע עבירות ביז חילול השם איז די עצה צו טאן צדקה, וואס איז מציל פון יסורין און מיתה.

## דעם הייליגקייט פונעם טאג

ס'שטייט אין די גמרא, אז אין א יאר איז דא 365 טעג (שנות החמה) און דאס ווארט השטן איז בגימטריא 364, צו ווייזן, אז איין טאג אין יאר האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג זיין, דאס איז דער הייליגסטן טאג אין יאר יום כיפור.

אזוי ווי מלאכים

יום כיפור זענען די אידן אין זייערע א הויכע מדריגה, זיי זענען גלייך צו מלאכים, דעפאר זאגט מען אין יום כיפור ברוך שם כבוד וכו' מיט א הויעכן קויל, ווייל ס'שטייט, אז משה רבינו האט דאס נישט געשריבן אין די תורה, ווייל באמת קומט דאס פון די מלאכים, ס'איז נאר צוגענומען געווארן פון זיי, דערפאר זאגט מען דאס א גאנץ יאר שטיל, אבער אין יום כיפור ווען מיר זענען ווי מלאכים, זאגן מיר דאס הויעך.

## נישט אפגעהיטן די אויגן

דער רבי זי"ע האט אמאל געטייטשט אויפ'ן פסוק "פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתיך" (וואס מ'זאגט פאר כל נדרי), אז לכאורה איז שווער דער לשון "ירדו עיני", ס'וואלט געדארפט שטיין ירדו מעיני, די טרערן האט געניידערט פון מיינע אויגן, נאר חז"ל זאגן אז דורכ'ן צומאכן די אויגן קען מען זיך אסאך גרינגער איינהאלטן פון תאוות און עבירות, ווייל אויב מ'האט אפענע אויגן, מ'קוקט איבעראל, ברענגט דאס שווערע נסיונות, דאס קען זיין פשט, "פלגי מים" דאס וואס מיר לאזן טייכן טרערן, איז ווייל "ירדו עיני", די אויגן האבן געהאט א ירידה, מ'האט נישט אפגעהיטן די אויגן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

## יום כיפור - יום הקדוש

דער טאג ווערט אנגערופן יום כיפור, ווייל אין דעם טאג פארציית הקב"ה די עבירות אויף וואס מ'טוט תשובה.

אבער אָן תשובה, איז דער טאג נישט מכפר, אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא, אז אויב איינער זאגט, איך וועל זינדיגן און דער טאג יום כיפור וועט שוין פארצייען, איז יום כיפור נישט מכפר.

אויך ווערט דער טאג אנגערופן יום הקדוש, דער הייליגער טאג, ווייל צוליב גרויס פחד האבן אידן מורא צו דערמאנען דעם נאמען פונעם טאג. (בני יששכר)

## חמשה עינויים

יום כיפור זענען דא עטליכע זאכן וואס מ'דארף טאן כדי זיך צו פייניגען, מ'טאר נישט עסן, טרינקען, וואשן, שמירן, אנטאן שיך, די אלע זאכן זענען שוין אסור פון די שקיעה (15 מינוט נאך זמן הדלקת הנרות)

איסור רחיצה

יום כיפור טאר מען זיך נישט אפוואשן אפילו מיט קיין קאלט וואסער, און מ'טאר אפילו נישט איינטונקען די פינגער אין וואסער, חוץ אויב ס'איז אנגעקלעבט שמוץ מעג מען יא אפוואשן נאר יענעם פלאץ, אינדערפרי טאר מען זיך נישט וואשן דעם פנים, און די הענט מעג מען נאר וואשן ביז נאך די פינגערס.

## מאה ברכות

וויבאלד אין יום כיפור עסט מען גארנישט, פעלט פון די 100 ברכות וואס מ'דארף מאכן יעדן טאג, דעריבער זענען דא וועלכע שמעקן בשמים, אבער מ'דארף אכטונג געבן נישט צו מאכן א צווייטע מאל א ברכה, נאר אויב מ'האט שוין מפסיק געווען א לענגערע צייט פון ווען מ'האט געמאכט די פריערדיגע ברכה, און מען האט שוין מסיח דעת געווען.

## כל נדרי דרשה

דער מנהג איז, אז יום הקדוש פאר כל נדרי זאגט דער רב פון די שטאט אדער א חשוב'ער מענטש דברי מוסר כדי צו דערוועקן דאס הארץ פון די מענטשן, אז מ'זאל אריינקלערן אין וואס פאר א הייליגן טאג מ'גייט אריין, און מ'זאל תשובה טאן אויף אלע עבירות וואס מ'האט געטאן, און מ'זאל אויסנוצן די צייט צו מתפלל זיין אויף פרנסה און אויף אלע פרטים וואס וועט פאסירן מיט'ן מענטש דעם קומענדיגן יאר, און דער עיקר איז צו מתפלל זיין אויף די גאולה שלימה.

עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר

דער רבי זי"ע פלעגט נאכזאגן פון זיין זיידע דער הייליגער ייטב לב וועלכער האט געטייטשט די משנה אין מסכת שבת, א מענטש דארף זאגן אין שטוב ערב שבת פארנאכטס דריי זאכן, עשרתם (ער פרעגט אויב מ'האט גע'מעשר'ט די פירות), ערבתם (אויב מ'האט געמאכט אן עירוב, סיי עירובי תחומין און סיי עירובי חצירות), הדליקו את הנר (ער זאגט אז מ'זאל שוין אנצינדן די ליכט).

קען מען זאגן בדרך רמז, הקב"ה האט אונז געגעבן עשרת ימי תשובה, כדי מ'זאל זיך צוגרייטן צום פארטיגן טאג, אבער ליידער זענען די טעג אדורכגעגאנגען און מ'האט כמעט גארנישט געטאן, יעדער וויסט ביי זיך וויאזוי און מיט וואס ער האט זיך צוגעגרייט.

דאס איז פשט אין די משנה עשרתם, ס'איז שוין אדורכגעגאנגען די עשרת ימי תשובה (עשרתם איז פון לשון עשרת, צען), ערבתם, ס'איז שוין אדורך ערב יום כיפור (ערבתם איז פון לשון ערב), הדליקו את הנר מ'האט שוין אנגעצינדן די גרויסע ליכט אין בית המדרש צום הייליגן טאג יום כיפור, לאמיר זיך איבערטראכטן מיט וואס מיר גייען אריין אין דעם פארכטיגן טאג, מיט וואס פארא מעשים מיר קומען, מיט וויפיל קדושה און תורה מיר קומען, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז דער כהן גדול אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים און ער האט פארציייט אויף די אידישע קינדער, אבער היינט איז ליידער גארנישט געבליבן נאר די הייליגע תורה, לאמיר זיך מקבל זיין צו זיין ערליך, און בעטן פון הקב"ה ער זאל אריינשיינען אין אונזער הערצער אפצולאזן די שלעכטע וועגן, און ער זאל צואיילן די גאולה שלימה.

מ'בעט איבער די ספר תורה

מ'פירט זיך אז פאר מ'הייבט אן צו דאווענען נעמט מען ארויס דעם ספר תורה און מ'קישט דאס, און מ'בעט איר איבער אויף דעם וואס מ'האט עובר געווען במשך דעם יאר, און מ'איז זיך מקבל אז פון היינט און ווייטער וועט מען מקיים זיין די תורה אזוי ווי עס דארף עס צו זיין.

נאר די אידן האבן געוואלט נעמען די תורה ווי באקאנט פלעגט דער רבי זי"ע שטארק איינרייסן יום הקדוש בייגאכט און געזאגט די דרשות מיט בכיות נוראות, ביים איבערבעטן די הייליגע ספר תורה האט ער אמאל געזאגט ווי פאלגענד, תורה תורה מיר בעטן דיך איבער אויף דעם וואס מיר האבן דיך אזוי שטארק פארשעמט, מיר האבן נישט מקיים געווען וואס ס'שטייט אין דיר, מיר האבן דיך נישט געלערנט, מיר האבן נישט געשעצט די וואס לערנען דיך, דעריבער יעצט אינעם הייליגן טאג טראכטן מיר אריין ווי שטארק מיר זענען שולדיג, מיר זאגן צו און מיר זענען זיך מקבל צו פארבעסערן אונזערע מעשים, הייליגע תורה גיי ארויף אויבן אין הימל און דערוועק רחמנות אויף די אידישע קינדער אז זיי זאלן שוין זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט פון דעם ביטערן גלות, ווייל מיר זענען אין א גרויסע צרה, דו זעסט דאך מיר זענען נישט דאס ארגסטע, קיין שום פאלק האט דיך נישט געוואלט מקבל זיין ביים מעמד הר סיני נאר אונז אידן.

## קיטל

יום כיפור פירט מען זיך אנצוטאן א ווייסע קיטל, דער טעם איז צו ווייזן אז יום כיפור זענען מיר גלייך צו מלאכים, נאך א טעם איז, ווייל א קיטל איז א בגד וואס מ'טוט אן פאר די מתים, און ס'איז כדאי אז אין יום כיפור ווען מ'דארף נתעורר ווערן צו תשובה זאל מען זיך דערמאנען דעם יום המיתה.

## כל נדרי

פאר מ'זאגט כל נדרי, שטעלן זיך צוויי חשוב'ע מענטשן נעבן דעם בעל תפלה ביז נאך ברכו, ווייל כל נדרי איז גלייך צו התרת נדרים, וואס מ'דארף האבן א בית דין, און זיי זאגן דריי מאל מיט'ן בעל תפלה דעם שטיקל על דעת המקום וכו' אז זיי זענען מתיר צו דאווענען צוזאמען מיט מענטשן וועלכע האבן עובר געווען עבירות.

דערנאך זאגט מען דריי מאל כל נדרי, יעדעס מאל זאגט מען דאס מיט א העכערע קול, און יעדער זאגט מיט שטילערהייט מיט'ן בעל תפלה.

די אנוסים אין שפאניע

דער התעוררות ניגון ביי כל נדרי שטאמט פון די אנוסים אין שפאניע, זיי פלעגן דאווענען יום כיפור באהאלטן אין קעלערס מיט גרויס ציטערניש אז מ'זאל זיי נישט כאפן, און זיי האבן געזינגען דעם ניגון מיט גרויס געוויין, זיי האבן זיך מתיר נדר געווען די שבועות וואס זיי האבן געדארפט שווערן פאר'ן שפאנישן געריכט צו האלטן דעם גוי'שן גלויבן, און פון דארט איז צושפרייט געווארן דער התעוררת'דיגן ניגון אין אלע פלעצער וואו אידן האבן געוואוינט.

## שהחיינו

פאר מעריב זאגט דער בעל תפלה די ברכה פון שהחיינו, אזוי ווי מ'מאכט די ברכה יעדן יום טוב, אבער יעצט זאגט מען דאס אן א כוס, דער ציבור זאגט שהחיינו צוזאמען מיט'ן בעל תפלה שטילערהייט און זיי ענדיגן שנעלער כדי זיי זאלן קענען עטפערן אמן נאך די ברכה פונעם בעל תפלה, פרויען וועלכע האבן שוין געמאכט ברכת שהחיינו ביים ליכט צינדן, זאגן דאס נישט נאכאמאל.

## מעריב

ווען יום כיפור געפאלט אין שבת זאגט מען מזמור לדוד און לכה דודי אזוי ווי יעדן יום טוב וואס געפאלט אין שבת, דערנאך זאגט מען ברכו מיט'ן התעררות'דיגן נוסח פון די ימים נוראים, ביי קריאת שמע זאגט דער בעל תפלה הויעך ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד און דערנאך זאגט דאס דער גאנצער ציבור, אזוי פירט מען זיך גאנץ יום כיפור.

פאַר שמונה עשרה זאגט מען דעם פסוק כי ביום הזה יכפר עליכם, און אויב יום כיפור געפאלט אין שבת זאגט מען פאר דעם ושמרו בני ישראל וכו', ביי שמונה עשרה זאגט מען זכרנו, מי כמוך, וכתוב, און בספר חיים, אזוי ווי גאנץ עשרת ימי תשובה, ביים סוף פון שמונה עשרה נאך יהיו לרצון וכו' זאגט מען ווידוי אשמנו וכו' און על חטא וכו', נאך שמונה עשרה זאגט מען עטליכע פיוטים, און דערנאך זאגט מען אבינו מלכינו, חוץ אויב ס'געפאלט אין שבת, נאכדעם זאגט מען לדוד מזמור (תהלים קאפיטל

כ"ד) פסוק בפסוק, נאך עלינו זאגט מען די ערשטע פיר קאפיטלער פון תהלים, דערנאך זינגט מען אדון עולם, און מ'זאגט שיר היחוד, אויך איז א גרויסע ענין צו לערנען אין יום כיפור משניות מסכת יומא.

עס זענען דא געהויבענע אידן וועלכע פלעגן בלייבן אין בית המדרש א גאנצע נאכט, און זאגן תהלים, אבער דאס איז נאר פאר די אידן וואס וויסן אז ס'וועט זיי נישט שטערן פונעם דאווענען אינדערפרי מ'פירט זיך אויפצושטיין פאר'ן עלות השחר.

## ברכת השחר, פסוקי דזמרה

פאר'ן דאווענען עפענט מען דעם ארון קודש און דער בעל תפלה זאגט אנעים זמירות, דערנאך זינגט מען אדון עולם מיט'ן באקאנטן ניגון, דערנאך זאגט מען די ברכות הנותן לשכוי וכו', עס זענען דא וועלכע פירן זיך אז צופרי מאכט מען נישט די ברכה שעשה לי כל צרכי, ווייל מ'טוט נישט אָן קיין שיך, נאר מ'מאכט די ברכה מוצאי יום קדוש נאכ'ן אנטאן די שיך.

ס'שטייט אין ספר הקדוש יושר דברי אמת, אז עס זענען מענטשן וועלכע מיינען אז דער עיקר דאווענען ראש השנה און יום הקדוש איז די פיוטים און די יוצרות, און די פסוקי דזמרה דאווענט מען שנעל, ס'איז אבער נישט אזוי, ביי פסוקי דזמרה דארף מען מער מאריך זיין און אינזין האבן וואס מ'רעדט, און מיט דעם איז מען מעלה אלע תפלות פון א גאנץ יאר וואס מ'האט נישט געדאווענט מיט כוונה.

## המלך

ביי נשמת ווען מ'האלט ביי המלך בלייבט דער ציבור שטיל, און דער צווייטער בעל תפלה הייבט אָן צו זינגען אן התעוררת'דיגן ניגון, קודם מיט א נידריגע קול, און צוביסלעך זאגט ער העכער און העכער, דערנאך זאגט ער דאס ווארט המלך מיט א הויעך קול, און דער ציבור זאגט נאך המלך.

נאך ישתבח זאגט מען פסוק ביי פסוק דעם קאפיטל שיר המעלות ממעמקים (תהלים קל).

מ'פירט זיך צו זאגן "כתר" אויך ביי שחרית, אין דעם גרויסן הייליגן טאג זאגט מען פיר מאל כתר, ביי שחרית, מוסף, מנחה און נעילה, מיר אידן דא אויפ'ן עולם השפל מאכן א קרוין פאר הקב"ה צוזאמען מיט די מלאכים פון אויבן.

## קריאת התורה

מ'נעמט ארויס צוויי ספרי תורה, אין די ערשטע ספר תורה זענען עולה זעקס מענטשן (אנדערש ווי יעדן שבת וואס מ'רופט אויס זיבן מענטשן, און אנדערש ווי יום טוב וואס מ'רופט אויס פינף מענטשן), און אין די צווייטע ספר תורה ליינט מען מפטיר אין פרשת פנחס.

מען ליינט די פרשה פון אחרי מות, ווייל ס'שטייט דארט די עבודה וואס דער כהן גדול האט געטאן יום כיפור אין בית המקדש, נאך א טעם, ווייל אין די פרשה שטייט אז די קינדער פון אהרן הכהן זענען נפטר געווארן, און מיר בעטן פון הקב"ה אז דאס זאל זיין א כפרה פאר די אידן, אזוי ווי ס'שטייט אז הקב"ה זאגט, אז מיט'ן עוסק

זיין אין די הסתלקות פון די צדיקים, ווערט דאס פאררעכנט ווי גלייך מ'איז מקריב קרבנות, און איז מוחל די עבירות.

ס'שטייט אין די ספרים אז אויב מ'לאזט פאלן טרערן בשעת מ'ליינט די פרשה פון מיתת צדיקים, איז דאס א סגולה אז די קינדער זאלן נישט שטארבן ביים לעבן פון די עלטערן.

## תפלת מוסף

פאר מ'הייבט אן קדיש פון מוסף זאגט דער בעל תפלה דעם שטיקל הנני העני ממעש, ער איז מתפלל צו הקב"ה אז ער זאל מצליח זיין מיט זיין עבודה, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט דער כהן גדול געטאן די עבודה מיט גרויס פארכט און מיט ריינע מחשבות, און יעצט גייט ער זיין דער שליח ציבור אנשטאט דעם כהן גדול און בעטן אז הקב"ה זאל מוחל זיין די עבירות פון אידן.

עבודת היום

ביי הויכע שמונה עשרה זאגט מען דעם גאנצן סדר העבודה פונעם כהן גדול אין בית המקדש, ווי אזוי ער האט מקריב געווען די קרבנות און פארצייעט אויף די כהנים און אויף די אידן, און ווען מ'זאגט והכהנים והעם וכו' פאלט מען כורעים, דארט וואו מ'זאגט אז די כהנים אין בית המקדש האבן זיך געבוקט הערענדיג דעם כהן גדול ארויסזאגן דעם שם המפורש.

מ'רעכנט אויס אין קורצן ווי גוט ס'איז געווען אין די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען און דער כהן גדול האט געטאן די עבודה מיט גאנצן פראַכט, ווי אזוי דער כהן גדול האט זיך צוגעגרייט און זיך מקדש געווען, און ווי שיין ס'איז געווען ווען דער כהן גדול איז ארויסגעקומען בשלום נאך די עבודה פונעם הייליגן טאג, ס'איז נישט מעגליך זיך פארצושטעלן די גרויסע שמחה

## מ'שרייט צו קעניג ער זאל העלפן

ס'שטייט אין די ספרים אז דערפאר שרייט מען המלך מיט א הויכן קול, ווייל ס'איז גלייך צו איינעם וועלכער איז געפאנגען געווארן דורך רויבערס, און ווען זיי האבן אים דורכגעפירט אין די שטאט נעבן דעם גאס וואו דער קעניג וואוינט, האט ער געשריגן מיט א הויעכן קול "קעניג", וואס האט דערשראקן די רויבערס, און האבן אים אפגעלאזט, אזוי אויך, מיר אידן זענען ליידער געפאנגען ביים יצר הרע, ממילא יעצט ווען דער קעניג איז נענטער צו אונז, שרייען מיר אויס מיט א הויעכע שטימע המלך, כדי דער יצר הרע זאל זיך דערשרעקן און אונז אפלאזן.

וואס יעדער האט געהאט זעענדיג דעם כהן גדול ארויסקומען לעבעדיג פון קודש הקדשים דעם הייליגסטן פלאץ וואו ער נאר ארייינגעגאנגען איין מאל אין יאר, און דער אויבערשטער האט מוחל געווען די עבירות פון אידישע קינדער, מיר בעטן פון הקב"ה אז ער זאל דאס רעכענען כאילו מיר וואלטן היינט אויך געטאן די עבודה, און זאל אונז מוחל זיין די עבירות.

עשרה הרוגי מלכות

אויך דערמאנט מען ביי הויכע שמונה עשרה דעם ביטערן גורל פון די עשרה הרוגי מלכות, די הייליגע תנאים וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם מיט די ערגסטע מיתות משונות, און ס'איז דאס א זכות אויב מ'לאזט פאלן טרערן אויף מיתת צדיקים.

נאך מוסף זאגט מען קדיש שלם מיט א ניגון פון שמחה צו ווייזן אז מ'איז פארזיכערט אז הקב"ה האט אנגענומען אונזערע תפלות לרחמים ולרצון.

## תפלת מנחה

ביי מנחה זאגט מען די פרשה פונעם קרבן תמיד און קטורת, אבער מ'זאגט נישט אשרי ובא לציון, ווייל דאס זאגט מען פאר נעילה, און מ'ליינט סוף פרשת אחרי די פרשה פון עריות, און מ'זאגט די הפטורה פון יונה הנביא, וואו ס'שטייט אז ער האט זיך באהאלטן ווייל ער האט נישט געוואלט מוסר'ן די מענטשן פון די שטאט נינוה אז זיי זאלן תשובה טאן, און ער איז אנטלאפן און מ'האט אים ארויסגעווארפן פון די שיף, און די פיש האט אים איינגעשליגן.

## תפלת נעילה

תפלת נעילה - וואס מ'דאווענט ווען מ'פארמאכט שוין די טויערן - איז זייער א געהויבענע תפלה, אלעס גייט לויט'ן גמר, כאטש מ'שפירט שוין א שוואכקייט פונעם תענית, זאל מען זיך אנשטרענגען און דאווענען מיט גרויס כוונה, און בעטן פון הקב"ה ער זאל אונז פארזיגלען א גוט געבענטשט יאר, ביי נעילה זאגט מען אבינו מלכנו אפילו אויב ס'געפאלט אין שבת, סוף נעילה זאגט מען שמע ישראל, און מ'זאגט דריי מאל ברוך שם וכו', און זיבן מאל ד' הוא האלקים, און איין מאל ה' מלך וכו', קדיש שלם זינגט מען מיט א געוואלדיגע שמחה, האפענדיג אז הקב"ה האט אונז אנגעשריבן א גוט געבענטשט יאר.

## תקיעת שופר

נאך קדיש מ'בלאזט מען א תקיעה, ווייל דאס איז א ענין פון סילוק שכינה, דאס ווייזט אז די שטארקע השראת השכינה גייט צוריק ארויף אין הימל, אזוי ווי מ'געפינט ביי מתן תורה, אז נאכדעם וואס מ'האט געבלאזן מיט א שופר, איז געווען א סימן אז די שכינה איז שוין ארויף אין הימל און מ'האט שוין געמעגט ארויף גיין אויף בארג סיני.

## מ'זאל האבן געפועל'ט אלעס גוטס

נאך מעריב וואונטש מען זיך א גוט יום טוב, און מ'וואונטש זיך איינער דעם צווייטן אז מ'זאל האבן געפועל'ט אלעס גוטס, ס'שטייט אז ס'איז א גוטע סימן אויב ס'איז דא א לבנה מוצאי יום כיפור, מ'ווייזט פון הימל אז די תפלות זענען געווארן אנגענומען, אויב מ'האט נאכנישט מחדש געווען די לבנה פאר יום כיפור איז מען מחדש די לבנה מיט א שמחה, (געווענליך פלעגט דער רבי זי"ע ווארטן מיט קידוש לבנה אויף נאך יום כיפור, ביז ס'האט פאסירט תשל"ח ווען ס'איז געווען זייער רעגענדיג און ס'איז נישט געווען קיין לבנה ביז די ערשטע נאכט סוכות אויף מיט גרויסע נסים, ווייל ווען מ'איז געגאנגען אין בית המדרש צו מנחה האט נאך גערעגנט זייער שטארק, האט ער געזאגט, אז אויב ס'איז דא א לבנה פאר יום הקדוש זאל מען דעמאלט מחדש זיין.

## הבדלה

מוצאי יום הקדוש מאכט מען די ברכה בורא מאורי האש נאר אויף א ליכט וואס האט שוין געברענט פון ערב יום כיפור, אנדערש ווי יעדן מוצאי שבת וואס מ'מאכט אויף נייע פייער וואס מ'האט דעמאלט אנגעצינדן.

דער טעם איז, ווייל מוצאי שבת איז דער טעם פארוואס מ'מאכט די ברכה בורא מאורי האש ווייל ס'שטייט אין מדרש, אז ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן, איז געווען ליכטיג זעקס און דרייסיג שעה ברציפות, צוועלף שעה ערב שבת, צוועלף שעה פרייטאג צו נאכטס, און צוועלף שעה שבת בייטאג, מוצאי שבת ווען דער זון איז אונטערגעגאנגען און ס'איז געווארן פינסטער, האט אדם הראשון מורא געהאט, האט השי"ת אריינגעגעבן אין אים פארשטאנד און ער האט גענומען צוויי שטיינער און זיי געריבן איינע אין די אנדערע, וואס דורכדעם איז ארויסגעקומען פייער, און ער האט געמאכט די ברכה בורא מאורי האש, אבער מוצאי יום כיפור צינט מען אן א פייער צוליב אן אנדערע טעם, צו ווייזן אז א גאנצן טאג האט מען נישט געטארט אנצינדן קיין פייער - נישט ווי יעדן יום טוב וואס מ'מעג יא - און יעצט מוצאי יום טוב מעג מען שוין יא.

ס'שטייט אין ספר ליקוטי מהרי"ח אז ס'איז אן ענין על פי סוד זאל מען בלייבן אנגעטאן מיט'ן קיטל ביז נאך הבדלה.

## לך אכול בשמחה לחמך

מוצאי יום כיפור איז א יום טוב, מ'וואשט זיך צו א סעודה, און מען איז זיך משמח, ווייל ס'גייט ארויס א בת קול פון הימל וואס זאגט, לך אכול בשמחה את לחמך כי כבר רצה אלקים את מעשיך, גיי און עס מיט א שמחה דיין ברויט ווייל הקב"ה האט באוויליגט דיינע מעשים, דעריבער פירט מען זיך צו מאכן א סעודה, און מ'זינגט א ספעציעלע המבדיל (דאס איז נישט די זעלבע המבדיל וואס ס'שטייט ביי מוצאי שבת)

## מאכן די סוכה

מ'פירט זיך אז מוצאי יום כיפור הייבט אן עפעס צו טוען אין די סוכה, כדי מ'זאל ארויסגיין פון איין מצוה צו א צווייטע מצוה.

# יונה הנביא אין שטאט נינוה

דער נביא יונה בן אמתי האט געלעבט אין די צייטן פונעם ערשטן בית המקדש, ער איז געווען א תלמיד פון אלישע הנביא, ער האט נביאות געזאגט אין דער צייט ווען ירבעם דער זון פון יואש איז געווען קעניג.

יונה הנביא האט געשטאמט פון שבט זבולון, ער איז געבוירן געווארן אין די שטאט גת החפר, זיין מאמע האט געשטאמט פון שבט אשר, זי איז געווען די אלמנה פון דער שטאט צרפת וואס ס'שטייט אין ספר מלכים (א' י"ז) אז אין דער צייט ווען ס'איז געווען א הונגער אין ארץ ישראל האט הקב"ה באפוילן פאר אליהו הנביא, ער זאל גיין קיין צרפת און ער וועט געשפייזט ווערן דורך אן אלמנה, זי האט איבערגעגעבן פאר אליהו הנביא דעם אויבערשטן שטאק פון איר הויז, זי האט פארמאגט בלויז איין טעפל מעל און איין קריגל אויל, און אליהו האט איר געזאגט אין נאמען פון הקב"ה, אז די מעל און די אויל וועלן זיך נישט אויסנוצן ביז דער הונגער אין ארץ ישראל וועט זיך אויפהערן.

א צייט שפעטער איז איר זון יונה שטארק קראנק געווארן און איז געשטארבן, און אליהו הנביא האט מתפלל געווען אויף אים און איז ווידער לעבעדיג געווארן, בזכות פון איר צדקה וואס זי האט געטאן מיט אליהו הנביא.

ליידער אסאך עובדי עבודה זרה

אין די צייטן פונעם ערשטן בית המקדש זענען לײדער געווען זייער אסאך אידן וועלכע האבן געדינט עבודה זרה, דער יצר הרע פון עבודה זרה איז געווען זייער גרויס, ביז אנפאנג פון בית שני ווען די אנשי כנסת הגדולה האבן געבעטן רחמים און די יצר הרע פון עבודה זרה איז בטל געווארן.

אויך אין די צייטן פון יונה הנביא האבן לײדער רוב אידן געדינט עבודה זרה, און האבן נישט צוגעהערט צו די נביאים וועלכע האבן געווארנט אז אויב זיי וועלן נישט תשובה טאן וועלן זיי פארטריבן ווערן אין גלות, דעמאלט איז נגזר געווארן אויף די עשרת השבטים אז זיי זאלן פארטריבן ווערן פון ארץ ישראל דורך מלך אשור.

ער זאל ווארענען די מענטשן פון נינוה

השי"ת האט געזאגט צו יונה הנביא, ער זאל גיין צו דער גרויסער שטאט נינוה, וועלכע איז געווען די הויפט שטאט פון אשור, און זאל ווארענען די איינוואוינער אין נאמען פון הקב"ה אז זיי זאלן תשובה טאן.

די שטאט נינוה איז שוין דעמאלט אלט געווען מער ווי טויזענט יאר, ס'איז געבויט געווארן אין די צייטן פון דור הפלגה, כאטש עס האבן דארט געוואוינט גוים, פלעגן זיי אבער ביז דעמאלט נישט דינען קיין עבודה זרה און נישט גזל'נען, (ע"ז און גזילה איז אויך אסור פאר א בן נח), זיי האבן מורא געהאט פון הקב"ה, אבער אין די צייט פון יונה הנביא זענען די גוים געווארן שטארק זינדיג, זיי האבן זיך אויפגעפירט ממש ווי סדום, זיי האבן געדינט עבודה זרה, און גע'גזל'ט און געטאן כל דבר אסור, דערפאר האט הקב"ה גוזר געווארן אז די שטאט זאל איבערגעדרייט ווערן אזוי ווי סדום.

הקב"ה האט אבער קודם געוואלט ווארענען די מענטשן, אפשר וועלן זיי יא תשובה טאן, דערפאר האט הקב"ה באפוילן פאר יונה הנביא ער זאל גיין קיין נינוה און זיי ווארענען אז זיי זאלן תשובה טאן.

געוואלט אנטלויפן קיין תרשיש

אבער יונה הנביא האט נישט געוואלט גיין, צוליב זארג אז אויב די גוים וועלן תשובה טאן, וועט דאס ברענגען א קיטרוג אויף די אידן, וועלכע האבן נישט געפאלגט די נביאים וועלכע האבן זיי כסדר געווארנט אין נאמען פון הקב"ה אז זיי זאלן אפלאזן די עבודה זרה'ס און אנדערע עבירות, און האבן נישט צוגעהערט, דערפאר האט יונה באשלאסן צו אנטלויפן קיין חוץ לארץ קיין תרשיש, כדי הקב"ה זאל אים נישט נאכאמאל באפעלן צו גיין קיין נינוה, ווייל די נבואה רועט נאר אים אין ארץ ישראל.

יונה איז געגאנגען צו דער פּאָרט אין די שטאט יפו, און האט געפינען א שיף וועלכע איז גרייט צו פארן קיין תרשיש, יונה איז געווען אן עושר און וויבאלד ער האט געוואלט אז די שיף זאל תיכף פּאָרן און נישטווארטן אויף נאך פאסאזשירן ביז דער שיף ווערט פיל, דעריבער האט ער אויסגעצאלט דעם פרייז פון דער גאנצער שיף, וואס האט באטראפן דעם ריזיגן סכום פון פיר טויזענט גולדן.

די שיף האט זיך טאקע גלייך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, און ווי נאר ס'איז ארויסגעשווימען פונ'ם פּאָרט, האט הקב"ה געמאכט אז ס'האט געבלאזן א שטארקער שטורם, די וואלן פון ים האבן זיך געהויבן העכער און העכער, און די שיף האט זיך געווארפן אהער און אהין, זייענדיג אין סכנה פון צובראכן ווערן.

די מענטשן וועלכע זענען געווען אויפ'ן שיף זענען זייער דערשראקן געווארן, כדי צו פארגרינגערן די לאסט פון די שיף וואס וועט אפשר פארגרינגערן דאס פּאָרן, האבן זיי אלע אריינגעווארפן זייערע חפצים אינעם ים, און יעדער האט אנגעהויבן צו מתפלל זיין צו זיין אפגאט ער זאל זיי מציל זיין פון די סכנה.

שטיי אויף און רוף צו דיין באשעפער

יונה איז אראפגעגאנגען אינעם אינטערשטן חלק פונעם שיף און האט זיך געלייגט שלאפן אין א ווינקל, ווען דער שיפס קאפיטאן האט דאס געזען, האט ער געפרעגט, פארוואס שלאפסטו, שטיי

אויף און רוף צו דיין באשעפער, אפשר וועט ער רחמנות האבן אויף אונז, מיר זאלן נישט אומקומען.

אין דער זעלבער צייט זענען אויפ'ן זעלבן ים געפארן אנדערע שיפן, און אלע זענען געפארן רואיג אן קיין שום שטער, ווען די מענטשן האבן דאס געזען, האבן זיי געזאגט איינער צום אנדערן, אז די סכנה איז זיכער נאר וועגן די זינד פון איינע פון די מענטשן וואס פאָרן אויף דעם שיף, דעריבער זאל מען ווארפן א גורל אויסצוגעפינען ווער ס'איז דער זינדיגער, זיי האבן געווארפן גורל, און ס'איז אויסגעפאלן אויף יונה הנביא.

די מענטשן האבן געפרעגט יונה, וואס איז דיין ארבעט, פון וועלכן לאנד קומסטו, און פון וועלכן פאלק ביסטו, האט יונה געענטפערט, איך בין א איד, איך בין א קנעכט צו הקב"ה וואס האט באשאפן די טריקעניש און דעם ים, האבן זיי אים געפרעגט, וואס האסטו געטאן אז צוליב דיר איז געקומען אזא סכנה, האט זיי יונה דערציילט, אז ער איז א נביא פון הקב"ה און ער וויל אנטלויפן קיין חוץ לארץ כדי הקב"ה זאל אים נישט נאכאמאל באפעלן צו גיין קיין נינוה, ווען די מענטשן האבן דאס געהערט, האבן זיי זיך זייער דערשראקן, און האבן אים פאָרגעהאלטן היתכן ער האט דאס געטאן.

מ'האט אים אריינגעווארפן אין ים

דערנאך האבן זיי געפרעגט יונה, וואס איז די עצה אז דער ים זאל אויפהערן צו שטורעמען, האט יונה געזאגט, די איינציגסטע עצה איז, אז מ'זאל אים אויפהייבן און אריינווארפן אין ים, נאר דאס וועט מאכן אז דער ים וועט שטיל ווערן און אויפהערן צו שטורעמען.

די מענטשן האבן אבער מורא געהאט דאס צו טאן, דעריבער האבן זיי קודם פרובירט צו פירן דעם שיף צו דער טריקעניש, אבער זיי האבן נישט געקענט צוליב דעם גרויסן שטורעם, זיי האבן איינגעזען אז זיי האבן נישט קיין שום אנדערע עצה צו געראטעוועט ווערן, נאר דורכ'ן אריינווארפן יונה אינעם ים.

זיי האבן גערופן צום הקב"ה און געזאגט, מיר בעטן דיך, מיר זאלן נישט געשטראפט ווערן אויף דעם וואס מיר וועלן טאן צו יונה, זאלסט אונז נישט באשולדיגן דערויף, ווייל דו הקב"ה פירסט דאך אלעס, און לויט די יעצטיגע אומשטענדן האבן מיר נישט קיין אנדערע ברירה.

די מענטשן האבן גענומען יונה און אים ארייגעווארפן אין  ים, און תיכף דערנאך האט זיך דער שטורעם איינגעשטילט, די כוואליעס האבן מער נישט געשטורעמט די שיף.

ס'שטייט אין פרקי דרבי אליעזר, אז די מענטשן האבן אים נישט געוואלט תיכף אריינווארפן אין וואסער, נאר קודם האבן זיי אים אנגעכאפט ביי די הענט און אריינגעלאזט אין וואסער נאר ביז צו די קני, און דער ים איז באלד שטיל געווארן, האבן זיי אים צוריק ארויפגעשלעפט צום שיף, און דער שטורעם האט זיך ווידער אנגעהויבן, האבן זיי אים אריינגעלאזט אין ים אביסל טיפער, האט דער שטורעם אויפגעהערט, האבן זיי אים נאכאמאל ארויפגענומען, גלייך דערנאך האט זיך דער שטורעם באנייט, נאכדעם האבן זיי אים אריינגעלאזט אין ים ביז צום האלז, האט דער שטורעם אויפגעהערט, און ווען זיי האבן אים ארויפגעצויגן, איז דער שטורעם צוריקגעקומען, ווען זיי האבן דאס געזען, האבן זיי זיך קלאר איבערצייגט אז דער שטורעם איז טאקע נאר צוליב יונה, דעריבער האבן זיי אים אינגאנצן אריינגעווארפן אין ים, און דער שטורעם איז איינגעשטילט געווארן.

הקב"ה פירט די וועלט

ווען די מענטשן פון די שיף האבן דאס געזען, האבן זיי זיך איבערצייגט אז הקב"ה פירט די וועלט, און אלע געשעענישן אין דער וועלט איז מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט, און הקב"ה צאלט פאר יעדן לויט זיינע מעשים.

זיי האבן אלע באקומען גרויס פארכט פאר הקב"ה, זיי האבן זיך פארגענומען צו ברענגען קרבנות פאר הקב"ה אין בית המקדש, און האבן זיך מקבל געגווען צו טיילן צדקה פאר ארימעלייט, און האבן אוועקגעווארפן זייערע אפגעטער און האבן געמאכט א נדר, אז זיי וועלן זיך מגייר זיין און ווערן אידן, ס'שטייט אין זוהר הקדוש אז זיי האבן זיך אלע מגייר געווען און געלערנט תורה, און געווארן גרויסע חכמים.

דער פיש האט אים איינגעשלונגען

אין דער צייט וואס יונה איז געווען אין ים, האט הקב"ה אנגעגרייט דעם גרויסן פיש וואס איז באשאפן געווארן אין ששת ימי בראשית ער זאל איינשלינגען יונה הנביא כדי ער זאל נישט דערטרונקן ווערן, דער פיש האט אים איינגעשלונגען און יונה איז דארט געווען דריי טעג און דריי נעכט.

ס'שטייט אין מדרש אז יונה איז אריין אינעם מויל פונעם פיש אזוי ווי איינער שפאצירט אריין אין א גרויסן בית הכנסת, די צוויי אויגן פון פיש זענען געווען אזוי ווי צוויי פענסטער, און ס'איז געווען ליכטיג ווי עס וואלט געברענט צוויי ליכט, עס זענען דא וואס זאגן אז אינעם פיש איז געווען א בריליאנט שטיין וועלכע האט ליכטיג געמאכט אזוי ווי די זון אין חודש תמוז, און יונה האט דורכדעם געזען אלעס וואס עס טוט זיך אינעם ים.

איך וועל דיך ראטעווען פונעם לויתן

ס'שטייט אין פרקי דרבי אליעזר, אז דער פיש וואו יונה האט זיך געפינען האט געזאגט צו יונה, יעדן טאג עסט דער לויתן אן אנדערע גרויסן פיש פון ים, ס'איז באשטימט פון הקב"ה וועלכן פיש ער זאל עסן יעדן טאג, און די פישן ווייסן דאס פון פאראויס, זאלסט וויסן אז היינט איז געקומען דער טאג וואס דער לויתן פיש דארף מיך אויפעסן.

האט יונה געזאגט צום פיש, זארג דיך נישט, שווים צוזאמען מיט מיר צום לויתן, און איך וועל דיך ראטעווען אז ער זאל דיך נישט אויפעסן, דער פיש איז געשווימען מיט יונה צום לויתן.

ווען זיי זענען אנגעקומען, האט יונה געזאגט צום לויתן, איך בין אהער געקומען צו זען דיין וואוינונג וואו דו געפינסט זיך, ווייל לעתיד לבוא וועל איך צובינדן א שטריק צו דיין קאפ און דיך ארויסשלעפן פון ים און צוגרייטן פון דיר די סעודה וואס הקב"ה וועט מאכן פאר די צדיקים, ווען דער לויתן האט דאס געהערט, איז ער אנטלאפן פון דארט א וועג פון צוויי טאג ווייט.

### דער פיש האט אים געוויזן אלעס אים ים

דערנאך האט יונה געזאגט צום פיש, אזוי ווי איך האב דיך געראטעוועט פונעם לויתן, בעט איך דיך אז דו זאלסט מיר ווייזן אלעס וואס איז דא אין ים, דער פיש האט אים געוויזן דעם ים אוקינוס און דעם ים סוף און דעם גיהנום, און דעם אבן שתיה און די קינדער פון קרח ווי זיי שטייען אויף און בעטן צו השי"ת.

ווען יונה האט געזען די קינדער פון קרח בעטן צו הקב"ה, האט יונה געטראכט אז ער וועט אויך בעטן פון הקב"ה אז ער זאל אים ארויסנעמען פונעם פיש.

### ממעמעקים קראתיך ה'

האט יונה מתפלל געווען און געזאגט ווי פאלגענד, רבונו של עולם איך בין אין א געוואלדיגע צרה, איך ווייס אז הקב"ה וועט מיר העלפן, ווייל אויב איך געפין זיך שוין אינעם פיש דריי טעג און נעכט און איך לעב נאך, איז דאס א באווייז אז הקב"ה וויל מיך נישט פארלאזן, דעריבער פון אינעווייניג פון פיש וואס איז פאר מיר ווי א געפענגעניש פון קבר שריי איך צו דיר, און איך בין זיכער או דו הערסט אויס מיין געבעט, דו האסט מיך אהערגעווארפן אין דעם טיפעניש און שטארקייט פון ים, אלע וואלן וואס צוברעכן דעם ים זענען אריבער אויף מיר אריבער.

ווען דו וועסט מיך מציל זיין, וועל איך ברענגען פאר דיר קרבנות אין בית המקדש מיט געזאנג און לויב, דיך צו דאנקן פאר דער ישועה וואס קומט שטענדיג נאר פון דיר און נישט פון קיין אנדערן.
יונה האט זיך מקבל געווען אז אויב וועט ער ניצול ווערן, וועט ער גלייך גיין קיין נינוה און איבערגעבן די נבואה וואס השי"ת האט אים באפוילן.

### דער פיש האט אים אויסגעשפיגן

השי"ת האט צוגעהערט יונה'ס געבעט, און האט געמאכט אז דער פיש איז צוגעשווימען צו די יבשה, און האט אויסגעשפיגן יונה 968 (ניין הונדערט אכט און זעכציג) פרסאות ווייט אויף דער טריקעניש.

דערנאך האט הקב"ה נאכאמאל געזאגט צו יונה, גיי צו דער גרויסער שטאט נינוה און זאלסט זיי איבערזאגן די רייד וואס איך וועל דיר זאגן, יונה האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג און איז געקומען צו דער שטאט נינוה, ער איז אריין אין דער שטאט און האט אויסגערופן אין נאמען פון השי"ת, אז אין פערציג טעג ארום וועט די שטאט איבערגעקערט ווערן אזוי ווי די שטאט סדום.
ס'שטייט אין מדרש, אז די שטאט נינוה איז געווען גרויס אזוי לאנג ווי עס דויערט צו גיין פערציג טעג, דער שטאט האט פארמאגט צוועלף גאסן, און אין יעדע גאס האבן געוואוינט 120000 (הונדערט און צוואנציג טויזענט) מענטשן, אין יעדער פון די צוועלף גאסן האט געהאט אין איר צוועלף קליינע גאסן, און אין יעדן פון די קליינע גאסן איז געווען צוועלף הויפן, אין יעדן הויף איז געווען צוועלף הייזער, און אין יעדן הויז האבן געוואוינט צוועלף גבורים און יעדער פון זיי האט געהאט צוועלף קינדער.
ווען יונה הנביא איז געשטאנען אין איין גאס און אויסגערופן צו די מענטשן אז זיי זאלן תשובה טאן, האט זיך געהערט זיין שטימע אין דער גאנצער שטאט.

### יעדער האט תשובה געטאן

די מענטשן פון שטאט האבן געגלייבט די נבואה פון יונה, ווייל עס האבן דארט געוואוינט עטליכע פון די מענטשן וועלכע זענען געווען צוזאמען מיט יונה אויפ'ן שיף אנטלויפענדיג קיין תרשיש, און האבן עדות געזאגט אז מ'האט אים אריינגעווארפן אין ים און ער איז געראטעוועט געווארן דורך ניסים, צוליב דעם האבן זיי געגלייבט אז יונה'ס נבואה איז אמת, און זיי האבן אויסגערופן אין די שטאט, אז יעדער זאל פאסטן, אלע מענטשן פון קליין ביז גרויס האבן זיך אנגעטאן זעק אלס א סימן פון תשובה און הכנעה פאר'ן באשעפער פון דער וועלט.
דער קעניג פון נינוה איז געווען אסנפר, ווען ער האט געהערט די נבואה פון יונה, איז ער אויפגעשטאנען פון זיי שטול און האט אראפגענומען פון זיך די קעניגליכע קליידער, און האט באפוילן אז מ'זאל אויסרופן אין די שטאט, אין נאמען פונעם קעניג און זיינע מיניסטארן, אז קיין שום מענטש אין די שטאט זאל נישט עסן און טרינקען, און יעדער זאל זיך צודעקן מיט א זאק, יעדער זאל מתפלל זיין און בעטן הקב"ה מיט'ן גאנצן הארץ און זיך אפקערן פון די שלעכטע מעשים און פון די גזילות וואס מ'האט געטאן ביז יעצט, אפשר וועט הקב"ה זיך דערבארימען און וועט צוריקציען זיין צארן.
אלע מענטשן פון נינוה האבן טאקע תשובה געטאן מיט'ן גאנצן הארץ, און יעדער האט צוריקגעגעבן אלע גע'גזל'טע זאכן צום ריכטיגן בעל הבית, אויב איינער האט גע'גזל'ט ציגל און דאס אריינגעבויעט אין א פאלאץ, האט ער צעווארפן דעם גאנצן פאלאץ כדי צוריקצוגעבן די גזילה, אויב איינער האט געהאט אין זיין וויינגארטן גע'גזל'טע פלאנצונגען האט ער דאס אויסגעריסן און צוריקגעגעבן, זיי האבן צוריסן די קליידער וועלכע זענען געווען געוועבט מיט גע'גזל'טע פאדים און צוריקגעגעבן די גזילה.

### די גזירה איז בטל געווארן

השי"ת האט געזען אז זיי האבן אמת'דיג תשובה געטאן און אפגעלאזט זייערע שלעכטע מעשים, האט ער מבטל געווען די גזירה, יונה האט זיך שטארק מצער געווען דערויף, ווייל דאס קען ברענגען א קטרוג אויף די אידן, די גוים הערן יא אויס די רייד פון נביא און טוען גלייך תשובה, און די אידן הערן נישט אויס די ווערטער פון די נביאים.

אויך האט ער געהאט צער אז די גוים וועלן מיינען אז ער איז א נביא שקר, ווייל ער האט דאך נביאות געזאגט "נינוה נהפכת" אז נינוה וועט זיך איבערקערן, און דערווייל איז דאס געבליבן, האט אים הקב"ה געזאגט אז נהפכת קען אויך מיינען אז ס'וועט ווערן איבערגעקערט פון שלעכטן צום גוטן, זיי וועלן תשובה טאן.

האט יונה געבעטן פון הקב"ה, רבונו של עולם נעם צו מיין נשמה פון מיר, ווייל דער טויט איז מיר בעסער ווי דאס לעבן, ווייל יונה האט נישט געקענט צוקוקן ווי די גוים טוען תשובה און די אידן נישט, און דאס וועט ברענגען א גרעסערע שטראף אויף די אידן.

אויפגעשטעלט א סוכה

יונה איז ארויסגעגאנגען פון די שטאט און זיך געזעצט ביי מזרח זייט פון שטאט, און האט דארט אויפגעשטעלט א סוכה און איז געזעסן אונטער איר שאטן ער האט געוואלט זען וואס ס'וועט געשען מיט די שטאט, צו זיי וועלן זיך צוריקקערן צו זייערע שלעכטע מעשים, און ס'וועט ווערן איבערגעדרייט, אדער נישט.

אביסל שפעטער איז די סוכה געווארן פארטריקנט, און ער האט געהאט צער פון דער זון וואס האט אויף אים שטארק געשיינט, און עס זענען געקומען צו אים אסאך פליגן און קליינע קריכעדיגע וועלכע האבן אים געביסן.

קקיון דיונה

האט הקב"ה געמאכט ארויסוואקסן א ברייטן געוואוקס נעבן יונה'ן וואס הייסט קקיון, דאס וואקסט זייער הויעך און פארמאגט אסאך צווייגן און גרויסע בעלטער, ס'האט א גוטן גערוך און עס מאכט א גרויסן שאטן הינטער זיך, עס זענען געווען אויפ'ן קקיון 275 (צוויי הונדערט פינף און זיבעציג) בלעטער, יערער בלעטל איז געווען לאנג פיר איילן און א טפח, פיר מענטשן האבן געקענט זיצן הינטער דעם שאטן פון קקיון.

דער קקיון איז ארויסגעוואקסן אין איין נאכט, און ס'האט געמאכט א שאטן העכער יונה'ס קאפ, און די זון האט מער נישט געשיינט אויף אים, און די פליגן האבן אים מער נישט געביסן, און יונה איז געווארן בשמחה.

א ווערימל האט דאס דורכגעלעכערט

אבער זיין שמחה האט נישט צו לאנג אנגעהאלטן, ווייל דעם אנדערן צופרי ווען עס הייבט אן צו טאגן, האט א ווערימל דורכגעלעכערט דעם אונטערשטן טייל פון קקיון און דורך דעם איז דער גאנצער קקיון פארטריקנט געווארן, דערנאך ווען די זון האט אויפגעשיינט, האט הקב"ה געשיקט א שטארקן מזרח ווינט וואס הייסט חרישות, דער ווינט איז זייער א ווארימער און עס בלאזט מיט א גרויסן שטורעם וואס קען טויב מאכן די אויערן, (דערפאר ווערט דאס אנגערופן חרישות, פון לשון חרש), דער ווינט האט אוועקגעבלאזן מיט זיך דאס איבערגעבליבענע פון קקיון און אויך די סוכה, אזוי ארום איז יונה פארבליבן אונטערן פרייען הימל אן א שאטן, יונה איז געווארן אפגעשוואכט און פאר'חלש'ט פון די היץ פון דער זון און די ווארימע ווינט, און ער האט געשפירט אז עס וואלט אים בעסער געווען דער טויט ווי איידער צו ליידן מיט אזעלכע יסורים.

מ'דארף רחמנות האבן

האט הקב"ה געפרעגט יונה, ביזט זיך שטארק מצער אויף דעם קקיון וואס איז פארטריקנט געווארן, האט יונה געזאגט, עס טוט מיר ווי ביז צום טויט, האט הקב"ה אים געזאגט דו ביזט דיך מצער אויפ'ן פארלוסט פון א קקיון וואס דו האסט בכלל נישט געארבעט דערויף אז ס'זאל וואקסן, און בלויז אין איין נאכט איז עס ארויסגעוואקסן און די אנדערע נאכט איז עס שוין פארלוירן געווארן, איז דאך זיכער אז איך דארף רחמנות האבן אויף די גרויסע שטאט נינוה וואס וואוינען דארט מער ווי הונדערט און צוואנציג טויזנט מענטשן און א סאך בהמות.

יונה הנביא האט מאריך ימים געווען, און האט געלעבט מער ווי הונדערט און צוואנציג יאר, ער האט אויפגעבויט א שול אין לאנד אשור.

די גאנצע שטאט איז חרוב געווארן

למעשה האט נישט צו לאנג אנגעהאלטן די תשובה פון נינוה, בערך מיט הונדערט יאר שפעטער האבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייערע שלעכטע מעשים, און אין די צייטן פון מנשה בן חזקיה המלך, האט דער נביא נחום האלקושי נביאות געזאגט אז דער שטאט נינוה וועט חרוב ווערן, און ניינצן יאר פאר'ן חורבן ירושלים האט נבוכדנאצר מלך בבל איינגענומען דאס קעניגרייך פון אשור און האט חרוב געמאכט די שטאט נינוה.

אין זכות פון אשור

ס'שטייט אין מדרש, אז דאס וואס האט הקב"ה געשיקט א נביא צו מחזיר בתשובה זיין נינוה, א זאך וואס אנדערע גוי'אישע פעלקער האבן נישט זוכה געווען דערצו, איז געווען אינעם זכות פון אשור, דער גרינדער פון נינוה וועלכער איז געווען אן ערליכער, ווען נמרוד האט געמאכט ווידערשפעניגן די גאנצע וועלט קעגן הקב"ה צו בויען דעם טורעם ביי דור הפלגה, איז אשור אוועקגעגאנגען וואוינען פון דארט צוליב דעם כבוד פון באשעפער, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (בראשית י' י"א) מן הארץ ההוא יצא אשור, דער זכות איז אים בייגאשטענען, אז זיינע קינדער זאלן געראטעוועט ווערן.

די אידן דארפן זיכער זיין ערליך

ס'שטייט אין די מפרשים, אז די מעשה פון יונה איז פארשריבן געווארן אין תנ"ך, כאטש די נבואה איז נישט געזאגט געווארן צו די אידן, נאר בלויז צום פאלק אשור, כדי מ'זאל זיך אראפלערנען דערפון א מוסר השכל, און מ'זאל טראכטן אויב די גוים וועלכע האבן נישט מקבל געווען די תורה, דאך האבן זיי גלייך תשובה געטאן, איז דאך זיכער אז דאס אידישע פאלק וואס הקב"ה האט אויסגעוועלט אלס זיין איינציג געליבט פאלק, און ער טוט מיט אונז שטענדיג נסים ונפלאות, דארפן מיר אוודאי אפהיטן תורה ומצוות און טאן דעם רצון הבורא ברוך הוא.

# מעשיות

### מבטל געווען די ביטערע גזירה

ערב יום הקדוש אין יאר תקי"ח האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע געזען אז ס'איז דא אין הימל א גרויסער קטרוג, און מ'וויל גוזר זיין אז מ'זאל חלילה אוועקנעמען פון אידישע קינדער די תורה שבעל פה.

דעם גאנצן טאג ערב יום כיפור איז דער הייליגער בעל שם טוב געווען זייער פארטרויערט, און אין די נאכמיטאג שעות האט ער נישט אויפגענומען קיין מענטשן וואס זענען געקומען נעמען א ברכה פון אים.

### מען וויל ח"ו צונעמען די הייליגע תורה

פארנאכטס איז דער הייליגער בעל שם טוב אריינגעקומען אין בית המדרש און געזאגט א כל נדרי דרשה און געשריגן, "מען וויל אונז צונעמען די הייליגע תורה, וויאזוי וועט מען זיך קענען האלטן אפילו א האלבע טאג אָן די תורה?", און דער בעל שם טוב האט געזאגט אז דאס קומט אלס עונש וויל מ'לערנט נישט תורה לשמה.

יום כיפור ביינאכט ווען מ'האט געענדיגט דאווענען, האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט אז דער קטרוג איז געווארן שטערקער, און דער בעל שם טוב האט געבעטן אז אינדערפרי זאל מען אנהייבן דאווענען זייער פרי, אז מ'זאל קענען דאווענען נעילה ווען ס'איז נאך טאג און ער זאל האבן צייט צו מבטל זיין די גזירה.

### געזאגט א דרשה בעפאר נעילה

בעפאר נעילה האט דער הייליגער בעל שם טוב נאכאמאל געזאגט א מוסר דרשה און ער האט זייער שטארק געוויינט, און דערנאך איז דער בעל שם טוב צוגעגאנגען צום עמוד צו נעילה.

אין די הייליגע טעג ביים דאווענען האט דער הייליגער בעל שם טוב זיך געפירט אז ער פלעגט נישט אריינקוקן אין מחזור, נאר ר' יעקיל פון מעזעבוזש האט פארגעזאגט די פיוטים פונעם מחזור און דער בעל שם טוב האט אים נאכגעזאגט.

ווען מען איז אנגעקומען ביי נעילה צום פיוט **פתח לנו שער בעת נעילת שער**, האט דער הייליגער בעל שם טוב נישט נאכגעזאגט וואס ר' יעקב האט געזאגט. ווען ר' יעקב האט געזען אז דער בעל שם טוב זאגט נישט נאך, האט ער איבערגעזאגט דעם פיוט נאכאמאל, און ווען ער האט געזען צום צווייטן מאל אז דער בעל שם טוב זאגט נישט נאך, איז ר' יעקב געווארן שטיל.

דער הייליגער בעל שם טוב האט זיך איינגעבויגן דעם קאפ אויף אראפ און אנגעהויבן צו מאכן פארכטיגע תנועות. די תלמידים האבן זיך זייער דערשראקן און געוואלט אונטערהאלטן דעם הייליגן בעל שם טוב, אבער זיי האבן מורא געהאט צוצוגיין, האבן זיי געבעטן הרה"ק רבי וואלף קיצעס זי"ע זאל צוגיין צום רבי'ן.

רבי וואלף קיצעס איז צוגעגאנגען צום בעל שם טוב און אריינגעקוקט אין זיין פנים, און ער האט געוואונקען פאר'ן עולם אז מ'זאל גארנישט טון. נאך צוויי שעה האט זיך דער בעל שם טוב אויפגעכאפט פון זיין דביקות און ווייטער געדאווענט.

מוצאי יום כיפור ביים טיש האט דער בעל שם טוב דערציילט פאר די תלמידים ווי פאלגנד:

### ארויפגעטראגן אלע תפילות

ווען כ'האב מיך געשטעלט דאווענען נעילה, בין איך ארומגעגאנגען אויבן אין הימל פון איין היכל צום אנדערן אָן קיין שום אפהאלט, ביז איך בין אנגעקומען צו א היכל וואו כ'האב געהאט נאך איין טויער אריינצוגיין צו קענען אנקומען צו השי"ת.

אין יענע היכל האב איך געטראפן תפילות פון פופציג יאר וואס האבן נישט געהאט קיין עליה, און וויבאלד מיר האבן דעם יום כיפור געדאווענט מיט גרויס כוונה, האבן אלע תפילות פון דעם היכל געהאט אַן עליה, און יעדע איינציגסטע תפילה האט געלאכטן ווי דער מארגנשטערן.

ווען כ'האב געפרעגט די תפילות - האט דער הייליגער בעל שם טוב ווייטער דערציילט - פארוואס זיי זענען נישט ארויף פריער, האבן זיי מיר געענטפערט אז מען האט זיי באפוילן אז זיי זאלן אויסווארטן ביז ווען איך וועל זיי ארויפטראגן. האב איך געזאגט פאר די תפילות "קומט מיט מיר".

### א מלאך האט ארויפגעלייגט א שלאס

דער טויער איז געווען אפן און איז געווען גרעסער פון די גאנצע וועלט, און ווען איך האב אנגעהויבן צו גיין מיט די תפילות צום ריכטונג פונעם גרויסן טויער - האט דער בעל

שם טוב ווייטער געזאגט צו די תלמידים - איז געקומען א מלאך און ארויפגעלייגט א שלאס אויפ'ן טויער.

דער שלאס וואס דער מלאך האט געשטעלט אויפ'ן טיר איז געווען אזוי גרויס ווי גאנץ מעזעבוזש. איך האב אנגעהויבן צו דרייען דעם שלאס עס צו עפענען, אבער כ'האב נישט געקענט, בין איך געלאפן צו מיין רבי'ן דער נביא אחי' השילוני און כ'האב אים געזאגט אז אידן זענען אין א גרויסע צרה און מען לאזט מיר נישט אריין...

האט מיר מיין רבי געזאגט, "אין אַן אנדערע צייט וואלט איך מיר נישט געוואגט אריינצוגיין, אבער יעצט וועל איך גיין מיט דיר, און אויב איך וועל האבן א מעגליכקייט, וועל איך עפענען פאר דיר דעם טויער".

**געגאנגען צום היכל פון משיח**

מיין רבי אחי' השילוני האט פרובירט צו דרייען דעם שלאס, אבער ער האט עס אויך נישט געקענט עפענען, האט מיר מיין רבי געזאגט, "וואס קען איך דיר טון?".

האב איך געזאגט צו מיין רבי'ן, "רבי, וויאזוי לאזטו מיר איבער אין אזא עת צרה?". האט אחי' השילוני געענטפערט, "לאמיר גיין צום היכל פון משיח, אפשר וועט פון דארט קומען די ישועה".

**איך מוז נאכגעבן דיין פארלאנג**

איך בין געגאנגען צוזאמען מיט מיין רבי'ן צום היכל פון משיח - האט דער בעל שם טוב ווייטער דערציילט - און ווען משיח האט מיר געזען פונדערווייטנס, האט ער מיר געגעבן צוויי אותיות, און ווען איך בין געקומען צום טויער, האב איך געקענט עפענען דעם שלאס און אריינגיין, און צוליב די גרויסע שמחה וואס אלע תפילות זענען נתעלה געווארן, איז דער קטיגור אינגאנצן פארשטומט געווארן און איך האב שוין בכלל נישט געמוזט מער טענה'ן, און די גזירה איז בטל געווארן. ס'איז נאר געבליבן א קליינער צייכן פון די גזירה.

דער בעל שם טוב האט צוגעלייגט, אז ווען ער איז געווען אינעם היכל קן ציפור (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש ווערט דער היכל אויבן אין הימל וואו משיח געפינט זיך אנגערופן היכל קן ציפור), האט ער געהערט דעם קול פון השי"ת כביכול וואס זאגט אים, "וואס זאל איך טון אז איך מוז טון דיין רצון און נאכגעבן דיין פארלאנג".

*

די געשיכטע אונטער די גזירה וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט מבטל געווען יענעם יום כיפור ביי נעילה, איז געווען ווי פאלגנד:

**דער כת "פראנקיסטן" ימ"ש**

ווי באקאנט האבן די אידן דורכאויס די יארן געליטן פון עטליכע משיחי שקר. איינער דערפון איז געווען שבתי צבי ימ"ש וועלכער האט יעדן איינגערעדט אז ער איז דער אויסלייזער פון די אידן. ער האט מסביר געווען אז צייטן האבן זיך געטוישט, ס'איז שוין דא א נייע תורה [רחמנא ליצלן] און מ'דארף שוין מער נישט איינהאלטן די תורה וואס מ'האט באקומען אויפ'ן בארג סיני [עפרא לפומיה].

זעענדיג די גרויסע סכנה וואס שבתי צבי ימ"ש איז פאר'ן כלל ישראל זענען די ערליכע אידן ארויס קעגן אים מיט א שווערע מלחמה ביז ס'איז זיי געלונגען אים אונטערצוברענגען.

נאך די טויט פון שבתי צבי ימ"ש, איז ליידער אויפגעשטאנען א גרופע וועלכע האבן זיך גערופן "פראַנקיסטן" - אויפ'ן נאמען פון דער הויפט פון דער כת יעקב פראנק ימ"ש - און זיי האבן געגלייבט אינעם משיח שקר שבתי צבי ימ"ש.

דער רשע יעקב פראנק האט זיך דערקלערט אלס נביא. ער האט געהאט אין זיך גרויסע כוחות הטומאה און ער האט געמאכט וואונדערליכע מופתים פון וואס אסאך מענטשן זענען פארנארט געווארן.

אויך מיט די פראַנקיסטן האבן די הייליגע צדיקים - אין שפיץ פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע - געפירט א שטארקע מלחמה ביז זיי זענען געווארן אונטערגעברענגט פון כלל ישראל.

**אנגעהעצט דעם בישאָף**

אין יאר תקט"ז האבן די גדולי ישראל אויסגערופן א חרם אויף די פראַנקיסטן. דער חרם איז פארשפרייט געווארן אין אלע קהילות אין פוילן, און די ערליכע אידן זענען ארויס אין א פייערדיגע מלחמה קעגן די פראנקיסטן.

אבער די פראנקיסטן ימ"ש האבן נישט אזוי שנעל אויפגעגעבן. נאכ'ן ארויסגעבן דעם חרם קעגן זיי, זענען די פראנקיסטן געפארן צום שטאט קאמעניץ וואו ס'האט געוואוינט א בישאָף דאַמבּאָווסקי, א גרויסער שונא ישראל (דער בּישאָף איז דער העכסטער פירער נאך דעם פויפסט, וועלכער איז דער גרעסטער פירער פון די קאַטוילישע גוים), און זיי האבן געהעצט קעגן דעם תלמוד בבלי. זיי

האבן גע'טענה'ט אז אין די גמרא שטייט אסאך זאכן קעגן די גוים.

דער בּישאָף האט זייער הנאה געהאט אז ער האט געטראפן א געלעגנהייט צו טשעפענען מיט די אידן, דעריבער האט ער געזאגט פאר די ערליכע רבנים אז ער וויל אז זיי זאלן פירן א וויכוח מיט די פראנקיסטן און מ'וועט זען ווער ס'איז גערעכט.

**ארויסגעגעבן דעם פסק דין**

די אידן האבן נישט געהאט קיין ברירה און אום ג' חשון אין יאר תקי"ח איז פארגעקומען א וויכוח צווישן די ערליכע אידן מיט די פראנקיסטן, און נאך דער וויכוח האט דער בּישאָף געשריבן זיין פסק דין, וואו ער שרייבט אז ביי די וויכוח איז אויפגעוויזן געווארן די שלעכטס פון די אידישע גמרא [עפרא לפומיה] און דעריבער דארף מען פארברענען אלע גמרות רח"ל.

דער בּישאָף האט באפוילן מ'זאל אנפאנגען ארומצוגיין צו אלע שטעט און דערפער וואו עס וואוינען אידן, און מ'זאל גיין אין די שולן, אין די ספרים געשעפטן און אין פריוואטע הייזער, און מ'זאל צונעמען אלע גמרות, די ספרים פון די פוסקים, און די ספרי קבלה, און מ'זאל דאס איבערגעבן פאר די אנפירער פון די קלויסטער.

אויך האט דער בּישאָף ארויסגעגעבן א גזירה אז פון יעצט און ווייטער אויב מ'וועט טרעפן א איד לערנען תורה שבעל פה, וועט מען אים פאר'משפט'ן פארברענט צו ווערן לעבעדיגערהייט צוזאמען מיט זיין גמרא רחמנא ליצלן.

דעם אנדערן טאג ד' חשון אין יאר תקי"ח האט מען אין די שטאט קאמעניץ - אויפ'ן באפעל פונעם בּישאָף - ליידער פארברענט פילע הייליגע גמרות אין די מארק אינמיטן שטאט.

די מעשה האט אויפגעשוידערט די אידן אין גאנץ פוילן, ווייל פונקט אין יענע צייט איז דאַמבּאָווסקי געווארן אויפגענומען אלס דער בּישאָף אין די שטאט לעמבערג - וועלכע איז געווען דער הויפט-שטאט פון פוילן, און מ'האט מורא געהאט אז די גזירה פון פארברענען די גמרות וועט זיך ח"ו צושפרייטן איבער גאנץ פוילן.

**צוזאמגענומען אלע גמרות**

גלייך נאכדעם האט דאַמבּאָווסקי באפוילן פאר'ן הויפט גלח ער זאל שוין באפעלן פאר אלע גלחים זיי זאלן ארויסשיקן שלוחים איבער אלע שטעט און מ'זאל צוזאמנעמען אלע אידישע ספרים און דאס פארברענען אין א גרויסן פייער אינעם צענטער פון די שטאט לעמבערג.

אויפ'ן באפעל פון די גלחים האבן צענדליגער גוים אין גאנץ פוילן זיך ארויסגעלאזט צו די אידישע בתי מדרשים און הייזער צוזאמצונעמען די ספרים, און א גרופע גוים האבן אויפגעבויעט א גרויסן פייער טורעם אין צענטער פון די שטאט לעמבערג וואו מ'האט זיך געגרייט אריינצואווארפן אלע אידישע ספרים און דאס פארברענען רח"ל.

במשך די קומענדיגע טעג האבן צענדליגער אנדערע גוים זיך ארויסגעלאזט איבער אלע שטעט צו פארשפרייטן דעם פערזענליכער איינלאדענונג פונעם בּישאָף אריבערצוקומען קיין לעמבערג אויפ'ן באשטימטע טאג צו צוזען מיט די אייגענע אויגן ווי טויזנטער אידישע ספרים וועלן ארויפגיין אין פלאמען רח"ל, און נאכדעם וועט מען אויך קענען צורויבן די אידישע פארמעגנס.

אין די קומענדיגע טעג האבן טויזנטער גוים אנגעהויבן צו שטראמען קיין לעמבערג, צו קענען מיטהאלטן מיט די אייגענע אויגן דעם זעלטענע געשעעניש וואו מ'וועט פארברענען די אידישע ספרים, און אויך צו קענען רויבן און זיך אנפילן די טאשן פון די אידישע פארמעגנס.

ווען די רבנים האבן געהערט איבער די ביטערע גזירה, האט מען אין אלע שטעט באשטימט צו פאסטן און תשובה טון אז די גזירה זאל בטל ווערן. אין די גרויסע שטעט ווי בראד, זאלקאווא, לעמבערג, האט מען באשטימט דעם תענית אויף ערב ראש חודש כסלו, און אלע אידן האבן מתפלל געווען און אייגעריסן אז די גזירה זאל בטל ווערן.

**דער פייער ברענט שוין**

אין דעם באשטימטן טאג צוועלף אזייגער אינמיטן טאג האבן די גלאקן פון די קירכע זיך צוקלינגען מיט א הויכן קול אלס צייכן אז דער צערעמאניע פאנגט זיך אן, און דער בּישאָף וועט באלד אנקומען צום צערעמאניע פון פארברענען די אידישע ספרים.

לויט'ן באפעל פונעם בּישאָף דאַמבּאָווסקי האט מען שוין גלייך אינדערפרי אנגעצינדן דעם פייער, און נאך פאר דאַמבּאָווסקי איז אנגעקומען, האט שוין דער גלח וועלכער איז געווען באשטימט אויפ'ן פייער אנגעהויבן צו פארברענען עטליכע בענדער פון די אלע גמרות וואס מ'האט צוזאמגענומען פון אלע אידישע קהילות, און די

גוים האבן אנגעפולט א גרויסן גרוב מיט בערך טויזנט בענדער פון ש"ס גרייט צום פארברענען רחמנא ליצלן.

אין דער צייט ווען מ'האט אנגעצינדן דעם פייער האט זיך דאַמבּאָווסקי געזעצט צו א גרויסע סעודה צו פייערן זיין גרויסע הצלחה, און נאך די סעודה איז דאַמבּאָווסקי ארויסגעפארן פון זיין פאלאץ אין דער באגלייטונג פון אסאך גלחים, זייענדיג שטארק פרייליך און אויפגעלייגט אז ער זעט א נקמה אין די אידן (זיין פלאן איז געווען ארויסצוגעבן א בוך וואו עס וועט באשריבן ווערן זיין גרויסע נקמה אין די אידן).

**באפוילן מען זאל זיך צוריק דרייען**

ווען דער בּישאָף דאַמבּאָווסקי ימ"ש איז אנגעקומען אינמיטן שטאט צום פלאץ וואו דער פייער האט געברענט, האט ער פלוצלינג אנגעהויבן צו פילן א שוואכקייט אין זיין קערפער, און ער האט באפוילן מען זאל צוריק דרייען דעם וואגן און אים צוריק אהיימטראגן צו זיין פאלאץ.

אנקומענדיג אהיים האט מען גערופן א דאקטער וואס זאל אונטערזוכן דעם בּישאָף צו זען די סיבה פון די פלוצימדיגע שוואכקייט וואס האט אים אנגעכאפט.

דער דאקטער האט אים אונטערגעזוכט און געפרעגט אויב דער בּישאָף האט היינט געטרינקען וויין. ווען די באדינער האבן געענטפערט אז ניין, האט דער דאקטער באפוילן מ'זאל דערלאנגען פאר'ן בּישאָף א גלעזל וויין, ווייל די אלקאהאל וועט ארויסברענגען די שלעכטע באצילן פונעם קערפער, און דאס וועט מאכן אז דער בּישאָף וועט זיך גוט שפירן.

**אראפגעפאלן פון זיין שטול**

ווען מ'האט דערלאנגט א גלעזל וויין פאר דאַמבּאָווסקי און ער האט דאס געוואלט טרינקען, האט זיך דער גלעזל פלוצלינג צובראכן אין זיינע הענט, און בשעת דאס האט זיך צובראכן האט דאס ארויסגעגעבן גאר א שטארקן קול, עס האט זיך געהערט ממש ווי מ'האט געשאסן מיט א באמבע אינעם שטוב וואו ער האט זיך געפונען.

דערנאך איז דאַמבּאָווסקי פלוצלינג אראפגעפאלן מיט א שטארקן קראפט פון זיין שיינעם שטול, און מען האט אים געטראפן ליגן אויף דער ערד עטליכע אמות ווייט פון זיין שטול, זיך וואלגערנדיג פון גרויסע יסורים.

**די ספרים שלאגן אים**

ליגנדיג אויף דער ערד האט דער בּישאָף דאַמבּאָווסקי זיך גענומען האקן זיין קאפ אויף דער ערד מיט א שטארקן כח. די גלחים זענען שנעל צוגעלאפן און געשפריצט וואסער אויף זיין פנים אים צו דערמונטערן. ווען ער איז געקומען אביסל צו די כוחות, האבן די גלחים אים געוואלט אויפהייבן פון דער ערד. זיי האבן אים געפרעגט פארוואס ער האקט זיין קאפ אויף דער ערד, ס'איז דאך שרעקליכע יסורים. האט דער בּישאָף זיי געענטפערט, "איר זעט נישט ווי די אידישע ספרים שטייען דא? איר מיינט אז זיי זענען פארברענט געווארן, אבער ס'איז נישט אזוי, נאר די ספרים מאכן מיר שרעקליכע יסורים און זיי שלאגן מיר מכות אכזריות".

די גלחים האבן אויפגעהויבן דעם בּישאָף פון דער ערד און אים געוואלט צוריק ארויפזעצן אויף זיין שטול, אבער ער איז צוגעלאפן צום וואנט און זיך דארט געהאקט דעם קאפ מיט א שטארקן כח, ביז ס'איז גערינען פון אים בלוט, און ער האט געשריגן אז קיינער זאל זיך נישט וואגן שלעכטס צו טון פאר די אידן, ווייל ווער עס הייבט זיך אָן מיט די אידן שניידט אפ שלעכט און ביטער.

**די אידן זענען א הייליג פאלק**

ווען די גלחים האבן געזען אז עפעס גאר מאדנע האט פאסירט מיט דאַמבּאָווסקי, האבן זיי אים גענומען און איינגעשפארט אין א שטוב אז ער זאל זיך אביסל בארואיגן, אבער דאַמבּאָווסקי איז אויפגעשפרינגען פון זיין בעט און צוגעלאפן צום טיר און פרובירט ארויסצוגיין פון זיין שטוב.

ווען ער האט געזען אז די טיר איז פארשלאסן, האט ער דאס אויפגעבראכן מיט גרויס כעס און איז ארויסגעלאפן אין גאס צום פלאץ וואו דער פייער איז פארגעקומען און דארט געשריגן מיט קולות אז מ'זאל נישט טשעפענען די אידן ווייל זיי זענען א הייליג פאלק.

ווען דאַמבּאָווסקי איז אהיימגעקומען, איז ער געווען זייער אויסגעמוטשעט און ער האט זיך אריינגעלייגט אין בעט און זיך דארט געוואלגערט מיט שרעקליכע יסורים. גאנצע דריי טעג איז ער געלעגן אין בעט, און במשך די דריי טעג האט ער עטליכע מאל געשריגן, "ווער שלאגט מיר?! ווער שלאגט מיר?!".

נאך דריי טעג ווען זיינע יסורים האבן אביסל נאכגעלאזט, האט דאַמבּאָווסקי געזאגט צו די גלחים, "וואס מיינט איר, איר מיינט אז די שטוב איז אנגעפולט מיט מורישקעס,

דאס זענען בכלל נישט קיין מורישקעס, דאס זענען אותיות פון די אידישע ספרים וואס איך האב באפוילן צו פארברענען, אט שטייען זיי דא און זיי פילן אן די גאנצע שטוב".

די גלחים האבן זיך זייער געוואונדערט אויף די מאדנע ווערטער, ווייל זיי האבן גארנישט געזען אין שטוב עפעס אויסערגעווענליך, און זיי האבן געשמועסט צווישן זיך אז דער בִּישאָף איז משוגע געווארן און ער ווייסט נישט וואס ער רעדט...

דאַמבּאָווסקי האט אבער ווייטער געשריגן מיט אלע כוחות אז ער זעט קלאר ווי מורישקעס ווילן אים קומען שעדיגן, און ער האט נישט קיין רגע מנוחה פון די בייסיגע מורישקעס.

אויך האט ער געשריגן אז ער זעט ווי די אידן קומען צו אים מיט פאקלען אין זייערע הענט און זיי ווילן אים פארברענען לעבעדיגערהייט, אזוויי ער האט באפוילן צו פארברענען די אלע הייליגע ספרים.

**זאפארט מבטל זיין די גזירה**

דאַמבּאָווסקי האט באפוילן פאר זיינע גלחים אז מ'זאל זאפארט מבטל זיין די גזירה פון פארברענען די גמרות, און מ'זאל באצאלן פאר די אידן פון זיינע אוצרות די ווערד פון אלע ספרים וואס איז געווארן פארברענט.

נישט האבנדיג קיין ברירה האבן די גלחים אויסגעפירט דעם באפעל פונעם בִּישאָף, און ווי פארשטענדליך איז געווארן א גרויסע שמחה ביי אלע אידן, און דאס איז געווען דער געשפרעך פונעם טאג איבעראל - סיי ביי די אידן און סיי להבדיל ביי די גוים - אז דער באשעפער פון די אידן האט באוויזן וואונדער צו באשיצן און אפהיטן אז מ'זאל ח"ו נישט פארברענען זיין הייליגע תורה.

(שפעטער האבן די צדיקים מצליח געווען אינגאנצן מבטל צו זיין דעם כת פון די פראנקיסטן. זעה אין ספר אז תתענג לחודש כסלו-טבת, ביי די סיפורים פון הרה"ק רבי יצחק שור מגוואזדיץ זי"ע בעל כח שור - כ"ט טבת).

אט דאס אלעס האט דער בעל שם טוב געזען יענעם יאר בעפאר יום כיפור, און יום כיפור ביי נעילה האט דער הייליגער בעל שם טוב געטאן זיין הייליגע עבודה און פאראורבעט אין הימל ביז ער האט באוויזן צו מבטל זיין די גזירה פון אידישע קינדער. (שבחי הבעל שם טוב, זכות אבות)

***

**דער סאלדאט האט מבטל געווען דעם קטרוג**

אמאל פסח ביינאכט ביים סדר האט דער הייליגער מונקאטשער רב בעל מנחת אלעזר זי"ע דערציילט די פאלגנדע מעשה:

**דער שווערער קטרוג איז בטל געווארן**

איינמאל יום כיפור האט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש קדושת לוי געזען מיט זיינע הייליגע אויגן אז אין הימל הערשט א גרויסער קטרוג אויף אידן רח"ל, און קיינער פון די מליצי יושר אויבן אין הימל האבן נישט וואס צו ענטפערן אויף דעם שווערן קטרוג, און דעריבער שוועבט א גרויסע סכנה אויף אידן אין דעם קומענדיגן יאר.

שפעטער אין טאג, ווען עס איז געקומען צו נעילה, האט דער בארדיטשובער רב געזען אז דער קטרוג איז שוין גענצליך בטל געווארן, אבער ער האט נישט געוואוסט דורך וועמען עס איז בטל געווארן.

דער הייליגער קדושת לוי האט געפאסט פילע תעניתים און מתפלל געווען אז מען זאל אים אנטפלעקן פון הימל ווער עס איז געווען דער מענטש וועלכער האט מבטל געווען דעם שרעקליכן קטרוג דעם פארגאנגענעם יום כיפור, האט מען אים אנטפלעקט פון הימל אז א אידישער סאלדאט פון דער רוסישער ארמיי איז געווען דער וועלכער האט מבטל געווען דעם גרויסן קטרוג.

**געפארן צו די סאלדאטן**

דער בארדיטשובער רב האט זייער געוואלט קענען דעם סאלדאט און זען זיין עבודה. דעם קומענדיגן יאר בעפאר יום כיפור איז דער הייליגער קדושת לוי געפארן צום שטאט וואו די סאלדאטן האט זיך געפונען און ער האט זיך נאכגעפרעגט וואו די אידישע סאלדאטן דאווענען, ווייל ער וויל דאווענען מיט זיי אום יום כיפור.

די ארטיגע אידן האבן אים אפגערעדט, זאגנדיג, אז עס פאסט נישט אז אזא גרויסער מענטש ווי דער בארדיטשובער רב זאל דאווענען אינאיינעם מיט סאלדאטן וועלכע זענען זייער פראסטע מענטשן.

האט דער בארדיטשובער רב געפרעגט, ווער עס איז דער בעל תפילה ביי דעם מנין פון די סאלדאטן. האבן זיי געזאגט, אז דער בעל תפילה איז אויך א סאלדאט, וואס ער איז אביסל אין א העכערע מדריגה אין אידישקייט ווי

זיינע חברים די איבריגע סאלדאטן, אבער ער איז נישט צופיל מער פון זיי, דעריבער פאסט נישט אז דער בארדיטשובער רב זאל דאווענען מיט זיי. האט דער בארדיטשובער רב געזאגט, אז כאטש נעילה וויל ער דאווענען מיט די סאלדאטן.

**די דרשה פאר נעילה**

עס איז טאקע אזוי געווען. דער הייליגער בארדיטשובער רב האט זיך צוגעאיילט מיט זיין עבודה דעם גאנצן טאג פון יום כיפור, און ווען ער האט געהאלטן בעפאר נעילה איז ער געגאנגען צו דעם פלאץ וואו די סאלדאטן האבן געדאווענט.

**לאמיר מתפלל זיין אויף "יתגדל ויתקדש שמיה רבא"**

אנקומענדיג אהין האט דער הייליגער בארדיטשובער רב געזען ווי די סאלדאטן גרייטן זיך שוין זיך צו שטעלן דאווענען נעילה, און איידער זייער בעל תפילה, דער סאלדאט, איז צוגעגאנגען צום עמוד, האט ער זיך געשטעלט רעדן צו זיינע חברים עטליכע רייד פון התעוררות און געזאגט ווי פאלגנד:

"רבותי! דער אידישער פאלק איז נעבעך צוזייט און צושפרייט צווישן די פעלקער, און אלע אידן דאווענען אין דעם הייליגן און פארכטיגן טאג, יעדער איינער דאווענט פאר זיינע אייגענע געברויכן, דער איז מתפלל פאר פרנסה, דער איז מתפלל פאר זיינע קינדער, אבער אונז סאלדאטן, אויף וואס זאלן מיר מתפלל זיין צום מלך מלכי המלכים? אויף פרנסה דארפן מיר זיך דאך נישט זארגן, ווייל די מיליטער באזארגט אונז מיט אלע אונזערע געברויכן, א פרוי מיט קינדער האבן מיר דאך אויך נישט, איז דאך געבליבן פאר אונז נאר די איין זאך, צו מתפלל זיין אויף יתגדל ויתקדש שמיה רבא!", און נאכ'ן ענדיגן די 'דרשה' האט דער סאלדאט אפגעדאווענט גאנץ נעילה.

ווען דער הייליגער בארדיטשובער רב האט געהערט די ווערטער פון דעם סאלדאט, האט ער שוין פארשטאנען אז דורך די הייליגע רייד פון דעם סאלדאט - וואס איז ארויסגעקומען פון טיפעניש פון זיין הארץ, און אלע זיינע חברים די סאלדאטן זענען דורכדעם נתעורר געווארן צו דאווענען בלויז פאר'ן הייליגן נאמען פון השי"ת - זענען בטל געווארן אלע קיטרוגים קעגן די אידן און כלל ישראל האט געהאט א גוט געבענטשט יאר. (ספר תולדות רבינו, מונקאטש, אות קטז)

**א גאסט וועמען קיינער קען נישט**

דער הייליגער ישועות יעקב דער לעמבערגער רב זצ"ל האט דערציילט, אז אין די ערשטע יארן נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין די שטאט יעראסלאוו נעבן זיין שווער וועלכער האט אים געשטיצט אז ער זאל קענען לערנען רואיג, האט פאסירט אז איינמאל ערב יום כיפור ממש פארנאכטס, איז אנגעקומען קיין יעראסלוו א איד, וועלכער קיינער האט אים נישט געקענט, מ'האט געזען אויף זיין פנים אז ער האט א געוואלדיגן פחד פונעם יום הדין.

דער גאסט איז תיכף צוגעגאנגען צום עמוד, און האט אנגעהויבן צו דאווענען מיט א געוואלדיגע התעוררות, כאטש עס זענען געווען דארט באשטימטע בעלי תפלות פון די פריערדיגע יארן, אבער יום הקדוש האט קיינער נישט געוואלט מאכן קיין מחלוקת און אוועקשיקן דעם גאסט, און אויסער דעם האט דאך יעדער געזען אז דא האנדלט זיך וועגן גאר א חשוב'ער מענטש.

זיין דאווענען איז געווען מיט א מורא'דיגע ערנסקייט, יעדער איז שטארק נתעורר געווארן, פון יעדעמס אויגן האבן זיך געגאסן טייכן טרערן, דער גאסט האט געענדיגט כל נדרי, און דערנאך האט ער געדאווענט ביים עמוד מעריב, און דערנאך פארגעזאגט אלע פיוטים, און שיר היחוד, דערנאך האט ער געזאגט ביים עמוד גאנץ תהלים, און ווען ער האט געענדיגט תהלים איז שוין געווארן ליכטיג, ער איז ווייטער געבליבן ביים עמוד און האט געדאווענט שחרית, דערנאך איז ער ארויף אויפ'ן בלעמער און האט געליינט אין די תורה, יעדער וועלכער האט נאר געזען זיין צורה איז נתעורר געווארן צו געוויין און צו תשובה, דערנאך האט ער ווייטער געדאווענט ביים עמוד מוסף. אלע מענטשן האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי א מענטש קען דאס באוויזן, יעדער האט געטראכט מסתמא איז דער גאסט א מלאך, ווייל דאס איז דאך ממש איבער מענטשליכע כוחות, צו יעדעמנס וואונדער איז ער געבליבן ביים עמוד ווייטער אויך ביי מנחה, און דערנאך האט ער תיכף - אן קיין שום הפסקה - אנגעהויבן נעילה, ער האט געדאווענט נעילה מיט אזא התעוררות וואס זיי האבן נאך אין זייער לעבן נישט געהערט, ס'איז נישט געווען קיין טרוקן אויג אין בית המדרש, דערנאך האט ער געבלאזן שופר, און ער האט אויך געדאווענט מעריב.

**זיך דערקוויקט דאס הארץ מיט מסכת סוכה**

נאכ'ן זען אזא עבודה, האט יעדער באשלאסן אז דער גאסט איז זיכער א מלאך, נאך מעריב איז דער שווער פונעם ישועות יעקב צוגעגאנגען צום גאסט און אים געלאדענט צו זיך, ער זאל אויספאסטן ביי אים אין שטוב, דער גאסט האט אנגענומען די איינלאדענונג, דערציילט דער ישועות יעקב אז ער איז געווען זייער נייגעריג צו זען ווי אזוי דער מלאך וועט זיך פירן ביי זיין שווער אין שטוב, דעריבער איז ער אויך אהינגעגאנגען.

מ'האט מכבד געווען דעם גאסט צו מאכן הבדלה, נאכ'ן ענדיגן הבדלה האט ער זיך אראפגעזעצט און געזאגט, אז ער שפירט א שוואכקייט, מ'זאל אים ברענגען עפעס צו שטארקן זיין הארץ, הערנדיג דאס האט דער ישועות יעקב געטראכט, אז דער גאסט איז נישט מער ווי א מענטש, ער דארף אויך עסן ווי א אנדערע מענטשן. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארן - זאגט דער ישועות יעקב - ווען מ'האט געברענגט פאר'ן גאסט אביסל פירות זיך צו דערכאפן דאס הארץ, האט ער דאס אוועקגעשטופט און געזאגט, נישט מיט פירות קען איך שטארקן מיין הארץ, ברענגט מיר ביטע א גמרא מסכת סוכה.

ווען מ'האט אים געברענגט א סוכה גמרא, האט ער זיך גענומען לערנען מיט א געוואלדיגן ברען, דער ישועות יעקב דערציילט אז ער האט זיך באהאלטן אין א דערנעבענדיגן צימער צו זען ביז ווען דער גאסט וועט לערנען, אבער פון גרויס מידעקייט איז ער איינגעשלאפן, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, איז שוין געווען אביסל ליכטיג, און ער האט געזען אז דער גאסט לערנט נאך, און ער האלט שוין ביים סוף מסכת סוכה, און נאכדעם איז ער גאגאנגען דאווענען שחרית.

דערנאך איז מען געוואויר געווארן אז דער גאסט איז דער הייליגער צדיק איז געווען הרה"ק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב, בעל מחבר ספר הקדוש קדושת לוי.



# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון סג • שנה ב

**יום כיפור**

תשפ"ד


## פארווארט

הרה"ק ר' איציקל פון פשעווארסק זצ"ל האט פארציילט די קומענדיגע מעשה וואס ער האט אליין געהערט פון ציעשנובער רב זצ"ל וואס ער האט עס געהערט פון שיניאווער רב זצ"ל וואס האט עס געהערט פון זיין טאטען דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל וואס האט עס געהערט פון הרה"ק מראפשיץ זצ"ל וואס האט עס געהערט פון זיין הרה"ק דער חוזה פון לובלין וואס האט עס געהערט פון זיין רבין דער הייליגער נועם אלימלך זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל וואס האט עס געהערט פון זיין רבין דער מגיד פון מעזריטש זי"ע

איינמאל האט דער מגיד פון מעזריטש געבעטן פון הימל אז ער וויל זעהן ווער עס גייט זיין שכן אין גן עדן, האט מען אים געוויזן עפעס א פאסטאך אין א ווייטער שטאדט, איז דער מגיד אהין געפארן און ער האט געטראפן דעם פאסטאך ביי א פעלד וואס האט א קליינע טייך און ער שפרינגט אהין און צוריק און ביי יעדע שפרונג שרייט ער 'טמא – טמא'

האט אים דער מגיד געפרעגט וואס איז פשט דערפון? האט דער פאסטאך אים געזאגט אז ער ווייסט נישט גארנישט, און ער וויל טאהן א נחת רוח פארן באשעפער און אזוי ווי ער קען נאר דיווארט 'טמא' זאגט ער עס א גאנצן טאג.

עס האט זייער באנק געטאהן דעם מגיד פארוואס ער זאגט כאטש נישט א אנדערע שענערע ווארט, און ער האט אויסגעלערנט דעם פאסטאך צו זאגן די ווארט 'טהור', דער פאסטאך וואס איז ליידער געווען זייער אומוויסענדיג זיך נישט געקענט אויסלערנען די נייע ווארט 'טהור', און איז נעבעך געווארן צומישט צווישן 'טהור' און טמא', און אזוי האט ער ניטש געקענט מער זאגן קיין איין ווארט נישט 'טהור' און נישט 'טמא'.

דער מגיד האט גלייך געזען אז אין הימל פעלט שוין די נחת רוח פונעם פאסטאך און גלייך האט אים דער מגיד צוריקגעגעבן רשות ער זאל צוריק אנהייבן זאגן די ווארט 'טמא', ווייל ער האט געזען די גרויסע נחת רוח וואס דער פאסטאך האט געמאכט אין הימל מיט זיין זאגן די ווארט 'טמא' און נישט געוואלט עס זאל חס ושלום אפגעשטעלט ווערן.

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין מאריך זיין אין די גרויסקייט פון הייליגע אותיות פון תורה ותפלה און ווי אזוי אונז קענען בעטן צו זוכה זיין דערצו. (מרשימת אבי מורי שליט"א מוצ"ש משפטים בסעודת מלוה מלכה בעיר דאוואס). **זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבנו וחתמנו בספר בחיים.**

## דְּרוּשׁ לְיוֹם כִּפּוּר

### תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק. / א דיוק אינם פסוק לִפְנֵי ד'. / א דיוק אין די תפלות פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים און וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים.

[ב]

די באשאפונג פונעם וועלט מיט די רוחניות'דיגע אותיות. / די אותיות הקדושות זענען מעורר א מענטש.

[ג]

צוליב די פגם הלשון זעהט מען נישט די אור הקדוש אין די אותיות. / די תיקון פון וידוי אויף די פגם הלשון. / די תפילה פון וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים. / צוויי מדריגות אין די אורות פון די אותיות הקדושים די כְּתִיבָה און חֲתִימָה.

[ד]

די בקשה פון כתבנו לחיים. / די בקשה פון תפילת נעילה חָתְמֵנוּ לְחַיִּים.

[א]

### לשון הפסוק

**כִּי בַּיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וְגוֹ' לִפְנֵי ד' תִּטְהָרוּ**[א] (ויקרא טז, ל) ווייל אין דעם טאג וועט דער כהן בעטן פאר א פארגעבונג פאר ענק אייך צו רייניגן פון אלע אייערע זינד - פארן באשעפער זאל איר זיך רייניגן.

> **דְּרוּשׁ לְיוֹם כִּפּוּר**
>
> **כִּי בַּיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וְגוֹ' לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ** (ויקרא טז, ל).

א. די לשון הפסוק איז: כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם **לִפְנֵי** ד' תִּטְהָרוּ.


**גליון זה נתנדב ע"י**

הרה"ח ר' **שמואל דוד טויב** שליט"א

לזכות הב' הח' **יחיאל אלטער** בן **רייזיל** - להצלחה ולזיווג הגון בקרוב

ולע"נ הרה"ק ר' **אברהם דוב בער** ב"ר **דוד** מאווריטש **בעל מחבר ספר בת עין** זי"ע

ולע"נ הרה"ק ר' **ישעי'** ב"ר **משה** זי"ע

ולע"נ הרה"צ ר' **עמרם** ב"ר **שמואל דוד** זצ"ל

ולע"נ **אברהם מאיר** ב"ר **יהודה** ע"ה

## א דיוק אינם פסוק לִפְנֵי ד'

**לְהָבִין מַהוּ 'לִפְנֵי ה'' דַּוְקָא** מען דארף פארשטיין וואס די תורה מיינט דא עקסטער מיטן זאגן 'לִפְנֵי ה'' – פארן אייבערשטן.

## א דיוק אין די תפלות פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים און וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים

**גַּם לְהָבִין מַה זֶּה שֶׁאֲנַחְנוּ מִתְפַּלְּלִים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים** אויך דארפן אונז פארשטיין וואס אונז דאווענען א גאנצע עשרת ימי תשובה די תפלה פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים, **וּבְסוֹף שֶׁהוּא תְּפִלַּת נְעִילָה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים** און צום סוף ביי די תפילת נעילה טוישט מען די נוסח און מען זאגט וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים, **מַה הִיא הַכְּתִיבָה וּמַה הִיא הַחֲתִימָה** וואס איז די 'כתיבה' און וואס די 'חתימה', **וְכִי עֵדִים צְרִיכִים לַחְתּוֹם הַשְּׁטָר** איז דען דאס ווי א שטר וואס עדות דארפן אונטערשרייבן אויף דעם אז ס'ווערט אנגערופן א חֲתִימָה.

**וְעוֹד** און נאך דארפן אונז פארשטיין, **הֲלֹא אִם הַכְּתִיבָה הִיא לְחַיִּים** אז אויב די כְּתִיבָה איז לְחַיִּים, **מִמֵּילָא גַּם הַחֲתִימָה הוּא עַל מַה שֶּׁמְּבוֹאָר בַּכְּתִיבָה לְחַיִּים** איז דאך פארשטענדליך אז אויך די חתימה איז אויף וואס עס שטייט אינעם שטר לְחַיִּים.

לְהָבִין מַהוּ 'לִפְנֵי ה'' דַּוְקָא.

גַּם לְהָבִין מַה זֶּה שֶׁאֲנַחְנוּ מִתְפַּלְּלִים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים, וּבְסוֹף שֶׁהוּא תְּפִלַּת נְעִילָה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים, מַה הִיא הַכְּתִיבָה וּמַה הִיא הַחֲתִימָה, וְכִי עֵדִים צְרִיכִים לַחְתּוֹם הַשְּׁטָר.

וְעוֹד הֲלֹא אִם הַכְּתִיבָה הִיא לְחַיִּים מִמֵּילָא גַּם הַחֲתִימָה הוּא עַל מַה שֶּׁמְּבוֹאָר בַּכְּתִיבָה לְחַיִּים.

וּלְהָבִין זֶה, הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁכָּל הָעוֹלָמוֹת וְכָל הַבְּרוּאִים נִבְרְאוּ בְּצֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, כְּמַאֲמַר (זח"ב דף קסא.) קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתַּכַּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא, וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (בראשית ב, כ) 'וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת וְגוֹ' וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה' וְגוֹ', וּפֵירְשׁוּ מְפָרְשֵׁי הַתּוֹרָה[א] שֶׁקָּרָא לְכָל נִבְרָא שֵׁם שֶׁהוּא הַצֵּירוּף שֶׁבּוֹ נִבְרָא אוֹתָהּ הַבְּרִיאָה[ב].

א. ראה בשל"ה הקדוש תולדות אדם בית אחרון אות יד: וזה היה חכמת אדם הראשון אשר קרא שמות לכל דבר כדי שיוכר על ידי השם ההוא, עד שנאמר שהיתה מעלתו בזה גדולה ממלאכי השרת, כי ברוח הקודש שעליו בנה אותיות ומלות מיוחסות עם הדבור הפנימיי, בשביל שהשמות ההם יורו על שורש הדבר ההוא. וכאילו נאמר שבידיעת התחתונים ידע סוד המרכבות העליונות, כי כל נברא מטה יש לו שורש למעלה, שאם לא כן איך מתקשרים חלקי העולם הזה אם אין ליסודות שורש למעלה, ואם אין לנבראים שורש למעלה איך מתפשט ההשפעה וההשגחה מאדון הכל בהם. וזאת היתה חכמה נפלאה, כי השיג מקור ושורש כל דבר וכנהו בשם ההוא והוא שמו ודאי.

ב. הובא כמה פעמים בדברי רבינו ראה לעיל בפר' ויחי ד"ה וישם את אפרים בשם הרב הצדיק מנאראדיץ [רבי ליב הכהן מאניפאלי], ובפר' יתרו ד"ה ועתה אם שמוע תשמעו, ובדרוש לפ' מטו"מ. ובחומש היכל הברכה (בראשית דף נד ע"א) הובא זה בשם הבעש"ט.

[ב]

## די באשאפונג פונעם וועלט מיט די רוחניות'דיגע אותיות

**וּלְהָבִין זֶה** און צו פארשטיין דאס אלעס.

**הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁכָּל הָעוֹלָמוֹת וְכָל הַבְּרוּאִים נִבְרְאוּ בְּצֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה** ס'איז באקאנט אז אלע וועלטן און אלע באשעפעניש זענען באשאפן מיט די אותיות התורה, **כְּמַאֲמַר** (זח"ב דף קסא.) **קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתַּכַּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא** אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש 'אז דער אייבישטער האט אריינגעקוקט אין די תורה און באשאפן די וועלט', **וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב** (בראשית ב, כ) **וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת וְגוֹ' וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה[ב] וְגוֹ'** און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און אדם האט גערופן נעמען צו אלע בהמות (וְגוֹ') און צו אלע חיות פון די פעלד', **וּפֵירְשׁוּ מְפָרְשֵׁי הַתּוֹרָה[ג] שֶׁקָּרָא לְכָל נִבְרָא שֵׁם שֶׁהוּא הַצֵּירוּף שֶׁבּוֹ נִבְרָא אוֹתָהּ הַבְּרִיאָה[ד]** און די מפרשי התורה האבן ערקלערט די פסוק אז אדם הראשון האט גערופן פאר יעדע באשעפעניש די נאמען וואס איז די צירוף מיט וואס די באשעפעניש איז באשאפן געווארן.

ב. די לשון הפסוק איז: **וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת לְכָל הַבְּהֵמָה וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה** וּלְאָדָם לֹא מָצָא עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ.

ג. ראה בשל"ה הקדוש תולדות אדם בית אחרון אות יד: וזה היה חכמת אדם הראשון אשר קרא שמות לכל דבר כדי שיוכר על ידי השם ההוא, עד שנאמר שהיתה מעלתו בזה גדולה ממלאכי השרת, כי ברוח הקודש שעליו בנה אותיות ומלות מיוחסות עם הדבור הפנימיי, בשביל שהשמות ההם יורו על שורש הדבר ההוא. וכאילו נאמר שבידיעת התחתונים ידע סוד המרכבות העליונות, כי כל נברא מטה יש לו שורש למעלה, שאם לא כן איך מתקשרים חלקי העולם הזה אם אין ליסודות שורש למעלה, ואם אין לנבראים שורש למעלה איך מתפשט ההשפעה וההשגחה מאדון הכל בהם. וזאת היתה חכמה נפלאה, כי השיג מקור ושורש כל דבר וכנהו בשם ההוא והוא שמו ודאי.

ד. די ווארט ווערט געברענגט עטליכע מאל אינעם ספר בת עין: אין פר' ויחי ד"ה וישם את אפרים אין נאמען פון הרב הצדיק מנאראדיץ [רבי ליב הכהן מאניפאלי], און אין פר' יתרו ד"ה ועתה אם שמוע תשמעו, און אין די דרוש לפ' מטו"מ. און אין חומש היכל הברכה (בראשית דף נד ע"א) ווערט די ווארט געברענגט בשם הבעש"ט.

וְהָעִנְיָן הוּא, כִּי הָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה כֵּלִים לְאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁנִּשְׁתַּלְשְׁלוּ מֵעִילָּה לְעָלוּל עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין, עַד שֶׁנִּתְלַבְּשׁוּ בְּאוֹתִיּוֹת גַּשְׁמִיִּים בַּתּוֹרָה בִּדְיוֹ עַל הַקְּלָף[ג].

אִם כֵּן מִי שֶׁעֵינֵי שֵׂכֶל לוֹ לְהִתְבּוֹנֵן אֵיךְ שֶׁהָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם חַיִּים בְּמַאֲמַר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם, בְּוַדַּאי כְּשֶׁמּוֹצִיא מִפִּיו הַתֵּיבָה הַקְּדוֹשָׁה בְּאוֹר אֱלֹהִי הַנֶּעֱלָם בְּתוֹךְ הַתֵּיבָה הַהוּא, צָרִיךְ לְהִתְחַלְחֵל בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה וּבְרַעַד מִגְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא.

וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (ירמיה ה, כב) 'הַאוֹתִי לֹא תִירָאוּ', רְצוֹנוֹ לוֹמַר הַמִּפְּנֵי אוֹתִיּוֹת שֶׁלִּי לֹא תִירָאוּ כַּנַּ"ל[ד].

רַק שֶׁעֲוֹנוֹתֵינוּ גָּרְמוּ שֶׁפָּגַמְנוּ בְּאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים, וְחַטֹּאתֵינוּ הִבְדִּילוּ בֵּינֵינוּ לְבֵין אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וְלֹא מַגִּיעַ לָנוּ שׁוּם יִרְאָה וּבוֹשֶׁת מִזֶּה.

ג. עיין פרדס רמונים שער כז פ"ב: וזהו שדקדקו רז"ל בביאור מציאות צורת האותיות וקוציהם ותגיהם וזיוניהם, לפי שהם רומזים אל רוחניות ידוע אל הספירות עליונות, וכל אות ואות יש להם צורה רוחניות ומאור נכבד אצול מעצם הספירות, משתלשל ממדרגה למדרגה כדרך השתלשלות הספירות. והנה האות היכל ומכון לרוחניות ההוא, ובהיות האדם מזכיר ומניע אות מהאותיות, בהכרח יתעורר הרוחניות ההוא, והבל הפה ממנו יתהוו צורות קדושות יתעלו ויתקשרו בשרשם שהם שרש האצילות. ולא זה בלבד אלא גם במציאותם, רצה לומר בכתיבתם, להם רוחניות שורה על האותיות ההם, וזה טעם קדושת ספר תורה.

ד. ראה עוד דברי רבינו בפרשת בלק ד"ה או יאמר וירא בלק: כי נודע שעיקר בריאת שמים וארץ היה בכ"ב אותיות התורה וכמאמר הכתוב (תהלים לג, ו) 'בדבר ה' שמים נעשו', וכמאמר הכתוב (משלי ח, ל) 'ואהיה אצלו אמון' אל תקרי אמון אלא אומן, כמאמר הזוהר הקדוש באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא מתנהג עלמא, היינו בכ"ב אותיות התורה שהם נכללים בה' מוצאות הפה וכו', אך העיקר הוא שלא להפריד ח"ו דבוריו ופיו ומחשבתו מהקדושה, כי זה הוא עיקר שלימות האדם להיות מחשבתו דבוקה בה' תמיד כו'. ולזה כיוון הכתוב (ירמיה ה, כב) 'האותי לא תיראו', היינו שצריך לירא ולפחוד מהאותיות הקדושות שלא להפרידם ח"ו מבחינת הקדושה.

**וְהָעִנְיָן הוּא** און די פשט און די זאך איז, **כִּי הָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה כֵּלִים לְאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁנִּשְׁתַּלְשְׁלוּ מֵעִילָּה לְעָלוּל עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין** ווייל די אותיות זענען די 'כלים' צו אריינעמען אין זיך און אראפברענגען די הימלישע 'אורות' (ליכטיגקייטן) וואס קומט אראפ פון אויבן ביז אונטן אראפ אויף די וועלט צו די ענד פון אלע מדריגות (וואס מיינט צו די קלענסטע באשעפעניש), **עַד שֶׁנִּתְלַבְּשׁוּ בְּאוֹתִיּוֹת גַּשְׁמִיִּים בַּתּוֹרָה בִּדְיוֹ עַל הַקְּלָף**[ה] ביז די 'אורות' ווערן אויסגעמאלן אין די וועלט מיט 'אותיות' מיט טינט אויף פארמעט.

## די אותיות הקדושות זענען מעורר א מענטש

**אִם כֵּן מִי שֶׁעֵינֵי שֵׂכֶל לוֹ לְהִתְבּוֹנֵן אֵיךְ שֶׁהָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם חַיִּים בְּמַאֲמַר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם** אויב אזוי ווער עס האט נאר רוחניות'דיגע אויגן צו פארשטיין ווי אזוי די העכערע הייליגע אורות וואס זיי לעבן מיטן באשעפער'ס ווארט וואס איז באהאלטן אין זיי, **בְּוַדַּאי כְּשֶׁמּוֹצִיא מִפִּיו הַתֵּיבָה הַקְּדוֹשָׁה בְּאוֹר אֱלֹהִי הַנֶּעֱלָם בְּתוֹךְ הַתֵּיבָה הַהוּא** איז אוודאי ווען ער זאגט ארויס פון זיין מויל די הייליגע ווערטער מיט די הייליגע 'אור' וואס איז באהאלטן אין די ווארט, **צָרִיךְ לְהִתְחַלְחֵל בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה וּבְרַעַד מִגְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** וואלט ער געדארפט אויפציטערן מיט א ציטער און א יראה און א טרייסל פאר דעם באשעפער'ס - געבענשט זאל זיין די נאמען - גרויסקייט.

**וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ירמיה ה, כב) **'הַאוֹתִי לֹא תִירָאוּ'** און אזוי ווי די פסוק זאגט 'וועט עטס דען נישט מורא האבן פון מיר?', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר הַמִּפְּנֵי אוֹתִיּוֹת שֶׁלִּי לֹא תִירָאוּ כַּנַּ"ל**[ו] די פסוק נוצט די לשון הַאוֹתִי דאס מיינט צו זאגן צו פון מיינע אותיות וועטס עטס נישט מורא האבן?.

[ג]

## צוליב די פגם הלשון זעהט מען נישט די אור הקדוש אין די אותיות

**רַק שֶׁעֲוֹנוֹתֵינוּ גָּרְמוּ שֶׁפָּגַמְנוּ בְּאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים** נאר אונזערע עבירות האבן צוגעברענגט אז אונז האבן שאדן געמאכט אין אונזערע באהעפטונג מיט די הימלישע און העכערע 'אורות' (ליכטיגקייטן), **וְחַטֹּאתֵינוּ הִבְדִּילוּ בֵּינֵינוּ לְבֵין אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם** און אונזערע זינד האבן אפגעשיידט צווישן אונז און אונזער טאטן אין הימל, **וְלֹא מַגִּיעַ לָנוּ שׁוּם יִרְאָה וּבוֹשֶׁת מִזֶּה** און ס'קומט אונז נישט קיין שום 'בושה' און 'יראה' ווען אונז נוצן און רעדן די הייליגע אותיות.

ה. עיין פרדס רמונים שער כז פ"ב: וזהו שדקדקו רז"ל בביאור מציאות צורת האותיות וקוציהם ותגיהם וזיוניהם, לפי שהם רומזים אל רוחניות ידוע אל הספירות עליונות, וכל אות ואות יש להם צורה רוחניות ומאור נכבד אצול מעצם הספירות, משתלשל ממדרגה למדרגה כדרך השתלשלות הספירות. והנה האות היכל ומכון לרוחניות ההוא, ובהיות האדם מזכיר ומניע אות מהאותיות, בהכרח יתעורר הרוחניות ההוא, והבל הפה ממנו יתהוו צורות קדושות יתעלו ויתקשרו בשרשם שהם שרש האצילות. ולא זה בלבד אלא גם במציאותם, רצה לומר בכתיבתם, להם רוחניות שורה על האותיות ההם, וזה טעם קדושת ספר תורה.

ו. די ווארט **'האותי'** איז אויך מרמז אויף אותיות. ראה עוד דברי רבינו בפרשת בלק ד"ה או יאמר וירא בלק: כי נודע שעיקר בריאת שמים וארץ היה בכ"ב אותיות התורה וכמאמר הכתוב (תהלים לג, ו) 'בדבר ה' שמים נעשו', וכמאמר הכתוב (משלי ח, ל) 'ואהיה אצלו אמון' אל תקרי אמון אלא אומן, כמאמר הזוהר הקדוש באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא מתנהג עלמא, היינו בכ"ב אותיות התורה שהם נכללים בה' מוצאות הפה וכו', אך העיקר הוא שלא להפריד ח"ו דבוריו ופיו ומחשבתו מהקדושה, כי זה הוא עיקר שלימות האדם להיות מחשבתו דבוקה בה' תמיד כו'. ולזה כיוון הכתוב (ירמיה ה, כב) 'האותי לא תיראו', היינו שצריך לירא ולפחוד מהאותיות הקדושות שלא להפרידם ח"ו מבחינת הקדושה.

וּבִפְרָט בַּעֲוֹן הַפֶּה וְהַלָּשׁוֹן שֶׁפָּגַמְנוּ בָּאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים בְּדִבּוּר שֶׁל לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְשֶׁקֶר, וּשְׁאָר דִּיבּוּרִים אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה, וּבְדִבּוּרֵינוּ בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וּתְפִלָּה בְּלִי כַּוָּונָה לַה' כָּרָאוּי, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה נִסְתָּר מֵאִתָּנוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹךְ הָאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים.

וְזֶהוּ נִקְרָא שְׁבִירַת הַכֵּלִים, שֶׁאוֹרוֹת הָעֶלְיוֹנִים אֵינָם מְאִירִים בַּכֵּלִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהֵם הָאוֹתִיּוֹת[ה].

וּבַעֲבוּר זֹאת נִתְקְנוּ כָּל הַוִּידּוּיִם עַל סֵדֶר הָא"ב, בִּכְדֵי לְתַקֵּן כָּל הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הָא"ב כּוּלָּם[ו].

וְגַם אָנוּ אוֹמְרִים אַחַר הַוִּדּוּי 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ', פֵּירוּשׁ אֲבוֹתֵינוּ הֵם א"ב הַנִּקְרָא אָבוֹת, חָטָאנוּ מִלְּשׁוֹן פְּגַם וְחִסָּרוֹן[ז], פֵּירוּשׁ שֶׁחָסַרְנוּ עַל יְדֵי עֲוֹנוֹתֵינוּ הַבְּחִינַת אָבוֹ"ת בְּחִינַת א"ב.

גַּם אֲנַחְנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים (ברכת עבודה דשמו"ע) וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים, רְצוֹנוּ לוֹמַר צִיּוֹן הוּא מִלְּשׁוֹן אוֹת, וּמְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁיָּשׁוּב שְׁכִינָתוֹ הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים לְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּקְרָאִים 'צִיּוֹן', שֶׁיִּתְמַלֵּא הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ.

ה. ראה לקוטי תורה (להאריז"ל) ריש פרשת בראשית: וזהו 'הארץ היה תוהו ובוהו' שהוא שבירת הכלים, 'ורוח אלהים מרחפת על פני המים' שהוא החיות שלא היו הכלים יכולים לקבל.

ו. ראה בספר עשרה מאמרות מאמר חקור דין ח"א פ"ג: ולפי שהחוטא מאבד את העולם שנברא באותיות התורה, נתקן הודוי באלפא בית"א.

ז. ע"פ מלכים א א, כא: 'והייתי אני ובני שלמה חטאים'. וברש"י שם: חטאים - חסרים ומנועין מן הגדולה.

**וּבִפְרָט בַּעֲוֹן הַפֶּה וְהַלָּשׁוֹן שֶׁפָּגַמְנוּ בָּאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים בְּדִבּוּר שֶׁל לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְשֶׁקֶר** און ספעציעל געשעט דאס דורך אונזער זינד וואס אונז זינדיגן מיט די מויל און צונג וואס אונז האבן געזינדיגט אין די הייליגע אותיות דורכן רעדן לשון הרע און רכילות און ליגענט, **וּשְׁאָר דִּיבּוּרִים אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה** און דורך אנדערע רייד וואס איז נישט געווען פארן באשעפער'ס ווילן, **וּבְדִבּוּרֵינוּ בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וּתְפִלָּה בְּלִי כַּוָּונָה לַה' כָּרָאוּי** און דורך וואס אונז האבן מיט די אותיות התורה געלערנט און געדאווענט אן די ריכטיגע כוונה פארן באשעפער, **וּמֵחֲמַת כָּל זֶה נִסְתָּר מֵאִתָּנוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹךְ הָאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים** און וועגן דאס אלעס איז באהאלטן געווארן פון אונז די 'אור השם' וואס איז באהאלטן אין די הייליגע אותיות.

**וְזֶהוּ נִקְרָא שְׁבִירַת הַכֵּלִים** און דאס איז די בחינה וואס ווערט דערמאנט אין זוהר הק' און אין ספרי קבלה די בחינה פון שְׁבִירַת הַכֵּלִים, **שֶׁאוֹרוֹת הָעֶלְיוֹנִים אֵינָם מְאִירִים בַּכֵּלִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהֵם הָאוֹתִיּוֹת** אז די העכערע 'אורות' און ליכטיגקייטן שיינען נישט אין זייערע כלים וואס דאס איז די אותיות.

## די תיקון פון וידוי אויף די פגם הלשון

**וּבַעֲבוּר זֹאת נִתְקְנוּ כָּל הַוִּידּוּיִם עַל סֵדֶר הָא"ב** און דערפאר האבן חז"ל אויסגעשטעלט אלע 'וידויים' וואס אונז זאגן לויט די סדר פון די אותיות א"ב, **בִּכְדֵי לְתַקֵּן כָּל הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הָא"ב כּוּלָּם**[ז] כדי דורך אונזער זאגן ווידוי מיט די אותיות פון א"ב וועלן אונז פארעכטן די אותיות פון א"ב וואס אונז האבן פוגם געווען דערין.

**וְגַם אָנוּ אוֹמְרִים אַחַר הַוִּדּוּי 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ'** אונז זאגן אויך אין די תפילה נאכן 'וידוי' די ווערטער 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ' – אבער אונז און אונזערע 'אבות' (עלטערן) האבן געזינדיגט, **פֵּירוּשׁ אֲבוֹתֵינוּ הֵם א"ב הַנִּקְרָא אָבוֹת** די טייטש פון אֲבוֹתֵינוּ מיינט די א"ב וואס זיי ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'אבות', **חָטָאנוּ מִלְּשׁוֹן פְּגַם וְחִסָּרוֹן**[ח] די ווארט חָטָאנוּ איז פון די שפראך פון א פגם און א פעלער, **פֵּירוּשׁ שֶׁחָסַרְנוּ עַל יְדֵי עֲוֹנוֹתֵינוּ הַבְּחִינַת אָבוֹ"ת בְּחִינַת א"ב** דאס מיינט צו זאגן אז דורך אונזערע זינד פעלן אונז די בחינה פון אָבוֹת וואס מיינט די בחינה פון א"ב

## די תפילה פון וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים

**גַּם אֲנַחְנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים** (ברכת עבודה דשמו"ע) **וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים** אונז דערמאנען אויך ביים דאווענען און אונז בעטן 'און אונזערע אויגן זאלן זעהן ווען דו וועסט זיך צוריקקערן קיין 'ציון' מיט רחמים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר צִיּוֹן הוּא מִלְּשׁוֹן אוֹת**[ט] עס מיינט צו זאגן אז די ווארט 'ציון' מיינט א 'אות', **וּמְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁיָּשׁוּב שְׁכִינָתוֹ הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים לְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּקְרָאִים 'צִיּוֹן'** און אונז בעטן אז דער באשעפער זאל צוריקקערן די הייליגע אורות צו די אותיות וואס ווערן אנגערופן 'ציון', **שֶׁיִּתְמַלֵּא הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ** אז ס'זאל אנגעפילט ווערן די אותיות הקדושים מיט די הייליגע 'אור'.

ז. און אזוי שטייט אויך אין ספר עשרה מאמרות (מאמר חקור דין ח"א פ"ג): **ולפי שהחוטא מאבד את העולם שנברא באותיות התורה** [ווייל דער מענטש וואס זינדיגט מאכט שאדן פאר די וועלט וואס איז באשאפן געווארן מיט די אותיות התורה], **נתקן הודוי באלפא בית"א** [דערפאר האט מען מתקן געווען די אותיות הוידוי מיט די א"ב].

ח. לויט די פסוק אין מלכים א א, כא: **'והייתי אני ובני שלמה חטאים'**. און רש"י שרייבט דארט: **חטאים - חסרים ומנועין מן הגדולה** [די ווארט חטאים מיינט פעלענדיג און צוריקגעהאלטן פון די גרויסקייט].

ט. די ווארט 'ציון' מיינט א צייכן, און א אות איז א צייכן וואס ווייזט אן אויף עפעס.

וְאָז יִתְפַּקְחוּ עֵינֵינוּ עֵינֵי הַשֵּׂכֶל וְהַלֵּב לְהָבִין וְלִרְאוֹת גּוֹדֶל הָאוֹר אֱלוֹקִי הַמֵּאִיר בָּאוֹתִיּוֹת בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל אֲפִילוּ בָּאוֹתִיּוֹת וְתֵיבוֹת שֶׁאֵינָם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים.

כִּי בְּוַודַּאי לְפִי עֶרֶךְ הַחֵטְא וְעָוֹן כָּל כָּךְ מַגִּיעַ הַפְּגָם לְמַעְלָה, הַיְינוּ מִי שֶׁחָטָא הַרְבֵּה וּפָגַם בַּפֶּה וְלָשׁוֹן, נֶעְלָם וְנִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ מִכֹּל וָכֹל.

וַאֲפִילוּ בְּאָמְרוֹ שֵׁם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַף עַל פִּי כֵן אֵין מַגִּיעַ לוֹ שׁוּם אוֹר אֱלֹהִי וְאֵימָה מִזֶּה, וְהוּא כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ.

אֲבָל מִי שֶׁלֹּא פָּגַם כָּל כָּךְ, נִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר רַק בְּזָכְרוֹ הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּיבוֹת אֲשֶׁר לֹא מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הֵמָּה, הַנִּקְרָאִים בְּחִינַת כְּתִיבָה.

אֲבָל בְּהַגִּיעוֹ לְהַזְכִּיר הַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא בְּחִינַת חֲתִימָה כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל (ברכות יא.) בְּמָקוֹם שֶׁאָמְרוּ לַחְתּוֹם וְכוּ', פֵּירוּשׁ לַחְתּוֹם בַּשֵּׁם.

וּבְהַגִּיעוֹ לְהַחֲתִימָה הַקְּדוֹשָׁה הַהוּא שֶׁהוּא הַשֵּׁם הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא, אֲזַי עַל כָּל פָּנִים מֵאִיר עָלָיו אוֹר אֱלֹהִי, וְנִתְמַלֵּא אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וָרֶתֶת וְזִיעָה מִפְּנֵי אוֹר ה' הַמֵּאִיר עָלָיו.

וְזֶהוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה 'כָּתְבֵנוּ לְחַיִּים', רְצוֹנוֹ לוֹמַר לְחַיִּים נִצְחִיִּים,

**וְאָז יִתְפַּקְחוּ עֵינֵינוּ עֵינֵי הַשֵּׂכֶל וְהַלֵּב לְהָבִין וְלִרְאוֹת גּוֹדֶל הָאוֹר אֱלוֹקִי הַמֵּאִיר בָּאוֹתִיּוֹת בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל** און דעמאלסט וועט געעפענט ווערן אונזערע אויגן – די אויגן פון די שכל און די הארץ – צו פארשטיין און צו זעהן די גרויסקייט פון די געטליכע ליכטיגקייט וואס שיינט אין די אותיות אן קיין שום 'הסתר פנים' אינגאנצן, **אֲפִילוּ בָּאוֹתִיּוֹת וְתֵיבוֹת שֶׁאֵינָם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים** אפילו אין די אותיות און ווערטער וואס זענען נישט פון די שמות הקדושים.

## צוויי מדריגות אין די אורות פון די אותיות הקדושים די כְּתִיבָה און חֲתִימָה

**כִּי בְּוַודַּאי לְפִי עֶרֶךְ הַחֵטְא וְעָוֹן כָּל כָּךְ מַגִּיעַ הַפְּגָם לְמַעְלָה** ווייל פאר זיכער לויט די גרויסקייט פון די עבירה און די זינד קומט אן די פגם אויבן אין הימל, **הַיְינוּ מִי שֶׁחָטָא הַרְבֵּה וּפָגַם בַּפֶּה וְלָשׁוֹן** דאס מיינט ווער עס האט זייער אסאך געזינדיגט און פוגם געווען מיט זיין מויל און שפראך, **נֶעְלָם וְנִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ מִכֹּל וָכֹל** ווערט פארהוילן פון אים די הייליגע 'אור' אינגאנצן.

**וַאֲפִילוּ בְּאָמְרוֹ שֵׁם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַף עַל פִּי כֵן אֵין מַגִּיעַ לוֹ שׁוּם אוֹר אֱלֹהִי וְאֵימָה מִזֶּה** און אפילו ווען ער זאגט ארויס א שם פון די הייליגע שמות פון דאס וועגן דאך וועט אים נישט דערגרייכן א געטליכע ליכטיגקייט אדער א ציטער בשעת זאגן די שמות, **וְהוּא כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ** און עס וועט זיין ביי אים אזוי ווי ער רעדט מיט זיין חבר.

**אֲבָל מִי שֶׁלֹּא פָּגַם כָּל כָּךְ** אבער ווער עס האט נישט אזויפיל פוגם געווען אין די א"ב, **נִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר רַק בְּזָכְרוֹ הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּיבוֹת אֲשֶׁר לֹא מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הֵמָּה** פון אים ווערט נאר באהאלטן די 'אור' ווען ער זאגט ארויס די אותיות און די ווערטער וואס זיי זענען נישט די הייליגע שמות, **הַנִּקְרָאִים בְּחִינַת כְּתִיבָה** וואס די ווערטער ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'כתיבה'

**אֲבָל בְּהַגִּיעוֹ לְהַזְכִּיר הַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא בְּחִינַת חֲתִימָה** אבער ווען ער קומט צו דערמאנען די הייליגע שמות וואס ווערט אנגערופן אין לשון חז"ל מיטן נאמען חֲתִימָה. **כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל** (ברכות יא.) **בְּמָקוֹם שֶׁאָמְרוּ לַחְתּוֹם וְכוּ'** אזוי ווי חז"ל באנוצן זיך און רופן אן דעם באשעפער'ס נאמען מיט די לשון 'חתימה' אזוי ווי עס שטייט אין משנה 'אין די פלאץ וואס מען האט געהייסן 'חותם זיין' (זאל ער 'חותם זיין'), **פֵּירוּשׁ לַחְתּוֹם בַּשֵּׁם** די ווארט 'חותם זיין' מיינט צו ענדיגן די ברכה מיטן שם.

**וּבְהַגִּיעוֹ לְהַחֲתִימָה הַקְּדוֹשָׁה הַהוּא שֶׁהוּא הַשֵּׁם הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא** און ווען ער קומט אן צו די 'חתימה' וואס מיינט דעם נאמען פונעם גרויסן און שטארקן און פארכטיגן באשעפער – געבענטש זאל זיין די נאמען, **אֲזַי עַל כָּל פָּנִים מֵאִיר עָלָיו אוֹר אֱלֹהִי** דעמאלסט שיינט כאטש אויף אים די געטליכע ליכטיגקייט, **וְנִתְמַלֵּא אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וָרֶתֶת וְזִיעָה מִפְּנֵי אוֹר ה' הַמֵּאִיר עָלָיו** און ער ווערט אנגעפילט מיט א ציטער און א פארכט און טרייסלניש פון וועגן די געטליכע ליכטיגקייט וואס שיינט אויף אים.

## [ד]

## די בקשה פון כתבנו לחיים

**וְזֶהוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה 'כָּתְבֵנוּ לְחַיִּים'** און דאס איז וואס אונז דערמאנען און בעטן א גאנצע עשרת ימי תשובה די בקשה 'כתבנו לחיים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר לְחַיִּים נִצְחִיִּים** דאס מיינט צו אייביגע רוחניות'דיגע לעבן.

פֵּירוּשׁ שֶׁתִּהְיֶה הַכְּתִיבָה הֵן הָאוֹתִיּוֹת אֲשֶׁר נִכְתָּבִים לִפְנֵי ה', שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה כַּנַּ"ל שֶׁיִּהְיֶה לְחַיִּים נִצְחִיִּים.

רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּהַזְכִּירֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא מִמֵּילָא יָאִיר וְיִתְעוֹרֵר עָלֵינוּ כַּנַּ"ל.

אָמְנָם בְּהַגִּיעַ בְּסוֹף יְמֵי הַדִּין, הַיְינוּ בִּתְפִלַּת נְעִילָה, אֲזַי אָנוּ מְבַקְשִׁים שֶׁבְּאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא זָכִינוּ לִכְתִיבָה לְחַיִּים, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁבְּזָכְרֵנוּ שְׁאָר הַתֵּיבוֹת שֶׁקּוֹדֶם הַשֵּׁם שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה לֹא יָאִירוּ עָלֵינוּ חַס וְשָׁלוֹם הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת.

עַל כָּל פָּנִים מְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁלְּכָל הַפָּחוֹת יִהְיֶה הַחֲתִימָה לְחַיִּים, רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּזָכְרֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא אֲזַי יִהְיֶה לְחַיִּים טוֹבִים וְנִצְחִיִּים בְּאוֹר גָּדוֹל כַּנַּ"ל, כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.

**פֵּירוּשׁ שֶׁתִּהְיֶה הַכְּתִיבָה הֵן הָאוֹתִיּוֹת אֲשֶׁר נִכְתָּבִים לִפְנֵי ה'** דאס מיינט אז סיי די 'כְּתִיבָה' וואס דאס מיינט די געשריבענע אותיות וואס שטייט פאר די באשעפער'ס נאמען, **שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה כַּנַּ"ל** וואס די פשוטע אותיות ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'כתיבה', **שֶׁיִּהְיֶה לְחַיִּים נִצְחִיִּים**[י] אז ס'זאל זיין צו א אייביגע לעבן.

**רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל** וואס די בקשה פון 'כתבנו לחיים' מיינט צו זאגן אז עס זאל שיינען אויף אונז די ליכטיגקייט פונעם באשעפער וואס איז באהאלטן אין די אותיות אן קיין שום הסתר פנים, **וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּהַזְכִּירֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא מִמֵּילָא יָאִיר וְיִתְעוֹרֵר עָלֵינוּ כַּנַּ"ל**[יא] און אוודאי פאר זיכער ווען אונז דערמאנען די נאמען פונעם גרויסן און פארכטיגן באשעפער זאל שוין פון זיך אליין שיינען און דערוועקט ווערן אויף אונז ווי אויבענדערמאנט די הייליגע אורות.

## די בקשה פון תפילת נעילה חָתְמֵנוּ לְחַיִּים

**אָמְנָם בְּהַגִּיעַ בְּסוֹף יְמֵי הַדִּין** אבער ווען עס קומט אן די ענדע פון די ימי הדין, **הַיְינוּ בִּתְפִלַּת נְעִילָה** וואס דאס מיינט ביי די תפילת נעילה, **אֲזַי אָנוּ מְבַקְשִׁים שֶׁבְּאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא זָכִינוּ לִכְתִיבָה לְחַיִּים** דעמאלסט בעטן אונז אז אויב אונז זענען חס ושלום נישט זוכה צו די בחינה פון 'כְּתִיבָה לְחַיִּים' אז די פשוטע ווערטער פון תורה און תפלה זאל לייכטען אויף אונז, **רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁבְּזָכְרֵנוּ שְׁאָר הַתֵּיבוֹת שֶׁקּוֹדֶם הַשֵּׁם שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה לֹא יָאִירוּ עָלֵינוּ חַס וְשָׁלוֹם הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת** וואס עס מיינט צו זאגן אז ווען אונז וועלן דערמאנען און זאגן די אנדערע הייליגע ווערטער פון תורה ותפלה נאך פארן זאגן דעם באשעפער'ס נאמען וואס דאס ווערט אנגערופן 'כְּתִיבָה' און עס וועט חס ושלום נישט שיינען אויף אונז די הייליגע אורות.

**עַל כָּל פָּנִים מְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁלְּכָל הַפָּחוֹת יִהְיֶה הַחֲתִימָה לְחַיִּים** דעמאלסט בעטן אונז אז כאטש צום ווייניגסטן זאל זיין די 'חֲתִימָה לְחַיִּים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּזָכְרֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא אֲזַי יִהְיֶה לְחַיִּים טוֹבִים וְנִצְחִיִּים בְּאוֹר גָּדוֹל כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז ווען אונז דערמאנען דעם באשעפער'ס גרויסען און הייליגן נאמען זאל עס זיין צו א גוטע און אייביגע און שטענדיגע לעבן ווי אויבענדערמאנט.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן**[יב].

---

י. דאס מיינט 'כְּתְבֵנוּ' אז די כתיבה זאל זיין אין די בחינה פון לחיים, וואס מיינט א אייביגע לעבן, חַיִּים נִצְחִיִּים.

יא. און מיט דעם איז פארענטפערט די ערשטע קשיא פונעם בת עין וואס מיינט די פסוק צו זאגן מיט די ווערטער **לִפְנֵי ד'**, נאר יעצט פארשטייט מען אז די פסוק זאגט אונז אז אין דעם הייליגען טאג יום כיפור וועלן אונז צוקומען צו אזא מדריגה פון שפירן די הייליגע אורות אין די ווערטער פון תורה ותפלה אפילו אין די ווערטער וואס איז 'לפני ה'' נאך פארן ארויסזאגן דעם באשעפער'ס נאמען וואס דאס מיינט די בחינת 'כתיבה'.

יב. אונז האבן דא אויסגעלאזט א שטיקל תורה פונעם בת עין וואס גייט אביסל אוועק פונעם המשך הדרוש און ער שמועסט מער טיפערע ענינים, און אונז וועלן צוריקומען דערצו אין א אנדערע געלעגנהייט בעזהשי"ת.

**ברכת מזל טוב**
לידידנו הנכבד הר"ר **ליפא וועכטער** ני"ו
מגדולי עסקני ק"ק סאטמאר וממקימי המוסדות הק'
לרגל פתיחת חנותו החדש בעיר התורה והחסידות לינדען יצ"ו
יצו השם אתו הברכה ויזכה להרבות פעלים לתורה ולחסידות וימלא השם כל משאלות לבו לטובה ויזכה לכתיבה וחתימה טובה

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.**
**צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק**
**און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.**
**וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין**
**צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.**




גליון 385

## אמרות שמשון

### מלאכי השרת פרעגן פארוואס כלל ישראל זאגט נישט שירה • מלאכים געבן כבוד פאר גרעסערע פון זיי • כלל ישראל איז באליבט פארן אויבערשטן מער ווי מלאכים • מלאכיםווארטן אויף שירה פון כלל ישראל

**אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבוש"ע מפני מה אין אומרים לפניך ישראל שירה בראש השנה וביום הכיפורים? אמר להם, אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה?** *(גמרא ראש השנה לב:).*

***(איבערזעצונג)*** *די מלאכי השרת האבן געפרעגט דעם רבוש"ע: 'פארוואס זאגט נישט כלל ישראל 'שירה' אום ראש השנה און יום כיפור?'*

**האט** דער אויבערשטער געענטפערט: 'איז דען מעגליך, אז אין דער צייט וואס דער קעניג זיצט אויפן 'כסא דין' און משפט די גאנצע וועלט, און 'ספרי חיים' און 'ספרי מתים' זענען אפן פאר אים, און כלל ישראל זאגט שירה?'

**די** מפרשים פרעגן, פארוואס זאל אנגיין פאר די מלאכים אויב כלל ישראל זאגט שירה צו נישט?

**ענטפערט** דער 'עיון יעקב' (מהר"ר יעקב ריישר זצ"ל), עס שטייט אין גמרא (חולין צב:), די מלאכי השרת אויף יענע וועלט קענען נישט אנפאנגן צו זאגן שירה ביז די אידן אויף די וועלט זאגן שירה.

**דערפאר** פרעגן די מלאכים פארוואס כלל ישראל זאגט נישט שירה אום ר"ה און יום כיפור, ווייל אויב אידן זאגן נישט קיין שירה אויף די וועלט, קענען זיי אויך נישט זאגן שירה אויף יענע וועלט.

◆ ◆ ◆

**אבער** לכאורה איז שווער, ווייל עס שטייט אין 'תוספות' (מסכת ערכין דף י: ד"ה אמרו), די לשון וואס די מלאכים פרעגן איז: 'מפני מה **אין ישראל** אומרים שירה' - פארוואס זאגט נישט כלל ישראל שירה. זיי פרעגן נישט: 'מפני מה **אין אנו** אומרים שירה' - פארוואס זאגן אונז נישט קיין שירה.

**דעריבער** שטייט אין תוס' אז די מלאכי השרת קענען יא זאגן שירה, טראץ וואס כלל ישראל זאגט נישט, נאר זיי פרעגן אויף כלל ישראל, פארוואס זאגן זיי נישט שירה אזוי ווי געווענליך. אויב אזוי איז צוריק שווער די אויבנדערמאנטע קשיא, פארוואס גיין אן פאר די מלאכי השרת צו כלל ישראל זאגט שירה?

◆ ◆ ◆

**עס** ווערט געברענגט אין מדרש (ילקוט רמז ת"ד), אויפן פסוק, **'וקרא זה אל זה'**. די מלאכים געבן כבוד איינעם פארן צווייטן. דאס הייסט, די קלענערע מלאכים רופן פאר די גרעסערע מלאכים צו אנפאנגן זאגן שירה. דאס איז פשט אין די ווערטער **'ומקבלין דֵין מִדֵין'**, די מלאכים וואס פאנגן אן צו זאגן שירה, האבן אנגעהויבן נאכדעם וואס זיי האבן 'מקבל' געווען א הזמנה אנצוהייבן.

**זעהט** מען פון די ווערטער פונעם מדרש, אז די מלאכים זענען מכבד אנדערע מלאכים וועלכע זענען חשוב'ער פון זיי, זיי זאלן אנפאנגן צו זאגן שירה.

**עס** שטייט אין גמרא (חולין צא:), **חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת וכו'**. כלל ישראל איז באליבט פאר הקב"ה מער ווי מלאכי השרת, ווייל אידן דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן נאך צוויי ווערטער, (שמע ישראל **ה'**), און די מלאכים דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן נאר נאך דריי ווערטער, (קדוש, קדוש, קדוש, **ה'**). אזוי' אויך פאנגן נישט אן די מלאכים צו זאגן שירה, איידער די אידן אויף די וועלט זאגן שירה.

**זעהט** מען פון די גמרא, אז דער טעם פארוואס די מלאכים פאנגן נישט אן צו זאגן שירה איידער די אידן, איז צוליב דעם וואס כלל ישראל איז גרעסער פון זיי. און ווי עס שטייט אינעם אויבנדערמאנטן מדרש, אז מלאכי השרת געבן אפ כבוד פאר די וואס זענען גרעסער פון זיי.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם קען מען ערקלערן די ווערטער פון חז"ל, א טאג וואס כלל ישראל זאגט שירה, דעמאלטס געבן די מלאכים כבוד פאר כלל ישראל און ווארטן ביז זיי פאנגן אן צו זאגן שירה. אבער א טאג וואס כלל ישראל זאגט נישט קיין שירה, דאן קענען די מלאכים זאגן שירה, ווייל זיי דארפן נישט ווארטן צו געבן כבוד פאר כלל ישראל.

**און** וועגן דעם ווען עס קומט ר"ה און יו"כ ווילן די מלאכים אויך ווארטן ביז כלל ישראל פאנגט אן שירה, אבער ווען זיי זעהן אז זיי זאגן נישט קיין שירה, פרעגן די מלאכים פונעם רבוש"ע, פארוואס זאגט נישט כלל ישראל שירה? און דער אויבערשטער ענטפערט זיי אז אינעם יום הדין קען כלל ישראל נישט זאגן שירה.

**נאכדעם** וואס זיי הערן אז כלל ישראל זאגט נישט קיין שירה, דאן קענען זיי זאגן שירה (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם אויבנדערמאנטע תוס' אין ערכין), ווייל זיי דארפן מער נישט ווארטן אויף כלל ישראל.

*(פרשת אמור אות ח')*

לומדים זרע שמשון

ניתן לתרום
מעות יזכור
לזכר נשמת רבינו
הזרע שמשון
02-80-80-500
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation/
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

**הוצאת הגליון והפצתו לזכות**

**לעילוי נשמת**
הרה"ח ר' אשר ענזיל
בן הרה"ח ר' יעקב שלמה
גאלדשטיין ז"ל
נלב"ע בליל יום הקדוש תשנ"ג לפ"ק
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח ר' יעקב
שלמה גאלדשטיין שליט"א
וחתנו הרה"ח ר' מנחם בנימין
פאשקעס שליט"א
שמפיצים במסירות
את תורת רבנו הזרע שמשון זי"ע

**לעילוי נשמת**
הרב הגאון רבי אברהם
בנימין ב"ר מיכאל משה
יהודה זילברברג זצ"ל
אבד"ק פיטסבורג
מח"ס שו"ת מוהרא"ב ועוד
נלב"ע יום הכיפורים תשכ"ג ת.נ.צ.ב.ה.

**לעילוי נשמת**
רבי אבשלום
בן שלום ז"ל עדוי
נלב"ע ו' תשרי תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה.
להצלחת בנו אוהד
וכל משפחתו הי"ו המסייעים
רבות למען תורת זרע שמשון

**לעילוי נשמת**
הגה"ח רבי שלמה יחיאל
מאיר ב"ר יהודה אריה לייב
בלום זצ"ל
נלב"ע ו' תשרי תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

**לעילוי נשמת**
משה בן אברהם ורחל
ט' תשרי תשפ"ג ת.נ.צ.ב.ה.

**הצלחה וברכה**
צבי יצחק דוב בן גיטל
חיה וזוגתו
מרים סאבל בת אסתר
בנו החתן שמעון יחזקאל
ובניו ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע
בקרוב ובניקל

**רוב ברכות וישועות**
מרדכי בן רחל
זיווג הגון פרנסה טובה ועשירות
גדולה ומציאת דירה לקניה במהרה
ובריאות איתנה

**לזכות ולברכה**
להצלחת השותפים
התורמים ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי
אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

**ישועה וברכה בקרוב**
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
שיזכה לעשירות שפע ברכה
והצלחה בכל העניינים
ובשורות טובות בקרוב ממש

**הצלחה גדולה וברכה**
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה
ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת הגוף
והנפש וימצא חן בעיני כולם

**ברכה והצלחה**
רפאל בן סופיה
וזוגתו נטלי בת אליסיה
לברכה והצלחה בכל העניינים

**שפע וברכה**
שאול בן רחל
לרוב ברכה והצלחה ולשפע בלי גבול

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

## תשובה מאהבה ווערט געטון ברבים צוזאמען מיט אנדערע

***שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ. קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' אִמְרוּ אֵלָיו כָּל תִּשָּׂא עָוֹן וְקַח טוֹב*** וגו' (הושע יד, ב - ג). לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס אנפאנג שטייט א לשון יחיד ***שׁוּבָה***, און שפעטער שטייט א לשון רבים ***וְשׁוּבוּ***?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (יומא פו:), ווען מען טוט 'תשובה מיראה' (צוליב מורא פון די עונשים) ווערן די 'זדונות' (עבירות וואס מען האט געטון במזיד) איבערגעדרייט צו 'שגגות' (אזוי ווי עבירות וואס מען האט געטון בשוגג), אבער ווען מען טוט 'תשובה מאהבה' (צוליב די ליבשאפט צום אויבערשטן), ווערן די 'זדונות' איבערגעדרייט צו 'זכיות'.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן, אנפאנג פסוק, זאגט דער נביא ***שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל***, און ער רעדט צו א יחיד וואס זאל תשובה טון אליינס. און דאס איז 'תשובה מיראה' ווייל אויב וואלט עס געווען 'תשובה מאהבה' וואלט ער צוגערעדט אנדערע אז זיי זאלן אויך תשובה טון, און וויבאלד ער טוט דאס אליינס ווייזט אז ער טוט תשובה בלויז ווייל ער האט מורא פון א עונש. און דער נביא זאגט אז אזא תשובה קומט אן בלויז ***'עַד' ה' אֱלֹקֶיךָ***, ביזן אויבערשטער אבער נישט ממש צום אויבערשטן, אבער פונדעסטוועגן איז עס א תשובה, און די 'זדונות' ווערן איבערגעדרייט צו 'שגגות'.

**שפעטער** זאגט דער נביא אויב וועט עס זיין 'תשובה מאהבה', און עס וועט זיין ***קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים***, מען וועט רעדן צו אנדערע זאלן אויך תשובה טון, און ער וויל זיי זאלן זיך אויך צוריק קערן, צוליב די אהבה וואס מען האט צום אויבערשטן, אזא תשובה קומט אן ***'אֶל' ה'***, ביז צום אויבערשטער ממש, און מען איז זוכה אז ***כָּל תִּשָּׂא עָוֹן וְקַח טוֹב***, די 'זדונות' ווערן איבערגעדרייט צו 'זכיות'. (האזינו אות ד')

## דער אויבערשטער האט רחמנות אויף יעדער איד אין סיי וועלכע מצב

***ה' ה' אֵ-ל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת*** וגו' (שמות לד, ו). די גמרא (ראש השנה יז:) ערקלערט פשט פארוואס די י"ג מדות של רחמים פאנגט זיך מיט צוויי מאל דער אויבערשטער'ס נאמען: 'אני הוא קודם שיחטא האדם, ואני הוא לאחר שיחטא האדם ויעשה תשובה', דער אויבערשטער האט רחמנות אויפן מענטש איידער ער זינדיגט, און נאכדעם וואס ער האט געזינדיגט.

**שטעלן** זיך די מפרשים (רא"ש שם פ"א ס"ה) פארוואס דארף דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף א מענטש איידער ער האט געזינדיגט? ער האט דאך נאכנישט געטון קיין עבירות, און זיי ענטפערן אז דאס גייט ארויף אויף א חטא במחשבה, טראץ וואס ער האט נישט געזינדיגט במעשה, אבער וויבאלד עס איז געווען א עבירה במחשבה דארף ער האבן א כפרה.

**מען** קען מסביר נאך א פשט פארוואס עס שטייט צוויי מאל, ווייל אויב וואלט געשטאנען נאר איינמאל וואלט מען געזאגט אז דער אויבערשטער האט נאר רחמנות אויף איינער וואס האט געזינדיגט במחשבה, וואס איז עס איז נישט אזא גרויסע עבירה, אבער נישט איינער וואס האט געזינדיגט במעשה.

**אדער** פארקערט, דער אויבערשטער האט נאר רחמנות אויף איינער וואס האט געזינדיגט במעשה, וויבאלד ווען ער טוט תשובה, טוט ער דאס מיט די גאנצע הארץ, און האט אמת'דיג חרטה אויף זיין זינד, דאקעגן איינער וואס האט נאר געזינדיגט במחשבה מיינט ער אז ס'איז נישט אזוי געפערליך, און האט נישט אזוי' שטארק חרטה.

**דעריבער** שטייט צוויי מאל ה' ה', צו לאזן הערן, אז דער אויבערשטער האט רחמנות אויף יעדער איד אין סיי וועלכע מצב, אפילו אויב ער האט געזינדיגט במחשבה און ער טוט תשובה, און אזוי אויך אויב ער האט געזינדיגט במעשה און ער טוט תשובה. (אחרי אות ב' ד"ה והמפרשים)






## דער אויבערשטער געבט א צוזאג אז מען וועט מער נישט נכשל ווערן מיט די עבירה

***ומה היא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד וכו', ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם*** וכו' (רמב"ם פ"ב מהלכות תשובה ה"ב). דער רמב"ם פסק'נט וואס מיינט תשובה, ביז דער אויבערשטער וועט עדות זאגן אויף אים אז ער וועט קיינמאל מער נישט זינדיגן מיט די עבירה.

**לכאורה** לויט דעם קומט אויס, אז א מענטש קען קיינמאל נישט זיין רואיג אז זיין תשובה איז אנגענומען געווארן, ווייל אויב וועט ער נכשל ווערן און נאכאמאל זינדיגן, קומט אויס אז זיין תשובה איז למפרע קיינמאל נישט געווען א גוטע תשובה.

**מען** קען אבער זאגן בדרך אפשר, אז דאס איז נישט א 'תנאי' אין תשובה (וואס אויב עס ווערט נישט אויסגעפירט די תנאי, און ער זינדיגט נאכאמאל ווערט בטל זיין פריערדיגע תשובה), נאר עס איז א 'הבטחה' (צוזאג) פון דער אויבערשטער, אז אויב א מענטש טוט ריכטיג תשובה און האט חרטה אויף זיינע עבירות, זאגט צו דער אויבערשטער אז ער וועט אים העלפן, אז ער וועט מער נישט נכשל ווערן מיט די עבירה. (עניני תשובה אות א' ד"ה ואף)

## יום כיפור משפט דער אויבערשטער אליין'ס

***דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב*** (ישעיהו נה, ו). עס שטייט אין חז"ל (ראש השנה טז:) ראש השנה ווערט געעפנט דריי ספרים (פאר צדיקים, בינונים, און רשעים), און מען משפט די גאנצע וועלט יעדער איינער לויט זיינע מעשים.

**און** עס שטייט אין 'עיון יעקב' (שם, ד"ה שלשה ספרים. בשם ה'זרע ברך' פרשת נצבים שני ד"ה ובזה מבואר. וה'זוהר הקדוש' פרשת אחרי דף סז.) אז אום ראש השנה ווערט די וועלט גע'משפט דורך בית דין של מעלה, דעריבער פעלט אויס צו אויפמאכן די ספרים צו זען ווי יעדער מענטש האלט, אבער אום יום כיפור ווערט מען גע'משפט דורך דער אויבערשטער אליין'ס און עס פעלט נישט אויס צו אויפמאכן די ספרים.

**לויט** דעם קען מען פארטייטשן פשט אין פסוק ***דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ***, דאס גייט ארויף אויף ראש השנה, וואס דער משפט איז דורך דער בית דין של מעלה, און מען דארף אויפזוכן און טרעפן דער אויבערשטער. ***קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב*** דאס גייט ארויף אויף יום כיפור וואס דער אויבערשטער איז נאנט, און ער אליין'ס משפט די גאנצע וועלט. (וילך אות ד' ד"ה והעיון יעקב עיי"ש)

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו




# גליון קוראי עונג



נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ.** (במדבר יד, כ)

דאס ווארט 'כדבריך' מיינט, לויט דאס זאגן פון א מענטש, לויט וויפיל ער בעט פון דער אייבערשטער, אויב טוט ער תשובה פון טיפן הארץ אזוי ווי מען דארף, דעמאלט איז דאס פארגעבונג פונעם אייבערשטער אויך בשלימות, און זיינע זינד ווערן אויסגעמעקט אויף אינגאנצן. דאס איז פשט וואס דער אייבערשטער זאגט 'סלחתי כדבריך', לויט דיין זאגן און דיין איבערבעטן אויף די זינד, אזוי וועט זיין מיין פארגעבונג.

(דער הייליגער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק זי"ע)

איין יאר, ווען דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע איז אנגעקומען נאך 'כל נדרי' צום פסוק 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך', האט ער זיך אנגערופן: "חז"ל זאגן (אבות ו, ו) 'כל האומר דבר בשם אמרו מביא גאולה לעולם', דער וואס זאגט נאך א זאך אין נאמען פון דער וואס האט דאס געזאגט, דער ברענגט אַן אויסלייזונג אויף דער וועלט.

דעריבער לאמיר אלע צוזאמען זאגן דעם פסוק, אין נאמען פון דער אייבערשטער וואס האט דאס געזאגט". און אזוי האט ער אויסגעשריגן דעם פסוק 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך'.

**עֲשֵׂה לְמַעַן פְּאֵרָךְ.** (פיוט א-ל רחום שמך)

ווען דער הייליגער 'מגיד' רבי מרדכי פון טשערנאביל זי"ע האט אמאל געזאגט יום כיפור ביים דאווענען די ווערטער 'עשה למען פארך', האט ער זייער געוויינט, דערנאך האט ער זיך אנגערופן: "רבונו של עולם, חז"ל זאגן (ברכות יא.) אז 'פְּאֵר' מיינט תפילין, ווען עס פאלט אראפ תפילין פון א איד, אדער פאסט ער, אדער געבט ער צדקה, און אפילו א פשוט'ע איד וואס פאסט נישט און געבט נישט קיין צדקה, וועט כאטש אויפהייבן די תפילין און דאס געבן א קוש. אבער דו רבונו של עולם, וואס שטייט אין דיינע תפילין 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ' (ברכות ו.), ווער איז אזוי ווי דאס אידישע פאלק, זיי זענען איין איינציג פאלק אויף די ערד. און אז די אידן זענען פארשטופט אין גלות שוין אזוי פיל יאר, זענען דאך דיינע תפילין געפאלן, איז פארוואס ווילסט דו זיי נישט אויפהייבן און אויסלייזן פון גלות?!"...

(ספר 'ילקוט שמואל')

דער הייליגער רבי משולם זוסיא פון אניפאלי זי"ע האט זיך אמאל אנגערופן: "רבונו של עולם, דו מוזט זאגן אז די אידן זענען הייליג און טייער, ווייל אויב נישט זענען דאך דיינע תפילין פסול, ווייל עס שטייט דארט 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ'!"...

(ספר 'אמרי פנחס')

**וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם הָעוֹמְדִים בָּעֲזָרָה.** (סדר העבודה - מוסף)

דאס ווארט 'בעזרה' איז א לשון פון 'עֵזֶר' - א הילף, ווייל כאטש דער כהן גדול אליין איז געווען דער העכסטע אין מדרגה פון גאנץ כלל ישראל, דאך האט ער געדארפט צוקומען צו דעם כח פון גאנץ כלל ישראל, כדי צו קענען ברענגען א כפרה פאר אלע אידן. דאס איז מרומז אין די ווערטער, 'והכהנים והעם', די כהנים און דאס פאלק אידן, 'העומדים בעזרה', זיי זענען עם געשטאנען צו הילף, אויף צו טוהן די עבודה ווי עס דארף צו זיין.

(דער הייליגער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק זי"ע)

**וְלָא יַעֲדֵי עָבִיד שׁוּלְטָן מִדְּבֵית יְהוּדָה.** (סדר העבודה - מוסף)

ווען דער הייליגער 'ישמח ישראל' פון אלכסנדר זי"ע איז געווען אויף א פלאץ צוליב זיינע רפואות, האט עם איינער געפרעגט א קושיא: עס שטייט אז דער כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין דעם קודש הקדשים אויף יום כיפור, האט ער מתפלל געווען א קורצע תפלה, אינצווישן זיינע ווערטער האט ער געזאגט 'ולא יעדי עביד שלטן מדבית יהודה', אז עס זאל נישט אפגעטוהן ווערן די מלכות פון שבט יהודה.

האט יענער געפרעגט פונעם 'ישמח ישראל', די ווערטער זענען דאך דער תרגום אונקלס אויפ'ן פסוק 'לא יסור שבט מיהודה' וואס שטייט ביי די ברכת יעקב (פרשת ויחי), פארוואס האט ער נישט געזאגט דעם לשון הפסוק אין לשון הקודש, ווי עס שטייט אין די תורה?

האט דער הייליגער 'ישמח ישראל' גע'ענטפערט: ווייל ווען דער כהן גדול איז אריין אין קודש הקדשים האט ער געהאלטן אין זיין רעכטע האנט די 'גחלים'=קוילן, און אין זיין לינקע האנט די 'קטורת', האט ער דאך נישט געקענט אויך האלטן א חומש, ממילא האט ער דאס נישט געקענט זאגן פון אינעווייניג. ווייל די גמרא זאגט דאך אז 'דברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרן בעל פה', ווערטער וואס שטייען אין תורה שבכתב מעג מען נישט זאגן אויסעווייניג, האט ער דאך נישט געקענט זאגן דעם פסוק 'בעל פה', דעריבער האט ער דאס געזאגט אין דעם לשון פונעם תרגום.

**מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל.** (שלהי מסכת יומא)

אזוי ווי א מקוה רייניגט דעם טמא, אזוי אויך רייניגט דער אייבערשטער די אידן. מען דארף פארשטיין וואס איז דער צוגלייך צווישן א 'מקוה' און די אידן?

נאר דער דין איז אז א מקוה רייניגט נאר אזא איינער וואס האט אינזינען צו ווערן גערייניגט דערין, אבער אויב א מענטש איז אריינגעפאלן אין א מקוה און ער האט נישט אינזינען געהאט צו ווערן גערייניגט אין דעם, ווערט ער נישט ריין.

דער זעלבע זאך איז דא ביי יום כיפור, דער טאג איז מכפר נאר פאר דער וואס גלייבט אז יום כיפור איז מכפר און ער וויל גערייניגט ווערן פון זיינע עבירות, און דעריבער טוט ער תשובה שלימה, אבער אזא איינער וועלכע גלייבט נישט אז דער עצם טאג פון יום כיפור איז מכפר, און ער האט נישט אינזינען צו ווערן גערייניגט פון זיינע זינד, און ער טוט נישט תשובה, פאר אזא איינער איז יום כיפור נישט מכפר.

(דער הייליגער 'כתב סופר' זי"ע)

**גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד.** (יומא פו.)

דאס תשובה טוהן איז אזוי גרויס ביים אייבערשטער, אז עס דערגרייכט ביז'ן 'כסא הכבוד' אליין. דאס ווארט 'תשובה' באטרעפט 713, די ווערטער 'כסא הכבוד' ווען מען שרייבט דאס ווי פאלגענד, 'כ' 'כס' 'כסא' 'ה' 'הכ' 'הכב' 'הכבו' 'הכבוד', באטרעפט דאס אויך 713.

(דער הייליגער רבי שמשון פון אוסטראפאלי זי"ע)

**שָׂטָן בְּיוֹמָא דְּכִפּוּרֵי לֵית לֵיהּ רְשׁוּתָא לְאַסְטוֹנֵי.** (יומא כ.)

דער שטן האט נישט קיין רשות צו מקטרג זיין אויף אידן יום כיפור. דער טעם דערפון האט געזאגט דער הייליגער אמורא רמי בר חמא, ווייל א יאר (שנת החמה) האט 365 טעג, דאס ווארט 'השטן' באטרעפט נאר 364, ווייל איין טאג אין יאר, דאס איז יום כיפור, האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג צו זיין אויף אידן.

כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**צדקה קלאפעריי ערב יום כיפור ביי מנחה.**

אמאל האבן די שטאט מענטשן פון מעז׳יבוז׳ געוואלט צושטערן דעם הייליגן מנהג פון אויסלייגן שיסלעך אין שוהל, וואו די אידן זאלן קענען אריינלייגן צדקה ערב יום כיפור, ווייל ווען מען ווארפט אריין די געלט אין דעם שיסל, מאכט עס א הויכע גרודער, און דאס שטערט די מענטשן פון דאווענען מנחה מיט כוונה.

ווען דער הייליגער ׳בעל שם טוב׳ זי״ע האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער זיי דערציילט, אז איינמאל האבן די שלעכטע מלאכים זיך געשטעלט ביי די טויערן פון הימל און נישט געלאזט די אידישע תפלות ארויפגיין אין הימל פאר׳ן רבונו של עולם, אזוי איז אריבער גאנץ חודש אלול, ראש השנה און די עשרת ימי תשובה.

אבער ווען עס איז אנגעקומען ערב יום כיפור ביי מנחה, און די אידן האבן אריינגעווארפן די געלט אין די שיסלעך, האט די קלאפעריי געמאכט אזא הויכע גרודער, אז די שלעכטע מלאכים האבן זיך פשוט דערשראקן דערפון און זיי זענען אנטלאפן, ערשט דעמאלט זענען אלע תפלות גלייך ארויף אין הימל נישט געשטערט.

✵ ✵ ✵

**דער אומבאקאנטע גאסט אויף יום כיפור.**

ווען דער בארימטער ׳גאון׳ רבי יעקב אורנשטיין ׳בעל ישועות יעקב׳ פון לעמבערג זצ״ל איז געווען א יונגערמאן, האט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער אין די שטאט יעריסלוב. איין יום כיפור איז אין שטאט׳ס שוהל געשעהן אן אינטערסאנטע עפיזאד.

עס איז געווען ערב יום הקדוש און ער איז געגאנגען דאווענען אין דעם שטאט׳ישן שוהל, אלע זענען שוין געווען גרייט אין ביהמ״ד מיט די מחזורים אין די הענט, ווען פלוצלינג קומט אריין אין שוהל א פרעמדער איד וועלכער קיינער האט נישט געקענט, און פארבויגן מיט פארכט איז גלייך צוגעגאנגען צום עמוד, אָן צו פרעגן די גבאים אדער קהילה פירער, האט ער אנגעהויבן ׳על דעת המקום ועל דעת הקהל׳.

עס איז געווען קענטיג אז דער פרעמדער איז דערציטערט און אויפגעפלאמט פון דעם יום הגדול והנורא, און די אימה איז געווען צו הערן אין זיין שטימע, פארט אבער האט עם קיינער נישט מכבד געווען מיטן ברעטל, און דער בעל תפילה קבוע איז געשטאנען אין דער זייט א צומישטער.

עס איז געווארן אומבאקוועם פאר די ראשי הקהילה, אבער צוליב די קדושה פון די דערהויבענע זמן זאגן זיי עם נישט קייןווארט, און האפן אז צו מעריב וועט ער אפטרעטן און צולאזן דער באשטימטן בעל תפילה.

ווי נישט ווי האט דער עולם געהאט א גרויסן התעוררות פון זיין ׳כל נדרי׳, אבער ווי ערשטוינט ווערן אלע ווען דער גאסט טרעט נישט אפ פון עמוד נאך ׳כל נדרי׳, נאר איז ממשיך אין מעריב אריין מיט א קול וואס דינערט און שפאלט הימלען.

מיט א ברען זאגט ער אלע פיוטים מיט א שטארקן און קלארן קול, ווי א געניטער בעל תפילה.

אויך דעם שיר היחוד האט ער פארגעזאגט מיט א זעלטענע נעימות, און ווען ער האט גע׳ענדיגט האט ער נאך אלס נישט אפגעטרעטן, נאר האט אפירגענומען א ספר תהלים, און מיט א מתיקות און געשמאק האט ער צו אנגעהויבן ׳אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים׳.

ווער איז ער? פון וואו קומט ער אָן אהער? טראכט יעדער צו זיך, אבער קיינער האט קיין ענטפער נישט צו זאגן ווער און פון וואנען דער אומגעראכטענע בעל תפילה איז אנגעקומען צו זייער שוהל און דאווענט אזוי מייסטערהאפטיג.

א חלק עולם איז אהיים געגאנגען, אנדערע האבן זיך אנידערגעלייגט אויף די בענק פארמאכן די אויגן, און די קאפיטלאך ווערן ווייטער געזונגען ביים עמוד מיט א קלארקייט וואס הילכט אָפּ אינעם גאנצן ביהמ״ד.

דער זון הייבט שוין אָן ווארפן איר שטראלן און די מתפללים קומען זיך צענויף אין שוהל זיך גרייטן צו תפילת שחרית.

דער בעל תפילה איז מסיים דעם ספר תהלים, און צו אלעמען׳ס שטוינונג, רישט ער זיך גלייך צו, צו דאווענען ׳תפילת שחרית׳ ביים עמוד.

אלע ווערן באצויבערט פון די מתיקות און ווארימקייט מיט וואס ער טוט אראפלייגן א דאווענען, נאכ׳ן שטיין ברציפות א גאנצע נאכט פון ׳כל נדרי׳ פאר׳ן עמוד, אז די פארזאמלטע וואונדערן זיך צי דער וואס שטייט דא איינגעהילט אינעם טלית איז א בשר ודם אדער גאר א מלאך.

ביי קריאת התורה איז ער צוגעגאנגען צום תורה און האט געליינט די קריאה בקול גדול, און גלייך דערנאך זיך צוריק-געקערט צום עמוד פאר מוסף.

די ציבור מתפללים שטוינען פון די אומנאטורליכע כוחות וואס דער בעל תפילה טוט ארויסווייזן.

"איך אליין" - זאגט דער ׳ישועות יעקב׳ - "האב שוין נישט געוואוסט וואס צו קלערן, צי דער איז א מענטש אדער מלאך, ווייל עס איז שלא כדרך הטבע פאר א מענטש צו קענען שטיין אויף איין פלאץ און דאווענען מיט אזא ברען פון ׳כל נדרי׳ אָן קיין הפסקה"...

און גלייך ווי ביז אהער, האט דער בעל תפלה נישט געוויזן קיין צייכנ׳עס פון אויפגעבן, און האט גע׳רעש׳ט אין די הימלען מיט זיין ׳מנחה׳ און דערנאך ביים דאווענען דעם הייליג׳סטן תפלה ׳נעילה׳.

אויך די ׳תקיעה׳ האט ער געבלאזן, און האט נישט פארלאזט דעם עמוד ביז נאך מעריב פון מוצאי יום הכיפורים.

דא האט שוין יעדער משלים געווען ביי זיך אז דער איז גארנישט קיין מענטש, און וואס עס האט זיך פאר זיי אפגעשפילט אין די לעצטע מעת לעת איז גאר נישט מער ווי א אנטפלעקונג פון א הימל׳ישע מלאך אין געשטאלט פון א בשר ודם, היות דער דורכשניטליכע מענטש קען נישט אהערשטעלן וואס דער פרעמדער האט באוויזן אין די פארגאנגענע יום כיפור.

נאך מעריב, האט זיך דער שליח ציבור געקערט צום עולם און געוואונטשן ׳א גוט יום טוב׳ - דערציילט ווייטער דער ׳ישועות יעקב׳ - אויך מיין שווער איז צוגעגאנגען עם צו באגריסן, ער האט דעם גאסט געלאדנט אויף הבדלה צו זיך אין שטוב, ווי עס איז געווען זיין שטייגער מיט הכנסת אורחים.

איך האב באשלאסן - זאגט ווייטער דער ׳ישועות יעקב - זיך צו באטייליגן מיט די קבוצה, צו זעהן ווי אזוי דער ׳מלאך׳ וועט זיך אויפ׳פירן ביי מיין שווער אינדערהיים.

ווען מען איז צום שטוב אנגעקומען, איז דער גאסט מכובד געווארן מיט הבדלה, וואס אויך דאס האט ער געזאגט מיט התלהבות הויך אויפן קול, און דערנאך האט ער טועם געווען פון די וויין.

מיט א קרעכץ האט זיך דער אורח אוועקגעזעצט אויף א בענקל, זאגנ׳דיג אז ער פילט זיך שוואך, מען זאל עם עפעס צוברענגען זיך צו דערקוויקן און צו דערמינטערן זיינע כוחות.

"אה, נאך אלעמען ווערט ענדליך נתברר אז דער איז נאר א מענטש"... - קלערט דער ׳ישועות יעקב׳ צו זיך.

אבער זיין מסקנא איז געווען א פריצייטיגע, ווען ברענגנ׳דיג פאר דעם גאסט געשמאקע עסן און פירות, שטופט דער גאסט אוועק דעם טאץ און זאגט:

"נישט דאס דארף איך האבן זיך מחזק צו זיין דאס הארץ, נאר איך דארף האבן א ׳גמרא מסכת סוכה׳!"...

באלד האט ער זיך אוועק געזעצט לערנען פון אנהייב מסכת סוכה מיט גרויס חשק.

דער ׳ישועות יעקב׳ האט נישט געגלייבט וואס עס שפילט זיך עם אָפּ פאר זיינע אויגן, און האט באשלאסן צו בלייבן אין שווער׳ס שטוב א גאנצע נאכט צו קענען באטראכטן פון א צווייטע צימער וואס דער אורח טוהט.

עס לויפן אריבער א שעה נאך א שעה, רבי יעקב איז שוין דערוויל איינגעשלאפן און דער גאסט זיצט נאך פארטיפט אין אביי ורבא.

עס הייבט אָן טאגן, און ווען רבי יעקב האט זיך אויפגעכאפט, זעהט ער ווי דער גאסט שטייט נאך ביי די גמרא און לערנט.

ווען ער האט גע׳ענדיגט די גאנצע מסכת, האט ער צוריקגעשטעלט די גמרא אין שאנק און איז זיך געגאנגען אין בית המדרש צו דאווענען שחרית.

ערשט שפעטער איז מען געוואויר געווארן אז דער גאסט איז געווען נישט קיין צווייטע ווי נאר דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב ׳בעל קדושת לוי׳ זי״ע.

✵ ✵ ✵

**די לימוד זכות פון צדיקים פאר 'כל נדרי'.**

ווי באקאנט פלעגט זיין דער סדר פון דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע צו זאגן גוטע מליצות אויף כלל ישראל.

איין יאר פאר כל נדרי, איז ער ארום געגאנגען דעם גאנצן בית המדרש פון באנק צו באנק, זוכענדיג אזוי ווי ער וואלט עפעס פארלוירן.

די אידן וועלכע זענען דארט געשטאנען האבן עם געפרעגט: "וואס זוכט דער רבי?"

האט דער בארדיטשובער רב זיי גע'ענטפערט אז ער זוכט א שיכור, און ער טרעפט נישט.

אזוי ווי ער איז פארטיג געווארן מיט'ן זוכן, איז ער ארויף אויפ'ן בימה און האט זיך הויך אנגערופן: "רבונו של עולם, קוק וואס פאר א באליבטע פאלק דו האסט, דו האסט זיי באפוילן אז היינט ערב יום כיפור זאל מען עסן און טרינקן, און דו האסט געזאגט אז דער וואס וועט אזוי טוהן, וועט דאס ווערן גערעכנט אזוי ווי ער וואלט געפאסט אויך היינט.

יעצט שטעל זיך פָאר, אויב מען וואלט געגעבן אזא טאג פאר די גוים, ווי אזוי וואלט עס אויסגעקוקט, פארשטייט זיך אז זיי וואלטן זיך אנגע'שיכור'ט, און דערנאך וואלטן זיי זיך געקריגט איינער מיט'ן צווייטן, און זיך געוואלגערט אין שמוץ ווי די סדר איז ביי שיכורים.

אבער ביי אונז אידן איז גאר פארקערט, מיר האבן געגעסן און געטרונקען, און דאך איז יעדער איינער דא אין בית המדרש, עס איז נישט דא קיין איין שיכור, יעדער איז אנגעטוהן מיט שיינע ווייסע קליידער, קיינער שלאפט נישט, יעדער שטייט אויף די פיס, און מיט א הרגש פון קדושה און טהרה איז יעדער גרייט מקבל צו זיין די עינויים פון יום כיפור.

יעצט, זאג רבונו של עולם, זענען נישט אידישע קינדער ווערד אז דו זאלסט זיי מוחל זיין אויף זייערע עבירות, און זיי אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר און א שנת גאולה וישועה?!"...

❋ ❋ ❋

דער הייליגער רבי משולם זוסיא פון אניפאלי זי"ע האט אמאל אין יום כיפור פאר כל נדרי מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער זאגנ'דיג:

"עס איז דאך באקאנט אז פון יעדע מצוה וואס א איד טוט, ווערט באשאפן א ווייסע מלאך, און פון יעדע עבירה א שווארצע מלאך, איך האב אבער קיינמאל נישט געזעהן א שווארצע מלאך וואס אלע זיינע איברים זענען גאנץ, ווייל אפילו ווען א איד זינדיגט ח"ו, טוט ער דאס נישט מיט די גאנצע הארץ, נאר שוין בשעת די עבירה טוט דאס עם וויי און ער האט גלייך חרטה אויף דעם".

❋ ❋ ❋

**די געהויבענע רגעים פאר 'כל נדרי'.**

איין יאר פאר 'כל נדרי', אין בית המדרש פון דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע, איז דער ציבור אנגעקומען צו 'כל נדרי', און מען ווארט אז דער רבי זאל אריינקומען, אבער ער קומט נישט אריין, עס גייט אריבער אביסל צייט, און ער איז נאך אלס נישט דא.

די חסידים האבן זיך געוואנדן צום רבי'ן'ס זוהן דער הייליגער רבי אליעזר'ל דזי'קוב'ער זי"ע, ער זאל גיין זעהן וואס קומט פָאר מיט זיין טאטן.

מיט א ציטער איז ער אריין אין צימער און ער זעהט ווי דער טאטע וויינט מיט בכיות נוראות, עס האט גענומען עטליכע מינוט ביז דער זוהן וואגט זיך צוצוגיין צום טאטן, און עם זאגן: "טאטע, עס איז שפעט, דער עולם ווארט".

זאגט עם דער טאטע: "דער אמת איז אז איך שעם זיך פשוט אריין צו גיין אין בית המדרש, ווייל א גאנץ יאר האלט איך אין איין צוזאגן אז מארגן וועל איך תשובה טוהן, אזוי האב איך דאס אפגעשטופט ביז סליחות.

און אזוי איז שוין פארביי געגאנגען ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יעצט האלט איך שוין פאר 'כל נדרי', און איך זעה אז איך האב נאכנישט ריכטיג תשובה געטוהן, ממילא שעם איך זיך אריין צו גיין אין בית המדרש צו 'כל נדרי'".

האט עם זיין זוהן געטרייסט, און געזאגט: "די געהויבענע רגעים וואן עס קומט אריין דער הייליגע טאג יום כיפור, איז דאך א גרויסע עת רצון אין הימל, ממילא בין איך זיכער אז יעצט וועט דער טאטע'ס תשובה אנגענומען ווערן אין הימל".

הערנ'דיג די ווערטער פון זיין זוהן, האט דער הייליגער ראפשיצ'ער רב מסכים געווען אריינצוגיין אין בית המדרש צו 'כל נדרי'.

❋ ❋ ❋

**אין יום כיפור פָארט מען נישט.**

עטליכע חסידים פון קאנגרעס פולין זענען אמאל געקומען צו פארן אויף יום כיפור, צום הייליגער רבי ברוך פון גארליץ זי"ע, א זוהן פון דער הייליגער רבי חיים פון צאנז זי"ע.

עס האט זיך געמאכט אז אינעם טאג 'יום הקדוש' האט אויסגעבראכן און זיך פארשפרייט א קראנקהייט ל"ע אינעם שטאט גארליץ, האבן די בא'אמטע פארוואלטונג באשטימט אז אלע געסט פון אנדערע שטעט מוזן צוריק פָארן כדי זיך נישט אנצושטעקן פון דעם קראנקהייט ר"ל.

האבן זיי באפוילן צו לאזן וויסן אין שוהל אז אלע אויסלענדישע געסט זאלן זיך איינזאמלען אויף די סטאנציעס און ווארטן גרייט זיך אומצוקערן באלד צו זייערע שטעטלאך מיט ספעציעלע בַאנען וועלכע מען האט באשטעלט און זיי וועלן באלד אנקומען.

די רביצין האט בשעת די הפסקה נאך שחרית דערציילט פאר איר מאן, דער גארליצ'ער רב, אז די חסידים מוזן צוריק אהיים פָארן אין עצם פונעם הייליג'סטן טאג מיט א בַאן.

רופט זיך אָן דער גארליצ'ער רב: "פָארן וועלן זיי נישט!"

די רביצין האט נישט פארשטאנען דעם באדייט פונעם רב'ס ווערטער, האט זי געגעבן צו פארשטיין אז דער באפעל איז שוין אקטועל ארויסצופָארן שוין יעצט מיט די בַאנען.

זאגט ווידער דער גארליצ'ער רב: "פָארן וועלן זיי נישט!"

זיינע ווערטער זענען צושטאנד געקומען, וואן די בַאן וועלכע האט זיי געדארפט אהיים פירן האט זיך אויפגעהאלטן עטליכע מעטער פון די סטאנציע, און נישט געקענט ווייטער פָארן, אזוי אז דער גארליצ'ער רב'ס רוח הקודש איז פולקאם מקויים געווארן.

די חסידים זענען טאקע נישט ארויסגעפארן ביז מוצאי יום כיפור ווען מען האט פאר'ראכטן דעם בַאן.

❋ ❋ ❋

**ונקדישך ביום הכיפורים קדוש.**

נאכ'ן הסתלקות פון דער הייליגער רבי יצחק פון סקווירא זי"ע, האבן זיינע פיר זיהן אנגעהויבן פירן רבי'סטעווע, וואן ארום יעדן איינעם פון זיי האבן זיך ארומגעקליבן א גרויסע צאל פון חסידים.

דער געהויבענע חסיד ר' זיידל שוחט ז"ל האט נישט געקענט ביי זיך מחליט זיין צו וועלכע פון די פיר הייליגע זיהן ער זאל זיך מקשר זיין.

אבער איין טאג זייענדיג פארטיפט אינמיטן לערנען, האט ער איינגעדרימלט איבער די גמרא, און זיך גע'חלומ'ט ווי ער געפינט זיך יום הקדוש ביים זיין רבי'ן דער הייליגער רבי יצחק פון סקווירא זי"ע אין ביהמ"ד, און מען זאגט דעם פיוט וואס הייבט זיך אן 'נחשב כצג באיתון', און ווען מען האט אויסגעלאזט דעם חרוז וואס ענדיגט זיך מיט דאס ווארט 'קדוש', האט ער געזעהן ווי דער רבי טייטלט מיט זיין פינגער אויף זיין הייליגער זוהן רבי דוד'ל, ווייזנ'דיג אויף עם אז ער איז א 'קדוש'.

נאך אזא חלום האט שוין ר' זיידל שוחט נישט געהאט קיין ספיקות, און איז געפארן קיין סקווירא צום הייליגער רבי דוד'ל זי"ע. אריינקומענ'דיג צום רבי'ן דאס ערשטע מאל האט ער באמערקט אויפ'ן רבי'ן אז ער ווייסט פון דעם חלום וואס ער האט געהאט.

❋ ❋ ❋

**א 'בעל תפלה' נאר מיט א צובראכן הארץ.**

ערב יום הקדוש ביים סעודת המפסקת זענען זיך צונויף געקומען ביים הייליגער 'חוזה' פון לובלין זי"ע, די תלמידים און חסידים, און צוזאמען האט מען מקיים געווען מצוות היום מיט גרויס דערהויבנקייט.

אינמיטן איז אריינגעקומען א פשוט'ע איד פון דארף, וועלכע האט זיך צוגעזעצט צום סעודה, אבער פון גרויס גערדרענג האט ער אומבאמערקטערהייט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן קאפטן פון זיין שכן.

ער איז זיך מכבד מיט די געשמאקע סארטן מאכלים, אבער היבש מער מיט די לחיים-געטראנקען פון טיש. עס גייט נישט דורך לאנג און די 'לחיים' גלעזלעך האבן אויף עם משפיע געווען, אז ער איז איינגעשלאפן אויף זיין בענקל.

ווען עס איז געקומען סוף זמן אכילה און מען האט געבענטשט, האבן זיך אלע אידן אויפגעשטעלט פון פלאץ און געוואנדן די טריט צום ביהמ"ד, אויסער דער תלמיד וואס איז געווען פארקלעמט, זיין קאפטן און ציצית ליגט אונטער דעם שלאפענדן איד.

די גאנצע עולם איז שוין אין שוהל, אבער ער זיצט נאך - האלב אונטער זיין שכן - דארט אין שטוב. אויך ביי כל נדרי און מעריב האט ער פארברענגט די הייליגע מינוטן אין די סביבה פון א שלאפענדן שיכור, און אנשטאט די דערהויבענע תפילות צו הערן, הילכט אפ יענעמ'ס שלאפן גערודער אין חלל פון צימער. עס איז נישטא וואס צו טוהן, מען קען דעם דארפסמאן אין קיין פאל נישט דערוועקן.

ערשט פארטאג'ס ווען דער שיכור האט זיך עטוואס דערמינטערט און זיך געגעבן א ריר, האט דער חסיד אויסגענוצט די געלעגענהייט און ארויסגעשלעפט זיינע בגדים פון אונטער עם, און איז פון דארט שנעל ארויס אויפ'ן וועג אין שוהל אריין, טראכטנ'דיג: "אוי ווי, ווי קוק איך אויס? מיט וואס פאר א פנים וועל איך דא ארומגיין?" אזוי וויקעלט ער זיך גוט ארום אינעם טלית, ארייגערעכנט זיין פנים און שטעלט זיך אוועק אין א ווינקל.

דער הייליגער 'חוזה' האט געהאט א מנהג, אז עס איז זענען נישט באשטאנען קיינע בעלי תפילות קבועים, נאר צום ברעטל האט ער אויפ'ן פלאץ צוגעשיקט א חזן וואס ער האט געטראפן פאסיג פאר די תפילות.

דאן, ווי ליינענ'דיג זיין חסיד'ס געפילן, איז ער צו עם צוגעגאנגען און אויפגעדעקט מיט'ן טלית זיינע פאר'טרער'טע אויגן: "נו?" - וואונקט עם דער צדיק - "צום עמוד דארף איך האבן איינער וואס פארמאגט א ריין-צעבראכן הארץ!"...

✵ ✵ ✵

**באקומען א 'דרך תשובה'.**

אין שכנות פון דער הייליגער רבי זוסיא פון אניפאלי זי"ע האט געוואוינט אַן אפטייקער וואס ער האט נישט איבערגעלאזט קיין איין עבירה וואס ער זאל דאס נישט האבן געטוהן. איינמאל איז אין עם אריין א הרהור תשובה, איז ער געקומען צום הייליגן רבי זושא זי"ע און געזאגט: "רבי, איך וויל תשובה טוהן!"

האט עם רבי זושא געזאגט אלע תיקונים וואס עס שטייט אין 'ספר הקנה', אויף דעם עבירה דארף מען אזויפיל פאסטן און אויף דעם עבירה דארף מען אזויפיל פאסטן.

האט דער אפטייקער געזאגט: "איך קען נישט אזויפיל פאסטן ווייל איך וועל שטארבן".

האט רבי זושא גע'ענטפערט: "דעמאלט האב איך נישט פאר דיר קיין עצה".

אבער דער אפטייקער האט עם נישט אפגעלאזט, האט עם רבי זושא געזאגט: "איך האב א ברודער רבי אלימלך ער איז א גוטער, פָאר צו עם אפשר וועט ער דיר קענען העלפן".

דער אפטייקער איז באלד געפארן קיין ליז'ענסק צום הייליגער רבי אלימלך זי"ע, און ער האט געזאגט פאר רבי אלימלך: "אייער ברודער האט מיר געשיקט צו אייך, איך וויל תשובה טוהן, און ער האט מיר געהייסן פאסטן, אבער איך קען נישט אזויפיל פאסטן, ווייל איך וועל שטארבן".

האט רבי אלימלך געזאגט: "דו דארפסט נישט פאסטן, דו זאלסט עסן יעדן טאג א פרישע בילקע מיט פיש, יויך מיט פלייש און צימעס. נאר איידער דו גייסט עסן זאלסט דו אריינקומען צו מיר".

יעדן טאג ווען דער אפטייקער איז אריין צו רבי אלימלך האט רבי אלימלך אויסגערופן: "מיילעך, מיילעך, וואס האסט דו געטוהן יענעם טאג אויף יענעם פלאץ". אזוי האט ער אויסגערעכנט אלע עבירות וואס דער אפטייקער האט געטוהן, און דער אפטייקער האט פארשטאנען אז ער מיינט עם, האט ער אנגעהויבן שטארק צו וויינען, ביז ער האט גע'חלש'ט, און מען האט עם דערמינטערט, דערנאך איז ער געגאנגען עסן.

מען קען זיך פארשטעלן ווי אזוי דאס עסן איז געווען, אזוי איז געווען יעדן טאג, ביז ער האט שוין נישט געקענט מער עסן. האט רבי אלימלך געשטעלט אויף עם א שומר אז ער מוז עסן, אזוי האט ער זיך געפירט ביז ער איז געווארן א ריכטיגע בעל תשובה.

✵ ✵ ✵

**דער פאלשע 'יום כיפור' איז מבטל די גזירה.**

ווען די ראשי קהילה האבן אמאל פארגעשטעלט פאר'ן הייליגער רבי אייזיק'ל פון קאלוב זי"ע א שליח ציבור פאר די הייליגע טעג, האט דער רבי זיך אנגערופן צו די ראשי קהילה דערציילנ'דיג א סיפור:

אמאל בין איך אנגעקומען אין א שטאט ווען עס איז געווען די צייט צו דאווענען מנחה און מעריב, בין איך באלד אוועק אין שול און זיך געשטעלט דאווענען.

ביי מעריב, ווען מען איז אנגעקומען צו 'אהבת עולם' האט דער ציבור זיך גענומען זינגען א ווארימע ניגון פאר אַן ערך פון צוויי שעה דעם 'אהבת-עולם'.

ווען איך האב געפרעגט אויף דעם אינטערסאנטע מנהג האט מען מיר גע'ענטפערט אז באלד וועט פארקומען א גרויסע סעודה ביי וועלכע מען וועט פארליינען פונעם קהל'ישן פנקס דעם גאנצן ענין.

מיט יארן פריער, צוליב פארשידענע מסירות וואס די שונאי-ישראל האבן אויסגעטראכט אויף די אידן, האט די רעגירונג באשלאסן דורכצופירן א גירוש אויף אלע אידישע איינוואוינער, נאר איידער מען האט פארזיגלט דעם אורטייל האבן זיי דאס געדארפט דורכרעדן מיט א געוויסע פריצ'טע וועלכע איז גראדע געווען א שטארקע אידן פריינד.

ווען זי האט זיך דערוואוסט פון דעם גזירה וואס הענגט איבער די אידישע קעפ, האט זי באלד דערציילט פאר די ראשי קהילה פון די ביטערע צרה.

באלד איז געווארן א יללה אין שטאט, דער מרא דאתרא האט פארורופן א תענית ציבור און אידן האבן איינגעריסן הימלען מבטל צו זיין דעם שווערן גזירה.

דערווייל האבן זיך די טעג גערוקט, און די גזירה איז נאכנישט אפגערופן געווארן. די גוי'אישע שכנים האבן זיך שוין גענומען גרייטן צו פאגראמירן דעם אידישן קווארטל אינעם באשטימטן טאג און זיך נעמען איבער די אידישע בירגער, זיי צו שלאגן און בארויבן און זיך נוקם זיין אין זיי.

דער שמש אין ביהמ"ד וועלכער איז געווען א הייליגער מענטש האט געזען אז דער קטרוג גייט נישט אראפ פון זיי, האט ער זיך אויפגעשטעלט אין שול און אויסגערופן צו די שטאט-לייט דערציילנ'דיג זיי דעם סוד אז דער שרעקליכער גזר-דין איז אויף זיי פאר'חתמ'ט געווארן צוליב דעם וואס אין די ימים נוראים האט ביי זיי אין שול געדאווענט פאר'ן עמוד א בעל-תפילה וואס איז נישט געווען ראוי דערצו, וויבאלד ער איז געווען א פארדארבענע מענטש, און דאס האט גורם געווען דעם קטרוג.

דאן האט דער שמש אויסגערופן אז עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה נאר אז מען זאל איבערמאכן די ימים נוראים, מען זאל פון-פריש באשטימען חודש אלול און ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום כיפור, און מען זאל איינרייסן ביים אייבערשטן אז ער זאל זיי פארשרייבן א 'גוט געבענטשט יאר.

אזוי האבן די שטאט-לייט טאקע געטוהן, און דער שמש אליין האט געדאווענט פאר'ן עמוד.

עס איז פארביי געגאנגען זייער 'חודש אלול' און די 'עשרת ימי תשובה', אבער די גזירה איז נאכנישט אראפגענומען געווארן פון זיי.

'יום כיפור' איז אויסגעפאלן אינעם טאג וואס איז געווען באשטימט פאר'ן 'גירוש', און בשעת די אידן אין שול זענען געשטאנען איינגעהילט מיט טלית און קיטל ביי די תפלה פון נעילה, האבן זיך אינדרויסן גענומען פארזאמלען די גוים גרייט איבערצופאלן דעם שול מיט אלע מתפללים ח"ו.

אבער ווי-נאר די אידן אין שול זענען אנגעקומען צו די ווערטער 'ה' הוא האלקים' און האבן גענומען שרייען מיט כח זיבן מאל דעם פסוק, איז אינדרויסן געפאלן א טויט שרעק אויף די פארזאמלטע, און זיי האבן גענומען הרג'ענען און שלאגן איינער דעם אנדערן און אנשטאט זיך צו ארויף ווארפן איבער'ן שול, האבן זיי זיך גענומען ווארפן איינער אויפ'ן צווייטן ביז עס איז קיינער נישט איבערגעבליבן פון זיי.

ווען די אידן האבן געזען דעם גרויסן נס האבן זיי זיך געשטעלט דאווענען מעריב מיט גרויס שמחה, און צוקומענ'דיג צו די תפלה פון 'אהבת עולם' האט זיי אנגעכאפט א שטארקע התרגשות אז זיי האבן מאריך געווען צוויי שעה נאכאנאנד מיט שבח והודאה צום אייבערשטער אויף דעם נס.

זינט דאן פראווען די איינוואוינער פון שטאט דעם טאג אלס א יום טוב, און ביי 'אהבת עולם' זענען זיי מאריך מיט ניגונים און לויב צום אייבערשטער.

דאס אלעס האב איך געזעהן - האט דער קאלוב'ער פאר'ענדיגט דעם סיפור פאר די ראשי-קהילה - און דערפאר זאלט איר זיין זייער געווארנט ביים אויסקלויבן א בעל תפלה פאר די ימים נוראים!"

✵ ✵ ✵

**שבת שובה דרשה.**

דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע האט אמאל געזאגט מיט א שמייכל: "דערפאר האט מען איינגעפירט דעם מנהג אז דער רב זאל זאגן א 'שבת שובה דרשה', ווייל דער רב איז דאך אַן ערליכער איד, וועלכער האט אויף זיך נישט קיין שום עבירה, אויף וואס תשובה צו טוהן, אויב אזוי, זאל ער יעצט פאר יום כיפור זינדיגן מיט'ן דרשה, ווייל על פי רוב זענען אזעלכע דרשות 'אַן עבירה יעדעס ווארט'!"...

❋ ❋ ❋

**הלכות תשובה.**

מען האט אמאל געפרעגט פון דער הייליגער 'חידושי הרי"ם' פון גור זי"ע, פארוואס האט נישט דער שלחן ערוך 'הלכות תשובה', אזוי ווי דער רמב"ם האט?

האט דער 'חידושי הרי"ם' גע'ענטפערט מיט א שמייכל: "ווייל דער רמב"ם האט אין זיין ספר געשריבן הלכות אפילו אויף דינים וועלכע זענען נישט נוהג בזמן הזה, אבער דער שלחן ערוך האט נאר געשריבן אזעלכע דינים וואס זענען יא נוהג בזמן הזה. און ווי באוואוסט איז טוט מען ליידער נישט קיין תשובה בזמן הזה!"...

❋ ❋ ❋

**וואו ליגט דער מקור פון שלעכט'ס.**

א איד איז אמאל אריין אין עשרת ימי תשובה צום הייליגער רבי צבי הירש פון רימאנוב זי"ע, און געזאגט: "רבי, איך וויל תשובה טוהן".

"נו, ווער לאזט דיר נישט תשובה טוהן?" - פרעגט עם דער רבי.

ענטפערט דער איד: "איך זוך דער מקור פון שלעכט'ס, כדי איך זאל עם קענען אויסרייסן".

זאגט עם דער רבי: "און צוליב דעם ביסט דו געקומען קיין רימאנוב? דו פארשוועונדסט דיין צייט בחינם, ווייל דער מקור פון שלעכט'ס זאלסט דו נישט זוכן אין קיין שום ארט, ווייל עס געפינט זיך בלויז אין דיר אליין!"...

❋ ❋ ❋

**תשובה נישט דורך סיגופים.**

א איד איז אמאל אריין צום הייליגער רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע און געזאגט אז ער וויל תשובה טוהן אויף זיינע זינד, און ער וויל זיך מסגף זיין דורך פאסטן יעדן טאג פון די וואך.

האט עם דער קאזמיר'ער גע'ענטפערט: "דיין נשמה האסט דו שוין געלייגט אין דער ערד, יעצט ווילסט דו דיין גוף אויך לייגן אין דער ערד?"...

❋ ❋ ❋

**תשובה מיט א תנאי.**

א חסיד איז אריין פאר יום כיפור צום הייליגער רבי בער פון וועלבראז' זי"ע און געזאגט: "רבי, איך בין גרייט תשובה צו טוהן מיט'ן תנאי, אז איך ווער באפרייט פון מיינע יסורים".

"זאג נאר" - פרעגט עם צוריק דער רבי - "און ווען דו האסט געזינדיגט האסט דו אויך געמאכט א תנאי?"...

❋ ❋ ❋

**ווי אזוי טוט מען תשובה.**

א איד איז אמאל אריין אין די עשרת ימי תשובה צום הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע, און האט זיך פאר עם באקלאגט: "רבי! העלף מיר, איך וויל תשובה טוהן אויף מיינע זינד".

"איז פארוואס טוסט דו דאס נישט?" - האט דער רוזשינער עם געפרעגט.

"ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי מען טוט תשובה" - האט דער איד גע'ענטפערט.

פרעגט עם צוריק דער רוזשינער: "און ווי אזוי צו זינדיגן האסט דו יא געוואוסט?"...

"איך האב געטוהן די עבירה, און דערנאך האב איך זיך דערוואוסט, אז עס איז אַן עבירה" - האט דער איד גע'ענטפערט.

"טוה יעצט דאס זעלבע" - זאגט עם דער רוזשינער - "האב חרטה אויף די זינד, און די תשובה וועט שוין אליין קומען"...

❋ ❋ ❋

**פון וואו וועט מען נעמען הינער אויף כפרות.**

דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע איז אמאל אין תשעה באב געגאנגען נאך געלט, האט ער געזעהן ווי א גרופע 'פורקי עול' עסן ליידער הינער פלייש אין דעם טאג.

רופט זיך אָן צו זיי דער בארדיטשוב'ער רב: "אויב איר עסט יעצט אויף די הינער, פון וואנעט וועט איר נעמען ערב יום כיפור הינער אויף כפרות?"...

די הייליגע ווערטער וועלכע זענען ארויס פון זיין ריינע הארץ, זענען אריין אין זייער הארץ, און זיי האבן תשובה געטוהן אויף זייערע מעשים.

❋ ❋ ❋

**דער שטן לאזט דאווענען לאנגזאם.**

דער הייליגער רבי יהושע פון בעלזא האט געזאגט: "צוויי מאל א יאר רעדט דער שטן איין אז מען זאל דאווענען לאנגזאם, איינס איז 'שחרית ערב פסח', די צווייטע איז 'מנחה ערב יום כיפור'!"...

❋ ❋ ❋

**מברך הנשים.**

דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע האט אמאל דערציילט: "איין יאר איז געווען א שווערע גזירה אויף די פרויען, אסאך פרויען זענען אוועק יונגערהייט.

יענעם ערב יום כיפור איז א פשוט'ע דארפ'ס איד אריינגעקומען אין שטאט, און האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

ביים ברכה פון 'ברך עלינו', אנשטאט צו זאגן 'וברך שנותינו כשנים הטובות לברכה', האט ער געזאגט 'וברך נשותינו כנשים הטובות לברכה, און ער האט דערביי זייער געוויינט...

אזוי אויך ביים אויסלאזן די ברכה 'מברך השנים', האט ער זייער געוויינט ביים אויסגעלאזן 'מברך הנשים'...

מיט זיין גרייזעדיגע תפלה האט ער אויסגע'פועל'ט אין הימל אז די ביטערע גזירה אויף די פרויען זאל בטל ווערן....

❋ ❋ ❋

**עפר אני בחיי.**

דער הייליגער 'גאון' רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע פלעגט זיך פירן יעדן יום כיפור צו שטיין נעבן א איד וואס וויינט ביים דאווענען, כדי ער זאל דערוועקט ווערן און זאל מיטוויינען מיט עם.

איין יאר איז עם אויסגעקומען צו זיין יום כיפור אונטערוועגס, ער האט אבער נישט געוואלט נאכלאזן פון זיין מנהג, איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד צו מנחה ערב יום כיפור און געזוכט וואו ער קען טרעפן א איד וואס וועט וויינען ביים זאגן ווידוי.

אינמיטן די שטילע שמונה עשרה הערט רבי יהונתן ענדליך א איד צעוויינט זיך ביים זאגן די ווערטער 'עפר אני בחיי קל וחומר במיתתי'...

האט רבי יהונתן זיך זייער געפריידט אז ער האט שוין נעבן וועמען צו שטיין, און האט טאקע געדאווענט גאנץ יום הקדוש נעבן יענעם.

אינמיטן קריאת התורה, האט דער גבאי אויפגערופן יענעם איד צו 'רביעי', דער איד האט זיך גענומען שרייען אויפ'ן גבאי: "פאר בערל עם הארץ געבסט דו די שיינע עלי' 'שלישי', און פאר מיר געבסט דו 'רביעי'?!"

"איין מינוט" - האקט עם רבי יהונתן איבער - "איך האב דאך נעכטן געהערט ווי דו וויינסט ביי די ווערטער 'עפר אני בחיי', פארוואס יעצט ביסט דו נישט מוותר אויף דיין כבוד?"...

"יא יא" - האט דער איד עם גע'ענטפערט - "אקעגן דעם אייבערשטער בין איך טאקע 'עפר ואפר', אבער אקעגן בערל עם הארץ נישט!"...

❋ ❋ ❋

**'ונסלח לכל עדת'.**

אין בית המדרש פון דער הייליגער רבי זושא פון אניפאלי זי"ע איז דער חזן געשטאנען נאך 'כל נדרי', און זיך גאר שיין צוזינגען אויף די ווערטער 'ונסלח לכל עדת בני ישראל'.

רופט זיך אָן דער הייליגער רבי זושא: "רבונו של עולם, ווען די אידן וואלטן נישט געזינדיגט וואלסט דו דאך נישט געהערט אזא שיינע 'ונסלח'!"...

❋ ❋ ❋

**'אנו מלאי עון ואתה מלא רחמים'.**

איין יאר יום כיפור ביינאכט, בשעת'ן זאגן דעם פיוט 'אנו מלאי עון ואתה מלא רחמים', האט דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע אויסגעשריגן מיט א התלהבות: "'אנו מלאי עון', מיר זענען פול מיט זינד, און ווי גרויס איז דען לוי יצחק אינגאנצן, וואס ער איז פול מיט זינד? אבער 'ואתה מלא רחמים', דו ביסט דאך 'אין סוף', קומט דאך אויס אז אויך דיין רחמים האט נישט קיין סוף און נישט קיין גבול!"...

❋ ❋ ❋

## 'אם עונינו ענו בנו'.

איין יאר יום הקדוש ביינאכט האט דער הייליגער 'שר שלום' פון בעלזא זי"ע געזוכט א 'מליצה ישרה' אויף כלל ישראל, האט ער צוגערופן דעם שניידער פון שטאט און עם געפרעגט: "זאג נאר, וואס איז דער טייטש ביי תחנון, פון די ווערטער 'אם עונינו ענו בנו?" "פארוואס זאל דער רבי דאס נישט וויסן?" - ענטפערט צוריק דער שניידער - "'אם עונינו', כאטש מיר האבן געזינדיגט, 'אנו בנו', זענען מיר נאך אלס דיינע קינדער!"...

✵ ✵ ✵

## על חטא.

ווען דער הייליגער ראפשיצ'ער רב זי"ע איז אלס יונגערמאן אמאל געווען ביי זיין רבי'ן אין לובלין אויף יום הקדוש, איז איינער געשטאנען אונטער עם ביים דאווענען, און ביים זאגן די 'על חטא' האט יענער ארויפגעלייגט זיין סידור אויפ'ן רוקן פונעם ראפשיצ'ער רב, וועלכער איז דאן געשטאנען אינגאנצן איינגעבויגן צו די ערד ביים זאגן די וידוי.

ווען יענער האט גע'ענדיגט זאגן 'על חטא', רופט זיך אָן דער ראפשיצ'ער רב צום שכן: "זינדיגן, זינדיגסט דו אליין, אבער די וידוי זאגסט דו אויף מיר?!"...

✵ ✵ ✵

אַן אנדערע מאל האט דער ראפשיצ'ער רב זי"ע באמערקט ווי א איד קלאפט ביי 'על חטא', אבער ער האלט באמת נישט דערביי. רופט זיך אָן דער ראפשיצ'ער רב צו יענעם: "עס איז א שאד דיין קלאפן, דער בעל הבית איז נישט דארט!"...

✵ ✵ ✵

דער הייליגער 'חפץ חיים' רבי ישראל מאיר פון ראדין זי"ע האט אמאל געזאגט: "דער אייבערשטער איז טאקע מוחל אין יום כיפור אויף אלע עבירות, אבער נישט פאר דער וואס טוט נאר קלאפן אויף זיין הארץ ביים זאגן 'על חטא', נאר ער איז מוחל פאר דער וואס זיין הארץ קלאפט עם אויף די עבירה וואס ער האט עובר געווען!"...

✵ ✵ ✵

## מיר זאגן דעם גאנצן אמת.

דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע האט אמאל פאר כל נדרי געזאגט: "די היינטיגע דורות זענען ערליכער ווי די פריערדיגע צדיקים, זיי האבן אפילו יום כיפור אין שוהל נישט געזאגט דעם אמת, זיי פלעגן זיך קלאפן אין הארץ זאגנ'דיג 'אשמנו, בגדנו, גזלנו', אדער 'על חטא שחטאנו לפניך', און קיין איין ווארט איז נישט אמת געווען, ווייל זיי האבן זיך מתוודה געווען אויף עבירות וועלכע זיי זענען קיינמאל נישט באגאנגען.

אבער די היינטיגע דורות, ווען מיר קלאפן זיך אין הארץ זאגנ'דיג וידוי, זאגן מיר אויס דעם גאנצן אמת, און דערפאר אליין זענען מיר ווערד אז דו זאלסט מוחל זיין אויף אונזער זינד"...

✵ ✵ ✵

## 'אחטא ויום הכיפורים מכפר'.

דער הייליגער רבי אברהם יהושע העשיל פון אפטא זי"ע האט אמאל אין ערב יום כיפור זיך אנגערופן: "דער ערגסטער פון די פושעים, אויף וועלכער עס איז שוין נישט פארהאנען קיין תשובה, איז דער וואס זאגט 'אחטא ואשוב' אדער 'אחטא ויום הכיפורים מכפר'. און דאך רבש"ע געב נאר א קוק, אפילו בשעת ער זינדיגט האט ער אינזינען תשובה צו טוהן, און ער טראכט נאך פון דער הייליגער יום כיפור!"...

✵ ✵ ✵

## 'קידוש' אין יום כיפור.

ווען דער 'גאון' רבי אברהם פון סאכאטשוב 'בעל אבני נזר' זי"ע איז נאך געווען א פינף יעריג קינד, האט עם זיין פאטער אהיים געשיקט פון שוהל יום כיפור אינמיטן דאווענען, ער זאל אויספאסטן. ווען ער איז צוריק געקומען אין שוהל, פרעגט עם זיין פאטער: "נו, האסט קידוש געמאכט פאר'ן אויספאסטן?"...

"צום ערשט" - האט ער גע'ענטפערט - "האב איך געקלערט קידוש צו מאכן, אבער דערנאך האב איך זיך דערמאנט, אז דער טעם פארוואס א קינד פאר'ן 'בר מצוה' איז מקיים מדרבנן אלע מצות, איז דאך נאר צוליב 'חינוך', אז ער זאל זיין צוגעוואוינט צו טוהן די מצות ווען ער וועט זיין א 'גדול'. אבער 'קידוש' אין יום כיפור, וועל איך דאך נישט מאכן אלס 'גדול', דארף איך יעצט נישט קידוש מאכן אלס 'חינוך'!"...

✵ ✵ ✵

## 'ברכת המזון' אין יום כיפור.

א געוויסע 'פורק עול' האט זיך ארויסגערוקט פון שוהל יום כיפור אינמיטן דאווענען, אלע האבן שוין פארשטאנען וואו ער איז געגאנגען. ווען ער איז צוריק געקומען האט ער זיך גענומען זוכן אינעם מחזור וואו דעם עולם האלט יעצט.

זיין שכן, וועלכע איז געווען א קלוגע איד, רופט זיך אָן צו עם: "עס איז א שאד אייער זוכן, אינעם יום כיפור מחזור שטייט נישט 'ברכת המזון'!"...

✵ ✵ ✵

## ברכנו בברכה המשולשת בתורה ה'חתימה'.

דער הייליגער רבי דוד'ל פון דינוב זי"ע האט דערציילט: "אמאל איז געווען א דארפסמאן וועלכער האט זיך געהאלטן פאר א גרויסע 'תלמוד חכם', ער פלעגט שטענדיג 'לערנען' דעם סידור, אז ווען ער וועט זיין אין שטאט און דער חזן וועט מאכן א טעות, וועט ער באלד אריינשרייען פאר'רעכטנ'דיג דעם חזן, וועלן אלע דאן 'וויסן' אז ער איז א תלמוד חכם.

גאנץ ראש השנה האט ער געווארט אויף א טעות, וועלכע איז נישט אנגעקומען, אזוי אויך גאנץ יום כיפור האט ער שוין געווארט ווען וועט דער חזן ענדליך מאכן א גראבע טעות. און אט ווען עס איז געקומען צו 'נעילה' האט ער געטראכט: יעצט ווען מען פארענדערט דעם נוסח פון 'כתיבה' צו 'חתימה', וועט דער חזן זיכער מאכן א טעות.

אינמיטן נעילה ביי 'ברכת כהנים' הערט ער ווי דער חזן זאגט 'ברכנו בברכה המשולשת בתורה **הכתובה**, און אט שרייט דער דארפ'ס איד אריין מיט א הויכע שטימע אז אלע זאלן הערן: "ה ח ת י מ ה"...

דער גאנצע עולם האט זיך צולאכט פון דעם גרויסן עם-הארצות, און פארשטייט זיך אז אלע האבן שוין באלד איינגעזעהן וואס פאר א תלמוד חכם ער איז...

✵ ✵ ✵

## צדקה פאר יעדע לעפל וואסער.

ביים הייליגער רבי חיים פון צאנז זי"ע אין ביהמ"ד, איז אמאל אין יום כיפור שוואך געווארן א איד, א גרויסע גביר, וועלכער איז אויך געווען באוואוסט אלס א גרויסע קמצן. האט דער צאנז'ער רב געזאגט: "על פי הלכה קען מען עם געבן 'א לעפל וואסער'.

אבער נאכ'ן לעפל וואסער האט זיך זיין דארשט נישט איינגעשטילט, האט דער צאנז'ער רב געזאגט: "אויב וועט ער פאר יעדן לעפל וואסער צוזאגן פאר צדקה 100 רובל, קען מען עם געבן וויפיל ער פארלאנגט"...

ווען דער קמצן האט דאס דערהערט, האט ער זיך באלד בארואיגט און האט שוין נישט געדארפט קיין וואסער צו טרינקען...

✵ ✵ ✵

## לשנה הבאה בירושלים.

דער הייליגער 'ישמח משה' זי"ע האט אמאל יום כיפור נאך נעילה געזאגט: "פסח ביינאכט נאכ'ן סדר, רופן מיר אויס 'לשנה הבאה בירושלים', יום כיפור נאך נעילה רופן מיר אויך אויס 'לשנה הבאה בירושלים'. ווען ווילן מיר באמת ווערן אויסגעלייזט?

נאר אין גמרא איז דא א מחלוקת, רבי אליעזר זאגט 'בתשרי עתידין ליגאל', און רבי יהושע זאגט 'בניסן עתידין ליגאל', מיר ווייסן דאך נישט ווער עס איז גערעכט, און עס איז נישט קיין נפקא מינא ווען עס וועט זיין, דער עיקר איז, מיר זאלן שוין ווערן אויסגעלייזט. דעריבער זאגן מיר דעם 'לשנה הבאה בירושלים' איינמאל אין חודש ניסן נאכ'ן סדר, און א צווייטע מאל אין חודש תשרי נאך נעילה!"...

✵ ✵ ✵

## דיני תורות נאך יום כיפור.

פאר יום כיפור האט מען אין א שול זיך געקריגט ווער זאל זיין דער 'חזן' ביי שחרית און ווער ביי מוסף, ווער זאל זיין ביי 'כל נדרי' און ווער זאל זיין ביי 'נעילה'.

ווען דער רב האט נישט געקענט ענדיגן מיט די דין תורות, האט ער זיך אנגערופן צום עולם: "יעצט איז מיר פארענטפערט געווארן דעם רש"י אין פרשת יתרו אויפ'ן פסוק 'וישב משה לשפוט את העם', זאגט רש"י 'ממחרת יום הכיפורים היה'.

פון וואו ווייסט דאס רש"י? נאר ווייל א גאנץ יאר איז דאס ביהמ"ד ליידיג פון מתפללים, אבער ווען עס קומט די הייליגע טעג, קומט יעדער איינער צו לויפן און מען קריגט זיך ארום אויף יעדע פאסטן, דעריבער דארף מען זיך אויף מארגן פון יום כיפור אוועק זעצן צו משפט'ן דאס פאלק און שלום מאכן צווישן זיי!"...

✵ ✵ ✵

# כל נדרי אין די עלנדע הייזקע אינמיטן וועג

אין יענעם יאר, האט זיך ר׳ יענקל צוגעגרייט צו די פארכטיגע טעג, מיט א באזונדערן פארכט. איז עס דען א קלייניגקייט? - עס איז פאר אים דאס ערשטע מאל, וואס דער רבי אליין, יא, דער הייליגער רבי ישראל סטאלין׳ער, רופט איהם צו זיך אויף יום כיפור...

געווען איז עס, מוצאי יום טוב שבועות, ווען ר׳ יענקל איז זיך געגאנגען געזעגענען פון זיין רבין, נאך די צוויי געהויבענע טעג, וואס ער האט דארט זוכה געווען צו מיטלעבן. ער שפירט, אז ער פארט אהיים, כאטש מיט א טפח העכער, פון וואס ער איז ביז יעצט געווען. ער טראגט מיט זיך א פולן באגאזש - מיט תורה און יראת שמים, פון וועלכע ער וועט קענען געניסן א לענגערע צייט און אויך געבן צו פארזוכן, פאר זיינע פריינד דארט אין שטעטל, וואס האבן נישט באוויזן צו קומען קיין סטאלין, מקבל תורה זיין פון דאסניי אין דעם יום טוב פון קבלת התורה.

צו זיין וואונדער אבער, האט דער רבי געהאלטן עטוואס לענגער זיין בליק איבער זיין געזיכט און זיך אנגערופן: "מיר האפן אייך צו זעהן מיט אונז, אויך יום כיפור".

געווען איז עס א ערשטע מאל, אין די אלע יארן וואס ער פארט אלץ צום רבי׳ן, וואס דער רבי האט אים געשטעלט א צייט, ווען ער זאל צוריק קומען צו אים. ר׳ יענקל איז געווען איבעראשט - אויב דער רבי האט איהם פערזענליך גערופן, האט עס א טיפערן באדייט. וואס זאל עס אבער מיינען? - מיינט עס, אז ער נויטיגט זיך דאס יאר אין א טיפערע תשובה און דעריבער מוז ער קומען קיין סטאלין, דארט וואו דעם רבי׳נס דאווענען, ברענגט ארויף אזעלכע טרערן, וואס שווענקען אויס די נשמה? אדער אפשר מיינט עס, אז דער צדיק נויטיגט זיך אין זיין אנוועזנהייט, צוליב עפעס א אום פארשטענדליכע סיבה?

אזוי צו אזוי, האט ר׳ יענקל געטראגן מיט זיך דעם גאנצן זומער, אט די פערזענליכע רופעניש פון דעם רבי׳ן און מיט יעדן טאג וואס איז פארביי, האט ער טיפער דערהערט, די דערנענטערונג צו די פארכטיגע טעג און אנגעהויבן זיך צוגרייטן מיט א אינערליכע הכנה, ווערד זיין כאטש אביסל, דעם פערזענליכן רופעניש פון רבי׳ן.

אין יענעם יאר, האט זיך דער הערבסט אנגערוקט, אביסל פריער ווי יעדעס יאר. שוין אינמיטן אלול, האבן די בוימער אראפ געלאזט די מערהייט פון זייערע בלעטער און די שלאקס רעגנס, וואס כאראקטעריזירן אט די תקופה, האבן באגאסן דעם באשעפער׳ס וועלטל, מיט גרויסע קוואנטומס וואסער.

אויב פאר די פויערן, איז דאס געווען א גוטער סימן, האט אבער ר׳ יענקל באטראכט מיט זארג, דעם כמעט שטענדיג פארכמארעטן הימל. עס קומט אים ארויף אין זכרון, די תפילה וואס דער כהן גדול האט געבעטן אום יום הקדוש, אין די הייליגסטע מינוטן, ווען ער האט געטאן די עבודה אין קודש הקדשים: "ואל יכנס לפניך תפילת עוברי דרכים" - עס זאלן נישט אנגענומען ווערן די תפילות פון די גייער׳ס אויף די וועגן, וואס בעטן עס זאל נישט רעגענען - אין די צייט וואס די וועלט נויטיגט זיך אין דעם רעגן. יא, ער זעלבסט, איז יעצט אין אט די סיטואציע און אין צייט, וואס די וועלט פריידט זיך מיט דעם רעגן, זארגט ער גאר, ווען עס וועט זיך שוין אויפהערן און ער וועט זיך קענען ארויסלאזן קיין סטאלין.

דער רעגן, האט אבער נישט אויפגעהערט. אין דעם אכטן טאג פון תשרי, האט ר׳ יענקל געמוזט משלים זיין מיט דעם מצב, צו ארויס פארן קיין סטאלין אין דעם שלאקס רעגן. אויך זיין באזארגטע אשת חיל, האט אים נישט געקענט און נישט געוואלט אפהאלטן פון צו פארן, טראץ די סכנות וואס די נאסע און בלאטיגע וועגן טראגן מיט זיך. אז דער רבי רופט - ווייסט זי - מוז מען קומען. עס איז זיכער, אז אויב דער רבי רופט, וועט דער וועג דורכגיין, אי״ה, בשלום.

קיינער פון די אידישע בעלי עגלה, איז אבער נישט גרייט צו איינשטעלן און ארויסגיין אויף די וועגן, ווען עס איז בלויז א טאג פאר יום כיפור. און טאמער מען וועט, חלילה, בלייבן שטעקן, וואס וועט דעמאלט זיין? - אין אזא געהויבענע צייט, דארף מען זיין נאנט צו א בית הכנסת, וואו מען וועט קענען מתפלל זיין און בעטן אויף דעם נייעם יאר.

בלית ברירה, ווענדט זיך ר׳ יענקל צו א גוי׳אישן קוטשער. פאר א געפעפערטן פרייז, טרעפט ער א שטארקן וואגן, וואס איז געשפאנט צו צוויי העלדישע פערד. דער קוטשער זעהט אויך אויס צו זיין א מבין און שוין אינדערפרי, לאזן זיי זיך ארויס אין וועג.

ר׳ יענקל זיצט אין דעם וואגן, מיט א ספר אין האנט. דער וואגן פארט לאנגזאם און פארזיכטיג. אז מען וועט פארזעצן לויט דעם ריטעם, וועט מען ערשט אנקומען קיין סטאלין, מארגן נאך דעם האלבן טאג. עס שמעקט אים נישט, ר׳ יענקל׳ען, צו אנקומען אזוי נאנט צו ׳כל נדרי׳. ער וויל אריינגיין צום הייליגן טאג, מיט א געהעריגע הכנה. אבער האט ער דען א ברירה? צואיילן דעם קוטשער, קען מיינען א סכנת נפשות פאר ביידן צוזאמען.

פלוצלינג, שטעלט זיך אפ דער וואגן. ר׳ יענקל שפירט, ווי ער נייגט אביסל אויף לינקס און לויפט באלד אראפ, צוזאמען מיט דעם קוטשער, זעהן וואס עס איז געשעהן. ב״ה - אטעמט ער מיט פארלייכטערונג - זיי זינקען נישט אין א טיפע בלאטע. בלויז איינע פון די רעדער האט זיך אביסל צובראכן. מען וועט עס שנעל פאררעכטן און קענען פארזעצן דעם וועג - האט דער קוטשער בארוהיגט.

דאס פאררעכטן איז אבער נישט אנגעקומען אזוי גרינג. עטליכע שעה האט עס גענומען, ביז דער וואגן איז שוין ווידער געשטאנען פעסט, אויף אירע פיר רעדער. ר׳ יענקל, אינגאנצן א דורכגענעצטער, גייט אריין אינעם וואגן און האפט, אז אין די ביסל צייט וואס איז געבליבן, ביז די נאכט וועט צופאלן, וועלן זיי מצליח זיין צו איינשלינגען, א גרעסערע שטרעקע פון דעם וועג.

די נאכט איז צוגעפאלן, פריער ווי געוועהנטליך. אין דעם פינסטערניש וואס האט איינגעהילט די וועגן, איז נישט שייך געווען צו פארן ווייטער. האט דער קוטשער אפגעשטעלט דעם וואגן, ביי דעם נאנט׳סטן גאסט הויז, זיך צו אפרוהען דורך די נאכט, אויסטרוקענען די נאסע קליידער און מארגן ארויספארן, שוין ביים באגינען, מיט פרישע כוחות. אפשר, אויב עס וועט מארגן זיין א בעסערער וועטער, וועט מען אנקומען קיין סטאלין, אביסל איידער דעם זון אונטערגאנג...

דער שווערער וועטער, האט אבער נישט נאכגעלאזט. ווען נישט, וואס דער רבי האט אים אויסדריקליך גערופן, וואלט ר׳ יענקל נישט איינגעשטעלט און געבליבן אין דעם נאנט׳סטן שטעטל אינמיטן וועג, וואו ער וועט קענען דאווענען מיט מנין אין דעם יום הקדוש. אבער אז דער רבי האט אים פערזענליך גערופן, האט ער זיך פארט ארויסגעלאזט אין וועג, מיט גרויס האפענונג, אז עס וועט פארט באגליקן און זיי וועלן אנקומען באצייטנס.

דער הימל איז אין יענעם ערב יום כיפור, געווען באזונדער טונקל. זייער פארזיכטיג, האט דער קוטשער געפירט זיינע פערד אין די וועגן, וויסנדיג, אז אין אום-פארזיכטיגער נייגונג, קען זיי אלעמען אריינזינקען אין א זומפ. ר׳ יענקל קוקט מיט זארג אויף דעם הימל, וואס ווערט טונקלער און טונקלער. און ווען ער זעהט פלוצלינג, עפעס א הייזקע אויפ׳ן וועג - קומט ער צו דעם שווערן באשלוס: מען שטעלט זיך דא אפ און מען בלייבט דא ביז איבער דעם יום הקדוש. ער האפט נאר, אז אין אט די הייזקע, וואוינען כאטש אידן.

קומענדיג נענטער צום טויער, ווערט ר׳ יענקל אויפגענומען - דורך א גרויסן שווארצן הונט. עס פעלט אים מער נישט אויס, צו קוקן אויף די טיהר, אויב עס איז דא

דארט א מזוזה - א איד, ווייסט ער, וועט נישט האלטן אזא הונט. עס מוז זיין, אז עס וואוינט דא א גוי'אישער, שטארק פארגרעבטער פויער.

מיט גרויס באדויער, האט ער זיך זייער שנעל איבערצייגט, ווי גוט ער האט צוגעטראפן. דער אלטער פויער, וואס איז ארויסגעקומען צו דעם בילן פון דעם הונט, האט זיי ביידן באפאלן מיט קולות און זידלערייען. ווען נישט די אלטיטשקע, וואס האט זיך דערבארעמט איבער די דורכגענעצטע פאסאזשירן, וואס זענען געבליבן שטעקן אין וועג, וואלט ער זיי אינגאנצן נישט אריין געלאזט אין זיין הויז. זי האט זיי אויפגענומען, מיט א הייסע גלעזל טיי, וואס ר' יענקל האט געטרונקען, אלס "סעודה המפסקת". דען באלד, באלד פאלט שוין צו דער הייליגער טאג, וואס ער וועט מוזן פראווען, אין אזא אומווירדיג ארט...

ר' יענקל פראבירט, צו אננעמען זיין גורל באהבה. נאך אלעמען איז ער, ב"ה, נישט געשעדיגט געווארן, אבער דאך האט דאס הארץ געוויייטאגט. איך בין צו זינדיג - האט אים געפייניגט די מחשבה - פשוט נישט ווערד, צו זיין אין אזא הייליגן טאג, אין די מחיצה פון דעם צדיק. ער נעמט זיין 'מחזור', שטעלט זיך אין א ווינקל און די טרערן הויבן אן צו רינען אן אויפהער. ער געדענקט נישט, ער זאל זאגן די 'על חטא'ס, מיט אזויפיל טרערן און געוויין. דערנאך, נעמט ער זיך זאגן 'כל נדרי' שטיל, מורא האבנדיג, נישט צו דערוועקן דעם צארן פון גערעגטן פויער. ווי ער הויבט אבער אן צו זאגן די ווערטער, ווערט ער שטארק פאר'דביקות'ט. ער שפירט זיך פלוצלינג אזוי נאנט צום באשעפער, ווי ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט - א זיסקייט צוגיסט זיך אין זיינע אלע גלידער און די ווערטער ווערן געזאגט, מיט א באזונדערע ליבשאפט, צו יעדן ווארט באזונדער. ער שפירט נישט, ר' יענקל, ווי ער ווערט צוביסלעך, מער און מער צופלאמט. אט האלט ער שוין ביי קריאת שמע... "שמע ישראל" - רייסט זיך ארויס דער געשריי, פון די טיפענישן פון זיין הארץ. "ד' אחד" - ווערט די שטימע נאך העכער און טיפער... - אט זאגט ער הויך, "ברוך שם כבוד" - ווען פלוצלינג, האט זיך געהערט א געשריי.

דער געשריי פון די אלטע פויערטע, האט צוריק געברענגט ר' יענקל'ען, צום טרויער'דיגן ווירקליכקייט. ער זעצט פאר דעם דאווענען מיט די זעלבע התלהבות און ברען, אבער ער פראבירט זיך צו באהערשן, אז די ווערטער זאלן געזאגט ווערן שטיל און איז מצליח צו האלטן די שטילקייט ביז נאך שמונה עשרה. ווען ער קומט אבער אן צו די 'פיוטים', וואס ווערן אלץ געזונגען מיט אזא זיסקייט, שפירט ער ווידער נישט, ווי ער ווערט פארפלאמט און ווי די ווערטער קומען ארויס הויך פון זיין מויל.

דער קוטשער זיצט אין אנדערן זייט פון צימער און הערט זיך צו מיט עהרע-פארכט, צו די תפילה פון דעם איד. אויף דער פויער שטערט אים נישט, ער איז פארנומען אין צווייטן צימער, וואו ער איז מיט זיין אלטיטשקע, וואס פילט זיך פלוצלינג נישט אזוי גוט. דער קול פון דעם הארציגן דאווענען, דערגרייכט ביז אינעווייניג און דער פויער איז גראדע צופרידן דערפון. אפשר וועט די תפילה פון דעם איד, ברענגען א רפואה פאר זיין אלטע פרוי?

ווען ר' יענקל האט שוין געהאלטן ביים ענדע דאווענען און אנגעהויבן זאגן תהלים מיט גרויס ברען און באגייסטערונג - איז דער פויער ארויס פון אינעווייניגסטן צימער: "מיין פרוי פילט זיך שטארק נישט גוט. די גאנצע צייט, איז זי געזעצן אונטער די טיהר און זיך צוגעהערט צו דיינע תפילות. און פלוצלינג, פלוצלינג איז זי פאר'חלש'ט געווארן" - זאגט ער - "איך וועל צוגיין רופן דעם דאקטער, פון דעם נאנט'סטן שטעטל, וואס איז נישט אזוי נאנט. נאך גוט וואס דער רעגן האט כאטש נאכגעלאזט, וועל איך האפנטליך, זיך אומקערן מיט דעם דאקטער, איידער עס וועט זיין צו שפעט..."

עס ווייטאגט זיין הארץ, אויף די גוט-הארציגע אלטיטשקע, וואס איז פלוצלינג אזוי קראנק געווארן. לויט די בקשה פונעם אלטן פויער, גייט ער אריין אין צימער, זעהן וואס זי מאכט. אבער ווי זי זעהט זיין געשטאלט, הויבט זי זיך אביסל אויף און הויבט אן צו רעדן, מיט א ציטערדיגע שטימע:

"ר' איד" - וויינט איהר שטימע - "איך מוז אייך זאגן, א וויכטיגע זאך. איך שפיר, אז מיינע שעה'ן אויף דער וועלט זענען געציילטע און איך מוז אייך עפעס דערציילן..."

א דערציטערטער, גייט ר' יענקל צו אביסל נענטער. די פרוי הויבט אן, טיף צו קרעכטצן.

"איך בין א אידישע טאכטער" - צוּוויינט זי זיך - "איך בין געווען זיבן-אכט יאהר, ווען א גרויסע גרופע פויערן פון גאנצן ארומיגן געגנט, זענען אנגעפאלן אונזער אידישע שטעטל, מיט א שווערן פאגראם. זיי האבן גערויבט, געמארדעט, גע'שחט'ן, ווער עס איז זיי נאר געשטאנען אין וועג... מיין גאנצע פאמיליע איז ערמארדעט געווארן אויף קידוש ה', נאר איך בין געבליבן לעבן און גענומען געווארן צו א פויערישע פאמיליע, וואס האבן זיך דערבארעמט איבער מיר.

איך בין געווען אין א שווערן צושטאנד. וואכן האב איך געשוועבט, צווישן לעבן און טויט. און ווען איך האב ענדליך דורכגעלעבט דעם שווערן קריזיס, איז מיין פארגאנגענהייט געבליבן פארנעפלט, אין א פארשטופטן ארט אין מיין מוח. איך בין געבליבן דארט, ביי די משפחה וואס האט גערעטעוועט מיין לעבן. צוביסלעך אינגאנצן פארגעסן, אז איך בין א טאכטער צו דעם אויסדערוועלטן אידישן פאלק און זיך געלאזט פירן דורך זיי מיין לעבן.

ווען איך בין געקומען צום שידוכים עלטער, האבן זיי מיר חתונה געמאכט צו א דארטיגן פויער. נישט גרינג איז דער לעבן פון א פויערטע - מען איז נאכאנאנד פארנומען, מען הארעוועט שווער פון באגינען ביז ביינאכט, נישטא אפילו צייט צו טראכטן, פון דעם אמת'ן ציל אין לעבן...

און אזוי זענען אריבער אויף מיר, מיינע לעבנס טעג" - האט זי געיאמערט - "און דא, פלוצלינג, זענט איר געקומען. איר האט אנגעהויבן זאגן "כל נדרי" און די ווערטער האבן זיך געהערט אזוי באקאנט... פלוצלינג האט זיך דער געשטאלט פון מיינע עלטערן געשטעלט פאר מיינע אויגן: איך האב געזעהן מיין טאטן אין דעם ווייסן קיטל, פונקט אזא, ווי איר טראגט יעצט; ווי ער בענטשט יעדן קינד, מיט זודיגע טרערן; די מאמע, ווי זי גיסט טרערן ביי די ליכט... עס האט אנגעהויבן אזוי צו בענקען, נאך מיין אמת'ן אפשטאם... און ווען איך האב געהערט ווי איר שרייט "שמע ישראל", האב איך אנגעהויבן צו באגרייפן, אין וועלכן טיפן אפגרונד איך געפין זיך. איך האב נישט געקענט אויסהאלטן אט דעם צער און פאר'חלש'ט געווארן..."

ר' יענקל שטייט, ער הערט אירע ווערטער און דאס הארץ ווייטאגט אזוי, אויף די פארוואגלטע אידישע נשמה. אצינד האט ער שוין פארשטאנען, פארוואס ער האט געדארפט פארן, דוקא דעם יאר צום רבי'ן, אויף יום כיפור. פארן - אבער נישט אנקומען, פארן און בלייבן שטעקן, דארט וואו א אידישע נשמה איז טיף פארזונקען און איר העלפן, זיך צו ארויס דראפען פון דארט...

"איך שפיר" - איז די שטימע שטילער געווארן - אז אט אט, גיי איך זיך געזעגענען פון אט די זינדיגע וועלט. איך בעט אייך, ר' איד, זאגט מיר, איז דא א מעגליכקייט, איך זאל זיך יעצט אומקערן צו מיין פאלק, צו מיין אפשטאם, אז דארט, אין דעם אמת'ן וועלט, זאל איך זיך צוריק טרעפן מיט מיינע זעליגע עלטערן?

ר' יענקל שפירט, ווי א קנויל שטיקט אים ביים האלז. קוים וואס ער איז מצליח צו באהערשן זיין געוויין און זאגט: "זאגט מיר נאך, ווארט ביי ווארט".

ער זאגט "שמע ישראל" - דער פסוק, וואס באגלייט דעם איד, וואו ער שטייט און גייט; דער פסוק, מיט וועלכע ער לעבט; דער פסוק, מיט וועלכע ער געזעגנט זיך פון דעם לעבן...

און אינדרויסן, הערט אויף צו רעגענען... דער מאן קומט צוריק מיט דעם דאקטער, וואס האט באלד פעסט געשטעלט, אז זי איז שוין אריבער לעולם שכולו טוב.

און ווען ר' יענקל איז מצליח צו באקומען זיין צושטימונג, צו ברענגען די אום-גליקליכע אידישע נשמה צו קבר ישראל, ווייסט ער, אז ער האט ערליך אויסגעפירט זיין שליחות.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

# ערב יום הכיפורים

## פארוואס טיילט מען אסאך צדקה?

די קול פון די געלט ווארפעריי, וואס אידן ווארפן אריין אין די פושקעס, ערב יום הכיפורים, דאס טוט צומישן אלע מקטרגים.

*(פאר לישרים בשם הבעש"ט זי"ע)*

## פארוואס טיילט דער גבאי מזונות מיט בראנפן?

עס איז א מנהג ישראל, אז דער גבאי פון בית המדרש טיילט אויס אום ערב יום הכיפורים, נאכן דאווענען שחרית, מזונות מיט בראנפן, און יעדער וואס נעמט, זאגט: אויב עס איז ח"ו נגזר געווארן אויף מיר, אז איך זאל דאס יאר דארפן הנאה האבן פון צדקה, זאל איך דערמיט אפקומען.

*(ליקוטי מאיר בשם ס' נהורא שלים)*

נאך א טעם שטייט, אז אויב דער גבאי האט בשוגג נהנה געווען פון קהל'ס צדקה קאסע, דערפאר טיילט ער יעצט מזונות פאר די מענטשן פון קהל, אז זיי זאלן פון אים הנאה האבן, און דורך דעם וועלן זיי אים מוחל זיין.

*(ליקוטי מאיר בשם ס' נהורא שלים)*

## פארוואס איז מען מחויב צו עסן ערב יוהכ"פ?

רב חייא בר רב מדפתי האט געלערנט: עס שטייט אין די תורה (ויקרא כג, לב) "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב", און איר זאלט פייניגן אייער גוף אין די נאכט פון דעם ניינטן טאג אין חודש. פרעגט די גמרא "וכי בתשעה הם מתענין", צי פייניגט מען זיך אין דעם ניינטן טאג אין חודש תשרי, "והלא בעשירי מתענין" מען פאסט דאך נאר אין דעם צענטן טאג אין חודש תשרי. ענטפערט די גמרא, "אלא לומר לך", אז דער פסוק קומט אונז זאגן, אז "כל האוכל ושותה בתשעה", יעדער וואס עסט און טרינקט אין דעם ניינטן טאג אין חודש תשרי, "מעלה עליו הכתוב" רעכנט אים די תורה, "כאילו מתענה תשיעי ועשירי", גלייך ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג, אין דעם ניינטן און אין דעם צענטן טאג.

*(ברכות ח: פסחים סח: יומא פא:)*

עס ווערט געברענגט נאך א שיינער טעם, וויבאלד דער עיקר תענית וואס ווערט גערעכנט ווי א קרבן, איז פון "מיעוט חלבינו ודמינו". אבער אז די אכילה איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, קען דאך דער מיעוט החלב נישט גערעכנט ווערן, ווייל דאס איז דאך סיי ווי געווען שלא בקדושה. פאר דעם איז דער חוב מען זאל עסן בקדושה, און אזוי ארום קען זיין א ריצוי פון חלבינו ודמינו מיט דעם תענית אין יוה"כ.

*(הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע)*

## פארוואס עסט מען קרעפלעך?

דער מנהג איז אז ערב יום כיפור עסט מען קרעפלעך, טייג אנגעפולט מיט פלייש. דער טעם דערפון איז, ווייל יום טוב דארף מען עסן פלייש, און ערב יום כיפור איז אויך יום טוב, נאר עס איז באהאלטן, מען מעג טאן מלאכות, דעריבער באהאלט מען אויך דאס פלייש.

*(ליקוטי מהרי"ח בשם ס' סגולות ישראל)*

נאך א טעם: ווייל מיט דעם וואס מיר עסן ערב יום כיפור, וואס דאס עסן איז אן הכנה, אז מען זאל יום כיפור קענען פאסטן. אזוי ווי חז"ל זאגן, אז דאס עסן ווערט גערעכנט ווי מען וואלט ווען געפייניגט דעם גוף. וויזט מען דערמיט, אז אזוי ווי דאס פלייש וואס איז מרמז אויף דינים, איז באדעקט מיט טייג וואס איז מרמז אויף רחמים, אזוי זאל השי"ת אויך באדעקן די דינים פון אידישע קינדער מיט רחמים.

*(זרע קודש)*

## פארוואס צינדט מען א נר חיים?

ס'איז איינגעפירט אז מ'צינדט אין יעדן שטוב א באזונדער ליכט, וואס מען רופט "דאס געזונטע ליכט". און עס איז געווען אין ליכט פארן גאנצן הויזגעזונד. עס קען זיין א רמז, "נר" איז בגימטריא 250, כנגד רמ"ח אברים צוזאמען מיט דער רוח ונשמה.

*(מהרי"ל)*

## פארוואס בענטשט מען די קינדער?

ווייל דעמאלטס רוהט שוין די הייליגקייט פונעם קומענדיגן טאג, און די טויערן פון רחמנות זענען שוין געעפנט געווארן, איז לייכטער אז די תפילות און ברכות פון טאטן זאלן אנגענומען ווערן.

*(חיי אדם)*

# יום הקדוש

## פארוואס פאסט מען יום כיפור?

ווייל השי"ת איז דער גרויסער בעל הרחמים, און האט ליב זיינע קינדער, דערפאר האט ער באשטימט יעדעס יאר א "יום הכיפורים", וואס זאל זיין "למחילה ולסליחה ולכפרה" אויב מען טוט תשובה. און וויבאלד דאס עסן און טרינקען זענען מעורר דעם מענטש ער זאל נאכגיין די תאוות, וועט פון דעם מענטש בטל ווערן די צורה פונעם נפש וואס זוכט נאכן אמת, וואס דאס איז די עבודה צו השי"ת. דערפאר פאסט מען, נישט אז אין דעם טאג וואו מען משפט דעם מענטש, אז ער זאל דעמאלטס עסן און טרינקען, וואס פארטונקלט דעם נפש און פארמישט אים פון צו זוכן דעם אמת, ווייל מען משפט דעם מענטש נאר לויט זיינע מעשים פון יעצט. דערפאר דארף מען שטארקן דעם נפש און אונטערדריקן דעם גוף, כדי מען זאל זיין ראוי מקבל צו זיין די כפרה.

*(ספר החינוך מצוה שי"ג)*

## פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויפן פאסטן?

ווייל די מצוה פון פאסטן איז נאר א "שב ואל תעשה", דערפאר קען מען נישט מאכן א ברכה דערויף.

*(אבני נזר)*

## פארוואס טוט מען אן א קיטל?

קען זיין דער טעם, ווייל מיט דעם ווייזן מיר, אז מיר זענען גלייך צו די מלאכים, אזוי ווי זיי האבן נישט קיין יצה"ר האבן מיר אויך נישט קיין יצר הרע אין דעם הייליגן טאג.

נאך א טעם: ווייל ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט טוט מען אים אן מיט אן ווייסע קליידער אזוי ווי א קיטל. דערפאר טוט מען

דאס אן יום כיפור, אז דער מענטש זאל געדענקן אז מען לעבט נישט אויף אייביג, עס קומט א צייט וואס מען דארף אפגעבן דין וחשבון, ווערט מען ביי זיך צובראכן און מען טוט תשובה.

*(רמ"א או"ח סי' תר"י ס"ד)*

נאך א טעם: ווייל דאס איז א רמז צו דעם וואס השי"ת מאכט ווייס אונזערע עבירות, דורכדעם וואס ער איז אונז מוחל אויף זיי. ווייל עבירות ווערן אנגערופן רויט, ווען מ'מעקט דאס אויס ווערן זיי ווייס.

*(פ"ח סי' תקפ"א בשם מהרש"ל)*

נאך א טעם: ווייל מיר זאלן אויסזעהן ווי דער כהן גדול וואס האט געטוהן די עבודה אין יום הכיפורים מיט די ווייסע בגדים.

*(ישמח משה)*

# כל נדרי

## פארוואס מאכט מען אויף דעם ארון הקודש?

דאס ענין פון אויפמאכן דעם ארון הקודש, און דאס לאזן אפן, און ארומרינגלען די בימה, איידער מען הייבט אן צו זאגן "כל נדרי", איז, אז די טויערן פון תשובה זאלן זיך עפענען אין הימל, און מעלה זיין אלע הייליגע ניצוצות וואס זענען צושפרייט געווארן, זיי צוריק צו ברענגען צו זייער שורש.

*(אמרי נועם)*

## פארוואס בעט מען איבער די הייליגע תורה?

עס איז א מנהג ישראל, איידער מען גייט אריין אין דעם פארכטיגן טאג, נעמט מען ארויס די ספר תורה פון היכל, מען האלדזט און מען קושט און מען נעמט ארום דעם ספר תורה מיט שמחה און התלהבות, ווי קליינע קינדער וועלכע קלאמערן זיך צו זייער מוטער'ס שויס. דאן בעט מען איבער די תורה הקדושה אויף אלעמען וואס מען האט געזינדיגט קעגן איר. לויט ווי עס ווערט ערקלערט אין כתבי האריז"ל, איז דער ענין דערפון, איינס פון די גרעסטע תיקונים פאר די חטאת נעורים, און מיט דעם איז מען מעלה אלע ניצוצות הקדושות, וועלכע מען האט דערנידערט דורך די זינד צו די כוחות הטומאה.

*(דברי יואל מוצאי יום כיפור)*

## פארוואס זאגט מען "כל נדרי"?

די גמרא זאגט (נדרים דף כ"ג:), אז דער וואס וויל אז זיינע נדרים פון א גאנצן יאר זאל בטל ווערן, זאל זאגן אין ראש השנה: יעדע נדר וועלכע איך וועל מנדר זיין אין די צוקונפט, זאל שוין פון יעצט זיין בטל. און דאס איז א "מסירת מודעה", מען לאזט באקאנט מאכן אויף די נדרים וועלכע וועלן זיין אין די צוקונפט און עס ניצט צו מבטל זיין יעדע נדר, אפילו בשעת ווען ער מאכט דעם נדר פארגעסט ער פון די "מודעה" וועלכער האט שוין פון פאראויס איבערגעגעבן. און דער טעם דערצו, פארוואס עס איז אזוי, ווייל מיר רעכענען זיך דערמיט, אז אויב דער מענטש וואס מאכט דעם נדר וואלט בשעת מעשה געדענקט, אז ער האט שוין אין אמת'ן פון פאראויס געלאזט וויסן, אז ער וויל נישט נעמען אויף זיך גאר קיין נדרים, וואלט ער באלד אויפן פלאץ חרטה געהאט, און זיך אפגעשיידט פון צו זאגן דעם נדר, און דערפאר הייסט דער גאנצער נדר, אזוי ווי א טעות.

און כאטש די גמרא זאגט, אז מען זאל אנהייב יאר מתיר נדר זיין, פונדעסטוועגן, זענען מיר ערשט מתיר נדר אום יום הכיפורים. דער טעם דערפון איז ווייל יום הכיפורים ווערט אויך אנגערופן ראש השנה, נאך קען מען זאגן, אז ווייל יום הכיפורים איז דא מער מענטשן אין שוהל, ווייל אום יום כיפור טאר מען נישט טוהן קיין שום ארבעט אפילו נישט אנצוגרייטן קיין עסן, דערפאר דעמאלטס איז די ריכטיגע צייט, אז דער חזן זאל מוסר מודעה זיין אויף גאנץ קהל, פון דעם יום הכיפורים ביז צום קומענדיגן יום הכיפורים, אז אלע נדרים זאלן בטל ווערן.

*(תוס' נדרים כג:)*

## פארוואס זאגט מען דריי מאל כל נדרי?

דער סדר פון זאגן "כל נדרי" איז אזוי: דער שליח ציבור הייבט אן צו זאגן דאס ערשטע מאל "כל נדרי" מיט א נידריגע שטימע און דער קהל זאגט מיט אויך מיט א נידריגע שטימע, דאס צווייטע מאל אביסל העכער, דאס דריטע מאל גאנץ הויך.

דער טעם דערפון איז, ווייל דעמאלטס וועט זיך דאס דערהערן מיט א פארכט און שרעק. אויך ווייל שטענדיג איז דאס דער לשון פון די חכמים, אז מען טוט יעדע זאך איבער דריי מאל.

נאך א טעם: ווייל התרת נדרים איז אנטקעגן דעם וואס ווען דער חכם איז מתיר דעם נדר זאגט ער דריי מאל "מותר לך". אויך דערפאר שטייען דריי מענטשן ווען מען זאגט "כל נדרי" פארן עמוד - דער שליח ציבור, און צוויי חשוב'ע מענטשן - ווייל עס זאל אויסזעהן ווי ביי התרת נדרים, וואס מען דארף האבן דריי מענטשן.

*(מהרי"ל)*

## פארוואס זאגט מען הויך "ברוך שם"?

ווייל ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל, האט ער געהערט די מלאכים לויבן השי"ת, און זיי זאגן "ברוך שם וכו'" און ער האט דאס אראפגעברענגט אויף דער וועלט, און האט באפוילן, אז מען זאל דאס זאגן שטילערהייט. א משל: צו א מענטש וואס האט גע'גנב'ט א זאך פון דעם פאלאץ פון דעם קעניג, און האט דאס געגעבן פאר זיין ווייב, האט ער איר געהייסן, אז זי זאל זיך נישט באצירן דערמיט צווישן מענטשן, נאר באהאלטענערהייט אין שטוב. אזוי אויך, א גאנץ יאר זאגן מיר דאס שטילערהייט, אבער יום כיפור וואס מיר זענען גלייך צו די מלאכים, זאגן מיר דאס אין די עפנטליכקייט און א הויכע שטימע.

*(לבוש סי' תרי"ט ס"ב)*

# סדר הוידוי והתפילות

## פארוואס זאגט מען וידוי אויפן סדר פון אל"ף בי"ת?

מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל: א קעניג האט געהאט א ווייב וואס האט גערעדט שלעכט'ס אויף דעם קעניג, ביז דער קעניג האט איר פארטריבן, און זי איז אוועק אויף א ווייטן פלאץ, עס איז אדורך א לאנגע צייט וואס זי איז פארטריבן געווארן און עס איז איר געווארן זייער ביטער אויפן הארץ, האט זי אנגעהויבן צו באקומען חרטה אויף דעם וואס זי האט גערעדט שלעכט'ס אויף איר מאן דער קעניג. וואס האט זי געטאן? זי איז געקומען צום קעניג און זי האט גענומען דעם פידל וואס מען האט דערמיט געזינגען ביי זייער חתונה, און זי האט געשפילט דערמיט פארן קעניג, און בשעת זי האט געשפילט דערמיט, האט זי זייער שטארק געוויינט פארן קעניג, אז ער זאל איר מוחל זיין, ווייל זי וויל זיך יעצט איבער-בעטן מיט אים, ביז דער קעניג האט רחמנות באקומען אויף איר, און ער האט זיך דערמאנט דאס ליבשאפט וואס ער האט געהאט ביי זייער חתונה, און ער האט איר מוחל געווען.

דער נמשל איז פארשטענדליך: דער קעניג איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דאס ווייב זענען מיר אידישע קינדער, וואס השי"ת האט אונז מקדש געווען ביים בארג סיני בשעת מתן תורה ווען

ער האט געגעבן די הייליגע תורה. און ווען מיר האבן געזינדיגט אנטקעגן אים, האט השי"ת אונז פארטריבן אין גלות צווישן אלע פעלקער, דא אין גלות געדענקען מיר דאס הייליגקייט וואס מיר האבן געהאט ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען, און יעצט וואס מיר זענען אין די טמא'נע לענדער פון די גוים, האבן מיר געטראכט, אז מיר וועלן נעמען דעם פידל וואס מען האט געזינגען בשעת מתן תורה, דאס איז דער אל"ף בי"ת, וואס דורך דעם אל"ף בי"ת האט מען געגעבן די תורה, און מיט דעם אל"ף בי"ת זאגן מיר יעצט די וידוי, ביז השי"ת וועט רחמנות האבן אויף אונז אידישע קינדער, ווען ער וועט פאר אונז געדענקען דאס ליבשאפט פון אונזער חתונה - דעם טאג פון מתן תורה - און ער וועט אונז אויסלייזן פון גלות.

*(תפארת עוזיאל)*

דעם סדר פון דעם וידוי זאגט מען אויף דעם סדר פון אל"ף בי"ת. די כוונה דערפון איז, מטהר זיין די צוויי און צוואנציג אותיות פון די תורה, וואס זענען נפגם געווארן דורך זיינע עבירות, און מקבל זיין דעם גזירת הדין און מטהר זיין זיינע מידות.

*(תוצאות חיים מבעל ראשית חכמה)*

## פארוואס זאגט מען וידוי איינגעבויגן?

די וידוי זאגט מען שטייענדיג. עס איז גלייך אז מען זאל זיך איינבייגן ווען מען זאגט די וידוי. דער טעם דערפון שטייט אין ספר השל"ה, לויט ווי חז"ל זאגן, אז ווער עס בוקט זיך נישט אזוי ווי ביי "מודים", וועט זיין שדרה ווערן ווי א שלאנג. זעהען מיר דערפון אז מען דארף זיין איינגעבויגן ווי א שלאנג. דערפאר איז די שטראף מדה כנגד מדה, אז זיין שדרה ווערט ווי א שלאנג.

דערפאר בשעת ווען מען זאגט די וידוי אויף די עבירות וואס קומען דורכן שלאנג [נחש הקדמוני], וואס איז דער שטן. בייגט מען זיך איין ווי א שלאנג, און מען איז מתקן אויף דעם זעלבן וועג ווי מען האט פארדארבן. עס איז ראטזאם דאס אינזין צו האבן ווען מען איז איינגעבויגן ווען מען זאגט די וידוי.

*(אלף המגן סי' תר"ז סק"ח)*

## פארוואס קלאפט מען אויפן הארץ ווען מ'זאגט וידוי?

ווייל מען איז דערמיט מרמז פאר דעם הארץ, אז דו האסט דאס גורם געווען אז איך זאל זינדיגן.

*(מטה אפרים)*

## פארוואס דערמאנט מען יום הכיפורים אלע עבירות?

מען קען זאגן א טעם פארוואס ראש השנה טאר מען נישט דערמאנען קיין שום עבירה, אבער יום הכיפורים איז א מצוה אז מען זאל דערמאנען אלע עבירות. ווייל ראש השנה פירט זיך השי"ת ווי א קעניג, וואס די הלכה איז, אז א קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, אבער יום הכיפורים פירט השי"ת די וועלט מיט די מדה פון רחמנות, ווי א טאטע וואס האט רחמנות אויף זיינע קינדער. דערמאנען מיר אונזערע אלע עבירות, כדי השי"ת זאל אויף אונז רחמנות האבן און זאל אונז אלעס מוחל זיין.

*(אמת ליעקב)*

## פארוואס זאגט מען ביי אלע תפילות "כתר"?

ווייל אין דעם הייליגן טאג זאגט מען אסאך שירות ותשבחות פאר השי"ת, ווערט השי"ת דערהויבן, אז די מלאכים פרעגן "איה מקום כבודו" - וואו איז דאס פלאץ וואו דער כבוד פון השי"ת רוהט - וואס מען זאגט ביי "כתר". דערפאר זאגט מען ביי אלע תפילות "כתר".

*(מטה משה)*

נאך א טעם, ווייל השי"ת משפט א גאנצן טאג די וועלט, בעט מען זיך: "ממקומו הוא יפן ברחמים", וואס עס שטייט ביי "כתר".

*(מגן אברהם)*

# קריאת התורה

## פארוואס ליינט מען די פרשה פון אחרי מות?

די קינדער פון אהרן הכהן זענען געשטארבן א' ניסן, אויב אזוי, פארוואס ליינט מען זייער פטירה אין יום כיפור? נאר עס קומט אונז לערנען, פונקט אזוי ווי יום הכיפורים איז מכפר פאר די אידן, אזוי אויך מיתת צדיקים איז מכפר פאר די אידן.

*(ירושלמי יומא ל"ח:)*

# תפילת מוסף

## פארוואס זאגט מען די עבודה פונעם כהן גדול?

ווייל עס שטייט אין פסוק (הושע י"ד ג'): "ונשלמה פרים שפתינו", דורך דעם וואס מען זאגט מיט די מויל, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי מען טוט די עבודה. דעריבער היינט ווען מיר האבן נישט דעם ביהמ"ק צו קענען טוהן די הייליגע עבודה, זאגט מען דאס מיט די מויל.

*(שבלי הלקט סי' ש"כ)*

## פארוואס דערמאנט מען די "עשרה הרוגי מלכות"?

די גמרא זאגט (שבת ק"ה:): "כל המוריד דמעות על אדם כשר מוחלין לו על כל עונותיו", איינער וואס פארלאזט טרערן אויף אן אדם כשר, איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות. דעריבער איז זייער פארשטענדליך, אויף דאס וואס מען זאגט דעם פיוט אין יוה"ק, ווייל ווער ווייל דען נישט נוצן נאך אזא כח און אזא געלעגנהייט פון "מוחלין לו כל עונותיו". און עס איז א קל וחומר, המוריד דמעות אויף די הרוגי מלכות, וואס עס איז נישט פאראהן נאך אזא גלייכן, איז זיכער אז הקב"ה איז אים מוחל די עבירות, און דאס איז כדאי צו מכריע זיין לכף זכות.

*(אדר"ת)*

# תפילת מנחה

## פארוואס ליינט מען "מפטיר יונה"?

פון דעם לערנט מען, אז אויב מען האט עובר געווען אן עבירה, קען מען נישט אנטלויפן פון השי"ת, אזוי ווי מיר זעהען ביי יונה.

*(אבודרהם)*

## פארוואס דאווענט מען שנעל מנחה?

טייל צדיקים האבן זיך געפירט, אז זיי האבן צוגעיאגט דעם מנחה, כדי זיי זאלן קענען דאווענען נעילה מיט גרויס דביקות.

*(אור האמת)*

הגה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע האט געזאגט, אז צוויי מאל אין יאר דארף מען צו דאווענען שנעל, און דער יצר הרע שטארקט זיך, אז יעצט זאל מען דאווענען געלאסן. איין מאל איז ביי מנחה יום הכיפורים, און איינמאל שחרית ערב פסח.

*(מחזור דברי יואל)*

# תפלת נעילה

## פארוואס רופט מען די תפילה "נעילה"?

דער בית יוסף ברענגט א מחלוקת פון ירושלמי, צווישן רב און רבי יוחנן. רב זאגט, אז "נעילה" מיינט מען שפארט דעמאלטס די טויערן

פון הימל, דערפאר לויט די שיטה מעג מען ענדיגן דאווענען תפילת נעילה אפילו בייננאכט אויך. רבי יוחנן זאגט, אז "נעילה" מיינט מען שפארט צו די טויערן פונעם היכל, וואס די צייט דערפון איז געווען נאכדעם וואס מען האט אנגעצינדן די מנורה נאכמיטאג, און לויט די שיטה מוז מען ענדיגן "נעילה" ווען ס'איז נאך טאג.

*(שו"ע או"ח סי' תרכ"ג ובמג"א שם)*

נאך א טעם שטייט פון הרה"ק רבי ר' צבי הירש הכהן מרימנוב זי"ע, ווייל דעמאלטס איז די צייט וואס די צדיקים פונעם דור שפארן זיך איין צוזאמען מיט הקב"ה אליין אין א באזונדערן היכל, וואס איז שטארק פארשפארט, און מען גיבט נישט קיין שום רעכט פאר קיינעם פון די מקטרגים דארט אריין צו גיין.

*(בארת המים)*

## פארוואס זאגט מען "ה' הוא האלקים"?

רבי יהודאי גאון זאגט: תיכף נאך נעילה, איידער מען הייבט אן צו דאווענען מעריב, זאל דער חזן זאגן זיבן מאל הויך: "ה' הוא האלקים", כדי ארויף צו באגלייטן די הייליגע שכינה העכער די זיבן הימלען.

*(באר היטב)*

## פארוואס בלאזט מען שופר?

דער טעם פארוואס מען בלאזט שופר ביים סוף טאג פון יום הכיפורים, נאכן זמן מוצאי שבת, איז, ווייל דאס איז א סימן, אז ביז יעצט איז די שכינה געווען דא אויף דער וועלט מיט אונז, און יעצט האט זיך דאס אפגעטאן פון אונז, ארויף צוריק אין הימל. ווי עס שטייט אין פסוק "עלה אלקים בתרועה ה' בקול שופר", השי"ת איז ארויף געגאנגען מיט דעם שאלונג פון שופר, דעריבער בלאזט מען אויך יעצט שופר.

*(טורי זהב)*

נאך א טעם: ווייל ביז יעצט האט דער יצר הרע נישט געוועלטיגט, און נאך יום כיפור קומט ער שוין צוריק, ווייל מען איז פארמישן מיט דעם שופר בלאזן, ער זאל זיך דערמאנען, אז עס וועט קומען דער טאג וואס מען וועט בלאזן מיט א גרויסן שופר, און ער וועט דעמאלט שטארבן.

*(לבוש)*

דער מנהג צו בלאזן שופר מוצאי יום כיפור, איז צוליב דעם וואס מען איז נישט בקי אין דעם חשבון פון יובל, האט מען איינגעפירט מען זאל בלאזן יעדעס יאר איין תקיעה, אלס זכר צו יובל.

*(ספר תניא רבתי)*

# מוצאי יום הכיפורים

## פארוואס איז מען מקדש די לבנה דוקא מוצאי יו"כ?

דער מהרי"ל פלעגט נישט מקדש זיין די לבנה אין תשרי, נאר ערשט נאך יום כיפור. ווייל ביז דעמאלטס איז מען דערשראקן פונעם דין, און מ'האט נישט קיין שמחה, און קידוש לבנה דארף מען מאכן מיט שמחה.

*(דרכי משה)*

נאך א שיינער טעם, שטייט פון הגאון רבי שלמה קלוגער זי"ע, ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ראש השנה, אין וועלכן יו"ט איז די לבנה צוגעדעקט? דאס איז ראש השנה. און די מקובלים ערקלערן דאס, אז דער שטן אויבן דעקט צו די לבנה, אדער ווי אנדערע זאגן, אז די לבנה באהאלט זיך, זי וויל נישט קומען עדות זאגן קעגן די אידן. קומט אויס אז די לבנה אנטפלעקט זיך נישט דורך די ימי הדין, און נאר ערשט נאך יו"כ ווערט די לבנה אנדעקט אויבן, און אפילו אז מ'זעהט די לבנה אונטן, אבער אויבן איז עס צוגעדעקט, און וועגן דעם איז נישט די צייט, אז מ'זאל מקדש זיין די לבנה דעמאלטס.

*(חכמת שלמה)*

## פארוואס עסט מען א סעודה מוצאי יום כיפור?

שטייט אין מדרש, אז מוצאי יום הכיפורים גייט ארויס א בת קול אין הימל, און רופט אויס: "גייט עסן אייער ברויט מיט א פרייד, ווייל השי"ת האט שוין באוויליגט אייערע מעשים". דער בת קול הערט מן הסתם יעדער לויט זיין מדריגה.

די סעודה וואס מען עסט מוצאי יום כיפור, איז נאר א מנהג פון אלע אידן, צוליב דעם וואס השי"ת האט מוחל געווען אלע אונזערע עבירות, האבן מיר דאס געמאכט פאר אונז פאר א יום טוב. אזוי ווי איינער וואס האט אויף איינמאל פארדינט א גרויסע סומע געלט וואס ער האט זיך נישט געפלאגט דערויף, מאכט ער דעמאלטס א סעודה פאר זיינע גוטע פריינד, אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים צו זיין סעודה. אזוי אויך ווען דער בת קול רופט אויס אין הימל, "גייט עסן אייער ברויט מיט פרייד", מאכן מיר דעמאלטס א סעודה.

*(תורת אמת למוצאי יוה"כ)*

# המשך "אוצר הידיעות"

האט יונה געזאגט צום פיש: "איך האב דיר געראטעוועט פונעם לויתן, זאלסטו מיר ווייזן אלעם וואס איז דא אין ים". דער פיש האט אים געוויזן דעם ים אוקינוס, דער ים סוף, דער גיהנם, אויף דעם אבן שתיה און די קינדער פון קרח ווי זיי שטייען אויף אים און בעטן צו השי"ת. ווי יונה האט דערזעהן, אז די קינדער פון קרח שטייען און בעטן צום באשעפער, האט יונה אויך אנגעהויבן בעטן דעם באשעפער אז ער זאל אים ארויסנעמען פון דעם פיש. יונה האט אויף זיך גענומען, אז תיכף ווען ער וועט ניצול ווערן, וועט ער גיין קיין נינוה, איבערגעבן דארט די נבואה וואס השי"ת האט אים געהייסן.

השי"ת האט צוגעהערט יונה'ס געבעט, און האט מרמז געווען דעם פיש, אז ער זאל צושווימען צו דער יבשה. דער פיש איז צוגעשווימען צום ברעג פון ים און האט דארט אויסגעשפיגן יונה'ן, ניין הונדערט אכט און זעכציג פרסאות אויף דער טרוקעניש. (יל"ש יונה תק"נ).

דער **זוהר הק'** (ח"ב מח.) שרייבט, אז נאכדעם וואס יונה הנביא איז געווען אין פיש דריי טעג און דריי נעכט, און דער פיש האט אים געוויזן אלעם וואס געפינט זיך אין ים, איז דער פיש געשטארבן, דורכדעם וואס יונה איז געווען אין זיינע געדערים. אסאך פיש האבן זיך דאן פארזאמלט ארום דעם טויטן פיש, און האבן אים אנגעפאנגען צו בייסן פון אלע זייטן. יונה האט געזען אז ער איז אין א סכנה, האט ער מתפלל געווען צו השי"ת, השי"ת האט צוגעהערט זיין געבעט, און האט צוריק לעבעדיג געמאכט דעם פיש, און דערנאך ערשט האט דער פיש אויסגעשפיגן יונה'ן צו דער טרוקעניש.

בס"ד

דער ברעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רביגוביץ שליט"א

## היום הקדוש

### י' תשרי תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:36 |
| מוצש"ק | 6:48 |
| ר"ת | 7:27 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:48 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:30 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"ד

שנה ב'

## טיב הפרשה

# לפני ה' תטהרו

## די שמחה אז מיר זענען זוכה אין דעם טאג צו מחילת עוונות

מיר טרעטן אצינד אריין אין דעם גרויסן און הייליגן טאג יום הכיפורים, דער טאג אויף וואס די תוה"ק זאגט אונז עדות אז אין דעם טאג רייניגט זיך דער איד אויס פאר הקב"ה, אז א איד ווערט טהור אין איר.

יעדער איד ווייסט די גרויסקייט פון דעם טאג, אז אין איר קען מען זיך מטהר ומקדש זיין בקדושה של מעלה, אבער ביי אסאך פון אונז איז דער איינדרוק פון דעם טאג אז עס איז א שרעקעדיגע טאג, א יום הדין, א צייט ווען מען איז מדקדק מיט יעדן איד אין זיינע מעשים און דאס הארץ איז פול מיט אימה ויראה.

עס איז אמת אז די טעג זענען 'ימי הדין'. באריכות ווערט די נקודה ארויסגעברענגט ביי די באקאנטע פיוט פון 'ונתנה תוקף' ווי מען לייגט אראפ די גרויסקייט פון דעם טאג, אז מען איז דן יעדן איד למעלה במ־רומים, אבער מען דארף געדענקען אז עס איז אויך ימי רחמים, אז אין די טעג איז הקב"ה מוחל די עבירות און איז מקבל די תשובה פון יעדן איד, אפילו אויב דער איד געפינט זיך אין א נידריגע צושטאנד.

נישט נאר איז הקב"ה מוחל די עבירות אין דעם טאג, נאר דער יסוד פון דעם טאג איז 'סליחה ומחילה'.

אין דעם טאג האט הקב"ה געזאגט צו משה רבינו [במדבר יד, כ] סלחתי כדברך און עס איז א יום המסוגל פאר סליחה וכפרה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם באפאלט אונז א ציטער. מען הייבט אן צו באגרייפן וואס דאס מיינט אז דער גרויסער און גוטער באשעפער לאזט זיך אראפ צו יעדן איד און איז אים מוחל אל זיינע עבירות. דער רבוש"ע איז דאך דער מלך מלכי המלכים, ער איז דער קעניג פון די וועלט, אלעס געהער צו אים און דאך איז ער מוחל פאר יעדן זיינע עבירות.

מען זאל זיך פארשטעלן ווי אזוי אזא זאך וואלט ווען געווען ביי א מלך בשר ודם. אז א מענטש פארזינדיגט זיך פאר א מלך בשר ודם איז אויך דא אן עצה פון זיך איבערבעטן, אבער דארט וועט ער נישט קענען בלויז תשובה טון און יוצא זיין מיט דעם. אפילו אז דער קעניג וועט אים פארגעבן וועט עס נאר קומען נאכ'ן אריבערגיין א סעריע פון עונשים פון משפטים, וואו מען וועט אים דן זיין און אריינקוקן

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### יוֹם הַקָּדוֹשׁ

יעדע מאמע ווייסט, אז כדי צו וואשן איר קליין קינד און אים רייניגן פון שמוץ און אים באדן, דארף זי צום ערשט אויפקאכן וואסער. נאכדעם וואס די וואסער איז שוין הייס, דארף זי עפענען די קאלטע און הייסע קראנען אויפאמאל ביז די וואסער איז געשמאק, נישט צי הייס און נישט צי קאלט, און נאר דעמאלטס לייגט צו אריין איר קינד און וואשט אים מיט גרויס איידלקייט. אויב זי וועט נוצן בלויז קאלטע וואסער, קען איר קינד חלילה פארקילט ווערן, און אויב וועט זי נאר נוצן הייסע וואסער קען ער זיך חלילה אפבריען. דערפאר טוט זי אלעס מיט קאפ און געפיל, און טאקע יעצט איז די ריכטיגע מינוט צו באדן דאס קינד, ווייל אויב וועט זיך די וואסער אפקילן וועט עס שוין נישט זיין פאסיג פאר איר ציל.

עס קומט יום כיפור, און דער אויבערשטער זאגט צו אונז – סיי אויב דו האסט דיך צוגעגרייט און סיי אויב נישט, קום, גיי אריין אינעם וואנע, מקוה ישראל ד' – און איך מאך דיר ריין פון זינד, און דאס גאנצע וואס דו דארפסט טון איז, אריינצוטאנצן אין די וואסער, און זאג דער נוסח התפילה פונעם מחזור לויט ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האבן מתקן געווען פאר אונז, זייך זיך מתוודה, און טו אנערקענען אינעם זינד און איך וועל דיר מאכן ריין, אזוי ווי די הייליגע משנה זאגט אין מסכת יומא 'אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי מִי אַתֶּם מִטַּהֲרִין וּמִי מְטַהֵר אֶתְכֶם אֲבִיכֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם, וְאוֹמֵר מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ד', מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הקב"ה מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל'.

אין מדרש תנחומא ווערט גע'דרש'נט דער פסוק 'כִּי גָדוֹל יוֹם ד' וְנוֹרָא מְאֹד וּמִי יְכִילֶנּוּ', אויף יום הכיפורים, און אין זוהר הקדוש ווערט געברענגט אז יום הכיפורים 'יום הק־דוש', ווייל אין דעם טאג קען דער אויבערשטער מאכן רוען זיין שכינה צווישן אונז, וויבאלד מיר זענען נתקדש געווארן דורך די ווידוים, ווייל ווען דער מענטש איז זיך מתוודה און איז מודה אז ער האט געזינדיגט, טוט ער אנערקענען אין זיין שפלות, און מיר ווייסן אז דער אויבערשטער מאכט רוען זיין שכינה אויף די וואס זענען זיך משפיל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ', אויב אזוי, וועט דער אויבערשטער אוודאי מאכן רוען זיין שכינה אויפן אידישן פאלק אין אט דעם הייליגן טאג.

און עס פארשטייט זיך, אז כדי די שכינה זאל רוען אויף אונז, דארפן מיר זיין פאסיגע כלים וואס זענען ווערד אז די שכינה זאל רוען אויף אונז, און אין אט דעם גרויסן און הייליגן טאג, איז אסאך גרינגער צו ווערן א 'פאסיגער כלי', ווייל ווי שוין ערלקערט, טוט דער אויבערשטער אלעס, און מיר דארפן נאר אריינגיין אינעם וואסער וואס דער אויבערשטער האט אנגעגרייט פאר אונז מיט זיין געוואלדיגע חסד.

קומט, לאמיר נישט זיין פון די צועקים על העבר, נאר לאמיר אריינשפרינגען אין די וואסער וואס דער אויבערשטער האט געשפריצט אויף אונז, און מיר וועלן ווערן ריין!!!

(עפ"י טיב המועדים – יום הכיפורים)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אין זיין דין און אפילו אויב ער וועט ארויסגיין פון דעם זכאי וועט ער עס קענען טון איינמאל, אבער אויב ער וועט זיך פארזינדיגן איינמאל און נאכאמאל – וועט עס מער נישט העלפן. אבער דא ביי הקב"ה איז אנדערש, צו אים קען מען אלעמאל קומען און ער איז אלעמאל מוחל און פארגעבט.

די יסוד פון דעם איז רחמים. אויף דעם האט דער נביא ישעי' (נת ח) געזאגט דער פסוק: כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי נאם ה'.

דער צוגאנג און די בליק פון הקב"ה צו א בשר ודם איז אנדערש. דער רבוש"ע זוכט נישט מעניש צו זיין א מענטש. אויך די שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער איז נישט אן עונש. דער ציל פון דעם איז כל כולו מקרב צו זיין א איד צו אים און אים צוריקברענגען צו אים. די יסורים דינען ווי א דערוועקער פאר'ן מענטש, ווייל די שאיפה איז אנדערש. דער רבוש"ע איז שואף אז דער מענטש זאל זיך צוריקקערן צו אים ווי דער נביא זאגט אין יחזקאל (לג יא): חי אני נאום ה' אלקים אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה.

אויך ווען א מענטש איז זוכה און ער טוט א תשובה שלימה וועט הקב"ה גיין מיט אים ברחמים ובחסדים. דער סדר העולם איז אז ווען א מענטש טוט תשובה וועט מען אים אייביג דערמאנען זיינע אלטע זינד, אבער ביי הקב"ה איז נישט אזוי. ווען א איד איז זוכה און זיין תשובה איז א שלימות'דיגע ווערט די חטא אויסגעמעקט און ווי דער לשון הרמב"ם איז אין הלכות תשובה [א, ג] התשובה מכפרת על כל העבירות אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה, אין מזכירין לו שום דבר מרשעו וכו'".

עס גייט נאך ווייטער פון דעם. חז"ל זענען אונז מגלה אז [יומא פו ע"ב] אז ווען א איד טוט תשובה מאהבה ווערן די זדונות איבערגעדרייט אויף זכותים. דאס איז א מורא'דיגע זאך. מען קען נאך דערהערן אזא זאך אז מען זאל פארגעבן פאר א זינדיגער זיינע חטאים, אבער אז די חטאים זאלן ווערן איבערגעדרייט אויף זכותים דאס איז דאך א וואונדערליכער חסד, און מיר זענען זוכה צו דעם.

אז מען איז זיך מעמיק אין דעם און מען זעט די עומק החסד וואס הקב"ה טוט מיט יעדן איינעם פון אונז, דארפן די הערצער ווערן מלא שמחה. מען זעט טאקע אז די טאג איז א יום שכולו שמחה, און ווי חז"ל זאגן אונז אין די גמרא [תענית כו ע"ב] לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים.

די גמרא גיבט דארט צו פארשטיין אז די שמחה איז די מחילה. מען איז בשמחה אז הקב"ה איז מוחל די עוונות פון יעדן איד, אז מען האט די זכיה צו ווערן אויסגעוואשן פאר הקב"ה, אז מען האט די מעגליכקייט זיך מטהר ומקדש צו זיין פאר'ן בורא כל העולם.

מיט די שמחה דארף א איד צוגיין צו דעם גרויסן טאג. ער דארף עס שפירן און לויבן הקב"ה אויף דעם, אז עס איז דא אזא טאג ווען מען קען זיך ריינינגן פאר'ן בורא כל העו־למים. אז מען וועט צוגיין מיט אזא בליק וועט דאס הארץ ווערן פול מיט אהבה און רגש פאר הקב"ה, מען וועט קענען באמת תשובה טון און זיך דערנענטערן צום גרויסן טאטן אין הימל, אבער אז מען וועט צוגיין מיט א שרעק, מיט א זויערקייט, וועט מען נישט קענען ריכטיג אויסנוצן דעם גרויסן טאג און די סגולה וואס זי האט אין זיך.

דער רבינו יונה זאגט אז די מצוה פון עסן ערב יום כיפור און מאכן סעודה'ס איז וועגן די שמחה, אז מען איז זוכה צו ווערן ריין פאר הקב"ה און ווי עס איז לשון קדשו אין ספר שערי תשובה [שער רביעי] וז"ל: אמרו רבותינו ז"ל (ר"ה ט.) כל הקובע סעודה בערב יום הכיפורים כאילו נצטווה להתענות תשיעי ועשירי והתענה בהם, כי הראה שמחתו בהגיע זמן כפרתו, ותהיה לו לעדה על דאגתו לאשמתו ויגונותיו לעוונותיו.

פון דעם זעט מען אז די שמחה איז וועגן די כפרה, אז דער איד קוקט ארויס אז מען זאל זוכה זיין אז זיינע עבירות זאלן נתכפר ווערן ווייל אין דעם איז א איד זוכה צו דעם.

ווען א איד גלייבט אין דעם איז ער זוכה צו מחילת עוונות. ער ווערט ריין פון יעדן נידנוד חטא. ער ווערט מלא שמחה און ער נוצט אויס יעדער רגע.

איך האב געקענט אן עלטערער איד וואס יום כיפור פארנאכטס איז זיין אייניקל געקומ־ען צו אים און וויסנדיג אז די פאסטן איז אים שווער האט ער געזאגט פאר'ן זיידן אז מען האלט שוין נענטער ווי ווייטער, אז אט אט גייט דער פאסט טאג ארויס. דער אייניקל האט געוואלט טרייסטן דעם זיידן אבער דער זיידע האט געזאגט אדרבה, א שאד אז עס איז נאר געבליבן אזוי ווייניג צייט, מען דארף אריינכאפן נאך און נאך.

אז דאס איז דער צוגאנג, וועט מען זוכה זיין אלעס גוטס און זוכה זיין אין דעם טאג זיך צו באניייען און ווערן כבריה חדשה און פארשריבן ווערן אויף א גמר חתימה טובה און א שנת גאולה וישועה, אמן.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענער

# דן זיין א איד לכף זכות - ברענגט זכותים אויף די וועלט

מיר שטיין אין א שווערע מלחמה צושטאנד. די צייט דערמאנט מיר ווען מיר זענען אמאל געשטאנען אין אן ענליכע מצב, און דאן האט מורינו שליט"א געגעבן א לענגערע שמועס איבער דער מצב און מעורר געווען אז אין אזא צייט דארף כלל ישראל האבן זכותים, און געבעטן אז מען זאל זיך מחזק זיין אין דן זיין אידן לכף זכות.

געווענליך גיי איך נישט ארויס שבת ביינאכט פון שטוב, אבער יענער שבת האב איך זיך ארויסגעלאזט פון שטוב אויף א שפאציר. גייענדיג אין גאס האב איך באמערקט ווי קעגן מיר קומט צוגיין א פארשוין. עס איז געווען טונקל אבער פונדערווייטנס האב איך געקענט זען ווי דער וואס קומט מיר אקעגן האלט א טעלעפאן אין זיין האנט.

אין די ערשטע מינוט בין איך געווען זיכער אז עס א גוי, א זיכערהייט וועכטער, אדער א פיליפינער וואס איז דא אין געגענט ארויסצוהעלפן אן אלטער איד. ווען דער געשטאלט איז געווארן נענטער האב איך זיך געזען אז דאס איז לײדער א איד.

איך טו אביסל אין קירוב רחוקים, אבער נישט 'עכטע' רחוקים נאר אזאנע וואס זענען אמאל געווען נאנט אבער זענען לײדער ארויסגעפאלן פון דעם וועג. דערקענענדיג אויף דעם בחור אז ער איז אזא סארט בחור האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן נאר זיך דערנענטערט צו אים.

איך האב אים באגריסט מיט א ווייכקייט און געפרעגט צי ער איז א איד.

"יא", האט ער געענטפערט.

ווי אזוי קען זיין אז א איד האלט א טעלעפאן שבת?

דא בין איך געווען זיכער אז עס גייט קומען א שארפער ענטפער, אבער אנשטאט דעם האט ער אנגעהויבן קעקעצען זאגנדיג אז ער ווייסט אליינס נישט פארוואס ער האלט עס.

עס האט אויסגעזען ווי מיין שאלה האט אים שטארק באַרירט.

נישט וועלענדיג אים דערקוטשען האב איך אים איבערגעלאזט, אבער דא האב איך זיך דערמאנט אין די ווערטער פון מורינו שליט"א אז מען דארף דן זיין יעדן איד לכף זכות. איך האב געטראכט צו מיר אז דער בחור'ל וואלט דאך געקענט זאגן אז ער האלט עס ווייל ער וויל מחלל שבת זיין אבער אנשטאט דעם האט אויסגעזען אז עס האט זיך דערוועקט אין אים דאס פינטל, אז ער האט אנגעהויבן חרטה האבן.

איך האב אים דן געווען לכף זכות און געבעטן פון הקב"ה אז ער זאל אים געבן די כוחות צו קענען טון א שלימות'דיגע תשובה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים

מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה

סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ".

אינעם הייליגן ספר רָמָתַיִם צוֹפִים (אויפן 'תנא דבי אליהו') פון הרה"ק מוהר"ר שמואל שינאווי זצוק"ל, א תלמיד מובהק פון הרה"ק דער רבי ר' בונם זצוק"ל פון פרשיסחא (מערכת הרר"ב ס"ק צה,) ווי פאלגנד: "מעשה באחד שהיה מתפלל לפני התיבה ביום הכיפורים, והיה בוכה הרבה מאוד מאוד, ומתוך כך לא היה יכול להביט בתוך המחזור, והיה אומר הרבה טעותים. ואמר לו [הרבי ר' בונם]: הלא יותר טוב היה שלא תבכה, ותביט בהמחזור, ותאמר 'עברי' כראוי"!

"והנמשל הוא שכשהאדם בוכה הוא סובר שזהו התשובה, ובאמת אינו יוצא בבכייה זאת, רק שיסתכל ויבדיל הרע מהטוב. ועל זה צריך שישים עיונו מאוד, שלא יטעה אותו היצר הרע בתחבולותיו", ביז אהער פונעם רמתים צופים, און זע דארט וויטער זיינע הייליגע ווערטער.

פון דעם לערנען מיר א כלל גדול, אז די מצוה פון תשובה איז נישט נאר א מצוה אין הארץ, דורך חרטה און ווידוי א.ד.ג, און כאטש עס איז ריכטיג אז דאס גרויס געוויין און די פילע טרערן וואס אידישע קינדער פארגיסן אינעם הייליגן טאג יום הכיפורים, טוט אוודאי אויסלייטערן און מטהר זיין דאס הארץ און זעל, אבער דאס גרויס התרגשות איז נישט גענוג אפילו אויב מען וועט וויינען 'מאוד מאוד' אזוי ווי דער הייליגער צדיק שרייבט. אסאך מאל מאכט זיך עס טאקע, אז מען פילט א פארגרינגערונג נאכן זיך אויסוויינען און חרטה האבן, און מען האלט אז דאס איז גענוג. עס איז טאקע ריכטיג אז דורכן וויינען האט מען אראפגענומען פון זיך די עבירות, און די כפרה פונעם הייליגן טאג יום הכיפורים טוט אויסלייטערן דעם מענטש אזוי ווי א מקוה טהרה און אזוי ווי א קליין קינד וואס איז יעצט געבוירן געווארן, און דער מענטש ווערט א 'בריה חדשה'.

אבער דאס אלעס איז נאר א האלב פונעם וועג, און די געפילן פונעם הארץ דארפן מעורר זיין צו די עבודה פונעם מח און שכל פון די תשובה. ווייל אזוי שטייט אין די הייליגע ספרים, אז דער מקור פון תשובה קומט פון די בחינה פון בינה כידוע, וואס דאס מיינט אז מען זאל זיך מתבונן זיין מיט א קלארע און לויטערע שכל, צו אנערקענען און פארשטין וואס עס האט צוגעברענגט צו די עבירה און פון וואו איז איר שורש. אזוי ווי עס ווערט דארט נאך געברענגט אין נאמען פונעם רבי'ן רבי בונם זי"ע, איבער די ווערטער וואס מיר זאגן ביים אנהייב פון די סליחות: "לְךָ ה' הַצְּדָקָה וכו', מַה נְּדַבֵּר וּמַה נִּצְטַדָּק, נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה וכו'", זע דארט.

'בינה' איז נישט דווקא דורכן באנייען דעם שכל, ווייל דאס האט שוין די 'חכמה' גע'פועל'ט, נאר דאס טראגט מיט זיך אן אינערליכע התבוננות, וויבאלד מען ווייסט און אנערקענט שוין מיטן שורש פונעם חכמה, וויאזוי צו מאכן דעם ריכטיגן טויש אינעם שורש פון זיינע וועגן אין לעבן. און דורך זיין קאפ וועט ער פארשטיין און זיך מתבונן זיין אפצוטיילן דאס שלעכטס פונעם גוטס, אין די פילע זאכן וואס מען האט זיך צוגעוואוינט צו טראכטן און זיך פארצושטעלן אויף א געוויסן וועג אינעם גאנצן מהלך החיים. און דורכדעם וועט מען געפינען און מגלה זיין די פנימיות פון בינה, און טוישן דעם יסוד פון זיין גדאנקענגאנג אין לעבן, און ארויסגיין פונעם יום הכיפורים מיט גאר אן אנדער מהלך המחשבה – מיט גלייכע און הייליגע מחשבות, וועלכע דערנענטערן און הייבן אונז צום חיי החיים ברוך הוא, צו מאכן נחת רוח פאר אונזער באשעפער, און צו מאכן רוען די הייליגע שכינה צווישן אונז, מיטן אויפבוי פון בית קדשנו ותפארתנו, און דארט וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין צום 'מראה כהן' ארויסגייענדיג 'מבית קדשי הקדשים' בשלום אן קיין שטער, במהרה בימינו אמן.

->•<-

הרה"ג רבי אהרן שענקער זצ"ל, איידעם פון מרן הגה"צ רבי יוסף חיים זוננפלד זצוק"ל גאב"ד דפעיה"ק, איז געווען מפורסם, אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, אויך אלס א צדיק און עובד השם יתברך במסירות נפש.

זיין הייליגער שטייגער אינעם גרויסן טאג פון ערב יום הכיפורים איז געווען, אז ער האט זיך געפינען אליין אינעם 'בית המוסר' אין די אלט-שטאט פון ירושלים עיר הקודש, דארט איז ער געזעצן אין זיין ווינקל, זייענדיג עוסק אין ספרי מוסר און אין חסיד'ישע ספרים, וועלכע רעדן איבערן גרויסקייט און חשיבות פון די תשובה פונעם הייליגן טאג יום הכיפורים.

אין איינע פון די יארן, האט זיך די עבודת התשובה והתבודדות געצויגן ביים אויבנדערמאנטן גאון און צדיק, פאר מער ווי פינף שעה נאכאנאנד! ווען ער האט געענדיגט אט זיין גרויסע עבודה, איז ער ארויסגעגאנגען מיט שמחה אויפן וועג אהיים, מקיים צו זיין די מצוה פונעם טאג וואס מיר זענען באפוילן געווארן מדאורייתא צו עסן און טרינקען. אזוי גייענדיג אויפן וועג, האט ער געטראכט צו זיך, אז עס איז דאך מנהג ישראל צו באקומען היינט די ברכה פון צדיקים צום הייליגן יום הדין, אזוי ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר קיצור שולחן ערוך (סימן קלא טז) אז עס זענען דא וואס גייען אום ערב יום הכיפורים צו תלמידי חכמים און צדיקים אז זיי זאלן זיי בענטשן, און זיי בעטן פון זיי אז זיי זאלן דאווענען אויף פאר זייערטוועגן אין דעם הייליגן און פארכטיגן טאג וכו', ביז אהער פונעם קיצור שולחן ערוך.

דעריבער האט ער געוואנדן צום הויז פונעם לעלוב'ער רבי'ן, הרה"ק רבי דוד (צבי שלמה) בידערמאן זצוק"ל, כדי זיך צו בענטשן ביי אים אין צוגרייטונג צום יום הקדוש.

ווען ער איז אריינגעקומען צום הייליגן צדיק, בדחילו ורחימו, האט ער געזען פאר זיינע אויגן דעם הייליגן צדיק, ווי ער זיצט ביי זיין הייליגן טיש עסנדיג דעם סעודת היום, און זיין געזיכט האט אויסגעזען ווי א מלאך אלקים! אבער זיינע געסט וועלכע האבן געגעסן מיט אים זענען געווען בטלנים, ארחי פרחי, וועלכע זיצן אלעמאל אין גאס און זענען עוסק אין בעטלען נדבות... און דא זיצט דער צדיק צוזאמען מיט זיי, און דערלאנגט זיי געשמאקע עסן, און שמועסט מיט זיי אנגענעם. אזוי האט עס אויסגעזען ווי דער צדיק פארברענגט חלילה די צייט מיט זיי. [עס איז באוואוסט געווען אז ער האט געהאט א הייליגע עבודה, צו מקרב זיין די ליידיג-גייער און צוקלאפטע מענטשן פון ירושלים, און ער פלעגט זיי אויסזוכן אין אלע עקן פונעם מארק-פלאץ, און ער פלעגט זיי אריינגעמען אונטער זיין שוץ, ומי יבוא בסוד קדושים].

רבי אהרן, וועלכער איז געווען צופלאמט כאש להבה נאך די לאנגע געהויבענע התבודדות פון ערב יום כיפור, און זעענדיג דעם געזיכט פונעם הייליגן צדיק, ווי ער זיצט אזוי רואיג און שמועסט מיט אט די ליידיג-גייער, איז ער געווארן זייער צושטורעמט, ביז א געשריי האט ארויסגעשפאלטן פון זיין מויל: "רבי! אויף אזוי ווייט גייט עס, אז מען דארף מקרב זיין אזעלכע לייט? עס איז דאך היינט ערב יום כיפור"!

הערנדיג זיין טענה, האט דער הייליגער רבי גערוואנדן זיין הייליג געזיכט צו אים, און געעפנט זיין הייליג מויל מיט חכמה און עֲנוַת חֵן, ווי פאלגנד: איך וועל דיר ערקלערן דעם ענין מיט א משל. עס איז אמאל געווען א רחמנות'דיגער טאטע, וועלכער האט געהאט א בן יחיד, באליבט און גלוסטיג, און ווען דער קינד איז אנגעקומען צו דער עלטער ווען די ציין שפאלטן ארויס, האט דער קינד געליטן פון שטארקע ווייטאגן, פון די ציינער וועלכע שפראצן ארויס און צורייסן די פלייש, און דאס טוט זייער וויי, כידוע. דער קינד האט געוויינט און געוויינט אן אויפהער. וויפיל דער טאטע האט פראבירט אים צו בארואיגן און שטילמאכן, איז עס אים נישט געלונגען ['אַקאַמאַל'/'טיילענאָל' א.ד.ג. צו איינשטילן די ווייטאגן, איז נאכנישט געווען אין יענע צייטן]!

דער טאטע האט אבער נישט געקענט צוקוקן די ליידן פון זיין קינד, און הערן זיין שרעקליכן געוויין, דעריבער האט ער זיך געטראפן אן עצה, און איז ארויסגעגאנגען מיט אים אינדרויסן, און זיך געשפילט מיט אים אויף זיין שטייגער, כדי אים צו בארואיגן. דארט האבן זיי געפינען א קליין קעצעלע, און האבן זיך גענומען יאגן נאך איר... און אזוי ווייטער האבן זיי געטראפן אנדערע באשעפטיגונגען, ביז דער קינד האט פארגעסן פון זיין ווייטאג, און ער האט אויפגעהערט צו וויינען, און אויך דער טאטע האט שטארק הנאה געהאט צו זען ווי זיין ליב קינד איז רואיג און צופרידן!

אט די אידן, האט רבי דוד'ל ערקלערט דעם נמשל, זענען דאך די ליבע קינדער פון השם יתברך, און יעדער איינער פון זיי איז ביים אויבערשטן אזוי ווי א בן יחיד! טיף אין זייער הארץ ליידן זיי טרויער און ענגשאפט, צוליב זייערע שווערע יסורים. זייער געוויין טוט זייער וויי למעלה, פאר די שכינה הקדושה, און מען דארף שטענדיג טון אלעס וואס נאר מעגליך כדי זיי צו דערפרייען און שטארקן, אפילו אין אזא הייליגע טאג. וויבאלד דורכדעם הייבט מען אויף די שכינה מעפרא, און מען דערנענטערט איר צו קודשא בריך הוא און צום הייליגן כנסת ישראל! וואס דאס איז דער עיקר תכלית פון די עבודת הימים הנוראים!

->•<-

ערב יום הכיפורים, ווען די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין, אינעם הייליגן הויז פון הרה"ק דער רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב זצוק"ל. דער התרגשות צום יום הדין וואס קומט שוין אט-אט אן, האט זיך גוט געפילט אין די לופט! אויב א גאנץ יאר האט געהערשט א פחד און מורא אינעם הויז פונעם צדיק כידוע, וואס ביי יעדע תנועה און ווארט האט מען מורא געהאט פון אים, וויבאלד די ריינע און פולשטענדיגע אמת איז אלעמאל געווען נֵר לְרַגְלָיו! איז עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אין אזעלכע געהויבענע מינוטן, ווען אלע אידישע הערצער ברומען מיט חֶרְדַּת הַדִּין.

דער הייליגער צדיק איז דעמאלטס געשטאנען אין

המשך אין עמוד ד' |>

זיין הייליגן צימער, און אזוי ווי דער מנהג ישראל, זענען דעמאלטס, נאכן סעודה המפסקת, זענען אלע זיינע זין און טעכטער אריינגעגאנגען צו אים, איינס נאכן אנדערן, אז ער זאל זיי בענטשן מיט ליבשאפט, מיט זיין הייליגע ברכה.

איינע פון זיינע טעכטער, וועלכע האט געגעסן די סעודה אין איר הויז, האט זיך געאיילט צו ענדיגן אלע אירע צוגרייטונגען פון פריער, כדי זי זאל קענען אנקומען צו איר טאטע'ס הויז צוזאמען מיט איר קליין קינד, און געבענטשט ווערן דורך אים, איידער ער וועט ארויסגיין צום בית המדרש.

אבער, ווי שטארק זי האט זיך געאיילט, האט זי פארשפעטיגט, און אנקומענדיג צום הייליגן וואוינונג פון איר טאטע, האט זי געזען ווי איר גרויסער טאטע איז שוין איינגעהילט אינעם טלית און מיט די ווייסע קליידער, און ווי א מֶלֶךְ בִּגְדוּד שפאנט ער מיט זיינע געקליבענע הייליגע און געטרייע תלמידים, אין ריכטונג פונעם גרויסן בית המדרש.

זעענדיג דאס, האט זי אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, אז זי און איר קינד האבן דערלייגט דעם ספעציעלן ברכה וואס איר הייליגער טאטע געבט איינמאל אין יאר, מיט א ספעציעלן ליבשאפט מִקֶּרֶב אִישׁ וְלֵב עָמֹק. דאס געוויין איז געווען אזוי ביטער, אזוי ווי זי זעט פאר זיך דעם פאֶרשטייענדע יאר איינגעהילט אין שרעק רח"ל. אויך דאס קליין קינד, זעענדיג ווי זיין מאמע וויינט אזוי ביטערליך, האט ער זיך אויך גענומען שטארק וויינען.

זייערע ביטערע יללות זענען אנגעקומען צו די אויערן פונעם צדיק, און ווען ער האט געפרעגט וואס איז דער מיינונג פון אט דעם ביטערן געוויין, און מען האט אים געזאגט אז דאס איז זיין טאכטער און איר קליין קינד, האט ער מורא געהאט טאמער איז זיי חלילה עפעס געשען. האט ער איר גערופן צו אים, און געפרעגט מיט זארג: מיין טאכטער, פארוואס וויינסטו? און זי האט זיך ווייטער גענומען וויינען, דערפאר וואס זי האט נישט אנגעיאגט געבענטשט צו ווערן אין יענעם טאג, פון איר גרויסן הייליגן טאטן!

האט זיך דער צדיק געוואנדן צו זיין יונגן איניקל, און אים ווייך געפרעגט: און דו מיין קינד, פארוואס וויינסטו? [ווייל ער האט דאך נישט פארשטאנען, ווי זיין מאמע, דעם געוואלדיגן פארלוסט פון אט די הימלישע ברכה].

האט דער קינד געענטפערט מיט תמימות: ווייל מאמי וויינט!

האט זיי דער צדיק אריינגענומען אין זיין הייליגן צימער אינעם בית המדרש, און איידער ער איז אריינגעגאנגען צום געהויבענעם תפילה פון 'כל נדרי', האט ער זיי הארציג געבענטשט צום נייעם יאר.

גלייך נאכדעם וואס ער האט זיי געבענטשט, איז ער אריינגעקומען מיט גרויס התרגשות צום דאווענען אין בית המדרש, און מען האט קלאר געקענט זען אז די גרויסע געוויין האט אים שטארק בארירט.

ביים הייליגן דרשה וואס דער צדיק האט געלאזט הערן נאך כל נדרי, האט ער זיך געפירט אז ביים סוף פונעם דרשה האט ער גערעדט כְּלַפֵּי מַעְלָה. אויך יעצט, זייענדיג אינגאנצן איינגעהילט אין זיין הייליגן טלית, האט ער גענומען שרייען זיך ווענדנדיג צום אפענעם ארון הקודש:

רבונו של עולם! דו האסט דאך געזען וואס איז געווען מיט אונז אויפן וועג! ווי דער קליין קינד האט אזוי שטארק געוויינט, אן צו פארשטיין פארוואס, און נאר ווייל די מאמע וויינט, טוט אויך דער קליין קינד אזוי ביטערליך וויינען!

אויך אונז זעען דעם גרויסן צער פון די שכינה הקדושה וועלכע איז אראפגעווארפן צו דער ערד, און זי וויינט מיט א ביטערן און שרעקליכן געוויין. וויאזוי קענען מיר שווייגן ווען די אִימָּא עִילָּאָה וויינט אזוי שטארק?! און דער צדיק האט גענומען גאר שרעקליך וויינען, ווען דער גאנצער קהל נעמט זיך וויינען מיט אים מיט א שטארקן התעוררות, וַיְהִי הַמָּקוֹם לְחֶרְדַּת אֱלֹקִים!

און אט האט דער הייליגער צדיק אנגעהויבן זאגן די פארכטיגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש (תיקונים קמג.) וועלכע ווערן געזאגט אינעם הייליגן נאכט פון כל נדרי: "קָם רַבִּי שִׁמְעוֹן סָלִיק יְדוֹי לְגַבֵּי עֵלָּא, וְשַׁבַּח לְמָארֵי עָלְמָא, וְאָמַר: רִבּוֹן עָלְמִין עֲבִיד בְּגִין שְׁכִינְתָּא דְּאִיהִי בְּגָלוּתָא וכו'. כְּמָה דְּאוּקְמוּהוּ 'אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד' (איכה א, א), דְּאִיהִי חֲשִׁיבָא שְׁכִינְתָּא בְגָלוּתָא כִּמְצֹרָע, דְּאִתְמַר בֵּהּ (ויקרא יג, מו) 'בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה', מִחוּץ וַדַּאי דָּא גָלוּתָא וכו'".

**אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין תנא דבי אליהו (זוטא שלהי פ"ד) וועגן דער ערשטער יום הכיפורים, ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פונעם בארג סיני אין אט דעם געהויבענעם עת רצון, ווי פאלגנד: "הִשְׁכִּימוּ [יִשְׂרָאֵל] וְעָלוּ לִפְנֵי הַר סִינַי, יִשְׂרָאֵל הָיוּ בּוֹכִים לִקְרַאת מֹשֶׁה, וְהוּא הָיָה בּוֹכֶה לִקְרָאתָם, עַד שֶׁעָלְתָה בְּכִיָּתָם לַמָּרוֹם. – בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נִתְגַּלְגְּלוּ רַחֲמָיו שֶׁל הקב"ה עַל יִשְׂרָאֵל, וְקִבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתָם, בִּשְּׂרָה אוֹתָם רוּחַ הַקֹּדֶשׁ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וְנֶחָמוֹת, וְאָמַר הקב"ה לְיִשְׂרָאֵל, בָּנַי, נִשְׁבַּע אֲנִי בִּשְׁמִי הַגָּדוֹל שֶׁלִּי וּבְכִסֵּא הַכָּבוֹד שֶׁלִּי, שֶׁתְּהֵא לָכֶם בְּכִיָּה זוֹ לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, וְיִהְיֶה לָכֶם יוֹם זֶה יוֹם סְלִיחָה וְכַפָּרָה וּמְחִילָה לָכֶם וְלִבְנֵיכֶם וְלִבְנֵי בְּנֵיכֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת", אָמֵן.**







יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

## יום הכיפורים

שבעת ימים קודם - הכנה צו יום כיפור.......................................כא
כל האוכל ושותה בשביעי - די מצוה צו עסן ערב יום כיפור.........................כא
עד שירצה את חבירו - זיך איבערבעטן ערב יוה"כ, און זיך היטן פון כעס און מחלוקת...........כג
והתוודה - אין הימל וועט מען בלויז פרעגן, 'פאַרוואָס האָסטו נישט תשובה געטוהן'...........כז
והיה לפנות ערב - די געהויבענע און הייליגע מינוטן פון 'כל נדרי'........................לא
תענו את נפשותיכם - די סגולות פונעם תענית.......................................לב
כי גדול יום ה' - אפילו דער גוף ווערט אין דעם טאָג געהייליגט..........................לג
בעת נעילת שער - דער אויבערשטער פאַרשליסט זיך מיט די אידן אַליין.......................לו

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# יום הכיפורים

**שבעת ימים קודם - הכנה צו יום כיפור**

**ווען** דער תנא פון די משנה (יומא נג:) רעכנט אויס די עבודה פון דעם כהן גדול אין יום כיפור, זאָגט ער 'נכנס למקום שנכנס ועמד במקום שעמד' ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם אָרט וואו ער איז אַריינגעגאַנגען, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם אָרט וואו ער האָט זיך געשטעלט.

**טייטשט** הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע ('תורת המגיד מזלאטשוב', יום הכיפורים), אַז דער תנא מיינט מרמז צו זיין, אַז אפילו אויב דער מענטש גייט אַריין אין דעם הייליגסטן פלאַץ, גייט ער אַריין נאָר דאָרט וואו ער איז 'אַריינגעגאַנגען' פריער, דאָס מיינט, נאָר אויב ער האָט זיך באַצייטענס צוגעגרייט דערצו. און אַזוי אויך 'עמד במקום שעמד' - ער קען נאָר שטיין אויף די מדריגה וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט פון פריער צו שטיין דאָרט.

**אין** די משנה (סוף מסכת יומא) זאָגט דער הייליגער תנא רבי עקיבא: 'אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים וכו' ואומר מקוה ישראל ה', מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. דאָס מיינט, רבי עקיבא פאַרגלייכט די טהרה פון יום כיפור צו די טהרה פון אַ מקוה.

**זאָגט** דער 'ילקוט הגרשוני' (קונטרס אחרון, ערך תשובה) אַז פונקט ווי ביי די טהרה פון אַ מקוה, זאָגט דער רמב"ם ז"ל (הלכות מקוואות פ"א, ה"ט) אַז דער וואָס שפרינגט אַריין אין אַ מקוה איז 'מגונה', אַזוי אויך לגבי די טהרה פון יום כיפור, איז עס אַ שאַנדע פאַר דעם מענטש אויב ער 'שפרינגט אַריין' אין דעם הייליגן טאָג אָן צו מאַכן פריער די געהעריגע הכנה צו יום הקדוש, נאָר מ'דאַרף מאַכן די נויטיגע הכנות, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, נישט 'אַריינטאַנצן' אינעם טאָג אין איין סעקונדע.

**דער** 'בינה לעתים' זאָגט (דרוש יא) אַז פונקט אַזוי ווי ביי די טהרה פון אַ קוואַל און אַ מקוה, איז דאָך דאָ וואַסער, אָבער דער מענטש וועט נישט ווערן טהור אויב ער שטייט אינדערזייט, נאָר ער דאַרף עפּעס טוהן דערצו, זיך געבן אַ טינקט אינעם וואַסער, איז דאָס זעלבע ביי די טהרה פון יום כיפור. כאָטש דער אויבערשטער קומט רייניגן די אידן, דאַרף אָבער דער מענטש זיך שוין פריער רייניגן און הייליגן. אויף דעם זאָגט דער תנא רבי עקיבא: 'לפני מי אתם מטהרין' - דער מענטש זאָל פריער זיך רייניגן, און דערנאָך וועט דער אויבערשטער אַרויפוואַרפן ריינע און טהור'ע וואַסער, און עס וועט איהם רייניגן פון אַלע עבירות.

**כל האוכל ושותה בשביעי - די מצוה צו עסן ערב יום כיפור**

**דער** פסוק זאָגט (ויקרא כג, לב) 'ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש'. מ'דאַרף פאַסטן דעם ניינטן טאָג פון חודש תשרי. פרעגט די גמרא (ברכות ח:, ועוד), צי דען פאַסט מען אינעם ניינטן טאָג פון חודש תשרי? מ'פאַסט דאָך אין צענטן טאָג, נאָר עס קומט לערנען, אַז דער וואָס עסט און טרינקט אין ניינטן טאָג פון חודש, ווערט עס איהם גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט געפאַסטכ דעם ניינטן טאָג, און דעם צענטן טאָג[כא].

---

**כ.** דער 'לבוש' (סי' תר"ד, א) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק זאָגט וועגן עסן ערב יום כיפור, אַ לשון פון עינוי - 'ועניתם', און ער זאָגט נישט בפירוש 'ואכלתם' - איר זאָלט עסן אַ סעודה, ווייל די משנה זאָגט (אבות פ"ה, מכ"ב) 'לפום צערא אגרא'. דער מענטש באַקומט שכר לויט ווי שוועך ס'איז איהם אָנגעקומען מקיים צו זיין די מצוה. קומט אויס אַז דער שכר פאַר אַ מצוה וואָס מ'טוט מיט האַרעוואַניע, איז גרעסער ווי די מצוה וואָס עס קומט אָן לייכט עס מקיים צו זיין. **וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געוואָלט מזכה זיין די אידן און זיי געבן מער שכר פאַר'ן קיום המצוות, האָט ער געהייסן עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, מיט'ן וואָרט 'ועניתם', כדי עס זאָל גערעכנט ווערן ווי מ'וואָלט געהאַט אַן 'עינוי' דערביי.**

**כא.** דער 'טור' ברענגט (או"ח סי' תר"ד) אַ מעשה (אין נאָמען פון מדרש): אַ 'שוטר' (שר) האָט אַמאָל געשיקט זיין קנעכט ערב יום כיפור, צו קויפן פאַר איהם פיש אין געשעפט. אין דעם פיש-געשעפט איז דעמאָלס געווען צום

**זאָגט** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס מ'דאַרף עסן ערב יום כיפור, ווייל ווען דער מענטש פאַסט ווערט וויניגער דאָס פעטס און זיין בלוט פון דעם וואָס ער האָט געגעסן אַ טאָג פריער, און אויף דעם זאָגן מיר אין יעדן תענית, 'שיהא מיעוט חלבי ודמי שנתמעט היום, כחלב מונח על גבי המזבח לפניך ותרצני'. צוליב דעם איז נישט ראוי מ'זאָל עסן ערב יום כיפור אַן 'אכילת רשות', ווייל דאַן ווי אַזוי קען מען מקריב זיין דאָס פעטס און בלוט פאַר אַ קרבן?!

**צוליב** דעם טעם האָט די תורה באַפוילן אַז מ'זאָל עסן אין ניינטן טאָג פון חודש תשרי, כדי דאָס פעטס און בלוט זאָל געשאַפן ווערן פון אַ 'סעודת מצוה', און אַזוי וועט עס זיין חשוב גליך ווי מ'וואָלט מקריב געווען דאָס פעטס און בלוט פון אַ מצוה אויפ'ן מזבח.

**זיין** זון, דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט מיט דעם געטייטשט דעם פיוט וואָס מיר זאָגן (סליחות לערב יום הכיפורים) 'ירצה צום עמך אשר דמו לך מזה, חשוב חלבו כבעל זבח וקרבנו אל תבזה. חתום עליו אות חיים ותפלתו תחזה, מחר יהיה האות הזה'. וויבאַלד דאָס פאַסטן אין יום כיפור איז חשוב גלייך ווי מ'וואָלט געברענגט אַ קרבן און געשפריצט דאָס בלוט אויף דעם מזבח, איז ראוי אַז דאָס וואָס מ'וועט עסן היינט, זאָל גערעכנט ווערן, 'כבעל זבח' - אַזוי ווי אַ קרבן. ממילא, 'וקרבנו אל תבזה' - וועסטו נישט פאַרשעמען זיין מאָרגענדיגן קרבן, און זיין תפילה,

---

פאַרקויפן בלויז איין פיש, און דער קנעכט האָט געצאָלט דערפאַר אַ גאָלדענעם רענדל. בעת מעשה, איז אַריינגעקומען אין געשעפט אַ אידישער שניידער, און ער האָט געוואָלט צאָלן אַ העכערן פרייז פאַר'ן פיש, און אַזוי איז דער פרייז געהעכערט געוואָרן מער און מער, ביז עס האָט דערגרייכט פינף רענדלעך, וואָס דער אידישער שניידער האָט באַצאָלט.

ווען דער קנעכט איז צוריקגעקומען צו זיין האַר דעם שר, און איהם דערציילט אַז ער האָט נישט געקענט קויפן דעם איינציגן פיש ווייל אַ אידישער שניידער האָט עס געקויפט פאַר אַ העכערן פרייז פון פינף גאָלדענע רענדלעך, האָט דער שר געשיקט רופן דעם אידישן שניידער, און איהם געפרעגט אין וואָס עס באַשטייט זיין פרנסה, און דער איד האָט געענטפערט אַז ער איז אַ שניידער. האָט דער שר איהם געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו געקויפט אַ פיש וואָס איז ווערד בלויז איין גאָלדן רענדל, פאַר פינף רענדלעך, און נישט נאָר דאָס, נאָר דו האָסט עס נאָך 'אויסגעכאַפט' פון מיין קנעכט, וואָס איך האָב איהם געשיקט צו קויפן פאַר מיר דעם פיש?

האָט דער איד געענטפערט: איך וואָלט געצאָלט פאַר דעם פיש אַפילו צען גאָלדענע רענדלעך, כדי צו עסן דעם פיש אין דעם טאָג, ווען **דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו עסן און טרינקען און מאַכן אַ סעודה, און מיר זענען זיכער אַז דער אויבערשטער וועט מוחל זיין אונזערע עבירות**. האָט דער שר געזאָגט צו דעם איד: 'אויב אַזוי, האָסטו זייער גוט געטוהן', און ער האָט איהם געלאָזט גיין.

ברענגט דאָרט דער 'בית יוסף', אַז אַן ענליכע מעשה דערציילט דער מדרש (ב"ר פי"א, ד), אָבער דער מדרש פירט אויס די מעשה, אַז דער איד האָט שפּעטער באַקומען שכר, אַז **ווען ער האָט געעפנט דעם פיש, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ טייערן דיאַמאַנט**. ער האָט עס שפּעטער פאַרקויפט, און געהאַט דערפון פרנסה זיין גאַנץ לעבן.

האָבן צדיקים געזאָגט, אַז דער מדרש האָט דאָ צוגעלייגט דעם סוף פון די מעשה, כדי אונז צו לערנען, אַז **דאָס עסן ערב יום כיפור איז מסוגל צו האָבן פרנסה א גאַנץ לעבן בכבוד ובריווח.**

אויך איז כדאי אַראָפּצוברענגען די ווערטער פון 'פרישה' (סק"ה) וואָס ער שרייבט, אַז מ'מוז זאָגן אַז דער אידישער שניידער איז געקומען אויף איינמאָל צוזאַמען מיט'ן קנעכט פונעם שר אינעם פיש-געשעפט, ווייל מ'וועט זאָגן אַז ער איז געקומען ווען דער קנעכט איז שוין דאָרט געווען אינעם געשעפט, איז דען שייך צו זאָגן אַז **צוליב דעם ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט מ'זאָל עסן ערב יום כיפור, זאָל מען אויסכאַפּן דעם פיש אָדער עס גזל'ענען פון אַ צווייטן?**

פון דעם לערנען מיר, אַז כאָטש ס'איז דאָ אַן ענין צו היטן יעדן אידישן מנהג ווייל עס האָט אַ הייליגן מקור, דאַרף מען זיך אָבער שטאַרק היטן **נישט צו פאַרגעסן פונעם עיקר**, און נישט עובר זיין ח"ו אויף דעם איסור פון הסגת גבול, אָדער אַנדערע איסורים פון דער תורה, און זיך שפּעטער באַרימען אַז מ'איז יעצט מקיים אַ מנהג ישראל...

וואָס ער וועט מאָרגן, יום כיפור, דאַווענען, וועט אָנגענומען ווערן פאַר דיר.

פון דעם קען מען פאַרשטיין, אַז דאָס עסן ערב יום כיפור, דאַרף זיין בקדושה ובטהרה, ווייל מ'וועט עס מקריב זיין מאָרגן 'לריח ניחוח' פאַר דעם אויבערשטען[כב].

**עד שירצה את חבירו - זיך איבערבעטן ערב יוה"כ, און זיך היטן פון כעס און מחלוקת**

**דער** נביא זאָגט (הושע יד, ב-ג) **'שובה ישראל עד ה' אלוקיך כי כשלת בעוניך, קחו עמכם דברים ושובו אל ה''.** דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון, 'שובה ישראל', און דערנאָך 'ושובו אל ה''.

**ענטפערט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות חתם סופר', לשבת שובה שנת תקנ"ה, יז.), **אַז** צו ערשט זאָגט דער נביא אַז מ'זאָל תשובה טוהן אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, און אויף דעם זאָגט ער 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך', דו זאָלסט תשובה טוהן אויף די עבירות וואָס קומען אָן 'עד ה' אלוקיך', און 'ולא עד בכלל', און ערשט נאָך דעם זאָל מען תשובה טוהן אויף די עבירות שבין אדם למקום: קחו עמכם דברים, ושובו אל ה'.

**די** משנה זאָגט (יומא פה:) **עבירות שבין אדם למקום יום הכיפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו'** - אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'טוט איבערבעטן דעם חבר[כג].

---

**כב.** הרה"ק בעל 'בית אברהם' מ'סלאנים זי"ע האָט געזאָגט, אַז ווען מ'עסט ערב יום כיפור, זאָל מען זיך פאַרשטעלן גלייך ווי מ'וואָלט געוואָלט געגומען איינעם וואָס איז אַ 'זולל וסובא', און מ'האָט איהם אַוועקגעזעצט צו עסן פאַר אַ לייב... מ'פאַרשטייט אליין, אַז נישט קיין חילוק וואס פארא גרויסע 'פרעסער' ער זאל נאר נישט זיין, וועט ער עסן מיט 'דרך ארץ' און מעסטן אַלע זיינע באַוועגונגען. אָט אַזוי דאַרף אויסזעהן דאָס עסן ערב יום כיפור.

עס שטייט אין ספה"ק 'שם משמואל' (יוה"כ שנת תער"ב), ס'איז באַקאַנט אַז **ווען מ'עסט ערב יום כיפור, איז מען מתקן אַלע אכילות פונעם גאַנצן יאָר.**

**כג.** דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, פלעגט ביי זיין דרשה ערב יום כיפור פאַר 'כל נדרי', מעורר זיין דעם ציבור וועגן דעם חיוב אַכטונג צו געבן אויף ענינים פון 'בין אדם לחבירו'. ער האָט געטייטשט דעם פסוק (ש"ב כד, יד) 'נפלה נא ביד ה' כי רבים רחמיו, וביד אדם אל אפולה'. אויף די **'נפילות'** וואָס זענען **'ביד ה''** - דאָס הייסט, ביי ענינים פון 'בין אדם למקום', איז דאָך **'רבים רחמיו'**. מיר זענען נאָר מתפלל **'וביד אדם אל אפולה'** - איך זאָל נישט דורכפאַלן ביי ענינים 'בין אדם לחבירו', ווייל אויף דעם איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'בעט איבער דעם חבר...

אָט איז דער אינהאַלט פון אַ בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דעם בעל העובדא, וואָס ער שרייבט מיט בלוט פון זיין האַרץ. ער בעט מ'זאָל מפרסם זיין די פאָלגענדע מעשה, און ער שרייבט אַז ער איז זיכער, אַז עס וועט ברענגען אַביסל חיזוק פאַר אַסאַך מענטשן אין די ענינים בין אדם לחבירו. ער שרייבט ווי פאָלגענד:

אונזער לעבן איז אָנגעגאַנגען, ווי מ'זאָגט, 'על מי מנוחות'. מיר האָבן ב"ה זוכה געווען אויפצושטעלן אַ שיינע שטוב. פיר פון אונזערע קינדער האָבן שוין חתונה געהאַט בשעטו"מ. אַלע פיר זענען 'אויסגעכאַפּט' געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויסגעקומען אויפ'ן 'מאַרק' פון שידוכים, און מיר האָבן געטוהן מיט זיי גוטע און שיינע שידוכים. מיר האָבן פון זיי אייניקלעך זרע ברך ה', וועלכע געבן אונז ב"ה אסאך נחת דקדושה.

אין אַ העלן טאָג, האָבן אָבער פלוצלינג אָנגעהויבן אונטערצוקומען פאַרשידענע פּראָבלעמען. פּראָבלעמען אין געזונט ביי איינעם פון די משפחה, און עס האָט פאָרגעזעצט מיט די גרעסטע צרה (אין אונזערע אויגן), ווען דער קומענדיגער זון אין רייע, איז פשוט געבליבן 'שטעקן'. יעדער שידוך וואָס מ'האָט אָנגעטראָגן פאַר אונז, איז צום סוף נישט צושטאַנד געקומען צוליב אַן אַנדערע סיבה. אויך ווען עס האָט שוין אויסגעזעהן אַז אָט-אָט וועט מען ענדיגן אַ שידוך, איז עס אין די לעצטע מינוט 'אַראָפּ פון טיש'. אַזוי זענען מיר אַריבער אַ לאַנגע צייט פון צער און פיין, וואָס מיר ווינטשן נישט פאַר קיין שום איד עס מיטצומאַכן ח"ו.

אויבנאויף, האָבן מיר נישט געזעהן קיין שום סיבה פאַרוואָס אונזער בחור זאָל נישט טרעפן זיין זיווג. ער איז אַ געלונגענער בחור, באַליבט, באַ'טעמ'ט, ער לערנט אין אַ באַקאַנטע ישיבה. די צייט האָט זיך געדרוקט, און די

צרה איז געוואַקסן... נאָך איהם איז דאָ נאָך אַ זון, און נאָך איהם, נאָך אַ טאָכטער, און דערנאָך ווידער אַ זון - אַלע שוין אין עלטער פון שידוכים. ס'איז נישט פאַרהאַן אפילו איין סגולה וואָס מיר האָבן נישט אויספּרובירט. נישט דאָ קיין קבר וואו מיר זענען נישט געווען מתפלל זיין. פון אונזער משפחה האָבן אַלע געבערנגט פאַרשידענע סגולות, אָבער די ישועה זעהט מען נישט אויפ'ן האָריזאָנט. איך ווען מיר זענען געזעסן און פּרובירט צוריקקוקן און פאַרשטיין, אפשר האָבן מיר עמיצן געטשעפּעט, אפשר האָט עמיצער אויף אונז אַ 'קפידא', אָבער מיר האָבן זיך נישט געקענט דערמאנענע וועגן עמיצן וואָס מיר זאָלן איהם האָבן געטשעפּעט.

מיר זענען שוין געווען כמעט מיאוש ל"ע, ביז אין אַ געוויסן טאָג, אין חודש אלול תשפ"ג בין איך געפאָרן אין צפון'דיגן טייל פון ארץ ישראל, און איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט אַריינצופאָרן דאַווענען ביים הייליגן ציון הרשב"י אין מירון. פון מיין נאַטור, בין איך זייער איינגעהאַלטן, אָבער דאָס מאָל, באַלד ווי איך בין אַריין אינעם ציון און איך האָב זיך דערמאנט פון מיינע פיר קינדער וואָס זיצן אין הויז און וואַרטן אויף אַ ישועה, האָב איך מער נישט געקענט איינהאַלטן מיינע טרערן... איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ שרעקליכן געוויין, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געוויינט. אַזוי בין איך געשטאַנען ביים ציון און זיך אויסגעוויינט אומגעפער אַ האַלבע שעה, רבונו של עולם, דערלייכט מיינע אויגן, צו פאַרשטיין וואָס האָט פאַסירט פלוצלינג אַז אַלעס איז אַזוי 'פאַרשטעקט'. וואָס וויל מען האָבן פון אונז...

פלוצלינג האָט אויפגעבליצט אין מיינע געדאַנקען אַזוי ווי אַ דונער... איך האָב זיך דערמאנט וועגן מיין יונגסטן איידים, אַ יונגערמאַן אַ מושלם בלי עין הרע, אָבער עפּעס איז זיין 'מענטאַליטעט', און זיין גאַנצער 'הלוך ילך', אינגאַנצן אַנדערש ווי ביי אונז אין די משפחה. ליידער האָט זיך געשאַפן אַ מצב פון אַ שפּאַלט פון אונזער זייט צו איהם און צו זיין משפחה (מ'קען זאָגן, אַז מיר קענען פשוט נישט ליידן...). זיי קומען צו אונז שבתים און ימים טובים, אָבער מיר פירן זיך מיט זיי נישט אַזוי ווי עלטערן מיט זייערע קינדער, און נישט נאָר דאָס, נאָר די גאַנצע משפחה, די קינדער וואָס זענען נאָך אינדערהיים, זענען געווען 'שותפים' צו דעם שרעקליכן צוגאַנג. מיין איידים און טאָכטער האָבן עס געשפּירט, אָבער זיי זענען ממש צדיקים, און האָבן נישט געזאָגט אַ וואָרט. אָבער ס'איז קלאָר, אַז אונזער אויפפירונג האָט זיי שרעקליך וויי געטוהן.

ס'איז פשוט אומגלויבליך, מיר האָבן געזוכט אַ לייזונג פאַר אונזער פּראָבלעם אין דער גאַנצער וועלט, און צום סוף, האָבן מיר עס געפונען ביי זיך אינדערהיים. צום סוף האָבן מיר זיך געשטאַרקט, און מיר האָבן צוזאַמענגערופן די גאַנצע משפחה - אויך מיין טאָכטער און איידים - אין אַ געוויסן אָוונט, און מיר האָבן געעפנט די ווייטאָגליכע געפילן וואָס מיר שפּירן. מיר האָבן אויפ'ן אָרט איבערגעבעטן מיין טאָכטער און איידים, און יענע נאַכט, האָבן זיך געגאָסן טייכן טרערן... מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם 'מיטינג' אַזוי ווי נייע באַשעפענישן. מיין טייערער איידים און טאָכטער האָבן געזאָגט מיט אַ פול מויל אַז זיי זענען אונז מוחל אַלעס וואָס מ'האָט געטוהן קעגן זיי, און אַלע האָבן געשפּירט, אַז מ'האָט גענומען דעם ריכטיגן שריט, און אַז עס איז ישועה קרובה לבוא.

וואָס זאָל איך זאָגן, ס'איז אומגלויבליך עס צו דערציילן... חודש חשון תשפ"ד, איז אונזער זון געוואָרן אַ חתן בשעטו"מ מיט גאָר אַ פיינעם שידוך. די שמחה איז געווען 'עד לב השמים'... די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף י' אדר ב' תשפ"ד. אַ וואָך פאַר די חתונה, איז אויך אונזער צווייטער זון אַ חתן געוואָרן אין אַ מזל'דיגע שעה, מיט אַ שידוך וואָס איז ב"ה 'לכתחילה שבלכתחילה', און זיין חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף חודש אלול תשפ"ד.

ראש חודש אב, איז אונזער טאָכטער אַ כלה געוואָרן מיט אַ חשוב'ן בחור וואָס לערנט אין איינעם פון די בעסטע ישיבות אין לאַנד, און יעצט וואַרטן מיר אויף דעם שידוך פון פערטן קינד, אונזער בחור. מיר זענען סמוך ובטוח אַז עס וועט איניגיכן צושטאַנד קומען, און מיר זענען מתפלל אַז עס זאָל פאַסירן נאָך פאַר די חתונה פון אונזער טאָכטער.

דער איד פירט אויס, אַז פון זיין נאַטור, גלייבט ער נישט קיין מעשיות... אָפט מאָל טוט ער אַפילו אָפּלאַכן פון אַ מעשה... אָבער דאָס מאָל האָט ער עס געזעהן אויף די אייגענע הויט, אַלעס איז 'אמת ויציב'.

פון דעם זעהען מיר ווי האַרב עס איז דער ענין פון 'בין אדם לחבירו'. **אויך ווען עס האַנדלט זיך אין אייגענע קינדער, וואָס מ'טוט אַמאָל זיי גרינגשעצן.** לאָמיר האָפן, אַז די מעשה וועט ברענגען אַ תועלת, און אַ חיזוק הרבים שטאַרק אַכטונג צו געבן אויף דעם ענין פון 'בין אדם לחבירו', ע"כ פון דעם בריוו וואָס מיר האָבן באַקומען.

דער סקולענער רבי הרה"ק בעל 'מאור ישראל' זי"ע האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון אַן עלטערן איד וואָס זיין טאַטע איז געווען בשעת מעשה. מ'האָט אַמאָל געבערנגט צום בעלזער רב הרה"ק השר שלום זי"ע, אַ

יונגע פרוי וועלכע איז ליידער געווען אינגאַנצן פּאַראַליזירט רח"ל, זי האָט נישט געקענט רירן אַפילו מיט איין אבר. האָט דער בעלזער רב געזאָגט אַז מ'זאָל ברענגען צו איהם די פרוי פרייטאָג צו לעכט צינדן. ווען מ'האָט איר געברענגט פרייטאָג ביים זמן, האָט דער בעלזער רב איר געפרעגט, מיר וויסן דאָך אַז 'לא עביד קודשא בריך הוא דינא בלא דינא' - דער אויבערשטער שטראָפט נישט אויב דער געשטראָפטער איז נישט עפּעס שולדיג, צי האָט זי אין וואָס אָנצוהענגען איר מצב, וואָס זי קען זאָגן אַז זי דאַרף דערויף תשובה טוהן. האָט די פרוי געענטפערט, אַז ניין. זי געדענקט נישט אַן עבירה פאַר וועלכע עס זאָל איר קומען אַזאַ שטראָף. האָט דער בעלזער רב איר ווייטער געפרעגט, אויב זי האָט אַמאָל געטשעפּעט מיט עמיצן, און זי האָט געענטפערט אַז ניין.

האָט דער בעלזער רב איר געזאָגט: **ביי דיר האָט אַמאָל געאַרבעט אַ אידיש מיידל, אַ יתומה ל"ע, און דו פלעגסט איר כסדר קריטיקירן פאַר פאַרשידענע זאַכן.** און כאָטש זי האָט געאַרבעט פאַר דיר און דו האָסט איר באַצאָלט פאַר די אַרבעט, אָבער זי איז געוואָרן באַליידיגט און איז אַנטלאָפן, און אַ מענטש טאָר נישט טשעפּען אויף איינעם וואָס איז משועבד און אַרבעט פאַר איהם, אפילו אויב ער טוט נישט אַלעס ריכטיג (מ'מעג אויפמערקזאַם מאַכן, אָבער מ'דאַרף וויסן ווי אַזוי דאָס צו טוהן אויף אַן אופן אַז יענער זאָל נישט ווערן פּערזענליך באַליידיגט דערפון).

האָט די קראַנקע פרוי זיך טאַקע דערמאַנט אַז עס האָט אַמאָל געאַרבעט ביי איר אַ יתומה און זי האָט איר אפשר צופיל קריטיקירט. האָט דער בעלזער רב געזאָגט צו די פרוי, זי זאָל נעמען אויף זיך אַז זי וועט איר מער נישט טשעפּען, און זי וועט ווערן געזונט, וכן הוה.

דער סקולענער רבי האָט אויסגעפירט די מעשה, זאָגנדיג: **פאַרוואָס דערציייל איך עס? כדי איר זאָלט וויסן און פאַרשטיין ווי ווייט מ'דאַרף היטן כבוד הבריות. אפילו אויב יענער אַרבעט פאַר דיר, אָדער ער איז דיין זון, דאַרפסטו אַכטונג געבן ווי אַזוי דו זאָגסט די קריטיק. אויך אויב מ'דאַרף עס זאָגן, זאָל מען זאָגן בניחותא, און זייער שטאַרק אַכטונג געבן אויף יענעם'ס כבוד.** (געברענגט אין זיין ספר, פרשת בהעלותך)

אַ מוראדיגע מעשה האָבן מיר געהערט פון דעם איש החסד הרב י"א שישא שליט"א. איינער פון זיינע באַקאַנטע אין אויסלאַנד ליידן שוין לאַנגע יאָרן פון פאַרשידענע צרות ל"ע, צער גידול בנים, שוועריגקייטן מיט שידוכים פאַר די קינדער, געזונט, פרנסה א.א.וו. לעצטענס האָט דער איד געשפּירט אַז עס איז אַ מצב פון 'באו מים עד נפש', ווייל עס האָט פּאַסירט נאָך אַ שרעקליכע פּאַסירונג ביי איהם אין הויז. אין זיין קלעם האָט ער זיך געוואָנדן צו איינעם פון די גדולי הדור, וועלכער האָט איהם געפרעגט, האָסטו עמיצן געטשעפּעט אַלס קינד? האָט דער איד געענטפערט, ווי ווייט איך געדענק, האָב איך קיינמאָל נישט געטשעפּעט אָדער ווייי געטוהן עמיצן. איך בין אייביג געווען דער 'שפּיץ' אין די תלמוד תורה און אויך אין ישיבה, אַלעס איז מיר געגאַנגען גוט ב"ה, און איך האָב נישט געהאַט קיין שום סיבה צו טשעפּען מיט עמיצן. האָט דער גדול געזאָגט, איך האָב מורא אַז עס איז דאָ אַ 'געטשעפּעטער' וואָס שפּירט דעם ווייטאָג פון דיין טשעפּען ביז'ן היינטיגן טאָג, און פון דאָרט נעמען זיך אַלע דיינע צרות ל"ע.

האָט דער איד באַשלאָסן נישט צו פאַרפאַסן די געלעגנהייט. ער איז געבליבן זיצן אין צימער פון יענעם גדול, און האָט אָנגעהויבן איבערגיין אַלע פּאַסירונגען מיט איהם פון זיין יוגנט ביז היינט. כתה א', ב', און אַזוי ווייטער. צום סוף האָט ער אויסגעשריגן: אוי, איך האָב זיך דערמאנט אַ מעשה וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן דערפון. 36 יאָר צוריק, ווען איך בין געווען אין כתה ז', איז געקומען לערנען אין אונזער כתה אַ יונגל פון ארץ ישראל וואָס האָט געהאַט אַ שווערע יוגנט אין הויז פון זיינע עלטערן (עס זענען דאָרט געווען פּראָבלעמען מיט'ן שלום בית, א.א.וו.), און עסקנים האָבן איהם אַרויסגענומען פון הויז און איהם געשיקט צו קרובים אין אמעריקע. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס מ'ברענגט אַריין אין אונזערע כתה 'צוקלאַפּטע קינדער'... צי זענען מיר דען דער 'אַדרעס' פאַר דעם? האָב איך אָנגעהויבן, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, איהם צו רודפ'ן אויף אַ שרעקליכן אופן. איבער אַ יאָר צייט אָדער מער, האָט דאָס יונגל געליטן פון אונזערע רדיפות, ביז ער האָט אונז איבערגעלאָזט און איז געגאַנגען לערנען אין אַן אַנדערן 'חדר'...

ווען דער גדול האָט דאָס געהערט, האָט ער איהם געזאָגט: ממילא פאַרשטייען מיר שוין, דו זאָגסט דאָך אַליין אַז דאָס יונגל איז געווען אַ 'לעבעדיגער יתום'. נו, יעצט האָסטו אַן אויפגאַבע: איהם אויפצוזוכן... בעט איהם איבער ביז ער וועט זאָגן אַז ער איז דיר מוחל במחילה גמורה, און דאַן וועסטו זעהן אַ ישועה בכל העניינים.

אַלזאָ, דער איד האָט זיך אינטערעסירט וועגן דעם אויבן-דערמאנטן געוועזענעם צובראָכענעם יונגל, וואו ער וואוינט, און וואָס עס איז זיין מצב היינט. איין זאַך האָט ער געדענקט, די אכסניא וואו יענער יונגל איז דעמאלס

**אַזוי ווערט גע'פסק'ענט להלכה** (שולחן ערוך או"ח סי' תר"ו, ס"א, און 'משנה ברורה', דאָרט סק"א), **אַז ערב יום כיפור** איז מען מחויב איבערצובעטן דעם מיט וועמען מ'האָט געטשעפּעט, כדי מ'זאָל זיין ריין און ציכטיג אין יום כיפור פון יעדע עבירה.

**לויט דעם**, טייטשט דער 'ענף יוסף' (יומא פא: אין 'עין יעקב'), אַ טעם פאַרוואָס ס'איז אַ מצוה צו עסן ערב יום כיפור. ער ברענגט פונעם 'שפת אמת' (הקדמון), וואָס ער זאָגט אַז לגבי די כפרה פון די עבירות, ווענדעט זיך מער אין ערב יום כיפור, ווי אין יו"כ אליין, ווייל רבי אלעזר בן עזריה זאָגט, אַז אויף 'עבירות שבין אדם לחבירו' איז יום כיפור נישט מכפר, ביז מ'בעט איבער דעם וועמען מ'האָט געטשעפּעט אָדער געטוהן אַן עוולה, און צוליב דעם טעם האָט דער אויבערשטער געהייסן מ'זאָל עסן ערב יום כיפור, כדי מ'זאָל האָבן אַ פריילך האַרץ. איידער דער מענטש עסט, האָט ער נאָך אַ האַרץ, אַ האַרץ וועלכע איז 'בייז', און אויף דעם זאָגט דער פסוק (ישעיה נח, ד) 'הן לריב ומצה תצומו', ווייל ווען דער מענטש פאַסט, שטאַרקט זיך די גאַל אין זיין

---

איינגעשטאַנען. האָט ער אויפגעזוכט דאָס הויז, און ער האט דאָרט געטראָפן אַ איד וועלכער האָט זיך שוין פיל פאַרעלטערט אין די 36 יאָר זינט דעמאָלס. דער איד האָט איהם געגעבן אַ טעלעפאָן-נומער פון זיינס אַ ברודער, וואָס ער האָט בשעתו ערלעדיגט דאָס אַריבערברענגען דאָס קינד קיין אַמעריקע. אַלזאָ, ער איז נאָכגעגאַנגען אַזוי ווייט ביז ער איז דערגאַנגען דעם טעלעפאָן-נומער פון יענעם קינד, וואָס איז היינט איז ער שוין אַן עלטערער יונגערמאַן. ער איז אַריבער אַסאַך שוועריגקייטן אין לעבן, אָבער היינט שטייט ער ב"ה אויף ביידע פיס. ער וואוינט מיט זיין משפחה אין בני ברק, ער איז פון די בני עליה אין שטאָט, וואָס יעדער רעדט פון איהם אלס א גאר דערהויבענעם אינגערמאַן.

דעם איבעריגן טייל פון די מעשה, האָבן מיר שוין געהערט פון דעם געוועזענעם געטשעפּעטן יונגל. יענער האָט איהם טעלעפאָנירט, און געפרעגט, רבי אליהו, די געדענקסטו מיך? האָט ר' אליהו געענטפערט: אַוודאי געדענק איך דיך, ווי קען איך דיך פאַרגעסן, אַז ביז'ן היינטיגן טאָג פאַרגיס איך טייכן טרערן אויף אַלעם וואָס איר האָט מיר אָפּגעטוהן... 'מה פשעי ומה חטאתי', וואָס האָב איך אייך שלעכטס געטוהן וואָס איר האָט מיר אַזוי צעשטערט מיין לעבן. אויך ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, האָב איך געהאַט שווערע בחורי'שע יאָרן ברוחניות ובגשמיות אַלס רעזולטאַט פון אייערע רדיפות (מיר ווילן נישט דאָ אויסצורעכענען אלעס וואס ער האט גוט געדענקט), אין צוגאָב צו די 'היימישע' שוועריגקייטן פון אונזער הויז...

דאַקעגן, האָט ער יענער דערציילט פאַר ר' אליהו'ן זיין מצב, די שווערע יסורים וואָס ער ליידט נעבעך אויף אַ טאָג טעגליכן אופן אין אַלע ענינים, און אַז א געוויסע גדול בישראל האָט איהם געזאָגט אַז אַלעס איז צוליב דעם וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן פריער געטשעפּעט מיט אַן אומשולדיגע אידישע נשמה. ער האָט אַלזאָ געבעטן רבי אליהו'ן ער זאָל איהם מוחל זיין. האָט ר' אליהו איהם געזאָגט: איך קען זאָגן 'סלחתי', אָבער עס וועט נישט האָבן קיין שום משמעות, ווייל איך האָב אויף אייך אַ שווער האַרץ, די מחילה וועט נישט זיין פון טיפן האַרצן...

אַלזאָ, זיי האָבן ווייטער פאַרברענגט און געשמועסט באריכות. ר' אליהו האָט באמת געוואָלט מוחל זיין פאַר יענעם די עוולה, אָבער ס'איז איהם געווען שווער צו פועל'ן ביי זיך מוחל צו זיין. צום סוף האָט ער געטראָפן אַ קלוגן איד מיט אַ שטאַרקע און פעסטע אמונה, וואָס האָט באַוויזן צו עפענען זיין האַרץ אַז ער זאָל קענען מוחל זיין פאַר יענעם, ווען ער וועט וויסן אַז אַלעס איז געווען פון דעם אויבערשטען: 'ה' אמר לו קלל'... און אַ ראיה דערצו איז פון דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען אַן ערליך וואויל יונגל, פאַרוואָס איז אַריין אין איהם אַזאַ 'רוח שטות' צו רודפ'ן אַ פרעמד יונגל אָן קיין שום סיבה. מוז דאָך זיין נאָר ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פון באַשעפער, פאַר די השלמה און דעם תיקון הנפש פון רבי אליהו אויף דער וועלט, נאָר יענער איז בלויז געווען דער 'שליח' דערצו. ווען נישט יענער, וואָלט אַ צווייטער געטוהן די 'אַרבעט'... צום סוף האָט רבי אליהו מוחל געווען יענעם מיט'ן גאַנצן האַרץ, 'ויאמר סלחתי'.

צום גרויסן וואונדער, **אין זעלבן טאָג** פון די מחילה, האָט יענער געזעהן אַ גרויסע ישועה אין איינעם פון די ענינים וואָס ער האָט געוואַרט דערויף פאַר אַ ישועה לאַנגע יאָרן. מיט דער צייט, זענען אויך די אַנדערע זאַכן געוואָרן מסודר על צד היותר טוב.

קערפּער, וואָס טוט אונטערדרייצן קריגערייען. צוליב דעם האָט די תורה באַפוילן צו עסן און טרינקען ערב יום כיפור, כדי מ'זאָל האָבן אַ פריילעך האַרץ און אַן אויפגעלייגטן פנים, און אַזוי זאָלן אַלע אידן זיך צוזאַמענגעקומען פאַר דעם באַשעפער אַזוי ווי חברים.

**ספּעציעל** דאַרף מען זיך היטן נישט אַריינצופאַלן ח"ו אין כעס, ווייל דער שטן פאַרלייגט זיך מיט אַלע כוחות אַריינצוכאַפּן דעם מענטש אין כעס און מחלוקת, ווי עס שרייבט דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זי"ע (דרשות הצל"ח' לשבת שובה, דרוש כד, אות יב), אַז עס איז 'מעשה שטן' אין דעם הייליגן טאָג פון ערב יום כיפור, פאַלן מענטשן אַריין אין כעס צוליב נאַרישקייטן... זאָגט דער 'נודע ביהודה', מענשטן יאָגן זיך אין שול מיט די 'נרות חיים' אין די הענט, אַלס אַ גוטער סימן (ועה רמ"א סי' תר"י, ס"ד), אָבער מ'דאַרף עס שוין בכלל נישט, 'ווייל ער האָט שוין אָנגעצונדן דעם פייער פון גיהנום אין שטוב', ווי חז"ל זאָגן, כל הכועס כל מיני גיהנום שולטין בו', ע"כ.

**אדרבה**, אין דעם טאָג פון ערב יום כיפור דאַרף מען זעהן צו פאַרמערן אהבת ישראל, ווי מיר זאָגן ביים דאַווענען (תפילת מוסף ליוה"כ, נאָכ'ן 'סדר העבודה'): 'יום שימת אהבה וריעות, יום עזיבת שנאה ותחרות', און מוסיף זיין צו טוהן צדקה און חסד.

### והתוודה - אין הימל וועט מען בלויז פרעגן, 'פאַרוואָס האָסטו נישט תשובה געטוהן'

**די גמרא** זאָגט (יומא פז:) אַז ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, איז אַ מצוה זיך מתוודה צו זיין[כד] אויף די עבירות, ווייל ס'איז נישט מעגליך צו טוהן תשובה אָן ווידוי, אַזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות תשובה, פ"א, ה"א) 'כל מצות שבתורה, בין עשה בין לא תעשה, אם עבר אדם על אחת מהן, בין בזדון בין בשגגה, כשיעשה תשובה וישוב מחטאו חייב להתודות לפני הא-ל ברוך הוא'. דער מצוה פון ווידוי איז אַ מצות עשה מן התורה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ה ו-ז) 'איש או אשה כי יעשו... והתודו את חטאתם אשר עשו'[כה].

---

**כד.** מ'פירט זיך צו קלאַפּן מיט'ן האנט אויפ'ן האַרץ בשעת מ'זאָגט 'אשמנו בגדנו' וכו'.

זאָגט דער גאון רבי חיים ברבי בצלאל פון פרידבערג זצ"ל (אַ ברודער פון מהר"ל מפראג זצ"ל), אין זיין ספר 'אגרת הטיול' (חלק הרמז, אות יט), על דרך הלצה, אַ טעם פאַרוואָס מ'קלאַפּט דווקא מיט'ן האנט, ווייל דער פסוק זאָגט (דברים יז, ז) **'יד** העדים תהיה בו בראשונה', און חז"ל זאָגן (ספרי פ' האזינו, סי' שז) אַז ווען אַ מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט קומען אַלע זיינע מעשים און מ'רעכנט עס אויס פאַר איהם, מ'זאָגט איהם, אַזוי און אַזוי האָסטו געטוהן, און ער זאָגט, 'יאָ'. זאָגט מען איהם ער זאָל אונטערשרייבן דערויף, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב לז, ז) **'ביד** כל אדם יחתום'. קומט אויס, אַז די **האַנט** איז דער עדות אויפ'ן מענטש אַז ער האָט געטוהן אַן עבירה, און וועגן דעם דאַרף די **'האַנט'** זיין דער ערשטער צו 'באַשטראָפן' דעם מענטש, מיט קלאַפּן אויפ'ן האַרץ ביים זאָגן 'ווידוי'.

**מן הבאר**

הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע האָט נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט יונגערהייט געהערט פון 'מגידי אמת', אַז ווען מ'זאָגט 'ווידוי' דאַרף מען געדענקען אַז מ'וועט אַמאָל טראָגן אַ 'קיטל' (תכריכים) און אַ טלית און מ'וועט זאָגן 'ווידוי' פאַר'ן בית דין של מעלה, אָבער **דעמאָלס וועט מען שוין נישט אָננעמען זיין תשובה**, ווייל נאָכ'ן שטאַרבן העלפט שוין נישט זאָגן ווידוי. **יעצט קען ער נאָך אָבער יאָ** פאַררעכטן זיינע עבירות דורך זאָגן ווידוי, און דאָס וועט מאַכן אויף איהם אַ רושם.

הרה"ק בעל 'ויגד יעקב' זצ"ל פון פאַפּא האָט געזאָגט, אַז ווען מ'זאָגט ווידוי, איז דער בעסטער וועג פאַר'ן מענטש, ער זאָל זיך פאָרשטעלן אין זיינע געדאַנקען ווי ער שטייט אינמיטן אַ וואַלד און וואַלד-רויבער זענען איהם באַפאַלן, און דער רוצח האָט שוין אַפילו אַרויסגענומען די שווערד פון שיידל ח"ו, און ער בעט זיך ביי דעם רוצח אַז ער זאָל איהם נאָך נישט הרג'ענען, נאָר ער זאָל צוואַרטן אַ פּאָר מינוט, כדי ער זאָל זיך קענען מתוודה זיין פאַר'ן שטאַרבן.

**כה.** דער 'משך חכמה' (פ' וילך, לא, יז) ברענגט אַ ראיה אַז **דער עיקר פון די מצוה פון תשובה איז ווידוי**, ווייל מ'קען נישט זאָגן אַז דער עיקר פון תשובה איז בלויז אָפּצולאָזן די עבירה, ווייל אויך אָן תשובה טאָר מען מער נישט

**דער** 'ראשית חכמה' זאָגט אַ טעם פאַרוואָס חז"ל האָבן מתקן געווען צו זאָגן ווידוי לויט'ן סדר פון א' ב' ('אשמנו, בגדנו' וכו'), ווייל די מקובלים שרייבן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט די 22 אותיות פון אל"ף-בי"ת, און ווען דער מענטש זינדיגט ח"ו מאַכט ער חרוב די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט די דאָזיגע אותיות, צוליב דעם, ווען דער מענטש ווערט נתעורר תשובה צו טוהן און ער קומט מתקן זיין דעם פגם דורך תשובה, דאַרף ער זאָגן דעם ווידוי וואָס איז געבויט אויפ'ן סדר פון א' ב'.

**דער** 'ראשית חכמה' איז מוסיף, אַז פונדעסטוועגן, זאָגט מען פריער 'חטאנו', כאָטש עס הייבט זיך אָן מיט'ן אות ח', ווייל צוערשט דאַרף מען זאָגן דאָס וואָרט 'חטאנו', וויבאַלד ווען דער מענטש זאָגט 'איך האָב געזינדיגט', נעמט ער אַראָפּ פון זיך דעם יצר הרע און זיינע קיטרוגים, און ער ווערט כשר צו זאָגן דעם ווידוי, אָן דעם וואָס דער שטן זאָלן מקטרג זיין אויף איהם אין הימל[כו].

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט ('ליקוטי שושנה', ד"ה 'שאו מנחה') אַז מיר זענען זיך מתוודה אויף דעם אופן, ווייל מיר זענען פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען'ס רחמנות אַז ער וועט זיך דערבאַרימען אויף אונז און ער וועט אונז מוחל זיין אונזערע עבירות, אָבער דער מענטש זאָל נישט זיין בעצבות ח"ו[כז], ווייל

---

זינדיגן, און אויב אַזוי, וואָס העלפט די מצוה פון תשובה מיט דעם וואָס ער נעמט אויף זיך אַ זאַך וואָס ער איז שוין באַשוואוירן דערויף פון באַרג סיני, נאָר מוז זיין, אַז די הויפּט-נקודה פון תשובה איז צו זאָגן ווידוי פון טיפן האַרצן אויף אַלע עבירות וואָס מ'האָט געטוהן.

**כו.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זצ"ל האָט געזאָגט אַ משל, איינער באָרגט געלט פון זיין חבר, און דער מלוה קומט מאָנען דעם חוב. אויב דער לוה וועט בעטן ביים מלוה ער זאָל נאָך וואַרטן אַ טאָג אָדער צוויי, אַ וואָך אָדער צוויי, וועט ער אַוודאי וואַרטן געדולדיג מיט'ן חוב, ווייל יענער לייקנט דאָך נישט די עצם הלואה, נאָר ער בעט פון איהם ער זאָל געבן נאָך אַביסל צייט. אָבער אויב דער לוה וועט זיך מתחצף זיין און זאָגן 'איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט', און 'לא היו דברים מעולם', וועט דאָך דער מלוה איהם באַלד אָנכאַפּן און איהם רופן אין בית דין צו אַ דין תורה. דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטש וואָס זאָגט אַז ער האָט נישט געזינדיגט, און דערפאַר זאָגן מיר ווידוי.

דאָס איז די כוונה פון פסוק (ירמיה ב, לב) 'הנני נשפט אותך על אמרם לא חטאתי', ווייל דער מענטש וואָס זאָגט אַז ער האָט נישט געזינדיגט, וועט דאָך באַלד געברענגט ווערן צום משפט פאַר דעם אויבערשטען, אָבער אויב דער מענטש איז מודה אַז ער האָט געזינדיגט, און ער איז זיך מתוודה דערויף, איז דער אויבערשטער איהם מוחל די עבירה און דערבאַרימט זיך אויף איהם, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי כח, יג) 'ומודה ועוזב ירוחם'.

**כז.** די וועלט זאָגט, אַז צוליב דעם זינגט מען אַ ספּעציעלע 'תנועה' ווען מ'זאָגט 'אשמנו בגדנו' וכו', כדי צו דערמאָנען, אַז אפילו ווען מ'איז זיך מתוודה אויף די עבירות, טאָר מען נישט זיין צוגעלייגט, אדרבה, מ'דאַרף עס טוהן פרייליכערהייט און מיט אַ שיינע תנועה.**

עס ווערט געברענגט אין ספה"ק 'בית אברהם', אַז הרה"ק רבי דוד פאָרקעס זי"ע, אַ תלמיד פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל געהערט דעם 'זאַסלאָווער חזן', הרה"ק רבי מרדכי זי"ע, זאָגן 'אשמנו', און ער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: **'רבונו של עולם, אויב אידישע קינדער וואָלטן נישט געזינדיגט, וואו וואָלטן מיר גענומען אַזאַ זיסן 'אשמנו'...**

באמת, איז דאָס נישט סתם אַ מליצה, נאָר עס איז געבויט אויף אַ מימרא פון הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, וואָס ער פלעגט זאָגן אַ לימוד זכות אויף אידישע קינדער, **אויב מיר וואָלטן נישט געזינדיגט, וואו וואָלט דער אויבערשטער גענומען אַזאַ שיינעם 'ונסלח'**, וואָס מיר זאָגן מיט אַ נעימות און השתפכות הנפש.

לערנען מיר פון דעם קלאָר, אַז דער **ווידוי דאַרף געזאָגט ווערן מתוך שמחה של מצוה.**

עס ווערט דערציילט אין די ספרים פון סיפורים וועגן דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז דער בעל שם טוב האָט אַמאָל פאַר ראש השנה באַזוכט אין אַ געוויסע שטאָט, און ער האָט אויסגעפרעגט די אָרטיגע 'באַלעבאַטים' ווי אַזוי דער בעל תפילה ביי זיי אין שול, פירט זיך ביי די תפילות אין די ימים נוראים. האָבן זיי איהם געזאָגט, אַז ער פירט זיך צו זאָגן 'על חטא' מיט אַ פרייליכן ניגון. האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געבעטן מ'זאָל

מיט דעם איז ער מעורר דינים ח"ו אויף זיך, נאָר מיט אַ גרויסן בטחון, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי כח, יג) 'ומודה ועוזב ירוחם'[כח], ע"כ.

מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז דער עיקר תכלית פון תשובה איז צו זיין אַ 'מודה ועוזב', מיט אַ קבלה אויפ'ן עתיד, און דורך אָפּלאָזן די שלעכטע געוואוינהייטן

---

אַריבערברענגען צו איהם דעם בעל תפילה, און ער האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער טוט אַזוי, האָט דער חזן געענטפערט, אַז אַ נידעריגער קנעכט, ווען ער רייניגט דעם קייסערליכן הויף פון שמוץ, און ער מאכט זיכער עס זאָל זיין ריין און ציכטיג, איז ער דען טרויעריג און צוגעלייגט? ניין, אדרבה, ער איז זייער פרייליך פון דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין נאָנט צום קעניג און אַרבעטן פאַר איהם דורך רייניגן און האַלטן שיין און פּרעכטיג דעם קעניגליכן פּאַלאַץ, און צוליב דעם זינגט ער אַ פריילכן ניגון ביים זאָגן 'על חטא'. האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט:

- **אויב דו דאַוונסט מיט אַזעלכע כוונה, 'יהי חלקי עמך'.**

דער קראָקעווער רב, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, האָט געזאָגט נאָך אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט ווידוי מיט אַ נעימות'דיגע תנועה, ווייל חז"ל זאָגן דאָך אַז ווען דער מענטש טוט תשובה מאהבה, ווערן זיינע עבירות איבערגעדרייט צו זכיות, און ממילא, איז עס אַ גרויסע שמחה פאַר אונז ווען מיר טוהען תשובה, ווייל דורך דעם מערן זיך אונזערע זכויות.

אויך האָט ער געזאָגט, אַז ווידוי איז דאָך אַ מצות עשה דאורייתא, דאַרף מען עס מקיים זיין מתוך שמחה, אַזוי ווי אַלע מצוות פון דער תורה.

**כח.** דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל האָט געזאָגט, אַז **דער וואָס האָט יסורים ח"ו און ער איז זיך דעמאָלס מתוודה אויף זיינע עבירות, וועלן די יסורים זיכער אַוועקגיין פון איהם.** ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז **'בדוק ומנוסה'**, אַז באַלד ווען דער מענטש טוט תשובה און זאָגט 'אשמנו', ווערן די דינים נמתק און איבערגעדרייט צו רחמים.

בדידיה הוה עובדא. ווען דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער איז געפאָרן צו די חתונה פון זיין זון, דער גאון רבי איצעלע זצ"ל, איז ער געווען אונטערוועגנס מאָנטאָג, ווען ס'איז אַ יום הקריאה. האָט רבי חיים וואָלאָזשינער געבעטן מ'זאָל ברענגען אַ ספר תורה פון אַ דערנעבנדיגן שטעטל כדי צו לייענען דערין. דאָרט איז אָבער געווען אָנוועזנד אַ רב, אַ גדול בתורה, וועלכער איז געווען עלטער פון רבי חיים וואָלאָזשינער, און ער האָט גע'טענה'ט אַז מ'טאָר נישט מטלטל זיין אַ ספר תורה, און רבי חיים האָט אָנגענומען זיינע ווערטער, און ער האָט יענעם טאָג נישט געהערט קריאת התורה.

שפּעטער, ווען מ'איז צוריקגעקומען פון די חתונה אַהיים קיין וואָלאָזשין, איז די ספר תורה גע'גנב'עט געוואָרן און רבי חיים האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געקומען צוליב דעם וואָס ער האָט פאַרפעלט צו הערן קריאת התורה. איז ער אַריין אַ צווייטן צימער און האָט זיך מתוודה געווען אויף דעם חטא וואָס ער האָט פאַרפעלט צו הערן קריאת התורה. אַזוי שטייענדיג און זאָגנדיג ווידוי, איז מען געקומען זאָגן אַז מ'האָט געכאַפּט די גנבים מיט די ספר תורה. דאָס זענען געווען סאָלדאַטן פון די אַרמיי וואָס האָבן גערויבט און גע'גזל'ט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, און ווען מ'האָט דערנאָך געעפענט די ספר תורה, האָט מען געזעהן אַז עס פעלט איין 'יריעה' - פון די פּרשה וואָס מ'האָט פאַרפעלט צו לייענען...

אויפ'ן פסוק (במדבר כב, לד) 'ויאמר בלעם אל מלאך ה' חטאתי', זאָגט דער מדרש (במדב"ר פ"כ, טו) אַז בלעם איז געווען אַ 'רשע ערום' - אַ קלוגער רשע. ער האָט געוואוסט אַז די איינציגע זאַכן וואָס קען שיצן פון דעם עונש איז תשובה, און אַז יעדער וואָס זינדיגט און זאָגט דערנאָך 'חטאתי', קען דער מלאך איהם נישט טשעפּען.

זאָגט אויף דעם דער 'שפתי צדיק' (פ' בלק, אות כב) אַז פון דעם קענען מיר לערנען אַ 'לימוד עצום', אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך בין נישט גרייט תשובה צו טוהן, **'וכדומה מחסידישע תירוצים הכל הבל'...** נאָר די טויערן פון תשובה זענען אייביג אָפּען.

שרייבט ער ווייטער, אַז **אויף דעם עצם געדאַנק אַז ער איז נישט בכח תשובה צו טוהן, דאַרף מען אויך תשובה טוהן**, ווייל ס'איז דאָך זיכער אַז דער רשע בלעם איז נישט געווען גרייט אויף תשובה, און ער האָט נישט געטראַכט זיך צו טוישן אַפילו איין סעקונדע, און פונדעסטוועגן, האָט איהם געהאָלפן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט 'חטאתי',

וואָס מ'האָט זיך צוגעוואוינט צו זיי ביז יעצט, אַזוי ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (שיח שרפי קודש', ח"ב, ע' קצ"ב) אַז דאָרט וואו ס'איז די מחשבה פון מענטש, דאָרט איז דער מענטש מיט זיין גאַנצע נשמה. קומט אויס, אַז ווען דער מענטש טראַכט וועגן דעם קלקול איז ער אין דעם שלעכטן, און דאַן וועט ער זיכער נישט קענען תשובה טוהן, ווייל זיין מח וועט ווערן מגושם און עס וועט גורם זיין אַ טמטום הלב, וואָס קען איהם ברענגען צו עצבות ח"ו. **אַזאַ מחשבה איז ערגער ווי די עצם עבירה, ווייל ווען ער טראַכט וועגן די 'בלאָטע', וועט ער בלייבן בלאָטע... יאָ געזינדיגט, נישט געזינדיגט, וואָס האָט דער באַשעפער פון דעם**, און אנשטאט טראַכטן דערפון, קען ער דערווייל אויסאַרבעטן טייערע שטיינער, אַז עס זאָל עפּעס אַרויסקומען דערפון פאַר מלכות שמים. וועגן דעם דאַרף מען מקיים זיין 'סור מרע', נישט צו טראַכטן וועגן דאָס שלעכטע וואָס מ'האָט געטוהן, נאָר 'עשה טוב' - טוה גוטס, מצוות און מעשים טובים, מיט ישוב הדעת, ע"כ.

**אויף** דעם זאָגן חז"ל (ב"ר פכ"א, ו) אַז דאָס וואָרט 'ועתה' איז מרמז אויף תשובה. דאָס מיינט, דער מענטש זאָל 'פון יעצט' ווערן ווי אַ ניי-געבוירן קינד, און אַזוי איז דאָך אַ קל וחומר אַז **יעדער איד, 'יהיה מי שיהיה', ווען ער נעמט אויף זיך תשובה צו טוהן באמת, טוט דער אויבערשטער איהם אָננעמען באהבה וברצון.**

הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע, פלעגט אַסאַך מאָל איבער'חזר'ן די דערמאַנטע ווערטער פון מדרש וועגן בלעם, און ער האָט פלעגט צוגעבן, אַז **עס איז אַ מצוה עס מפרסם צו זיין פאַר די יוגענט**, אַז אנשטאַט זיי זאָלן טאָג און נאַכט זאָגן פאַרשידענע 'תירוצים' אויף זייערע מעשים, זאָלן זיי זאָגן 'חטאתי', און אַזוי וועלן זיי צוריק אַרויפגיין אויפ'ן דרך המלך, 'מלכו של עולם'.

אַמאָל האָט דער 'בית ישראל' געזעהן צוויי בחורים שמועסן אינמיטן דאַווענען. איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם פון זיי און איהם געזאָגט, דו זאָלסט נישט וואַגן איבערטרעטן די שוועל פון בית המדרש דאָ, במשך צוויי וואָכן. האָט דער בחור זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז ער איז נישט שולדיג אין דעם וואָס מ'האָט געשמועסט. יענער האָט גערעדט מיט איהם, און ער האָט נישט מיטגעשמועסט, נאָר געהערט וואָס יענער האָט צו זאָגן. האָט דער 'בית ישראל' איהם געזאָגט: וויבאַלד דו קומסט מיט 'תירוצים', זאָלסטו נישט אַריינקומען אין בית המדרש זעקס וואָכן...

דאַן האָט ער געזאָגט צו דעם צווייטן בחור, די זעלבע ווערטער: זאָלסט נישט וואַגן צו קומען אין ביהמ"ד צוויי וואָכן צייט. האָט דער בחור געזאָגט: רבי, איך האָב טאַקע געזינדיגט, און איך וויל תשובה טוהן דערויף... האָט דער 'בית ישראל' איהם געזאָגט [וויבאַלד ער האָט נישט געזוכט צו פאַרענטפערן זיך מיט 'תירוצים'], איך לאַדן דיך איין צו קומען היינט צו קידוש...

## מן הבאר

הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט: ביים בית דין של מעלה וועט מען נישט פרעגן דעם מענטש פאַרוואָס ער איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה, **נאָר פאַרוואָס ער האָט נישט תשובה געטוהן דערויף**, און אויף דעם וועט ער נישט האָבן וואָס צו ענטפערן, ווייל ווער האָט איהם געשטערט חרטה צו האָבן אויפ'ן עבר, און נעמען אויף זיך צו פאַרריכטן זיינע מעשים פון יעצט און ווייטער.

אַזוי זאָגט קלאָר דער מדרש (במדב"ר פי"ג, ג) אַז איידער אדם הראשון איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן עדן האָט דער אויבערשטער איהם געבעטן ער זאָל תשובה טוהן. ער האָט איהם געזאָגט: 'אַפילו יעצט, טוה תשובה און איך וועל אָנעמען דיין תשובה', נאָר וויבאַלד ער האָט נישט תשובה געטוהן, איז ער פאַרטריבן געוואָרן פון גן עדן.

די כוונה דערפון איז, ווי געזאָגט, אַז אויף די עצם עבירה האָט ער זיך געקענט פאַרענטפערן, ווי ער האָט אַליין גע'טענה'ט (בראשית ג, יב) 'האשה אשר נתתה עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל', אָבער אויף די טענה פאַרוואָס האָט ער נישט תשובה געטוהן, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און צוליב דעם איז ער געשטראָפט געוואָרן.

קען ער קומען פאַר דעם אויבערשטען און זיך דערנענטערן צו איהם ווי אַן אמת'דיגער בעל תשובה.

### והיה לפנות ערב - די געהויבענע און הייליגע מינוטן פון 'כל נדרי'

**יום** הקדוש פאַרנאַכטס, פירן זיך אידישע קינדער צו זאָגן 'כל נדרי'. אין יענע מינוטן, ווערן אַלע אידן נתעורר צו תשובה און תיקון המעשים, און עס קומט אַראָפּ אַ גרויסער 'געוויין' אויף דער וועלט אין יענע מינוטן, כאָטש באמת, איז אין 'כל נדרי' נישט דאָ ווערטער פון התעוררות, עס איז דאָך אַן ענין פון 'התרת נדרים', און מיר זעהען נישט אַז די ווענט זאָלן זיך 'שאָקלען' ווען מ'זאָגט 'התרת נדרים' ערב ראש השנה.

**איז** דער תירוץ, ווייל דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ב, קו.), אַז דורך תשובה קען מען בטל מאַכן אַפילו אַ גזירה וואָס האָט מיט זיך אַ שבועה, און ווען מ'זאָגט 'כל נדרי', איז אַן 'עת רצון' און אַ שעת הכושר אין הימל, צו קענען בעטן דעמאָלס אַז מ'זאָל מתיר זיין און בטל מאַכן אַלע שבועות און חרמות, ווייל דורך דעם וואָס בית דין של מטה איז זיי מתיר אַז זיי זאָלן נישט האָבן אַ קיום, איז מען דורך דעם מעורר רחמים אין הימל, און אַזוי ווערן זיי מותר אויך ביי דעם בית דין של מעלה, און וועגן דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ געוויין אין די בתי מדרשים, ווייל יעדער איד טוט דעמאָלס תשובה[כט], און ער איז זיך משתדל מיט אַלע כוחות בטל צו מאַכן אַלע שווערע און שלעכטע גזירות.

**דער** בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט ('בעל שם טוב' עה"ת, ר"ה ויוה"כ, כב), חז"ל זאָגן (יומא כ:) אַז יום כיפור האָט דער שטן נישט קיין רשות מקטרג צו זיין. ממילא, טוט זיך דער יצר הרע פאַרליינן מיט אַלע כוחות ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, מקטרג צו זיין ח"ו אויף אידן, 'ואף על גב דאינהו לא חזי, מזלייהו חזי' - און אפילו אויב דער מענטש אַליין שפירט עס נישט, אָבער זייער מזל שפירט עס, און וועגן דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ געוויין.

**מורא'דיגע** ווערטער, האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס השלם, אות תקלז) די סיבה פאַרוואָס מ'וויינט ביים זאָגן 'כל נדרי', ווייל דער אויבערשטער און זיין שכינה, און די גאַנצע פמליא של מעלה קומען אַראָפּ אויף דער וועלט אין יום הקדוש, און ס'איז נישט דאָ קיין אָרט אויף דער וועלט וואָס קען אויסהאַלטן די קדושה פון די פמליא של מעלה, צוליב דעם ווערט דעמאָלס נתעורר אַ גרויסער געוויין, כדי 'אָפּצושווענקען' די גאַנצע זוהמא פון דער וועלט מיט די טרערן פון אידישע קינדער[ל].

**מ'דאַרף** זיך אָבער היטן, אַז די התעוררות זאָל נישט ברענגען דעם מענטש צו עצבות ח"ו, און

---

**כט.** הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע האָט איין יאָר ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, אַריינקומענדיג אין ביהמ"ד, געזאָגט צום עולם:

- חז"ל זאָגן (שבת לד.) אַז ערב שבת פאַרנאַכטס, דאַרף אַ מענטש זאָגן דריי זאַכן ביי זיך אינדערהיים: 'עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר'. יום כיפור, ווערט דאָך אָנגערופן 'שבת שבתון'. דאַרף מען ערב יום כיפור, איידער מ'גייט זאָגן 'כל נדרי', אויך זאָגן די דריי דערמאָנטע זאַכן: **'עשרתם'** - ס'זענען שוין אַדורכגעגאַנגען די 'עשרת' ימי תשובה. **'ערבתם'** - אויך ערב יום כיפור איז שוין פאַרביי געגאַנגען. **'הדליקו את הנר'** - מ'האָט שוין אַפילו געצונדן דעם 'נר נשמה', וואָס מ'פירט זיך צו צינדן ערב יום כיפור, אָבער לײדער, האָט מען נאָך אַלץ נישט תשובה געטוהן... **'ואם לא עכשיו אימתי'...**

**ל.** עס ווערט געברענגט אין "באר היטב" (סי' תרי"ט, סק"ד) אַז עס איז איינגעפירט צו זיך אַרומצואוויקלען מיט'ן טלית ערב יום כיפור מבעוד יום, און מאַכן אַ ברכה אויפ'ן טלית און אַזוי שרייבט דער אריז"ל. אָבער אויב מ'האָט אָנגעטוהן דעם טלית ערשט ביינאַכט, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית, עיי"ש.

שרייבט אויף דעם, דער רמח"ל זצ"ל, אין זיין ספר "קיצור הכוונות" (סדר יום הכיפורים) אַז דערפאַר מאַכט מען נישט אַ ברכה אויב מ'טוט אָן דעם טלית ביינאַכט, **ווייל אין דער צייט ווען די זון גייט אונטער אין דעם הייליגן טאָג** (ערב יום כיפור) **שפרייט אויס דער אויבערשטער אַ "טלית" אויף אַלע אידן. און מיט זיין חסד, באַהאַלט ער אונז אין זיין שאָטן, אונטער די פליגל פון די שכינה.** און וויבאַלד דאָס געשעט פון זיך אַליין, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית יום כיפור ביינאַכט.

מ'דאַרף געדענקען די ווערטער פון הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (ספר 'תורת אבות', יום הכיפורים), וואָס ער האָט געזאָגט לאידך גיסא, אַז וויבאַלד דער שטן ווייסט אַז ער האָט נישט קיין רשות מקטרג צו זיין און מכשיל צו זיין דעם מענטש אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, איז ער מעורר דאָס געוויין ביי 'כל נדרי', כדי מ'זאָל צוקומען צו עצבות און 'מרה שחורה' ח"ו. ממילא, דאַרף מען זיך זייער היטן צו טוהן ביידע - זיינען מתוך שמחה, און זיך שטאַרקן מיט חיזוק און בטחון, 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם לפני ה' תטהרו', מיט אַ טהרה פון האַרץ[לא].

**תענו את נפשותיכם - די סגולות פונעם תענית**

**ס'איז** באַקאַנט אַז דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע האָט זייער שטאַרק מחמיר געווען ביי דעם תענית פון יום כיפור, און ער האָט נישט מתיר געווען צו עסן נאָר בשעת הדחק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ מצב פון 'פיקוח נפש' ממש.

**ער** פלעגט זאָגן, אַז וויבאַלד די תורה הייסט פאַסטן אין דעם טאָג, איז מצד די טבע טוט דאָס פאַסטן און דער 'עינוי' שפייזן דעם גוף, און ווען דעם דאַרף מען נישט מקיל זיין דערין[לב].

---

**לא.** דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע האָט געשריבן אַ בריוו, נאָך יום הקדוש שנת תק"ג, צו די מתפללים פון דער שול 'כנסת ישראל' אין איטאַליע, ווי ער דערציילט דאָרט וועגן אַלעם וואָס קומט פאַר מיט איהם אין ירושלים. אינדערמיט דריקט ער זיך מיט מורא'דיגע לשונות:

**'איך האָב געזעהן אַ גאר גרויסע 'הארה' בשעת מ'האָט געזאָגט 'כל נדרי'**, און אַ רייכער איד פון מערב האָט געקויפט פאַר מיר די הוצאת הספר תורה ביי 'כל נדרי'. ווען איך האָב געעפענט דעם היכל אַרויסצונעמען די ספר תורה, איז עס געווען אין מיינע אויגן ממש אַזוי ווי איך וואָלט דעמאָלס געעפענט די טויערן פון גן עדן, אַזאַ גרויסע 'הארה' האָט דעמאָלס געהערשט אין שול'.

**לב.** זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דאָרט וואו ס'איז דאָ אַ פאַרלעסליכער רב, אַ מורה הוראה וואָס ערלויבט צו עסן, ווייל דאן, איז דער חולה מחויב צו עסן, 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם', און פונקט אַזוי ווי כלל ישראל איז מצווה מן התורה צו פאַסטן, אַזוי איז אַ מצוה אויפ'ן חולה צו עסן און טרינקען כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן.

הרה"ק בעל 'שם משמואל' זי"ע פון סאָכאטשוב, שרייבט אין אַ בריוו צו זיין אייניקל, "ווען עס דערנענטערט זיך יום כיפור, טוה איך דיך אָנוואָרענען **דו זאָלסט נישט זיין 'צו-פרום' בנוגע דעם פאַסטן, און וואָס דער דאָקטאָר וועט דיר הייסן אַזוי זאָלסטו זיך היטן צו טוהן.** אויב ער וועט זאָגן אַז ס'איז גענוג 'פחות מכשיעור', דאָס מיינט, ווייניגער ווי אַ האַלבער איי אין אַכט מינוט, אָבער אויב ער וועט דיר זאָגן אַז אויך דאָס איז נישט גענוג, טאָרסטו אַוודאי נישט מחמיר זיין, ווייל **דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט באַפוילן צו פאַסטן יום כיפור, האָט אויך באַפוילן צו פאָלגן דעם דאָקטאָר און נישט פאַסטן".**

ווייטער שרייבט דער 'שם משמואל' צו זיין אייניקל: 'און דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז מ'איז מתיר צו עסן נאָר פאַר אַ חולה וואָס איז אין אַ סכנה, חלילה, נאָר אַפילו אויף אַ 'ספק ספיקא', ווייל ביי 'פיקוח נפש', גייט מען נישט נאָכ'ן רוב. און אַזוי האָבן חז"ל געזאָגט (יומא פג.) אַז אַפילו אויב דער חולה זאָגט אַז ער דאַרף נישט עסן, און דער דאָקטאָר זאָגט אַז ער דאַרף יאָ עסן, פאָלגט מען דעם דאָקטאָר, און אַפילו אויב דער חולה איז בטבע קלוג און ער ווייסט אָפּצושאַצן אַנדערע מענטשן (אויב זיי זענען אימשטאַנד צו פאַסטן), און אַפילו ער אַליין איז אַ מומחה, פאָלגט מען איהם נישט'.

ער שרייבט אויך דאָס זעלבע לגבי דעם ענין פון דאַווענען, ס'איז ידוע אַז דער שליח ציבור איז מוציא אַלע וואָס זענען אין גדר פון אַן 'אונס', אַפילו די וואָס געפינען זיך אויפ'ן פעלד, און עס ווערט זיי גערעכנט גלייך ווי זיי האָבן אַליין געדאַווענט. און אויב אַזוי, אויב דער דאָקטאָר וועט דיר באַפעלן אַז דו זאָלסט נישט דאַווענען, און דו ביזט אַן 'אונס', קען דער שליח ציבור דיך מוציא זיין, און נישט דווקא דער שליח ציבור פון דיין שטאָט, נאָר אַפילו אַ שליח ציבור אין אַנדערן עק וועלט!

ער פירט אויס דעם בריוו: 'ובכן, אכול בשמחה לחמך ושתה ביין טוב יינך, כי כבר רצה האלוקים את מעשיך', און עס איז באַקאַנט אַז דער דאָזיגער פסוק איז אַ 'בת קול' וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין די צייטן פון שלמה המלך ע"ה, ווען די אידן האָבן געגעסן **אין יום כיפור** ביי דעם בנין בית המקדש (געברענגט ביים סוף פון ספר 'שם משמואל', חלק המועדים)

אויך האָט ער געזאָגט, אַז דאָס פאַסטן יום כיפור איז אַ סגולה פאַר אריכות ימים, ווייל עס געבט כח און היילט אַלע איברים פונעם מענטש.

**כי גדול יום ה' - אפילו דער גוף ווערט אין דעם טאָג געהייליגט**

'כי גדול יום ה' ונורא מאד, ומי יכילנו' (יואל ב, יא). די מדרש זאָגט (מדרש תנחומא, וישלח, ב) אַז דער פסוק גייט אַרויף אויף יום כיפור. דער מענטשליכער שכל קען נישט באַגרייפן די גרויסע מעלות פון דעם הייליגן טאָג, וואָס איז העכער פון דעם גאַנצן יאָר[לג].

**עס** ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, מיר האָבן דאָך נישט קיין השגה ווענן דעם מהות פון אַ מלאך,

---

אַזוי האָט דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל אַמאָל געזאָגט (געברענגט אין ספר 'מעשה איש', ח"ד, קסג) צו אַ איד וועמען דער דאָקטאָר האָט באַפוילן צו עסן אין יום כיפור, און יענער האָט זיך אַראָפּגערעדט אַז ער האָט 'האַרץ ווייטאָג' פון דעם וואָס ער וועט נישט קענען פאַסטן, האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

**- איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַז עמיצער זאָל האָבן אַ האַרץ ווייטאָג פון דעם וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ ברית מילה אין דעם טאָג פון שבת.**

אַזוי שרייבט אויך דער גאון בעל 'ערוך לנר' זצ"ל (שו"ת 'בנין ציון' החדשות, סי' כה) צו אַ איד וואָס האָט געדאַרפט עסן יום כיפור צוליב אַ חשש פון פיקוח נפש, און יענער האָט אויסגעדרוקט זיין עגמת נפש, אַז ער איז אפשר אין דעם כלל פון די ווערטער פון חז"ל (סוכה כח:) ווען עס רעגנט אין יום טוב סוכות, אַז עס איז צוגעגליכן צו אַ קנעכט וואָס קומט אָנגיסן אַ בעכער פאַר זיין האַר און ער האָט איהם אנגעגאָסן אַ פלאַש וואַסער אויפ'ן פנים. שרייבט אָבער דער 'ערוך לנר' צו יענעם, אַז ס'איז בכלל נישט קיין צושטעל, ווייל דער וואָס עסט אין יום כיפור צוליב די סכנה, איז דאָך מקיים די מצות עשה פון 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם', אנדערש ווי ווען עס רעגנט אין סוכות, ווייל דעמאָלס ווערט דאָך אינגאַנצן בטל די מצוה פון זיצן אין סוכה, און מ'האָט נישט מקיים געווען דערביי אַן אַנדערע מצוה [זעה דאָרט, ווי ער שרייבט נאָך חילוקים צווישן די צוויי פאַלן].

אַזוי שרייבט אויך דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע (געדרוקט אין ספר 'לקט אמרי קודש', ח"ה, ע' קפא), אַז ער געדענקט ווען זיין טאַטע, דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע, איז געווען נישט געזונט ל"ע און די קינדער זענען געווען אין אַ קלעם, טאָמער דער טאַטע וועט נישט וועלן עסן אין יום כיפור, אָבער 'הוא ז"ל בגודל צדקתו היה זריז בידו' - דער טאַטע ז"ל, מיט זיין גרויס צידקות, איז געווען אַ זריז, און באַלד נאָך 'כל נדרי' האָט דער 'שר שלום' זי"ע באַפוילן מ'זאָל איהם ברענגען צו עסן וואָס ער האָט געדאַרפט עסן, און ער האָט געזאָגט בזה הלשון: **'הריני מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי כפי שאמרו חז"ל'**, און ער האָט געגעסן מיט גרויס שמחה. דער בעלזער רב זי"ע שרייבט: **מיר האָבן כמעט קיינמאָל נישט געזעהן ביי איהם ער זאָל זיין אַזוי פריילך ביים טוהן אַ מצוה, אויסער ווען ער האָט געגעסן מצה פסח ביינאַכט, און ווען ער האָט געשאָקלט לולב.**

## מן הבאר

דער 'יסוד ושורש העבודה' שרייבט (פ"י): 'אחיי ורעיי', יעדער איינער זאָל זיך מתבונן זיין, אַז ס'איז ראוי און גוט פאַר איהם זיך צו פרייען אַ גרויסע שמחה יעדע רגע מיט'ן צער פונעם עינוי פון עסן און טרינקען און אויסטוהן די שיך, אַז **מ'איז מקיים אַ מצות עשה מן התורה יעדע רגע וואָס מ'ליידט פון דעם עינוי**, און דעריבער איינער וואָס האָט אין האַרץ א ליבשאַפט פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא ויתעלה, **וויל ער אַוודאי אַז דער טאָג זאָל דויערן וואָס לענגער**, 'כפלי כפלים', כדי ער זאָל יעדע סעקונדע מקיים זיין מיט'ן צער פונעם פאַסטן, אַ מצות עשה מן התורה וואָס זיין באַשעפער יתברך שמו ויתעלה האָט איהם באַפוילן (ס'איז כדאי מעיין צו זיין דאָרט אין 'יסוד ושורש העבודה', אין אַלע זיינע הייליגע ווערטער, וואו ער איז מאריך איבער די כוונה פונעם עינוי און קדושת היום 'כי הוא נורא ואויום').

**אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט אַמאָל אַריינגערופן צוויי פון זיינע מקורבים, און ער האָט זיי באַפוילן צו פאַרשפרייטן די ווערטער פונעם 'יסוד ושורש העבודה', אַ זאַך וואָס ער איז נישט געווען געוואוינט צו טוהן, און ער איז אַרויס פון זיין גדר, זעהענדיג דעם גרויסן תועלת וואָס מ'האָט ווען מ'לערנט די הייליגע ווערטער.**

און אַוודאי האָבן מיר נישט קיין השגה אין דעם כסא הכבוד, אָבער דאָס ווייסן מיר יאָ, אַז אַרום דעם כסא הכבוד שטייען הייליגע מלאכים און באַדינען דעם אויבערשטען באימה וביראה ברתת ובזיע.

**יום כיפור**, טוט דער אויבערשטער כביכול אַראָפּברענגען זיין כבוד אויף דער וועלט, און ממילא, ווערט יעדער איד אַזוי ווי אַ מלאך, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, ל) 'לפני ה' תטהרו'. מיר שטייען ממש פאַר דעם אויבערשטען כביכול. וועגן דעם זאָגט מען יום כיפור, 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' הויך אויפ'ן קול, אַזוי ווי די מלאכים זאָגן דעם פסוק אין הימל.

**מורא'דיגע** ווערטער, זאָגט דער 'חתם סופר' זי"ע (דרשות חתם סופר', ח"ב, שסט:), בזה הלשון: דער תענית פון יום כיפור איז נישט צו פייניגן און גורם זיין צער פאַר אידן ח"ו, נאָר צוליב די קדושה און דביקות, אַזוי ווי די מלאכים אין הימל. ס'איז ענליך צו די פערציג טעג ווען משה רבינו ע"ה איז געווען אין הימל, ער האָט נישט געגעסן קיין ברויט און נישט געטרינקען וואַסער, פון גרויס דביקות און קדושה, געניסנדיג פון די שיינקייט פון די הייליגע שכינה. דאָס וואָס עס שטייט אין פסוק (ויקרא טז, כט) 'תענו את נפשותיכם', איז נישט אַ לשון פון פייניגונג, נאָר פון התעוררות...

**אויפ'ן** פסוק (ויקרא טז, ב) 'ואל יבא בכל עת אל הקודש'. פרעגט דער 'כלי יקר' (ד"ה 'ואל יבא'), אַז פון דעם לשון 'בכל עת' איז משמע, ער זאָל נישט אַריינקומען דאָרט 'אייביג', נאָר פון צייט צו צייט. באמת איז דאָך דאָס נישט ריכטיג, ווייל דער כהן גדול האָט דאָך געמעגט אַריינקומען אין קודש הקדשים נאָר איין מאָל אַ יאָר - יום כיפור.

**ענטפערט** דער 'כלי יקר', אַז יום כיפור ווענען אַלע אידן אַזוי ווי די מלאכים, זיי ווענען 'למעלה מן הזמן'. די צייט געוועלטיגט נישט אויף זיי. צוליב דעם איז יום כיפור אינגאַנצן נישט אין כלל פון 'עת'. עס שטייט 'פאַר זיך', אָפּגעטיילט פון אַלע טעג פונעם יאָר. 'ואל יבא בכל עת' מיינט צו זאָגן, אַז מ'טאָר בכלל נישט אַריינקומען אין אַ צייט וואָס איז אין כלל פון 'עת', נאָר אין דעם הייליגן טאָג פון מחילה און סליחה, ווען אידן ווענען צוגעגליכן צו די מלאכי השרת, עכ"ל.

**דער** 'חתם סופר' שרייבט (דרשות, ח"א, ע' טז, טור ב) אַז אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, ווערט אויך דער גוף פונעם מענטש גאָר שטאַרק דערהויבן און געהייליגט.

**דער** 'חתם סופר' ברענגט אַ ראיה דערצו פון די גמרא (יומא פב.) אַז אַ מעוברת וואָס האָט געשמעקט אַ מאכל און זי וויל עסן דערפון יום כיפור, גיט מען איר צו עסן דערפון אַביסל, כדי זי זאָל זיך באַרואיגן.

**זאָגט** אויף דעם די גמרא (עמוד ב', דאָרט) אַז עס איז געווען אַ מעוברת וואָס האָט געשמעקט אַ מאכל, און מ'האָט איר איינגערוימט אין אויער אַז היינט איז יום כיפור, כדי זי זאָל זיך צוריקהאַלטן פון וועלן עסן דעם מאכל. אויב זי וועט זיך פאָרט נישט באַרואיגן, זאָל מען איר געבן צו עסן דערפון, צוליב 'פיקוח נפש'.

**פרעגט** דער 'חתם סופר', פאַרוואָס געפינען מיר נישט אַזאַ הלכה אויך ביי אַנדערע איסורים, צום

---

**לג.** מיר האָבן נישט קיין השגה וויפיל רחמים עס ווערט נתעורר אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.

הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע, שרייבט אין זיין ספר 'מגיד תעלומה' (ברכות יב:), **אַז יום כיפור איז אַ טאָג פון רחמים, און עס ווערט נישט אָנגערופן דין און משפט.**

ענליך שרייבט שוין דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת יומא, עמוד התשובה, סתרי יוה"כ), אַ טעם פאַרוואָס איינער וואָס פאַרשוועכט דעם הייליגן טאָג במזיד (מיט טוהן די פינף זאַכן וואָס מ'טאָר דעמאָלס נישט טוהן) ווערט געשטראָפט מיט 'כרת', און נישט 'מיתת בית דין' (סקילה), אַזוי ווי אַ מחלל שבת, ווייל **אין יום כיפור ווערן נתעורר אין הימל אַסאַך רחמים** (און וועגן דעם האָט דער שטן נישט קיין רשות מקטרג צו זיין דעמאָלס). **דעריבער איז אויך דער עונש פאַר נישט היטן יום כיפור, לייכטער ווי ביי שבת, צוליב די פילע רחמים וואָס הערשן אין דעם טאָג.**

פון די ווערטער פון של"ה הקדוש זעהען מיר אַ מורא'דיגע זאַך: דער עונש קומט דאָך צו אַ נידערטרעכטיגן מענטש וועלכער איז ליידער אַ מחלל יום הכיפורים במזיד. ער האָט בכלל נישט קיין שייכות מיט דעם הייליגן טאָג, און פונדעסטוועגן, איז אויך ער אַריינגערעכנט אין דעם גרויסן רחמנות פון דעם אויבערשטען (על כל פנים, צו באַקומען אַ לייכטערע שטראָף).

ביישפיל, אויב עס גליסט פאַר אַ מעוברת צו עסן נבילות און טריפות, גיט מען איר צו עסן דערפון, און מ'זאָגט איר נישט אַז די תורה האָט פאַרבאָטן צו עסן נבילות און טריפות.

**איז** דער תירוץ, ווייל אַן 'עובר במעי אמו' האָט אַ מורא'דיגע קדושה, ווען דער מלאך לערנט מיט איהם די גאַנצע תורה (נדה דף ל:). ווען נישט וואָס עס נעמט איהם אַרום דער 'גוף עכור' פון זיין מאמע, איז ער נאָך גרעסער ווי די מלאכים. צוליב דעם איז אַ גאַנץ יאָר כמעט אַ זיכערע זאַך אַז עס וועט נישט העלפן אויב מ'וועט איר איינרוימען אין אויער אַז מ'טאָר נישט עסן נבילה אָדער טריפה, ווייל דער מגושמ'דיגער קערפער שלעפט איר צו גשמיות'דיגע תאוות. אָבער אין יום כיפור, ווערט דאָך אויך דער גוף פון די מאַמע געלייטערט, ממילא, אַז מ'וועט דערמאָנען פאַר דעם עובר אַז היינט איז יום כיפור און מ'טאָר נישט עסן דעם מאכל, איז גאַנץ מעגליך אַז ער וועט מער נישט גליסטן צו עסן[לד]...

**דער** אמת איז, אַז יום כיפור זענען אידן נישט נאָר אַזוי ווי די מלאכים אין הימל, נאָר זיי שטייען דעמאָלס אין אַ העכערע מדריגה ווי די מלאכים, ווייל אַ גאַנץ יאָר זאָגט מען ביי די הויכע שמונה עשרה פון שחרית און מנחה 'נקדישך', נאָר ביי מוסף זאָגט מען 'כתר'. אָבער יום כיפור, זאָגט מען ביי אַלע תפילות 'כתר'.

**שרייבט** דער 'מטה משה' (סי' תתע"ב), אַ טעם דערפאַר, ווייל אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, ווערט כביכול אויפגעהויבן דער כסא הכבוד דורך די אידישע תפילות [על דרך ווי דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג ו:) 'ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים']. אויף אַזוי ווייט, אַז די מלאכים קענען נישט משיג זיין די קדושה פון יענעם אָרט. צוליב דעם וואונדערן זיי זיך און זיי פרעגן די גאַנצע צייט 'איה מקום כבודו להעריצו'.

**צוליב** דעם טעם, זאָגט מען נישט 'נקדישך' אין יום כיפור, נאָר 'כתר', ווייל אין 'נקדישך' שטייט 'ממקומך', אין אַ 'לשון נוכח' (מ'רעדט צום אויבערשטן). די מלאכים קענען אָבער נישט אָנכאַפּן אַזאַ לשון, ווייבאַלד זיי זענען נישט משיג דאָס 'אָרט' פון דעם כסא הכבוד. דעריבער זאָגט מען 'ממקומו', אין אַ 'לשון נסתר'[לה] ('פון זיין אָרט').

---

**לד.** אויך דאָס 'ארציות' פון דער וועלט, ווערט גאָר שטאַרק אויפגעהויבן צו אַ העכערע מדריגה אין יום כיפור, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'אגרא דפרקא' (אות ד"ש), אַ טעם פאַרוואָס יום כיפור טאָר מען נישט אָנטוהן שיך, ווייל די גמרא זאָגט (שבת קכט.) אַז דער מענטש זאָל אַפילו פאַרקויפן די ווענט פון זיין הויז, און קויפן שיך פאַר זיינע פיס. דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס זענען די שיך אַזוי וויכטיג פאַר'ן מענטש, אַז ער זאָל אַפילו פאַרקויפן זיין הויז, כדי צו האָבן שיך?

ענטפערט דער 'אגרא דפרקא', לויט ווי דער מהר"ם חאַגיז ז"ל, בעל 'משנת חכמים', זאָגט אין נאָמען פון די 'חכמי הרמז', אַז ביי דעם חטא עץ הדעת איז די ערד געשאָלטן געוואָרן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, יז) 'ארורה האדמה בעבורך', און וועגן דעם דאַרף מען פאַרקויפן אַלעס וואָס מ'פאַרמאָגט כדי מ'זאָל נישט טרעטן אויף אַן אָרט וואָס איז געוואָרן געשאָלטן, אָבער אין בית המקדש איז דאָך די ערד געווען הייליג, דאַרף מען דאָרט אויסטוהן די שיך און גיין באָרוועס (ברכות סב:), כדי עס זאָל נישט זיין אַ 'חציצה' צווישן די פיס פון דעם מענטש און די **הייליגע** ערד.

פירט אויס דער 'אגרא דפרקא', אַז צוליב דעם טעם טאָר מען אויך נישט אָנטוהן שיך אין יום כיפור, ווייל די ערד, מיט'ן גאַנצן 'חומריות', גייט אַרויס אין דעם טאָג פון דעם כלל פון קללה צו ברכה, און **מ'זאָגט צו יעדן איד, 'של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא'.**

**לה.** דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז **אויב מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי שטאַרק מ'טוט רייניגן זייערע נשמות אין יום כיפור, וואָלטן זיי גאָר שטאַרק אַכטונג געגעבן צו היטן ריין זייערע נשמות, זיי זאָלן מער נישט פאַרשמירט ווערן ח"ו פון עבירות.**

הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע פון דזשיקוב האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז ער געגאַנגען אויפ'ן גאַס אין דער הויפטשטאָט וויען, און ער האָט געזעהן ווי איינער רייניגט די גאַס. האָט ער איהם געפרעגט, פאַרוואָס דאַרפסטו אַרבעטן אַזוי שווער צו רייניגן די גאַס? אין אַ פּאָר שעה אַרום, וועט דאָך די גאַס ווידער זיין שמוציג אַזוי ווי פריער? ס'איז דאָך אַ שאָד דיין אומזיסטע פלאָג און האָרעוואַניע... האָט יענער איהם געענטפערט:

**בעת נעילת שער - דער אויבערשטער פאַרשליסט זיך מיט די אידן אַליין**

**דער** ראָפּשיצער רב זי"ע זאָגט אין ספר 'זרע קודש', און אַזוי שטייט שוין אין סידור האריז"ל, אַז 'נעילה' איז פון לשון 'נעל י-ה'. דאָס איז אַ רמז אַז דער אויבערשטער 'פאַרשליסט' זיך, ער איז זיך מייחד מיט די אידן אַליין. 'לא יתערב זר' - 'פרעמדע' (די מקטרגים) קענען דעמאָלס נישט זיין אַנוועזענד[לו].

- ריכטיג טאַקע, אַז ביז עטליכע שעה פון יעצט וועט די גאַס ווייטער זיין שמוציג, אָבער **אויב איך וועל עס נישט ווייטער רייניגן, וועט זיין אַזוי פיל שמוץ, אַז מ'וועט נישט קענען גיין אויפ'ן גאַס...**

דער 'עטרת ישועה' האָט אויסגעפירט, אַז פון דעם לערנט מען אַ לימוד פאַר די יעצטיגע הייליגע טעג: צו 'רייניגן און שווענקען' די נשמה. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן מיט חשבונות, איך וועל דאָך סיי-ווי אַלעס קאַליע מאַכן שפּעטער, און וואָס וועל איך פאַרדינען אַז איך וועל זיך יעצט רייניגן? דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל אויב מ'רייניגט זיך נישט יעצט, דערגרייכט עס ביז איבער דעם קאָפּ ח"ו...

**לו.** פאַר די צווייטע וועלט מלחמה אין אייראָפּע, פלעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע פאָרן יעדעס יאָר ז' אדר, דער יאָרצייט פון הרה"ק רבי אייזיקל קאַלובער זי"ע, צום הייליגן ציון אין קאַלוב. דער רבי פלעגט אייביג אָנקומען אַהין פאַרנאַכטס, ממש קורץ פאַר די שקיעה. איין יאָר איז ער שוין אָנגעקומען אינדערפרי קיין קאַלוב, אָבער ער איז געגאַנגען צום ציון ערשט פאַרנאַכטס, אַזוי ווי יעדעס יאָר אינעם טאָג פונעם יאָרצייט. האָט דער משמש איהם געפרעגט פאַרוואָס ער קומט אַזוי שפּעט צום ציון, ער איז דאָך היינט שוין אָנגעקומען אינדערפרי קיין קאַלוב, און ס'איז געווען גענוג צייט אויפ'ן טאָג צו גיין מתפלל זיין ביים ציון.

האָט דער רבי זי"ע געענטפערט, דער סדר העולם איז, אַז אין טאָג פון אַ יריד, **כאַפּט מען 'מציאות' אין די לעצטע מינוטן...**

דער רבי האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די הויפּט-התעוררות איז דווקא ביי 'נעילה', ווען דער טאָג האַלט שוין ביים אַוועקגיין.

מיר געפינען ביי יונה הנביא אַז ער האָט געבעטן די מאַטראָזן פון דער שיף, זיי זאָלן איהם **טראָגן** און אַריינוואַרפן אין ים אַריין, און דאַן וועט דער שטורעם-ווינט זיך אָפּשטעלן: '**שאוני** והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם' (יונה א, ח).

פרעגט הגה"צ רבי לייב חאַסמאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה אין חברון, פאַרוואָס האָט יונה געדאַרפט זאָגן זיי זאָלן איהם 'טראָגן'. עס וואָלט גענוג געווען פאַר איהם צו זאָגן, וואַרפט מיך אַריין אין ים. איז דער תירוץ, אַז יונה האָט געוואָלט זיי זאָלן איהם טראָגן פאַר'ן אַריינוואַרפן איהם אין ים אַריין, כדי אָפּצושטופּן דאָס אַריינוואַרפן אין ים **מיט נאָך איין סעקונדע...** ווייל **מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די חשיבות אַפילו פון נאָך איין סעקונדע פון לעבן, ווען מ'קען נאָך אַלץ תשובה טוהן.** 'יש קונה עולמו בשעה אחת'...

זעהען מיר פון דעם די חשיבות פון יעדע סעקונדע, ווען מ'קען איינקויפן גאַנצע וועלטן. דאָס איז אַוודאי גילטיג אויך פאַר די צייט ווען מיר דאַווענען תפילת נעילה, אַז מ'דאַרף זיך אָנכאַפּן אין די צייט, און אויסנוצן יעדע סעקונדע.

## מן הבאר

דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט זיך אַמאָל צעשריגן אין זיין דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר 'כל נדרי': אַלע טויערן זענען יעצט אָפען, אָבער דער ערשטער טויער וואָס פירט אַריין און אַרויס איז נאָך פאַרמאַכט, דאָס איז דער טויער פון האַרץ...

מיט אַ גוטע קבלה, קען מען אָבער פאַרמיידן דאָס פאַרמאַכן די טויערן, על דרך משל, איינער איז געשטאַנען ביים טויער פון אַ הויז און די וועכטער האָבן געוואָלט פאַרמאַכן די טיר, אַז ער זאָל נישט קענען אַריינקומען. וואָס האָט ער געטוהן? ער האָט אַריינגעשטופּט זיין פוס אינווייניג אין הויז, און אַזוי האָט ער צוריקגעהאַלטן די וועכטער פון פאַרמאַכן די טיר פאַר איהם, און אזוי ער האָט געקענט אַריינקומען אין הויז. דאָס זעלבע איז מיט אַ קבלה טובה, עס לאָזט איבער אַ רושם, און מ'קען שוין נישט פאַרמאַכן דעם טויער.

**דער** רמח"ל זצ"ל שרייבט אין 'קיצור הכוונה' (עבודת יום הכיפורים, תפילת נעילה') אַז אין דער צייט פון 'נעילה', קען יעדער איד זיין אַזוי ווי אדם הראשון איידער ער האָט געזינדיגט, ממש אַזוי ווי 'יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא', איידער מ'איז פאַרשמירט געוואָרן מיט עבירות.

**דער** 'רוקח' שרייבט (הלכות יוה"כ, סי' ריז) אַז יום כיפור פאַרנאַכטס טוט דער אויבערשטער פאַרזיגלען, און אַלע מלאכים שטייען, די 'מיימינים' און די 'משמאילים', און דעמאָלס גייען אַלע נשמות אַרויף פאַר'ן כסא הכבוד צו זאָגן גוטס אויף אידישע קינדער, און צוויי מלאכים שטייען אויף 'רעדער' פון ווינט, זייערע פליגלען זענען פון איין עק צום אַנדערן. איינער ציילט און שרייבט אונטער למיתה און איינער שרייבט לחיים, און דער אויבערשטער 'חותם אמת' וכו'. ביז די מינוט פונעם אונטערשרייבן, קען דער יחיד נאָך אַלץ תשובה טוהן. אויב ער טוט תשובה, ווערט עס אָנגענומען אין הימל.

**דער** 'תרומת הדשן' שרייבט, אַז מוצאי יום כיפור, ווערט דער דין נישט פאַרטיג ביז די אידן ענדיגן זייער תפילות פון יום כיפור, און אפילו אויב ס'איז שוין נאכט, און 'תוספות יום הכיפורים' איז נאָר אַ מצות עשה, אָבער אידישע קינדער זענען באַליבט ביי דעם אויבערשטען, אַז ער פירט דעם בית דין של מעלה לויט זייער סדר, ע"כ. דעריבער, אַזוי לאַנג ווי מ'דאַווענט נאָך תפילת נעילה, קען מען נאָך אויפרייסן די שערי רחמים, כאָטש ס'איז שוין געוואָרן נאַכט.

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער, אבינו מלכנו, חוס ורחם עלינו, און העלף אונז מיר זאָלן קענען טוהן תשובה שלימה, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, צו אַ רפואה שלימה בבריאות הגוף והנפש, בני מעלי חיי אריכי ומזוני רוויחי, און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אַ חתימה טובה לחיים טובים ולשלום.

# מכניסי רחמים, הכניסו רחמינו

דער גאון רבי ראובן פיין זצ"ל פון בני ברק, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון דעם בעל העובדא (ווען יענער איז שוין געווען עלטער), ווען ער האָט זיך געפונען אין שאַנכאַי, יאַפּאַן (אין צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה), ווי פאָלגענד:

איבער 100 יאָר צוריק, ווען אידישע בחורים אין ליטע האָבן שטאַרק געליטן פון דער רעגירונג וואָס האָט זיי געוואָלט מאָביליזירן אין דער אַרמיי, איז אַמאָל אַרויפגעקומען אַ צוואַנציג-יעריגער בחור, וואָס האָט געדאַרפט זיך שטעלן צו דער אַרמיי, אין הויז פון דעם גאון רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר זצ"ל, דער קאָוונער רב, און זיך אויסגעוויינט פאַר איהם: הייליגער רבי, ביז לעצטענס האָבן די קינדער פון די רייכע לייט אונטערגעקויפט די מיליטערישע דאָקטוירים פאַר גרויסע סומעס געלט. אין אויסטויש פאַר'ן געלט, האָבן די דאָקטוירים באַפרייט די אידישע בחורים אַז זיי דאַרפן נישט דינען אין די אַרמיי. לעצטענס איז אָבער דאָס רשעות פון די מיליטערישע באַאַמטע געוואַקסן. זיי זענען זיך מחי' צו נעמען געלט אַלס שוחד, אָבער נאָכ'ן באַקומען דאָס געלט, פאַר'מסר'ן זיי די בחורים פאַר דער פּאָליציי, און מ'אַרעסטירט די בחורים מיט זייערע טאַטעס צוזאַמען. וויל ער, אַלזאָ, וויסן וואָס ער זאָל טוהן. אויב ער וועט נישט אונטערקויפן דעם דאָקטאָר, וועט מען איהם דאָך זיכער מאָביליזירן אין דער אַרמיי. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָך אָבער אויך דאָס אונטערקויפן מיט שוחד, נישט קיין עצה... האָט רבי יצחק אלחנן איהם געזאָגט:

- איך קען אַ געוויסן עסקן, אַ גרויסער 'מאַכער', וואָס פאַר איהם זענען אַלע טירן אָפען... גיב אַהער דאָס געלט, און איך וועל עס איבערגעבן פאַר דעם עסקן. דו קענסט אַהיימגיין רואיג, דאָס באַפרייאונג-צעטל וועט אָנקומען צו דיר אַהיים.

דער בחור האָט טאַקע אַוועקגעגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט צוגעגרייט אונטערצוקויפן דעם דאָקטאָר, און ער איז אַהיימגעפאָרן. צוויי וואָכן שפּעטער, האָט ער באַקומען אויף דער פּאָסט אַ בריוו פון דער אַרמיי-קאָמיסיע, וואו מ'מעלדעט איהם איין אַז ער איז באַפרייט פון מיליטערישן דינסט 'צוליב געזונט-סיבות', און מ'גיט איהם אַפילו די מעגליכקייט צו 'אַפּעלירן' דעם 'אורטייל' ביז אַ געוויסן טאָג... ס'איז איבעריג צו שילדערן די שמחה פון דעם בחור און זיינע עלטערן.

איז דער בחור שנעל אַריבערגעגאַנגען צו רבי יצחק אלחנן, כדי איהם צו באַדאַנקען פון טיפן האַרצן. דאַן האָט ער געזאָגט צו רבי יצחק אלחנן:

- איך פאַרשטיין אַליין אַז מ'קען נישט מעלדן אויף אַלע גאַסן ווער ס'איז דער 'עסקן' וועלכן דער רב האָט גענוצט צו פועל'ן מיין באַפרייאונג פון אַרמיי-דינסט. אָבער כ'וויל בעטן דעם רב אַז כאָטש 'אנשי שלומינו', אָדער אַמוויינגסטענס די רייכע אידן, זאָלן וויסן דעם נאָמען פון דעם עסקן...

האָט רבי יצחק אלחנן איהם געזאָגט:

- הער מיך אויס: דער דאָזיגער 'עסקן' איז גוט נישט נאָר באַפרייט צו ווערן פון מיליטער דינסט, נאָר פאַר יעדן סאָרט הצלה און ישועה וואָס מ'דאַרף האָבן, נישט נאָר די רייכע לייט... און איך וועל דיר ערקלערן וואָס איך מיין. צוויי וואָכן צוריק, אין זעלבן טאָג וואָס דו ביזט אַריינגעקומען צו מיר, זענען אַריינגעקומען אַ פרוי און איר טאָכטער, אַ כלה, און זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר מיר אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון איר חתונה, און זיי פאַרמאָגן נישט אַפילו אַ פּרוטה. זיי שעמען זיך און ציטערן אַז דער שידוך זאָל נישט אָפּגיין ח"ו. אַזוי ווי זיי זענען אַרויס פון מיין הויז, ביזטו אַריינגעקומען מיט דיין בקשה. האָב איך געטראַכט ביי מיר, דער אויבערשטער איז דאָך דער 'בעל הגמול'. ער באַצאָלט שכר פאַר די מצוה פון צדקה, וואָס האָט אַ גרויסן כח צו שיצן קעגן אַלע צרות און יסורים. צוליב דעם האָב איך געבעטן פון דיר דיין געלט. איך האָב עס אַוועקגעשאָנקען פאַר הכנסת כלה פון די אָרימע פרוי און איר טאָכטער, און **אין זכות פון דעם וואָס דו האָסט משמח געווען זייערע צובראָכענע הערצער, איז דיין באַפרייאונג-צעטל אָנגעקומען צו דיר אַהיים!**

מיר זאָגן אין די 'סליחות', 'מכניסי רחמים, הכניסו רחמינו לפני בעל הרחמים', האָט דער סערעטער רבי, כ"ק אדמו"ר בעל 'חכמת אליעזר' זצ"ל געטייטשט, אַז די כוונה דערפון איז, די מלאכים פון רחמים זאָלן אַריינברענגען 'רחמינו' - **אונזער רחמנות - וואָס מיר האָבן רחמנות אויף אַנדערע**, פאַר דעם בעל הרחמים, כדי אַז אויך דער בוכ"ע זאָל זיך פירן מיט אונז מיט די מדה פון רחמים, אַזוי ווי מיר פירן זיך מיט אַנדערע מענטשן, און אונז בענטשן מיט אַ זיס, לעכטיג יאָר.

יום כיפור ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קכ"ב

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד לקראת יום הכיפורים


יום הכיפורים

נקודה למחשבה

# יום הכיפורים

**ותתן לנו ה' אלקינו באהבה את יוה"כ הזה;**

די געוואַלדיגע מתנה וואָס מיר באַקומען אין דעם הייליגן טאָג

יום ד' עשי"ת תשפ"ד - נמסר בבית המדרש לב אהרן דסאטמאר - וויליאמסבורג

א

## כי אתה סלחן לישראל; תשובה ליגט שוין אין דער 'בלו- פּרינט' פון דער בריאה

### אַ גאָלדענע געלעגנהייט צו אַנטלויפן

מיר שטייען אין די הייליגע טעג פון '**עשרת ימי תשובה**', ווען יעדע אידישע נשמה האָט אַ געוואַלדיגע תשוקה, צו אַריינכאַפּן און אויסנוצן די געוואַלדיגע מתנה פון תשובה, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן ברוב רחמיו וחסדיו.

ס'איז באַקאַנט דאָס משל וואָס דער **רבינו יונה** אין ספר **שערי תשובה** (פרק א) ברענגט פון **מדרש** (קהלת רבה ז, לב) אַז דער קעניג האָט אַמאָל געגעבן אַ מעגליכקייט פאר די אַרעסטאַנטן אין תפיסה, אַז זיי זאָלן קענען אַרויסלויפן און זיך באַפרייען פון דאָרט. אַסאַך האָבן זיך טאַקע אַרויסגעכאַפּט, אָבער ס'איז געווען איינער וואָס איז געבליבן דאָרט זיצן. שפּעטער האָט דער קעניג געהאַט אַ שטאַרקע טענה אויף דעם מענטש: "**איך האָב דיר געגעבן אַ שאַנס, איך האָב דיר ערמעגליכט אַ וועג ארויס, פאַרוואָס האָסטו נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט?!**".

### אַ גרעסערע טענה ווי אויפ'ן חטא זעלבסט

אונזער וועלט איז דאָך אַ פּלאַץ פון יצר הרע'ס און שלעכטע הרגלים, ס'איז דאָ אַזויפיל נסיונות און אַזויפיל מלחמות. **מ'דאַרף לוחם זיין אַגאַנצן צייט, כדי צו קענען בלייבן נאָנט מיט'ן רבוש"ע**, און אַסאַך מאָל פאַלט מען דורך. ס'האָט פּאַסירט וואָס ס'האָט פּאַסירט און מ'איז געוואָרן פאַרדרייט. נו, דאָס איז איין פּראָבלעם.

אָבער דער רבוש"ע גיבט אַ מהלך פון תשובה, און ער העלפט פאר יעדן איד זיך צו קענען אַרויסדרייען. אויב דער מענטש נוצט נישט אויס דעם מתנה, **איז דאָס נאָך אַ גרעסערע טענה ווי אויף דער עבירה זעלבסט.**

### טעותים קענען פּאַסירן

דער רבוש"ע זאָגט פאַר'ן מענטש: **איך פאַרשטיי אַז דו האסט געמאַכט טעותים**, ווייל איך האָב באַשאַפן אַזאַ סאָרט וועלט, וואו מ'קען זיך טועה זיין און מ'קען זיך פאַרפּלאָנטערן מיט מצבים.

צומאָל פאַלט מען חלילה אַריין מיט שלעכטע הרגלים פון 'סור מרע'. צומאָל טרעפט מען זיך אין אַ פּרשה פון בין אדם לחבירו. ס'האַנדלט זיך בעצם פון אַ פיינער איידעלער מענטש, אָבער **זאַכן זענען געגאַנגען לינקס**... ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קליינע פּרשה מיט געלט און ס'האָט זיך פאַרדרייט. דאָס זעלבע איז ווען **מ'האָט געפּלאַנט צו האָבן אַ פעסטע קביעת עתים לתורה**, אָבער למעשה איז מען געוואָרן פאַרנומען מיט טרדות, און ס'איז געשען וואָס ס'איז געשען, די צייט פון לערנען איז געוואָרן ווייניגער און קורצער.

אָבער דער אויבערשטער פאַרשטייט אַז דאָס איז דער מציאות דאָ אויף דעם עולם השפל! דער רבוש"ע זאָגט: דער פּלאַן פון דער וועלט איז קיינמאָל נישט געווען אַז מ'זאָל נישט מאַכן קיין טעותים. **דאָס איז נישט דער אָריגינעלער חשבון פון דער בריאה!**

עס זענען געווען ממש איינציגע אידן וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזינדיגט, ווי די **גמרא** רעכנט אויס (שבת נה, ב) ארבעה מתו בעטיו של נחש ואלו הן, בנימין בן יעקב, ועמרם אבי משה, וישי אבי דוד וכו'. אפילו אויף די אבות הק' דערציילט אונז די תורה אַז זיי האָבן געהאַט אַן ענין פון מכשולות. אודאי האָבן מיר נישט דאָס מינדסטע השגה און מיר האָבן נישט די כלים דאָס צו פאַרשטיין, אָבער די תורה לערנט אונז, אַז אפילו די אבות הק', לויט זייער גרויסע מדריגה, האָט זיך גערעכנט פאר זיי אַ געוויסע בחינה פון חטא.

### תשובה איז אַ חלק פון דעם פּלאַן

דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז ס'קען פּאַסירן אַז דער מענטש זאָל זיך נישט כאַפּן און באַגיין נאַרישקייטן. דער פּלאַן איז געווען אָפּיציעל אַז מ'קען דאָ מאַכן טעותים, אָבער **דער פּלאַן איז אויך געווען אַז מ'גייט צושטעלן אַ וועג וויאַזוי צוריקצודרייען זאַכן.**

ס'איז דאָ אַ מהלך אין דער בריאה, אַז אויב דער מענטש וועט זיך פירן לויט דער תורה קען ער אַלעס פאַררעכטן, **אויף אַזוי ווייט אַז ער קען גאָר בויען דערפון פרישע זכותים**, נאָכמער ווי ווען ער וואָלט בכלל נישט געמאַכט דעם טעות!

### בויען נייע בנינים נאָכ'ן דורכפאַלן

די וואַרימע סוגיא פון 'זדונות נעשית לו כזכיות' איז נישט עפּעס אַ ידיעה פון אַ ווייטער מאמר חז"ל, נאר **ס'איז אַ זאַך וואָס איז נוגע פאר יעדן איד** וועלכער לערנט זיך פון אַ טעות וואָס ער האָט געמאַכט, און דאָס ברענגט אים שפּעטער נאָנטער צום רבוש"ע.

עס שטייט אין פּסוק (תהלים נא, טו): **אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים דְּרָכֶיךָ וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ.** דוד המלך זאָגט: איך גיי


קורא יקר! הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך!

לנדב וליטול חלק בההוצאות המרובות

718.387.1122 EXT 5

נעמען דעם חטא, און **איך גיי דאָס אויסדרייען צום גוטן**, אַז ס'זאָל מיך מאַכן נאָנטער צום אויבערשטן! כ'גיי נישט סתם לאָזן פאַרביי גיין די זאַך וואָס האָט פּאַסירט. איך גיי דאָס נעמען און איך וועל אויסלערנען פאַר'ן רבים וועלכע טעותים נישט צו מאַכן.

ווען אַ מענטש כאַפּט דעם ריכטיגן וועג, נאָכדעם וואָס ער האָט שוין געזען וואָס טויג נישט, ברענגט דאָס אַז **ער זאָל באַקומען אַ געוואַלדיגן קאָך מיט אַ וואַרעמקייט צו דברים שבקדושה.** אָט די התלהבות איז געווען דעם אויבערשטן'ס פּלאַן פאר דער בריאה, אַז דער חוטא גייט שפּעטער אויסנוצן דעם דורכפאַל, **כדי צו פאַררעכטן זאַכן.**

אַ איד וואָס טוט תשובה, טוט נישט בלויז אויסמעקן די אַלטע, ס'איז נישט כאילו ער לייגט נאָך אַ לאַטע אויפ'ן בגד, נאָר **ער בויעט ממש איבער פונדאָסניי אַ גאַנצע נייע מציאות!** זדונות נעשית לו כזכיות. דאָס הייסט ריכטיג פאַרראָכטן.

## די הארציגע חיזוק פונעם חפץ חיים זצ"ל

הגאון רבי **ברוך בער לייבאוויטץ** זצ"ל, האָט געוואוינט נאָך די ערשטע וועלט מלחמה, אין דער שטאָט ווילנא, צוזאַמען מיט זיין פאָטער הגאון רבי **שמואל** זצ"ל, וועלכער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן און האָט זיך געשפּירט זייער נישט געזונט. רבי ברוך בער האָט זיך ממש מפקיר געווען פאר דער מצוה פון כיבוד אב. ער איז געזיצן ביי זיין פאָטער'ס בעט גאַנצע טעג און נעכט און ממש נישט אָפּגעלאָזט פון באַדינען זיין פאָטער. אַמאָל האָט פּאַסירט אַן אויסנאַם ווען רבי ברוך בער האָט נישט געקענט דאָרט זיין אויף אַ קורצע ווייל, און ער האָט דעריבער געשטעלט אַ תלמיד, וואָס זאָל אים איבערנעמען ביי זיין טאַטנ'ס בעט.

פון הימל האָט מען געפירט אַז פונקט יענע נאַכט איז זיין טאַטע נפטר געוואָרן. **רבי ברוך בער איז געווען ממש 'אויס מענטש' דערפון.** ער האָט חושש געווען אַז אפשר איז ער געווען אַ שטיקל גורם, ווער ווייסט אויב ער וואָלט דאָרט געווען וואָלט דאָס אפשר נישט פּאַסירט. ער האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך, עד כדי כך אַז ס'איז פּשוט געווען אַ סכנה פאר זיין לעבן.

אין יענע תקופה איז אויסגעקומען אַז רבי ברוך בער זאָל זיך טרעפן מיט'ן חפץ חיים ביי אן 'אסיפת הרבנים'. דער חפץ חיים האָט זיך איינגעשפּארט מיט אים אין אַ זייטיגן צימער און ער האָט אים געזאָגט: "איך הער אַלץ וואָס איר זאָגט, לאָמיר שוין זאָגן אַז ס'איז טאַקע געווען אייער שולד, **אָבער ס'איז דאָ אַ זאַך וואָס הייסט תשובה!** מען קען תשובה טון אויף אַלעס, אין דבר העומד בפני התשובה". דער חפץ חיים האָט דערביי אָנגעכאַפּט די האַנט פון רבי ברוך בער און ער האָט איבערגע'חזר'ט אַסאַך מאָל: "**אַ נייער מענטש, אַ נייער מענטש**".

ווען רבי ברוך בער איז אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אויסגעדרוקט אַז **דער חפץ חיים האָט אים ממש מחיה מתים געווען**, מיט זיינע וואַרימע טרעפליכע ווערטער.

## מ'קען דאָ זייער לייכט דורכפאַלן

מיר דאַרפן גוט דערהערן אַז דער רבוש"ע וויל אַסאַך שטאַרקער אַז **דער מענטש זאל פאַררעכטן**, ווי ער וויל אַז ס'זאָל קיינמאָל נישט געשען קיין טעות. זיכער איז יעדער חטא זייער אַ גרויסער פּראָבלעם, מ'קען עס זען און שפּירן בחוש, "כי רע ומר עזבך את ה' אלקיך". ס'איז נישט גוט אויף דער וועלט און נישט גוט אויף יענער וועלט. **יעדער חטא מאַכט אַ חורבן פונעם מענטש.** אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך אַזוי אויסגעשטעלט, אַז ס'זאָל זיין אַ מציאות פון חטאים אויף דער וועלט.

אין **זוהר הק'** שטייט אַז עס זענען דאָ היכלע עולמות וועלכע זענען 'רובו טוב ומיעוטו רע', אָדער 'חציה טוב וחציה רע', אָבער **אונזער וועלט ווערט אָנגערופן 'רובו רע'.** אומעטום וואו מ'גיבט זיך נאר אַ ריר **קען מען אַריינפאַלן מיט אַ מחשבה אָדער אַ מעשה וואָס טויג נישט**, יעדער מענטש לויט זיין דרגא.

הרה"ק רבי **איציק'ל מפשעוואָרסק** זצ"ל פלעגט פאַרציילן אַז דער הייליגער רבי ר' **אלימלך מליזענסק** זי"ע האָט געזאָגט אַז מוצאי יום הכיפּורים ביי 'סלח לנו' פון מעריב, האָט ער געמאַכט אַ חשבון פון 400 עבירות וואָס ער דאַרף תשובה טון דערויף, אין דער קורצער צייט פון נעילה ביז מעריב. רבי איציק'ל פלעגט זאָגן אַז **ער וואָלט געוואלט האבן פון די עבירות...** צדיקים האָבן געהאַט אַנדערע השגות, זיי האָבן מרגיש געווען אפילו אַ האָר פון אַ פגם, אָבער לפי מדרגתם ווערט דאָס אָנגערופן אַן ענין פון חטא.

## אונזער אַרבעט איז צו פאַררעכטן

דערפאַר זאָגט מען טאַקע דריי מאָל יעדן טאָג 'סלח לנו', ווייל דער רבוש"ע האָט גענומען אין חשבון אַז: **יאָ, דער מענטש גייט מאַכן טעותים!** ס'איז אָפיציעל אַזוי. אָבער דערפאַר זאָגט מען פאַר'ן מענטש: נוץ דעם מהלך פון תשובה. אַנערקען דעם טעות, טראַכט וואָס מ'קען טון אַנדערש פון היינט און ווייטער, נעם דעם קוראַזש און די שטאַרקייט צו מאַכן אַ טויש, און **דורכדעם דרייסטו אַלעס איבער!** דו רייניגסט אויס די וועלט! עד כדי כך אַז דער רבוש"ע האָט אַריינגעלייגט דוד המלך אין אַ מציאות פון אַ חטא, אַלעס נאר כדי 'להורות תשובה ליחיד'.

ס'איז כאילו דער רבוש"ע האָט כביכול געהאַט אַ פּראָבלעם, אויב דוד המלך וועט נישט זינדיגן, וועלן מענטשן נישט וויסן דעם כח פון תשובה. דעריבער האָט ער אַזוי אויסגעשטעלט אַז ס'זאָל זיין אַן ענין פון חטא, און נאָכדעם זאל דוד המלך תשובה טון, וואָס **דורכדעם וועט ער אויסלערנען פאַר'ן גאַנצן עולם אַז אונזער אַרבעט איז צו פאַררעכטן.**

דער הייליגער רבי ר' **הערש מרימנוב** זי"ע, האָט געזאָגט אַז זיין טאַטע איז געווען אַ שניידער און ער האָט אים אויסגעלערנט איין כלל: "**דאָס אַלטע זאָל מען פאַררעכטן, און די נייע זאָל מען נישט קאַליע מאַכן**". דאָס איז אונזער אַרבעט אַגאַנץ לעבן! פאַררעכטן די אַלטע, און אַנשטאָט ווערן צעבראָכן אָדער מסיח דעת זיין, זאָל מען צוביסלעך פאַררעכטן און בויען פונדאָסניי.

ב

# כי ידעתי את יצרו; דער רבוש"ע וויל אונז נישט 'כאַפּן', ער וויל אונז 'העלפן'

## נישט קיין יאוש, און נישט קיין היסח הדעת

צומאָל כאַפּט זיך דער מענטש נאָך אַ חטא, אַז דאָ האָט פּאַסירט אַ געפערליכער פּראָבלעם, און ער ווערט איבערגענומען מיט הרגשים פון צעבראָכנקייט אויף דעם חורבן וואָס ער האָט דאָ געמאַכט: "הלואי ווען כ'קען נאָכאַמאָל אָנהויבן דאָס לעבן, כ'וואָלט זיך אויפגעפירט אינגאַנצן אַנדערש, קוק וואָס איז געשען דאָ".

אָבער היות ער וויל זיך נישט דאַרפן מתמודד זיין מיט דעם שווערן געפיל, קלויבט ער אויס איינס פון די צוויי אָפּציעס, **אָדער איז ער גענצליך מסיח דעת דערפון** און ער גייט ווייטער, מיט'ן תירוץ אז: "ביי חסידים האָט מען געהאַלטן פון שמחה"... **אָדער ווערט ער גענצליך צאַמגעבראָכן און מיואש:** "יאָ, איך ווייס אַז ס'איז אַ ביטערער חורבן, וואָס ווילסטו אַז איך זאָל יעצט טון?".

אָבער איינער וואָס איז קלוג פאַרשטייט, אַז **ביידע מהלכים זענען נישט ריכטיג.** באַרואיג זיך, מיט'ן אויבערשטנס הילף קען מען אַלעס פאַררעכטן, לאָמיר נאר זען וואָס מ'קען טון.

## דער בודזשעטינג ספּעציאַליסט וויל בלויז אַרויסהעלפן...

ביים היימישן ציבור איז פאַרהאַן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן מענטשן וואָס זענען געוואָרן פאַרדרייט מיט חובות און מיט אן אומבאַלאַנסירטע בודזשעט. איז דאָ אַמאָל ווען דער עסקן זעצט זיך אַראָפּ מיט אַ מענטש וואָס איז גוט פאַרפּלאָנטערט, און ער זאָגט אים: "קום, לאָמיר הערן אַביסל מער פּרטים, **פאַרצייל מיר וועגן דיינע הכנסות און דיינע הוצאות.** אַזוי קען מען פּרובירן צו מאַכן אַ שטיקל בילד וויאַזוי מ'קען דאָס מסדר זיין".

מ'הייבט אן רעדן פון 'אינקאָם', און דער מענטש ווערט רויט און גרין... ער הייבט זיך אָן צו פאַרענטפערן: "בעצם איז עס נישט מיינע הכנסות, ס'איז אויף מיין ווייב'ס נאָמען...". זאָגט אים דער עסקן: "אָקעי, איך טו דיר גאָרנישט, כ'דאַרף פּשוט וויסן דעם חשבון".

שפּעטער הייבט מען אן רעכענען די הוצאות, און דער מענטש איז ווייטער פאַרנומען זיך צו

פאַרענטפערן: "ס'איז באמת נישט געווען איך. די טשארדזש אויף דעם קרעדיט קאַרטל איז געווען פון מיין שותף וואָס האָט אויסגעגעבן דאָס געלט אָן מיין רשות"...

דער עסקן זעט דעם מצב, שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט: איידער דו ביסט ממשיך מיט דיינע פאַרענטפערונגען, קען איך רעדן מיט דיר צוויי מינוט? כ'וויל דיר עפּעס מסביר זיין. **איך בין נישט דיין משגיח אין ישיבה...** איך גיי דיר נישט שלאָגן, און איך בין נישט ברוגז אויף דיר... איך דאַרף סתם וויסן די אינפאָרמאַציע, ווייל איך זיץ דאָ **בלויז כדי דיך צו העלפן.** אויב אַזוי, לאָמיר זיין אמת'דיג מיט זיך אַליין, **לאָמיר רעדן אָפּן.** פאַרשטיי אַז איך פאראורטייל דיך נישט, איך זוך פּשוט דיך צו פאַרגרינגערן, **קענסט אַלעס אַראָפּלייגן אויפ'ן טיש שוואַרץ אויף ווייס...** מ'גייט זען וויאַזוי מ'קען דיך העלפן!

## ווי אַ ביימעלע וואָס בייגט זיך אַראָפּ ביז אונטן

ממש דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ ווען אַ איד קומט תשובה טון. דער רבוש"ע בייגט זיך אַראָפּ כביכול צו העלפן אַ איד און אים געבן אַ מהלך פון תשובה. אין דער הפטרה פון 'שבת שובה' לייענט מען דעם פסוק (הושע יד, ט): **אֲנִי כִּבְרוֹשׁ רַעֲנָן,** און רש"י איז מפרש פשט: "אני לו נכפף להיות אוחז ידו בי, כברוש רענן הנכפף לארץ שאדם אוחז בענפיו כלומר אהיה מצוי לו".

דער אויבערשטער זאָגט: איך בין כביכול אַזוי ווי אַ קליין ביימעלע, וואָס בייגט זיך אַראָפּ צו דער ערד און דער מענטש קען עס אָנכאַפּן. **דאָס זעלבע בייג איך זיך אַראָפּ צו יעדן איד, אַז איר זאָלט זיך קענען אָנכאַפּן אין מיר.** שובה ישראל, איך וועל קומען צו דיר, איך בייג זיך אַראָפּ כביכול כדי אַז דו זאָלסט מיך קענען אָנכאַפּן, איך וויל דיך פּשוט העלפן פון דיינע פּראָבלעמען!

## ווען מ'זינדיגט איז ביטער

ס'איז דען גוט ווען מען מוטשעט זיך מיט עבירות **'בין אדם לחבירו'**?! ס'איז דען גוט ווען דער מענטש איז אַן אויבער-חכם, ער האָט נישט קיין שום הכנעה, און **ער דאַרף מאַכן יעדן טעות אַליין**?! ס'איז דאך באמת נישט גוט! **ראיות אסורות** איז אודאי נישט גוט, נישט בזה און נישט בבא.

דאָס זעלבע איז אין 'עשה טוב'. ווען אַ מענטש האָט נישט קיין געהעריגער סדר פון קביעת עתים לתורה מיט ישוב הדעת, **האָט ער פּשוט נישט קיין הנאה פון זיין לעבן.** ער ווייסט ניטאַמאָל וואָס עס פעלט אים. אודאי דאַרף מען זיך קובע זיין מיט אַזאַ סאָרט לימוד וואָס איז געאייגנט לויט די אייגענע כשרונות און מהות, ווי די גמרא זאָגט: אין אדם לומד תורה אלא ממקום שלבו חפץ. אָבער **אויב מ'לערנט גאָרנישט, איז באמת נישט גוט פאַר'ן מענטש.**

קומט דער רבוש"ע און זאָגט: זיי נישט יעצט פאַרנומען זיך צו פאַרענטפערן מיט אַלע ערליי חשבונות פאַרוואָס דו ביסט נישט שולדיג... דאָס זאָלסטו זאָגן פאר איינעם וואָס זוכט דיך צו כאַפּן. **איך וויל דיך נישט כאַפּן!** איך וויל נאָר פּשוט העלפן! **קום, לאָמיר רעדן.** לאָמיר מאַכן אַ שטיקל חשבון וויאַזוי מ'גייט פאַררעכטן.

## אַ חסד ה' אַז די רמזים זענען 'מדה כנגד מדה'

ס'איז דאָ אַ באַזונדערע אהבה פון השי"ת, אַז ער גיבט אונז ספּעציעלע סימנים, כדי מ'זאָל וויסן וואָס מ'האָט צו פאַררעכטן. דער **אלשיך הק'** טייטשט אַזוי דעם פסוק (תהלים סב, יג): **וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ.** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווען השי"ת באַצאָלט לויט די מעשים, איז דאך דאָס 'דין', פאַרוואָס ווערט דאָס אָנגערופן חסד? נאר די רחמנות פון דעם אויבערשטן איז טאַקע דאָס, אַז ער באַצאָלט 'לאיש כמעשהו' - **ער שיקט די רמזים 'מדה כנגד מדה'.** אַזוי ווייסט דער מענטש, אַז **דער רבוש"ע צייגט אים יעצט אַ סימן:** "דאָ ביי דעם ענין טויג עפּעס נישט". דאָס איז אַ סייעתא דשמיא, אַז מ'צייגט אים פּונקטליך כדי אַז ער זאָל וויסן וואָס צו פאַררעכטן.

ווען מ'טרעפט זיך מיט אַ מאַנגל אין שפע, דאַרף מען נישט גיין זוכן סגולות פון אונטער דער ערד. **ס'איז נישט אַזוי קאָמפּליצירט, דער רבוש"ע רעדט מיט אַ מענטש.** מ'ווייזט אים פון הימל, אַז ס'פעלט אין שפע, וויבאַלד ס'האָט אים געפעלט אַביסל חסד, ס'האָט אים געפעלט אַביסל יראת שמים. דאָ דאַרף מען אַביסל מוסיף זיין אין תורה, דאָ דאַרף מען מוסיף זיין אין תפלה. א.א.וו. און ווען דער אויבערשטער העלפט אַז דער איד איז זוכה צו פאַררעכטן אַביסל, **ווערט אויך צוריקגעשטעלט זיין שפע.** דער רבוש"ע שטעלט אים אַלעס צוריק אין פּלאַץ.

## אַ דחקות וואָס האָט געברענגט נאָענטער צום תכלית

עס האָט פאַרציילט אַ יונגערמאַן, וואָס בדידיה הוי עובדא:

מיט עטליכע יאָר צוריק האָט ער געדאַרפט צו באַקומען אַ גרויסע סכום געלט פון אַ געוויסער פּלאַץ, אָבער צוליב פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס האָט זיך דאָס זייער שטאַרק געשלעפּט, און דאָס געלט איז נאָכנישט אָנקומען.

> **ער איז אַרויפגעטאַנצן אויף אַ בעט און האָט אָנגעהויבן שרייען: "טאַטי, כ'האָב דיך ליב"...**

דערווייל איז ער אַריבער אַ שווערע תקופה ווען ער האָט פאַרלוירן זיין פּרנסה, און ער האָט שוין אויך נישט באַקומען קיין חודש'ליכע געהאַלט. **ס'איז געווען אַ מצב אַז ער האָט ממש נישט געהאַט קיין ברויט אויפ'ן טיש.** דער איד האָט מחליט געווען זיך צו ווענדן צום רבוש"ע. ער האָט מוסיף געווען מיט מער אמונה, מער יראת שמים, מיט מער תורה, און מיט מער חסד. ער האָט אַסאַך מתפּלל געווען: **"רבוש"ע, איך ווייס אַז דו טוסט עס פאַר מיין טובה. ס'איז נישט גרינג, אָבער איך ווייס אַז דו ברענגסט מיר צו אַ בעסערע פּלאַץ".** און ער האָט זיך מחזק געווען: "לאָמיר לערנען נאָך אַביסל חובת הלבבות, צו וויסן וואָס איך דאַרף טון אויף דער וועלט".

ס'איז אַדורך אַביסל צייט, און דער אויבערשטער האָט טאַקע אָנגענומען זיין תשובה. צוביסלעך האָט אים השי"ת געגעבן אַ גוטע פּרנסה. זאַכן האָבן זיך געסעטלט מיט אַ קביעות'דיגע אינקאָם. שפּעטער האָט דער רבוש"ע אויך געהאָלפן אַז ס'איז אַריינגעקומען יענע גרויסע סומע געלט וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן פאר 2-3 יאָר, אָבער יעצט איז עס אָנגעקומען, און טאַקע מיט אַ געוואַלדיגע הרחבה, ס'איז אָנגעקומען אַסאַך געלט, **נאָכמער וויפיל ער האָט זיך גערעכנט!**

## דאָס געלט האָט געוואַרט ביז איך בין גרייט...

זאָגט מיר דער יונגערמאַן: אוי, קען מיך דער רבוש"ע גוט... ווען איך זאָל באַקומען דעם גרויסן סכום פאר 3 יאָר צוריק, איז צום אַלעם ערשט, **וואָלט איך זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט צו לעבן ווי אַ איד.** איך וואָלט קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו דער אמונה מיט דעם זיכוך הנפש! כ'וואָלט פאַרלוירן אַזויפיל.

אָבער חוץ מזה - זאָגט דער יונגערמאַן - טאָמער וואָלט איך באַקומען דאָס געלט מיט עטליכע יאָר צוריק, ווען **ס'האָט מיך נאָך אינטערעסירט אַסאַך נאַרישקייטן און שטותים,** וואָלט איך פאַרפּאַטשקעט דאָס גאַנצע געלט אויף זאַכן וואָס זענען נאָנטע קאָזינס מיט 'קנאה תאוה וכבוד'... דערנאָך איז געווען אַ תקופה וואָס כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין פּרנסה, און ווען כ'באַקום דעמאָלט דאָס געלט וואָלט איך עס אויסגעגעבן אויף די טאָג-טעגליכע הוצאות. יעדער ווייסט ווי שנעל מ'קען אויסנוצן 'סעווינגס' אויף אַזאַ פאַרנעם, נאָך עטליכע חדשים בלייבט גאָרנישט.

דער רבוש"ע האָט געוואַרט **ביז איך בין געווען גרייט.** צוערשט האָט ער געמאַכט אַז איך זאָל אַביסל טוישן מיינע רצונות; **איך זאָל באַקומען נייע באַגריפן** וואָס איז מיר וויכטיג אין לעבן. שפּעטער האָט השי"ת מסדר געווען אַז מיין חודש'ליכע געהאַלט זאָל זיין מסודר, און יעצט, **נאָכדעם וואָס ער האָט געזען אַז איך בין פולקאָם גרייט, האָט ער מיר געגעבן דאָס געלט** אויף אַ גאָלדענעם טאַץ, און ס'איז נאָך צוגעקומען פּראָצענט... דאָס געלט איז דאך געזעצן ביים אויבערשטן, און דערווייל איז אַרויפגעגאַנגען די פּראָצענטן, און כ'האָב באַקומען נאָכמער ווי געראָכטן. יעצט האָב איך ב"ה דאָס געלט, און איך זוך נישט צו טון קיין נאַרישקייטן דערמיט. **איך וויל זיך נישט אויפרייסן דערמיט,**

כ'זוך דאָס נישט און כ'דאַרף עס ניטאָמאָל האָבן. **איך וויל נוצן מיין געלט צו קענען דינען השי"ת מיט אַ ישוב הדעת**, צו קענען טון טובות פאר אַנדערע אידן, א.א.וו. דער אויבערשטער האָט געוואוסט פונקטליך ווען איך בין גרייט!

### השי"ת בעט זיך אַז מיר זאָלן קומען צו אים

אַ איד דאַרף גוט דערהערן דעם יסוד, אַז **דער אויבערשטער איז נישט ברוגז אויף דיר!** דער רבוש"ע פאַרשטייט אַז דו האסט אַ יצר הרע, ווי דער פסוק זאָגט: (דברים לא, כא) "כִּי יָדַעְתִּי אֶת יִצְרוֹ". השי"ת ווייסט זייער גוט וויפיל מען מוטשעט זיך מיט די ביטערע נסיונות, דערפאַר זאָגט ער: איך געב דיר אַ שטריק אַרויסצוקומען! **קום, לאָמיר רעדן אָפן דערוועגן**. לאָמיר דאָס מסדר זיין, איך גיי דיר העלפן!

אין די תפלות פון די הייליגע טעג זעט מען וויאַזוי דער אויבערשטער רעדט אַזוי וואַרעם ווענן אידישע קינדער, ווי מ'זאָגט אין די 'זכרונות' פון ראש השנה: **כִּי מִדֵּי דַּבְּרוֹ בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד עַל כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ**. דאָס זענען אַזעלכע מורא'דיגע האַרציגע ווערטער! דער רבוש"ע זאָגט: **ווען איך רעדט נאר ווענן אידישע קינדער ברענגט עס מיר כביכול אַ טיפע התרגשות!** דער רבוש"ע זאָגט: איך ווייס אַז ס'איז דיר שווער די אַלע נסיונות און מכשולות, אָבער **פאַרוואָס קומסטו נישט צו מיר?** איך געב זיך אָפּ דערמיט!

ג

# קראוהו בהיותו קרוב; השי"ת וואַרט אַז מיר זאָלן קומען זיך אויסרעדן צו אים

### די תפלה וואָס גייט צוזאַמען מיט תשובה

עשרת ימי תשובה איז אַ צייט פון 'דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב' דאָס הייסט אַז אפילו אַזעלכע תפלות און אַזאַ סאָרט תשובה וואָס אַגאַנץ יאָר איז שווער פאַר'ן יחיד אַז ס'זאל ווערן אָנגענומען און ס'קען נישט דורכגיין אַלע עולמות, אָבער עשרת ימי תשובה נעמט מען עס יאָ אָן גלייך, ווי דער **רמב"ם** פסק'נט (הלכות תשובה פ"ב, ה"ו): **אע"פ שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה הימים שבין ראש השנה ויום הכפורים היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד.**

דער רמב"ם זאָגט דאָ אַ לשון אַז די 'צעקה' גייט צוזאַמען מיט 'תשובה'. דאָס מיינט אַזאַ סאָרט תפלה ווען דער איד רעדט זיך אויס: "רבוש"ע, איך וויל אָפּלאָזן מיינע שלעכטע הרגלים, **איך ווייס אַז ס'איז נישט גוט פאר מיר, אָבער כ'האָב נישט דעם וועג פטור צו ווערן פון דעם יצר הרע.** איך האָב שוין פּרובירט. איך בעט זיך ברחמים, העלף מיר!".

ווי טייער איז אַזאַ אמת'דיגע און תמימות'דיגע תפלה ווען אַ מענטש לאָזט נישט נאָך, און ער איז מתפלל: "רבוש"ע, **איך גיי פּרובירן צו טון השתדלות, כ'וועל מאַכן גדרים וסייגים אפילו ס'קומט מיר אן שווער**, אָבער איך ווייס אַז איך קען נישט אַליין". דער רבוש"ע וואַרט מיט אַ ליבליכקייט אַז מיר זאָלן קומען זיך דורכשמועסן, און ער גייט אונז העלפן.

### קומען פאַרציילן נאָך איידער מ'כאַפּט מיט דער עוולה...

איך געדענק אַז זייענדיג אין ישיבה האָבן די בחורים צווישן זיך געשמועסט, אַז ס'איז דאָ איין בחור וואָס חוצפּה'ט זיך, ער דרייט איבער די ישיבה, אָבער **אָפּגעזען וואָס דער בחור טוט נאר אַלץ, וואַרפט אים דער משגיח נישט אַרויס**. טראָצדעם וואָס ער האָט שוין געטון אַסאַך ערגערע זאַכן ווי אַנדערע, ווען מ'האָט יאָ באַשטראָפט.

האָט איינער מסביר געווען, **וויאַזוי יענער באַוויזט דאָס טאַקע?** די סיבה איז, ווייל ער איז אַ קלוגער בחור'ל. יעדעס מאָל נאָכ'ן טון אן עוולה, מאַכט ער זיכער אַז נאָך איידער מ'כאַפּט אים, גייט ער צום משגיח און ער רעדט זיך אויס: "נעכטן ביים נאַכט סדר האָב איך זיך ממש פאַרלוירן, ס'איז געווען אַ שוואַכע מינוט... דער משגיח האָט אפשר אַן עצה פאר מיר, כ'וויל זיך דורכרעדן"... **וואָס זאָל דער משגיח יעצט טון?** ער קען נישט יעצט זאָגן: "הייב זיך אויף, נעם דיין תפילין, און גיי פון דאָ"... ס'אַרבעט נישט אַזוי.

ווען מ'דערציילט עס אויף אַזאַ סאָרט נוסח, הערט זיך עס אפשר ווי אַ ווערטל, אָבער **דער אמת בלייבט אמת**: ווען אַ איד קומט זיך אויסרעדן צום רבוש"ע, וועט ער זוכה זיין צו סליחה וכפרה!

### "טאַטע איך האָב דיר ליב!"

ענליך האָט אַ איד דערציילט אַ מעשה שהי', אַז אַ יונגל האָט איבערגעדרייט אין שטוב, און זיין פאָטער האָט אים געוואָלט שלאָגן, איז דער יונגל אַוועקגעלאָפן, **ער איז אַרויפגעטאַנצן אויף אַ בעט און האָט אָנגעהויבן שרייען: "טאַטי, כ'האָב דיר ליב"**... דער טאַטע זאָגט: "וואָס האָב איך געקענט טון? כ'האָב אים געמוזט לאָזן גיין"...

ס'איז נאָר דאָ איין תנאי דערביי, אַז **מ'זאָל עס טאַקע מיינען ערנסט**. מ'דאַרף באמת ווילן פאַררעכטן וואָס מ'האָט קאַליע געמאַכט, און **נישט ח"ו שפּילן 'געימס' מיט'ן אויבערשטן**. דער רבוש"ע ווייסט זייער גוט וואָס טוט זיך אין דעם מענטשנ'ס האַרץ.

### 'יודע תעלומות', נישט 'יודע עתידות'

דער רמב"ם זאָגט אַז דאָס איז דער באַדייט פון תשובה: "**ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם**". און אַלע מפרשים זענען מסביר (עיין מאירי, חיבור התשובה מאמר א' פרק ט. בית אלקים להמבי"ט, פ"ו, ושא"ס) אַז אודאי קען אַ מענטש נישט וויסן וואָס ס'גייט זיין שפּעטער, נאר די כוונה איז, אַז **בשעת די תשובה האָט מען אַן אמת'ע געפיל** אַז יעצט אויף דער מינוט וויל מען נישט צוריקגיין צו דער עבירה.

דער לוצערנער ראש ישיבה, הגאון רבי **יצחק דוב קאפּלמאן** זצ"ל, האָט מדייק געווען אַז דער רמב"ם זאָגט נישט "עד שיעיד עליו יודע **עתידות**", נאר "יודע **תעלומות**". דאָס מיינט אַז דער רבוש"ע ווייסט געוויס וואָס ס'גייט זיין אין דעם עתיד, אָבער ער קוקט אַריין **בלויז וואָס עס געפינט זיך יעצט אין דיין האַרץ!** ער קוקט אויב יעצט שפּילסטו אַ גע'ים אָדער דו ביסט יעצט זייער ערנסט דערביי און דו לאָזט אַ טרער ווען דו קומסט זיך איינבעטן אויף דיינע שלעכטע הרגלים.

ווען אַ מענטש צעוויינט זיך מיט אַ תפלה אַז השי"ת זאָל אים העלפן פּטור ווערן פון זיינע הרגלים, **איז דאָס די מצוות היום פון עשרת ימי תשובה!** ער שעמט זיך אמת'דיג, ער איז אָפן מיט'ן אויבערשטן, ער טוט פּעולות זיך צו טוישן. **ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף האָבן אַ נס**, ווייל 'הרגל נעשה טבע', און אויב כ'וויל עוקר זיין דעם הרגל, דאַרף איך דאָ האָבן אַ כח פון למעלה מדרך הטבע, **ממילא ווייס איך אַז נאר דער רבוש"ע קען מיר העלפן.**

### הייב אויף דעם טעלעפאָן...

במשך אַלע תפלות פון יום הכיפורים זאָגט מען אַזויפיל מאָל ווידוי, וואָס איז אַ חלק פון דער מצות עשה דאורייתא פון תשובה. איינס פון די יסודות פון ווידוי איז, אַז **דער מענטש לערנט זיך אויס צו זיין אמת'דיג מיט זיך, און ער לויפט נישט אַוועק.**

דאָס איז אַזויווי איינער וואָס האָט אַ חוב, און ער ווייסט גוט אַז **ס'איז שוין לאַנג דורכגעגאַנגען די באַשטימטע צייט ווען מ'דאַרף באַצאָלן**, און יעצט זעט ער אַז יענער רופט אים אויפ'ן טעלעפאָן... ער טוישט קאָלירן...

ער קען יעצט אויסקלויבן איינס פון די צוויי אָפּציעס. **איין מהלך איז אַ נאַרישע אָפּציע.** נישט אויפצוהייבן דעם טעלעפאָן. אָבער ס'איז אויך דאָ אַן אַנדערע מהלך, מען הייבט יאָ אויף, און מ'זאָגט פאר יענעם: "כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת. **איך שעם זיך פון דיר.** האסט מיר באמת געטון אַ גרויסע טובה און כ'געדענק זייער גוט אַז דו האסט מיר דעמאָלט געפרעגט צוויי מאָל: "דו גייסט האָבן דאָס געלט צייטליך? ווייל איך גיי זיך נוטיגן דערינען אויף יענעם דאַטום". איך האָב דיר פאַרשפּראָכן אַז כ'גיי עס האָבן גרייט, און כ'בין טאַקע געווען זיכער אַז כ'גיי עס האָבן, אָבער **למעשה האָב איך נישט דאָס געלט**. איך שעם זיך זייער שטאַרק. וואָס זאָל איך טון? איך גיי מאַכן אַ שטיקל פּלאַן וויאַזוי דאָס אָפּצוצאָלן צוביסלעך".

### זאָגן וידוי און נישט אַנטלויפן

ווען אַ מענטש הייבט אויף דעם טעלעפאָן און רעדט מיט אן ערנסטקייט, זעט יענער אַז ער שפּילט נישט דאָ אַרום. ער איז געזונט בנפש, ער ווייסט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און **ער גייט זייער שטאַרק פּרובירן דאָס נישט צו טון נאָכאַמאָל**. דעמאָלט איז יענער מסכים אָנצוהאַלטן דעם קשר מיט אים.

**יענער וועט דיר אפילו מסכים זיין נאָכאַמאָל צו באָרגן געלט אויף אַ הלוואה!**

אַנדערש איז אָבער, אויב דער מענטש הייבט נישט אויף קיין טעלעפאָן, ער איז נישטאָ צו באַקומען, **קען מען דאָך נישט רעדן מיט אים...**

דאָס איז די מצוה פון וידוי! דער רבוש"ע וויל איין זאַך: **קום צו מיר און זאָג דעם אמת.** איך פאַרשטיי אַז ס'קען געשען. זאָג בלויז 'על חטא שחטאנו לפניך', און זיי מכיר אַז: איך האָב זיך נישט ריכטיג געפירט. דאָס האָט פּאַסירט וויבאַלד כ'האָב נישט גענומען גענוג תענוג פון תורה, פון תפלה, און פון קרבת אלקים. צוביסלעך בין איך געוואָרן ליידיג, און ווייל כ'בין געווען ליידיג האָב איך גענומען תענוג פון פּלעצער וואָס טויג נישט. היות ס'איז געווען 'מים אין בו', דעריבער האָט פּאַסירט אַז 'נחשים ועקרבים יש בו'.

ד

# וישוב אל ה' וירחמהו; די רחמנות פון השי"ת צו ראַטעווען דעם מענטש פון מכשולות

## דורך תשובה באַקומט מען סייעתא דשמיא אויפ'ן יאָר

ווען אַ איד איז זיך ריכטיג מתוודה אום יום הכיפורים, ער רעדט זיך אויס: "איך ווייס אַז כ'גיי דאַרפן האָבן רחמי שמים דעם קומענדיגן יאָר. **כ'ווייס אַז איך גיי זיך נישט קענען אַליין מתגבר זיין.** רבוש"ע, פאַרלאָז מיך נישט, אפילו ווען כ'בין אין אַ שלעכטע מצב, לאָז נישט אַז ס'זאָל געשען". דעמאָלט וועט ער טאַקע געהאָלפן ווערן מיט סייעתא דשמיא!

וויפיל מאָל פּאַסירט אַז דער מענטש האָט שוין ליידער בוחר געווען צו טון אַן עבירה, **אָבער דער רבוש"ע האָט אים אַזוי ליב אַז ער לאָזט אים פּשוט נישט.** דער מענטש איז נעבעך אַ שלימזל מיט אַלע מפרשים, וויפיל ער וויל גייט עס אים נישט... ס'ליגט דאך אַזויפיל אהבה אין דעם! דער רבוש"ע וויל אים ראַטעווען. "ער האָט יעצט טאַקע אַ רוח שטות, אָבער איך גיי אים העלפן, ווייל אין די הייליגע טעג האָט ער מיר געבעטן אַז ווען ער גייט זיין אין אַ שוואַכע מינוט זאָל איך אים ראַטעווען"...

דער רבוש"ע מאַכט אַז ס'זאָל זיך נישט אויסאַרבעטן. דער מענטש קען נישט אויספירן די עבירה, אפילו ווען ער האָט בוחר געווען ברע. **ווייל דער רבוש"ע האָט מקבל געווען זיין תפלה וואָס ער האָט געבעטן אין די ימים נוראים** אַז ער זאָל ניצול ווערן פון אַן עת צרה. ס'איז דאך נישטאָ קיין גרעסערע עת צרה ווי יעצט. דער איד פרעגלט זיך דאָ אין אַ צרה. ער וויל נעבעך זינדיגן, דעריבער גייט מען אים העלפן פון הימל.

## גערעַטעוועט פון אַן אומגיסטיגן שמועס

אַמאָל מאַכט זיך אַז דער מענטש פאַלט אַריין אין אַ כעס. ער איז איבערצייגט אַז "דאָסמאָל איז יענער באמת נישט גערעכט... ביז יעצט האָב איך געקענט הערן אַז ס'איז דאָ צוויי צדדים, אָבער ביי דער מעשה? כ'וויל עס נישט זאָגן, אָבער ער איז ממש אַ חיי רעה... מ'טוט נישט אַזעלכע זאַכן..."

ער הייבט אויף דעם פאָון, ס'קאָכט אים. "איך גיי אים יעצט זאָגן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, כ'גיי אים מסביר זיין". **אָבער למעשה האָט יענער נישט יעצט קיין סערוויס...** מ'קען אים נישט כאַפּן.

עטליכע שעה שפּעטער האָט דער מענטש זיך שוין באַרואיגט, ער טראַכט אַריין וואָס עס וואָלט פּאַסירט ווען יענער וואָלט ווען יאָ אויפגעהויבן. אַזעלכע מעשיות ענדיגן זיך נישט דאָ, ס'האָט געוועגליך אַ המשך, "פאָרזעצונג קומט נעקסטע וואך"... און דאָ האָט השי"ת געהאָלפן, אַז **די מעשה איז ב"ה פאַרטיג נאָך איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן.** ער איז עס איבערגעשלאָפן, און ער האָט געכאַפּט אַז **דאָ איז געווען אַ נס** אַז יענער האָט נישט אויפגעהויבן. דער אויבערשטער העלפט פאַר אידן אַז מ'זאָל נישט דורכפאַלן! אָבער מ'דאַרף יעצט מתפלל זיין דערויף.

## בעטן יעצט, אויף די שוואַכע מינוטן בעתיד

אַמאָל קען זיך דאַכטן אַז די גאַנצע עבודה פון די ימים נוראים איז חלילה אַ שפּיל. יעצט איז מען זייער ערנסט, מ'וויינט אויף די פריערדיגע דורכפעלער, און מ'זאָגט זיך צו אַז מ'גייט קיינמאָל נישט צוריקגיין אַהין. אָבער אסרו חג סוכות גייט מען צוריק צום אַלטן. **דער מענטש וואונדערט זיך וואָס דאָ גייט פאָר.** אָבער דער אמת איז, אַז מען נעמט שוין טאַקע יעצט אין חשבון אַז דעם ערשטן מאָנטאָג נאָך יום טוב **גייט מען צוריקגיין צו דער אַרבעט**, און צו די זעלבע ראַנגלענישן און די זעלבע נסיונות.

דער רבוש"ע ווייסט אַז ס'גייט קומען אַ טבת מיט אַ שבט, אַ תמוז מיט אַן אב, ווען עס גייען זיך נאָכאַמאָל אויפוועקן די אַלטע הרגלים. אָבער דער רבוש"ע זאָגט: לאָמיר זיך צוזאַמרעדן, **לאָמיר מטכס עצה זיין וואָס צו טון.** עס גייען צוריקקומען די געלט ענינים, די בין אדם לחבירו ענינים. ס'גייט זיין שווער צו לערנען בקביעות יעדן טאָג אָן קיין מעשיות. ס'גייט זיין שווער אַז קביעת עתים זאָל זיין די העכסטע אויף די ליסטע - נישט בלויז אויב מ'האָט צייט. מ'גייט זיך דאַרפן מוטשן צו אויפשטיין צייטליך. מ'גייט זיך דאַרפן שלאָגן אויף קדושה, צו האָבן אָפּגעהיטענע אויגן און מויל.

השי"ת זאָל
אים העלפֿן
דורכאויס די
נסיונות וואָס
איך גיי דורכגיין
דאָס יאָר

ס'איז אָפּיציעל אַז **די אַלע נסיונות גייען צוריקקומען**, אָבער טאַקע דערפאַר בעט זיך דער איד היינט דערויף! די גמרא זאָגט (ר"ה יח, א): "יפה צעקה לאדם קודם גזר דין". יפה איז טייטש אַז ס'איז שיין. **דער רבוש"ע האָט עס ליב ווען אַ איד ווייסט אַז ס'גייט קומען שווערע צייטן און ער רעדט זיך אויס דערוועגן:** "רבוש"ע העלף מיר טרעפן דעם ספר וואָס וועט מיר געבן חיזוק אויף דעם ענין. העלף מיר טרעפן אַ גוטע חברותא וואָס גייט מיר אָנהאַלטן מיט אַ פעסטע קביעות עתים".

## עגמת נפש – כדי נישט צו פאַרגעסן פון השי"ת

אַמאָל זעט אַ איד אַז ער האָט ב"ה הצלחה לגבי אַסאַך ענינים, אָבער ביי איין פּראָבלעם טאַפּט ער אַ וואַנט. **ער גיבט זיך דאָרט ממש נישט קיין עצה**, און ער וואונדערט זיך: דער רבוש"ע איז דאך אַזוי גוט, טוב ה' לכל. אייגנטליך זע איך מיט די אויגן וויאַזוי השי"ת העלפט מיר אויף יעדן שריט און טריט, אויב אַזוי, פאַרוואָס רוקט זיך נישט דער ענין?! איך גלייב דאך אין השגחה פּרטית, און **בעצם דאַרף איך ניטאַמאָל גלייבן ווייל איך זע דאָס בחוש.** פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ מין הסתר ביי יענעם ענין? וואָס איז פּשט דערפון?

איינס פון די תשובות דערויף איז זייער פּשוט: **דו געדענקסט אַז דו האסט געבעטן אין די הייליגע טעג אַז דו ווילסט בלייבן נאָענט צום אויבערשטן?** דער רבוש"ע געדענקט דאָס נאָך! דערפאַר ביסטו נישט מצליח אין יענע געוויסע פּלאַץ, ווייל אַזוי בלייבסטו נאָענט צו אים!

טאָמער דו וואָלסט מצליח געווען אַלעמאָל, פּונקטליך וויאַזוי דו ווילסט, **וואָלסטו חלילה פאַרגעסן פון דעם רבוש"ע.** דאָס איז אָפּענע פּסוקים אין דער תורה, אין פּרשת וילך און אין פּרשת האזינו: **וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט.**

## אַן איידעלע אָבער שעדליכע הרגשה פון 'כחי ועוצם ידי'

ווען אַ מענטש קוקט זיך אָן און זאָגט: "דאָס לעבן גייט מיר גאַנץ פיין", **איז דאָס זייער נישט גוט פאַר אים!** ער גייט חלילה פאַרלירן זיין סייעתא דשמיא! **באמת איז דאָס זייער אַ דקות'דיגע געפיל**

**אין דעם נפש.** דער פּראָבלעם פון 'כחי ועוצם ידי' און 'וישמן ישורון ויבעט' איז נישט בלויז ווען מען שרייט דאָס אויס בריש גלי מיט אַ גאוה און ווען מ'איז פאַרגרעבט, נאר ס'איז אויך שייך אויף אַן אופן פון 'דקה מן הדקה'.

איך געדענק אַז עמיצער איז אַמאָל צוגעגאַנגען צו אַ יונגערמאַן אין כולל און ער האָט אים געגעבן אַ גוטן גריס פון זיין יונגערן ברידער וואָס לערנט אין ישיבה. האָט יענער געגעבן אַזאַ בליק און געזאָגט: "אודאי אַזוי, ער מוז זיין אַ פיינער בחור, ווען נישט וואָלט מען אים נישט אַריינגעלאָזט אין אונזער משפחה"...

אָט די סאָרט הרגשה, קומט נישט אַלעמאָל אַרויס מיט ווערטער, אָבער ס'קען בלייבן אין געפיל: "אודאי, איר קענט מיין שטוב? ביי אונז איז תורה וגדולה, ס'איז אַ דבר פשוט". **דאָס איז דאָך סם המוות!** ס'איז אַזאַ חורבן פאַר'ן נפש אפילו אויב מ'זאָגט עס נישט אַרויס! דער מענטש ווערט חלילה אָפּגעריסן פון דעם רבוש"ע. ער גלייבט באמת אַז זיינע הצלחות זענען אים צו פאַרדאַנקן: "וואָס זאָל מען טון, איך האָב טאַלאַנטן"...

## דער חסד פון די כסדר'דיגע פּאַטשערס

דעריבער, ווען דער אויבערשטער האָט רחמנות אויף דעם מענטש, **שיקט ער אים אַ דערמאַנונג יעדן טאָג.** אַמאָל שרייט אים איינער אָן, אַמאָל איז איינער ברוגז אויף אים, אַמאָל פּאַסירט עפּעס אַ שלימזלות, א.א.וו.

**טאָמער דער מענטש איז קלוג, נוצט ער דאָס אויס.** ער נעמט דאָס אָן ווי 'על הכלל כולו יצא', און ער טוט אַנערקענען אַז: "איך דאַרף אָנקומען צום רבוש"ע, איך בין נישט קיין גרויסער עניו, אָבער ס'איז אַ פּשוט'ער פאַקט, וואָס זאָל איך טון. כ'זע דאָך אַז כ'געב זיך נישט קיין עצה מיט גאָרנישט. כ'זע דאָך אַז כ'קען זיך נישט קיין ריר געבן ווען ס'קומט צו זאַכן וואָס איך וויל אַליין ערלעדיגן".

אַ איד דאַרף זיך איינבעטן און איינריסן אין די טעג, אַז **השי"ת זאָל אים העלפן דורכצואויס די נסיונות וואָס איך גיי דורכגיין דאָס יאָר.** ס'גייט זיין חושך, מיט נסיונות, דאָס גייט זיכער געשען! און דער מענטש פאַרשטייט אַז אַ מלחמה איז מלחמה, און נישט אַלעמאָל געווינט מען!

## יעצט בוחר זיין אויפ'ן גאַנצן יאָר

מ'קען זיך אַמאָל טועה זיין אַז ס'איז דאָ צוויי סאָרט לעבנס. **איין סאָרט לעבן פון 'שלש סעודות תורה',** וואָס דעמאָלט איז מען אין אַ מצב פון דערהויבנקייט. און דאַן איז דאָ **אַ צווייטע סאָרט לעבן פון 'רעאַליטעט',** ווען מ'וועקט זיך אויף מאָנטאָג אינדערפרי נאָך יום טוב...

אַ קלוגער מענטש פאַרשטייט אָבער, אַז **ס'איז נישטאָ קיין צוויי סאָרט לעבנס!** אויך ווען ער שטייט יוה"כ מיט'ן טלית איבער די אויגן, און ווייסט זיך אויס צום רבוש"ע, ווייסט ער קלאָר אַז עס גייען יאָ צוריקקומען די פּשוט'ע טעג, און **דעמאָלט גייט נישט זיין די אַלע 'אורות'.** ער איז יעצט מתפלל אויף דעמאָלט: "רבוש"ע, היט מיך אָפּ! איך ווייס אַז כ'גיי נישט אַלעמאָל בוחר זיין בטוב, אָבער איך בעט דיך, פאַרשליס מיך יעצט אום יוה"כ מיט אַ חותם, פאַרשפּאַר מיך אַז כ'זאָל נישט האָבן קיין בחירה!"

פרעגט אים דער רבוש"ע: "וואָס הייסט? ס'איז דאָך דאָ דער עולם הזה, ס'איז אַן עולם הבחירה". זאָגט דער איד מיט אַ געבעט: "נו, בין איך יעצט בוחר בטוב! **איך שטיי אַצינד אין ביהמ"ד און איך מאַך אַ בחירה, אַז איך וויל בלייבן נאָענט צו דיר אַלעמאָל!** געב מיר די סייעתא דשמיא דערצו".

## זיין אמת'דיג און בעטן אויף ווייטער

דאָס איז אַלזאָ די עבודה פון די הייליגע טעג. **צוערשט איז דאָ דער חלק פון 'וידוי',** צו אַנערקענען אַז דער וועג ביז היינט האָט נישט געטויגט, **זיין אמת'דיג מיט זיך אַליין,** זיך שעמען דערמיט, און רעדן אָפן צום אויבערשטן, וואוסנדיג אַז דער רבוש"ע פאַרשטייט מיך און וויל מיך העלפן.

דאַן איז דאָ דער צווייטער חלק, צו מתפלל זיין אויף די פּשוט'ע טעג וואָס גייען אונטערקומען במשך דעם גאַנצן יאָר. מ'קען יעצט **אַריינשיינען פון די לעכטיגע טעג צו די ווינטערדיגע טעג,** אַז אויך ווינטער זאָל בלייבן חול המועד. ווי **רש"י** זאָגט אין פרשת אמור: "להזהיר גדולים על הקטנים", די גרויסע הייליגע טעג זאָל באַלייכטן די קליינע טעג.

ה

# ונשוב אליך בלבב שלם; די תפלה אַז מ'זאָל קענען שטייגן פון אַלע סאָרט מצבים

## די אומשטענדן זאָלן אונז נישט אַפעקטירן

ס'איז דאָ נאָך אַ חלק וואָס מ'קען זיך אויסבעטן אין די הייליגע טעג, דאָס איז ווען מ'ווייסט אַז במשך דעם קומענדיגן יאָר, גייען סיי כלל ישראל און סיי דער מענטש בפרטיות, דורכגיין פאַרשידענע מצבים, און מ'איז מתפלל אַז מ'זאָל ווערן דערהויבן דערפון.

אודאי בעט מען אויך אַז **ס'זאָל בכלל נישט קומען קיין צרות פאַר אידישע קינדער,** כַּלֵּה דֶּבֶר וְחֶרֶב וְרָעָב וּשְׁבִי וּמַשְׁחִית וכו', אָבער אַ גרויסער טייל פון די תפלות זענען **אויף רוחניות,** הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ. אַז מ'זאָל אַלעמאָל בלייבן נאָענט צום רבוש"ע.

## 'קאָוויד' האָט געדאַרפט פּאַסירן

לאָמיר נעמען אַלס אַ משל ראש השנה שנת תש"פ. מיר זענען אַלע געשטאַנען אין בית המדרש און זיך איינגעבעטן ביי 'אבינו מלכינו'. דער רבוש"ע האָט שוין דעמאָלט געוואוסט אַז דעם קומענדיגן יאָר גייט קומען אַ נייע סאָרט פּרשה פון 'קאָוויד' וואָס קיינער האָט זיך דאָס נישט געקענט פאָרשטעלן און ס'איז קיינעם אפילו נישט איינגעפאַלן אַז אַ זאַך קען פּאַסירן.

דער אמת איז אָבער, אַז **די פּרשה האָט געדאַרפט פּאַסירן.** דער רבוש"ע האָט אַזוי געפירט ווייל כלל ישראל האָט געדאַרפט דורכגיין אַזאַ סאָרט תקופה, מיט אַלע נסיונות און שווערע מצבים וואָס זענען מיטגעקומען דערמיט.

דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ יעדעס יאָר. השי"ת ווייסט אַז במשך די קומענדיגע 12 חדשים גייען געשען **פאַרשידענע זאַכן וואָס דאַרפן דעמאָלט פּאַסירן.** ס'מוז נישט זיין דווקא צרות, אָבער ס'גייט זיכער זיין געוויסע מאורעות, מצבים, און געשעענישן וואָס מ'וויל פון הימל אַז ס'זאָל געשען. אונזערע תפלות זענען אַז **די געשעענישן זאָלן זיין אויף אַ צורה וואָס ברענגט כבוד שמים,** און אויף אַ מהלך וואָס זאָל אונז ברענגען נאָענטער צום רבוש"ע.

## פון יעדע פּאַסירונג קען מען שטייגן

דער כלל איז, אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש גייט דורך אַ נסיון אין לעבן, האָט ער שטענדיג די מעגליכקייט **צו אויסנוצן דעם מצב, און זיך אויסלערנען דערפון עפּעס אַ לימוד,** וויאַזוי אָנצוקומען צום תכלית פון קרבת אלקים.

אַזוי שטייט אין ספה"ק **דגל מחנה אפרים** (פרשת חיי שרה) אַז דוד המלך האָט מחבר געווען די פינף ספרים פון ספר תהלים וואָס איז קעגן די חמשה חומשי תורה, ווייל יעדעס מאָל ווען ער איז דורכגעגאַנגען אַ צרה אָדער אַ נסיון **האָט ער דאָרט געטראָפן אַ שטיק אור פון תורה,** און ער האָט דעמאָלט מחבר געווען אַ קאַפּיטל תהלים וואָס איז קעגן יענע פּרשה אין דער תורה.

ווען ס'איז געווען "בברחו מפני אבשלום בנו" איז אים נתגלה געוואָרן אַן אור פון תורה, דאָס זעלבע ווען ס'איז געווען "**בבוא הזיפים**", און ווען ער איז אַוועקגעלאָפן "מפני שאול במערה", יעדע מצב האָט אים געברענגט צו פאַרשטיין נאָך אַ פּרשה אין דער תורה, און ער האָט דערפון געמאַכט קאַפּיטלעך תהלים אויף לדורות.

[אפילו ווען דוד המלך האָט געהאַט אַן ענין פון אַ חטא, וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה דעריגען, האָט ער אויך געמאַכט אַ קאַפּיטל נ"א. הגה"ק בעל **נועם אליעזר מסקולען** זצ"ל שרייבט אין זיין תהלים, אַז וויבאַלד די גמרא זאָגט אַז דער גאַנצער חטא איז נאָר געווען 'להורות תשובה ליחיד', קומט אויס אַז דער קאַפּיטל נ"א - וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דעמאָלט - **איז בכלל נישט געמאַכט געוואָרן פאַר דוד המלך.** מ'האָט אים בלויז געגעבן פון הימל דעם סאָרט מצב, **כדי אַז ער זאָל מאַכן דעם קאַפּיטל פאַר אונז!** ער אַליין האָט נישט געדאַרפט וויסן דעם חלק פון תורה, ס'איז געווען בלויז להורות תשובה

לדורות, און ווען אַ איד זאָגט דעם קאַפּיטל מיט פּירוש המילות קען ער טאַקע באַקומען דעם אור פון תשובה.]

### בעטן אַז מ'זאָל באַקומען דעם אור פון די מצבים

על כל פנים: דורכאויס דעם קומענדיגן יאָר גייט יעדער יחיד דורכגיין פאַרשידענע געשעענישן, וואָס ער ווייסט יעצט נאָכנישט דערפון.

במשך די ימים נוראים, דאַווענען מיר בדרך כלל אויף די זאַכן וואָס דרוקן אונז יעצט אויפ'ן מינוט. אויב מ'גייט דורך אַ פּרשה פון רפואה, דאַוונט מען אויף רפואה. אויב מ'גייט דורך אַ פּרשה מיט געלט, דאַוונט מען אויף פּרנסה, אָבער גלייכצייטיג דאַרף מען נישט זיין קיין גרויסער חכם צו פאַרשטיין אַז **במשך דעם יאָר גייט אונטערקומען אַלע סאָרט זאַכן**. השי"ת זאל העלפן אַז ס'זאָל נישט זיין ממש קיין צרות, אָבער מ'גייט זיך זיכער טרעפן אין פאַרשידענע געשעענישן און סיטואַציעס.

**יעדע אַזאַ סאָרט מצב האָט אין זיך אַן אור!** דער רבוש"ע איז 'יוצר אור ובורא חושך' - ער לייגט אַריין דעם ליכטיגקייט 'אין' דעם פינסטערניש. מ'קען שטייגן דורכדעם, מ'קען באַקומען אַ נייע הבנה אין תורה, וואָס נאָר דער מצב האָט געקענט ברענגען. מ'קען פאַרשטיין עפּעס וואָס מ'וואָלט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען אָן דעם.

### לעולם יקדים אדם תפלה

דער כלל איז גילטיג סיי ביי אַ יחיד און ביים רבים. יעדעס מאָל ווען אידישע קינדער גייען דורך אַ גלות איז דאָ עפּעס וואָס כלל ישראל לערנט זיך אויס אין דעם גלות. **מ'באַקומט אַ נייע תשוקה צום רבוש"ע און צום בית המקדש**. ס'איז דאָ זאַכן וואָס מ'לערנט נאָר פון אַ שווערן מצב.

אויך פאַר'ן יחיד גייט במשך דעם יאָר געשען אַלע סאָרט געשעענישן. דער אויבערשטער מאַכט דירעקט אַזאַ סדר. 'ומביא גואל לבני בניהם' - השי"ת שטופּט די וועלט אַז ס'זאָל ווערן נאָנטער צו דער גאולה.

אין די הייליגע טעג דאַרף מען נאָר מתפלל זיין: רבוש"ע, **עפן אויף מיין קאָפּ און מיין האַרץ, אַז ווען ס'וועט קומען די מצבים זאָל איך עס קענען אויסנוצן**. איך זאָל קענען אַרויסלערנען פון דעם מצב אַלעס וואָס כ'דאַרף זיך לערנען דערפון.

### ווען עס פּאַסירט פּאַקטיש איז דער קאָפּ נישט דאָהי

ווען דער מענטש טרעפט זיך ערגעץ אינמיטן חודש שבט, און עס פּאַסירט אַ נייע סאָרט מצב, **ווערט מען געוועינליך פאַרלוירן און איבערראַשט**. אפילו ווען ער איז נישט ברוגז, אָבער דער מח איז צופאַרן, ער האָט דאָך נישט געפּלאַנט אַז דאָס גייט אונטערקומען. ער לויפט אַהין און צוריק, **אָבער ער נוצט נישט אויס די געלעגנהייט**: "אין מינוט, מ'קען זיך עפּעס לערנען דערפון. מ'קען זיך לערנען וויפיל מיר זענען אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, מ'קען דערהערן דאָס גדלות ה', די רחמים וחסדים פון השי"ת, מ'קען אויסמעקן עבירות דורך די צער ויסורים. **ס'איז אַ געלעגנהייט!** מ'קען זיך לערנען אַסאַך קרבת אלקים און אַסאַך תורה פון דעם מצב."

דעמאָלט, בשעת מעשה ווען ס'פּאַסירט, **איז דער מענטש נישט דאָהי, ווייל ער איז אַזוי טרוד**. דעריבער איז אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט אַז מ'זאָל יעצט דאַווענען און אַריינלייגן תפלות: "רבוש"ע, העלף מיר אַז ווען ס'וועט אונטערקומען אַ קאָמפּליצירטע מצב, זאָל איך מיך קענען לערנען דערפון וואָס כ'דאַרף זיך צו לערנען".

### יעצט איז די צייט צו ממתיק זיין די שפע

דער רבוש"ע גיבט אונז נאָך אַ גאַנצע יאָר וואָס דער יאָר איז אָנגעפּאַקט מיט 'טוב'. מיר דאַרפן עס נאר אויסנוצן און **אַרויסנעמען דעם 'טוב' פון יעדן מצב**. אַז יעדע סיטואַציע זאל ווערן אַ וועג צו שטייגן מיט קרבת אלקים, אָבער אָנהויב יאָר, ווען ס'קומט אַראָפּ די גאַנצע שפע, **דעמאָלט דאַרף מען עס זיס מאַכן**. יעצט איז די צייט צו מתפלל זיין, אַז דער רבוש"ע זאָל אונז ווייזן דעם וועג, וויאַזוי זיך צו אויסלערנען נייע לימודים פון יעדן מצב, ותן חלקינו בתורתך!

יעדער מענטש האָט במשך דעם יאָר אַזויפיל געלעגנהייטן צו קענען לערנען און פאַרשטיין נייע זאַכן. עס וואַרט אָפּ פאַר'ן מענטש גאָר אַסאַך הבנות וואָס איז אים נוגע אויף למעשה, זאַכן וואָס קענען אים באַגלייטן. און מ'דאַרף נאר מתפלל זיין אַז השי"ת זאל דאָס אַריינלייגן אין אונזער מח.

### יעדן טאָג באַקומען אַ פרישער אור אין תורה

אויפ'ן פּסוק (שמות יט, א): **ביום הזה באו מדבר סיני**, זאָגט רש"י: "**בכל יום יהיה בעיניך כחדשים**". לכאורה דאַרף מען דאָס פאַרשטיין, וויאַזוי קען עס זיין אַז אַ מענטש זאָל לערנען די זעלבע מסכת צום 50'סטן מאָל און ס'זאָל זיין ממש ווי ניי? נאר ענטפערט דער הייליגער מאור עינים (פרשת האזינו) אַז יעדעס מאָל וואָס אַ איד זעצט זיך צו לערנען, **באַקומט ער אַ נייע שכל פון הימל!** ער באַקומט אַ נייע השגה אין תורה, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט בעפאָר. ווי די **גמרא** זאָגט (עירובין נד, ב): "דברי תורה, כל זמן שאדם הוגה ומוסיף להגות בה, מוצא בהן טעם". דער מענטש טוט יעדן טאָג די זעלבע זאַך, ער זיצט ביי דער גמרא ווי געוועינליך. אָבער דער שכל וואָס דער אויבערשטער לייגט אַריין ווען ער זיצט ביי דער גמרא, דאָס איז אַלעמאָל ניי!

איך וויל נישט זען וואָס כ'האָב געזאָגט לעצטע מאָל, כ'וויל דאָס איבערלערנען נאָכאַמאָל פונדאָסניי

מ'פאַרציילט אויף איינער פון די גרעסטע מרביצי תורה בדורינו, וואָס לערנט שוין פאר צענדליגער יאָרן די זעלבע סוגיות און חידושים, אַז ער האָט אַמאָל געבעטן פון אַ תלמיד, אים צו ברענגען די נאָטיצן פונעם שיעור וואָס ער האָט פאַרגעלערנט פאַראַיאָר. אָבער דאַן האָט ער געזאָגט אַז ניין, **איך וויל נישט זען וואָס כ'האָב געזאָגט לעצטע מאָל, כ'וויל דאָס איבערלערנען נאָכאַמאָל פונדאָסניי!** ווייל דער רבוש"ע איז יעדן טאָג משפיע נייע תורה אויף דער וועלט. כ'וויל נישט איבערזאָגן אַלטע זאַכן, איך וויל פאַרלערנען מיט דער נייער שכל וואָס דער אויבערשטער וועט מיר געבן.

### אין יעדן מצב - אַ נייע שכל פון געטליכקייט

פונקט ווי דאָס איז אַקטועל ביי אַ שיעור פון גמרא, איז דאָס פונקט אַזוי שייך **ווען השי"ת שיקט פאַר'ן מענטש אַ נייע מצב**. אויב דער איד וויל דעמאָלט בלייבן מיט'ן אויבערשטן, ער זאָגט אַ קאַפּיטל תהלים, ער פרעגט אַן ערליכער איד, ער קוקט אַרויס אויף די ישועת ה', ער לאָזט זיך פירן פון דער הנהגה עליונה, **דעמאָלט לייגט דער אויבערשטער אַריין ביי אים אַ נייע שכל!**

מיר שטייען אַצינד פאר אַ נייע יאָר, ווען עס וואַרט אונז אָפּ פאַרשידענע געשעענישן, וואָס יעדע פּאַסירונג איז אַ געלעגנהייט קונה צו זיין פרישע חידושים אין קרבת ה'. **פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס סתם דורכגיין?**

מ'איז נישט בלויז מתפלל אַז ס'זאָל זיין אַ יאָר וואָס עס פּאַסירט גאָרנישט, בלויז מ'זיצט און מ'לערנט, און ס'איז דאָ פּרנסה, 'איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו', ווייל **מיר ווייסן אַז דער רבוש"ע האָט אַנדערע פּלענער**. אודאי האָפט מען אַז ס'זאָל זיין 'טוב הנגלה', בטוב ובנעימים, אָבער ס'גייט זיכער אויך קומען פאַרשידענע אומשטענדן וואָס זענען בעצם געלעגנהייטן צו שטייגן און מ'איז מתפלל אַז מ'זאָל דאָס ריכטיג אויסנוצן.

### די תפלות זענען נישט געגאַנגען לריק

אַמאָל קען אַ מענטש טראַכטן אַז פאַראַיאָר האָב איך אַזויפיל געדאַוונט אויף אַ גוט געבענטשט יאָר, און למעשה איז דאָס יאָר געווען אַ שטיקל דורכפאַל. איך האָב באמת מתפלל געווען, אָבער אַסאַך זאַכן האָבן זיך נישט אויסגעאַרבעט.

ווען ס'קומט נאָכאַמאָל די הייליגע טעג, קען מען צומאָל האָבן אַן אינטערעסאַנטע הרגשה. "פאַראַיאָר האָט עס נישט געאַרבעט, לאָמיר האָפן אַז דאָס מאָל גייט עס אַרבעטן". ווילאַנג דער מענטש איז נאָך יונג האָט ער נאָך די תמימות, אָבער ווען מ'ווערט עלטער מאַכט ער אַ החלטה אין מח אַז ס'איז חלילה סתם אַ נוסח וואָס מ'דאַרף זאָגן. אויב זיין יונגל פרעגט אים עפּעס דערוועגן, טוישט ער די נושא: "לאָמיר גיין ווייטער... קוק אַריין אין מחזור". ער ווייסט נישט פונקטליך וויאַזוי דאָס צו פאַרענטפערן.

דער אמת איז אָבער, אַז טאָמער דו האסט איינגעריסן ביי נעילה, און עטליכע וואָכן נאָך סוכות

איז געווען אַ חורבן אין דיין ביזנעס, **פאַרשטיי אַז דאָס איז אַ חלק פון דיינע תפלות!** דו ביסט מתפלל אַז דעמאָלט ווען ס'גייט קומען אַזאַ מצב, **זאָלסטו קענען שטייגן דערפון!** זאָלסט קענען דערהערן וואָס מ'דאַרף דערהערן, זאָלסט קענען בוחר זיין בטוב!

## ס'איז געווען אַן אָנגעפולטע יאָר!

די ריכטיגע תפלה פון אַ איד דאַרף זיין: רבוש"ע, **איך ווייס אַז ס'גייט קומען אַ יאָר מיט אַלע סאָרט מצבים און נסיונות. איך בעט דיר, האַלט מיך אָן!** איך בין מתפלל דערויף, איך געב צדקה דערויף, איך טו תשובה אויף דעם, איך מאַך קבלות טובות, ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, אַז דו זאָלסט מיר אָנהאַלטן דעמאָלט.

שפּעטער ווען דער מענטש קומט אָן ראש השנה און ער קוקט צוריק אויף דאָס פאַרלאָפענע יאָר, זאָגט ער אַזוי: ס'איז טאַקע געווען אַלע סאָרט שווערערע און גרינגערע מצבים, **אָבער ס'איז געווען אַ פולע יאָר!** איך בין ב"ה אַסאַך געשטיגן און כ'האָב זיך אַסאַך געלערנט פון דעם יאָר! דער רבוש"ע האָט מיר אַזויפיל געהאָלפן! יעצט גיי איך זיך איינבעטן אויף נאָך אַ יאָר די זעלבע תפלות, אַז דער רבוש"ע זאל לעכטיג מאַכן בשעת די געשעענישן וואָס דאַרפן געשען, אַז ס'זאָל ביי מיר בויען כבוד שמים, ס'זאָל ביי מיר אַריינברענגען קרבת אלקים און קדושה! ס'איז נישט פשט אַז פון די פאַריעריגע תפלות איז גאָרנישט געשען. אודאי זענען די תפלות יאָ נתקיים געוואָרן, אידן האָבן ריכטיג אויסגענוצט די מאורעות צו התקרבות לה'.

ווען אַ מענטש לעבט אַזוי, דעמאָלט נעמט דער אויבערשטער אָן זיין תפלה מיט זיין תשובה. דער רבוש"ע איז אַ רוצה בתשובה. דער אויבערשטער פריידט זיך מיט דעם איד וואָס טוט תשובה. דער רבוש"ע זאָגט: "חזו בני חביבי, וואָס זיי זוכן נישט צו זיין גערעכט, נאר **זיי טראַכטן וויאַזוי צו זיין בעסער.** זיי זיצן און טראַכטן וואָס האָב איך געטון נישט ריכטיג און וויאַזוי קען מען וואַקסן ווייטער".

דער אויבערשטער זאָל אונז אַלע בענטשן מיט אַ גמר חתימה טובה. מיר זאָלן טאַקע געהאָלפן ווערן מיט אַ לעכטיג זיס יאָר, אמן.

# נקודה למחשבה

# די ווערטער פון ווידוי רייניגט אָפּ אונזער נשמה

ליל שישי פרשת וילך ד' תשרי תשפ"ג

## ווידוי איז אַ יסודות'דיגער חלק פונעם הייליגן טאָג

יום הכיפורים איז מען עוסק אַגאַנצן טאָג אין ווידוי. **נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זאָגט מען 'על חטא'**, ביי שמונה עשרה בלחש און ביי חזרת הש"ץ. צומאָל שפירט אַ מענטש אַז אַנדערע חלקים פונעם דאַווענען רעדן מער צו אים. צום ביישפיל, ווען ער בעט תפלות אַז השי"ת זאָל אים רייניגן פון עבירות, ווען ער איז מתפלל אַז השי"ת זאָל אים געבן אַ גוטע געבענטשטע יאָר, ווען ער איז עוסק בשירות ותשבחות. אָבער **פאַרוואָס דאַרף מען אַזויפיל זאָגן "אשמנו בגדנו"?** לאָמיר טון עפּעס למעשה, לאָמיר גיין אויסזאָגן תהלים...

למעשה זעט מען אָבער אין דעם מחזור אַז אַ גרויסער פּראָצענט פונעם דאַווענען האָט מען יאָ מתקן געווען אויף דער מצוה פון ווידוי, ווייל **דאָס איז גאָר אַ יסודות'דיגער מיטל** צו רייניגען די נשמה און אונז נענטער ברענגען צו השי"ת.

## דער חטא קלעפּט זיך אָן וויפיל מער מ'האָט הנאה

דער גרעסטער פּראָבלעם פון אַ איד, איז **ווען די עבירות זענען אנגעקלעפּט און צוגעטשעפּט צו זיין נשמה.** אין דער מינוט וואָס אַ מענטש קען אָפּטיילן זיין אייגענע 'זיך' פון די חטאים, אַז ער איז נישט בעצם קיין מהות פון חטא, טוט דאָס אַליין אָפּוואַשן זיין נשמה.

מ'זעט אין **חז"ל** אַז דער עיקר פגם פון אַן עבירה איז ווען מ'האָט אינזין צו טון די עבירה (מתכוון), אָדער ווען מ'האָט הנאה פון דער עבירה (נהנה), ווייל דעמאָלט **האָט דער חטא זיך מחבר געווען צו דעם מענטש אַליין.** ס'האָט אָנגערירט זיין פנימיות!

## דיבורים פון ווידוי טרייסלט אָפּ דעם חטא

אָבער אויך נאָכדעם וואָס די עבירה האָט זיך שוין אנגעקלעפּט אויפ'ן נפש האדם, קען מען מקיים זיין דעם 'כבולעו כך פולטו' - פּונקט ווי מ'פאַרשטייט אַז אויב דער חטא איז געטון געוואָרן מיט מחשבה און הנאה האָט זיך עס מער מחבר געווען צום מענטש, דאָס זעלבע איז פאַרקערט: **ווען אַ מענטש זאָגט אַרויס מיט צער אַז ער דאָס נישט געוואָלט טון, דעמאָלט שפּייט ער אויס דעם חטא פון זיין נפש!**

טאָמער דער מענטש איז מסיח דעת און ער זאָגט: "לאָמיר נישט רעדן וועגן די אומבאַ'טעמ'טע זאַכן, לאָמיר רעדן וועגן אַנדערע מצוות", האָט ער געלאָזט די עבירה אנגעקלעפּט אויף זיין נשמה, אָבער ווען ער איז יאָ מסכים צו מכיר זיין אַז ער האָט געזינדיגט, ער רעדט וועגן דעם מיט ווייטאָג, דעמאָלט טשעפּעט ער דאָס אָפּ פון זיך אַליין! **ווען דו זאָגסט אַרויס דיין פּראָבלעם האָסטו עס שוין אָפּגעטיילט פון דיין מהות!** די שברון לב און די עגמת נפש וואָס דער מענטש האָט, בשעת ער איז זיך מתוודה אַז ער האָט געטון אַן עבירה, **דאָס אַליין האָט אַ גרויסן כח אים צו אָפּוואַשן**, ס'נעמט אַוועק דעם חטא פון אים!

דאָס איז איינס פון **די געוואַלדיגע מתנות וואָס דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן,** אַז מ'זאָל זיך קענען אויסרייניגן אין אַזעלכע הייליגע טעג. דער איד שטייט יום הכיפורים און ער איז עוסק אין ווידוי: "איך בין זיך מודה ומתוודה אַז אַזוי איז געווען. איך וויל נישט אַז ס'זאָל אַזוי זיין, אָבער דער גוף האָט זיך אַזוי געפירט". און בשעת ער זאָגט אַרויס דעם 'על חטא' טראַכט ער אַ תפלה אַז "יהי רצון עס זאָל זיך נישט נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן". **אָט די זאַך אַליין האָט דעם כח צו אָפּרייניגן די נשמה!** עס נעמט אַראָפּ דעם טמטום הלב וואָס דער חטא האָט געברענגט, און עס ברענגט אונז צוריק נאָענט צום רבוש"ע.


פטרון חודש תשרי
לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש,
מרביץ תורה לעדרים הרב החסיד
רבי יוסף צבי
ב"ר מרדכי שמואל רדזמינסקי זצ"ל
נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

פטרון יום הכיפורים
נתנדב לעילוי נשמת הבחור החשוב
הבה"ח משה
בלהבחל"ח ר' ישראל נ"י
נלב"ע ט' תשרי
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 0480.20.16.18
לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com



ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקער 25
ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד
ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד

גליון נאמר מרדכי
שיעורי הרה"ג ר' מרדכי הערש שפיטצער שליט"א

# שיעור הכנה ליום הכיפורים

תשפ"ד

בס"ד

וועלן מיר אנהייבן די שיעור די וואך, מיט סייעתא דשמיא אויף **יום כיפור תשפ"ה**,דער אויבערשטער זאל העלפן די שיעור זאל זיין לזכות פאר אלע אידן המצפים לישועה וואס קוקן ארויס פאר א הצלחה'דיגע יאר, אלע צוהערער'ס, יעדער זאל געבענטשט ווערן מיט א זיס לעכטיג יאר און א גמר חתימה טובה.

## ושאל "לא" במשפט האורים

פאר איך הייב אן די שיעור, וויל איך נאכזאגן א געדאנק וואס איך האב געהערט פון ידידי הרה"ח **ר' יואל היילברוין הי"ו** האט ער מיר נעכטן נאכגעזאגט פון **הרה"צ ר' ישראל שלום שטיינבערג שליט"א** אז דער עולם איז געוואוינט ווען מען טוט א שידוך גייט מען אריין צו א רבי בעטן א ברכה, דער אויבערשטער זאל העלפן די שידוך זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת.

האט הרב ר' שמחה שלום געזאגט, אז מען דארף ווען איינשטעלן אז ביי יעדע שידוך, פאר די טאטע זאגט ניין פארן שדכן, זאל ער אויכעט גיין צום רבי'ן פרעגן צו ער זאל זאגן ניין אויף דעם שידוך, נישט נאר ביי די יא זאל מען גיין צום רבי'ן, נאר ווען מען טוט נישט קיין שידוך זאל מען אויך פרעגן דעם רבי'ן.

## דעם חתם סופר'ס הכנה צו כל נדרי

אין דער אמת איז אז דאס איז מעניינא דיומא, ווען מען גייט יעצט רעדן אביסל פון יום כיפור, דער הייליגער **חתם סופר** פאר עס איז געקומען די מינוטן פון כל נדרי האט ער אריינגערופן זיינע קינדער און ער האט געזאגט פאר זיינע טעכטער, אז נאך פאר זיי זענען מקבל קדושת היום, וויל ער אז זיי זאלן גיין אנטראגן א שידוך פאר א יתומה.

האבן זיי געזאגט טאטע, ס'וועט סיי ווי נישט געשען פאר יום כיפור וואס ברענט דאס אויפן מינוט, האט דער חת"ס געזאגט גיב א קוק מיר דארפן זכותים פארן יום הדין מ'דארף זכותים פאר יום כיפור, און ממילא איז דאס די גרעסטע זאך וואס מען קען טון, און ממילא איז דאס מעניינא דיומא אביסל.

## די גרייטע תשובה פארן שדכן

א שטיקל לימוד פאר מען ווארפט זיך אזוי און מען זאגט ניין פאר א שדכן, וואס דער סדר העולם איז אז א מענטש זאגט קודם נאטורליך ניין, דער שידוך איז נישט פאר מיר.

נאכדעם אפילו ווען ער האלט שוין אז דער שידוך איז יא פאר אים האט ער שוין א פראבלעם, ווייל ער קען שוין נישט צוריקציען פון דער ניין וואס ער האט געזאגט ער דארף דעקן זיין ניין!

ממילא פאר מען זאגט ניין, אפילו ווען עס זעט דיר אויס א הונדערט פראצענטיגע ניין, גיי שמועס דאס איבער מיט א גוטער איד, גיי שמועס דאס איבער מיט דיין רבי, און דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין מיט הצלחה.

## וכך היה תפילת כהן גדול

כ'האב געוואלט ארויסברענגען א שטיקל נקודה וואס איך שפיר אז מען דארף דערפון רעדן, איבער די מצב וואס גייט פאר מיט אחינו בני ישראל.

אונז ווייסן מיר אז דער הייליגער **רבי ז"ל** פלעגט אייביג מתפלל זיין, אז דער אויבערשטער זאל העלפן די מדינה זאל בטל ומבוטל ווערן, להעביר גילולים מן הארץ, און ס'זאל נישט קאסטן קיין אידישע נפשות.

מיר ווייסן כלל ישראל איז אין א גרויסע סכנה, אידן די בכל אתר ואתר, אידן קומען יעצט צוריק פון אייראפע ווי זיי זענען געווען, און מ'פארציילט די ברענעדיגע אנטיסמעטיזם וואס גייט פאר אין די גאנצע וועלט רח"ל, ס'איז עת צרה הוא ליעקב מען דארף מתפלל זיין, און בעטן דעם רבוש"ע.

ליידער האבן מיר די ציונים, זיי רייצן זיך מיט די אראבער א גאנצן צייט, אן קיין שום חשבון מען טראכט נישט אריין וויפיל אידישע קרבנות דאס קאסט, מ'איז עובר אויף אזעלכע יהרג ואל יעבור'ס.

## לא נס מהם עד אחד

און דער אמת איז די רבי ברענגט דאס שוין אין **על הגאולה** ביי די זעקס טאג'יגע מלחמה אז די וואס זאגן אז דאס איז געווען ניסים דאס איז סתם שקר, וואס הייסט ס'איז געווען ניסים? די מדינה איז א מדינה וואס האט אזויפיל געווער, זיי באקומען פון אמעריקע און פון אלע לענדער, פון איבעראל באקומען זיי אזויפיל געווער, איינס מיט איינס קומט אויס צוויי, ווען ס'איז דא אזויפיל געווער און מ'האט מלחמה מיט פרימאטיווע אראבער'ס ממילא קומט אויס אז זיי קענען געווינען די מלחמה, וואס האט דאס מיט ניסים?! ס'האט נישט קיין שייכות מיט ניסים.

## זכות ההצלה

אבער איך שפיר וואס איז יא וויכטיג און מ'דארף ארויסברענגען א שבח והודאה פארן הייליגן באשעפער, אז

אין א אזא זמן וואס די רשעים די רוצחים, ווי דער עולם האלט מיט, ווען די איראנער האבן געשאסן באליסטישע מיסל'ס און זייער ציל איז געווען אז ס'זאל קאסטן הונדערטער אדער טויזנטער אידישע קרבנות, און דער אויבערשטער האט געהאלטן זיין רעכטע האנט.

אין זכות, כ'האב נאך געוואלט נאכזאגן א שטיקל הקדמה פון על הגאולה ווי די רבי זאגט **ובזכות בני ישראל הכשרים שבורי לב** אין די זכות פון די ערליכע אידן וואס זיי האבן צובראכענע הערצער **הדרים שם** וואס וואוינען אין ארץ ישראל, **הנאנחים והנאנקים** וואס זיי קרעכצן און זיי וויינען און שרייען, **ושפכו לבם כמים לפני השי"ת** זיי וויינען צום באשעפער **וסבלו פחד ואימה נוראה** זיי ליידן פון פחד ואימה **נוראה אימת מות, וסכנה גדולה ח"ו, בזה נתבטלה הגזירה שבאה ע"י האפיקורסים האלה עורכי המלחמה** דוקא דורך די ערליכע אידן וואס ליידן אזעלכע פחדים זיי גייען אריבער אזעלכע שוועריקייטן דאס איז די גורם אז די מלחמה זאל נישט שאטן, און ס'זאל נישט קאסטן אזא פרייז, און דאס איז די סיבה פארוואס ס'איז זיי נישט געלונגען.

## ולא נאמר עוד אלקינו למעשה ידינו

און מ'דארף דאס וויסן זייער זייער קלאר, **אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר**, ס'האט גארנישט צו טון מיט די כחות פון די ציונים, וואס זיי לייגן אריין, אוודאי גייען זיי ארום פאמפענען כוחי ועוצם ידי אונז האבן געמאכט, אונז האבן געטון.

מ'האלט יעצט א יאר נאכדעם וואס האט זיך קלאר ארויסגעוויזן אז ס'איז נישט אמת ווען דער אויבערשטער האט געוואלט, האבן פרימאטיווע אראבערס געקענט אריינקומען און דורכגעפירט אזא שחיטה מיט אזא רציחה, מיט די אלע זאכן וואס איז דא, ס'איז קלאר אז זיי זענען רוצחים, אבער ס'איז אויך קלאר אז מ'רייצט זיך מיט זיי.

אבער אידישע קינדער דארפן געבן א שבח והודאה פארן הייליגע באשעפער, אז דאס האט נישט געקאסט קיין אידישע קרבנות, סיי יעצט ווען מען האט געשאסן, און סיי ראש חודש ניסן ווען מען האט געהאט געשאסן דעמאלט אזויפיל מיסלס, האט דער אויבערשטער געהאלטן די רעכטע האנט, נאר דער אויבערשטער אליינ'ס האט דאס געטון.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז ס'זאל שוין זיין **וכל הרשעה כולה כעשן תכלה**, ס'זאל שוין נעמען א סוף צו די התגרות באומות וואס גייט פאר אין ארץ ישראל, נאר דער אויבערשטער אליינ'ס ער זאל אונז אויסלייזן פון גלות, ס'זאל מקוים ווערן **כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ**.

דער אויבערשטער זאל העלפן אלע אידישע קינדערלעך, זאל מען זיין אפגעהיטען ווי מ'איז נאר זאל מען זיין פארזיכערט, ביז עס וועט קומען די ריכטיגע צייט און דער אויבערשטער וועט אונז ארויסנעמען דורך משיח צדקינו, פונעם גלות המר.

## אלא מפי הקדוש ברוך הוא

מ'גרייט זיך אריינצוגיין מיר זענען אפגערוקט דריי טעג פונעם הייליגן טאג, כי ביום הזה יכפר עליכם מיר וויסן דאס אז דער עיצמו של יום פון יום כיפור איז מכפר פאר יעדן איינעם.

ס'איז באקאנט אז דער הייליגער **קאזניצער מגיד זי"ע** איז אמאל אנגעקומען צו די ווערטער פון **ויאמר ה' סלחתי כדבריך**, איז ער געבליבן שטיין, און ער האט אנגעהויבן זיך אויס'טענה'נען מיט'ן רבוש"ע און ער האט געזאגט:

הייליגע באשעפער, אויב דארפסטו אזא צדיק ווי אברהם אבינו איז פארהאן דער הייליגער **אפטער רב** וואס זיין נאמען איז געווען ר' "אברהם".

אויב דארפסטו אזא צדיק ווי יצחק אבינו האסטו א צדיק ווי ר' "איציקל" לאנצוטער וואס דאס איז געווען די חוזה פון לובלין ז"ע דאן האסטו אים.

אויב דארפסטו יעקב אבינו, "ישראל" בין איך גרייט, אזוי האט ער געזאגט, און איך וועל נישט זאגן ווייטער ביז דו וועסט מוחל זיין פאר אידישע קינדערלעך.

האט דער הייליגער **רוזינער** געזאגט טאמער האט דער הייליגער קאזניצער מגיד ווייטער געזאגט דאס דאווענען, איז א סימן אז ער האט געהערט פונעם הייליגן באשעפער אליינ'ס דעם ויאמר ה' סלחתי כדבריך, ס'קומט א טאג וואס דער אויבערשטער איז מכפר פאר יעדעם איינעם, דעם אויבערשטענס הענט איז אויסגעשטרעקט מיט ביידע הענט, און ער זאגט קינד מיינ'ס איך נעם דיר צוריק אריין.

## איש אחר לגמרי

אונז וויסן מיר אז דער הייליגער רמב"ם ברענגט אין הלכות תשובה (פ"ב ה"ד) אז איינע פון די דרכי התשובה איז **להיות השב צועק תמיד לפני השם בבכיה ותחנונים**, דער וואס טוט תשובה זאל כסדר וויינען פארן אויבערשטן ועושה צדקה כפי כחו, **ומתרחק הרבה מן הדבר שחטא** ער זאל זיך דערווייטערן פון די זאכן וואס ער האט געזינדיגט.

"**ומשנה שמו**" כלומר וואס הייסט ומשנה שמו זאל ער טוישן זיין נאמען אויב האט ער געהייסן תנחום פון היינט און ווייטער וועט ער הייסן איציק ער וועט טוישן זיין נאמען?! ניין! זאגט דער רמב"ם, **אני אחר** א מענטש דארף אפמאכן ביי זיך אני אחר איך בין א צווייטער, **ואיני אותו האיש שעשה אותו המעשים**, איך בין נישט דער מענטש וואס האט געטון די מעשים.

פשט אז דא איז געווען א מענטש וואס האט געטון מיאוסע זאכן די יאר ער האט נישט געטון ריכטיג, ער איז אוועקגעגאנגען פון דרך השם, איז פשט אז ער איז געווארן א נייע מענטש, איך האב באקומען א נייע מציאות איך בין אינגאנצן ניי, איך בין מער נישט די זעלבער מענטש.

## המחדש בטובו

ס'איז באקאנט אז דער הייליגער **דגל** שרייבט אין פרשת עקב (ד"ה והיה עקב) שמעתי מאאמו"ר זקיני הבעל שם טוב, ווען א מענטש זאגט יעדן טאג די ווערטער פון המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, דארף ער גלייבן אז עס ווערט א נייע בריאה א נייע מענטש א מציאות אלעס איז ניי.

דער הייליגער **אמרי יוסף** פלעגט יעדן טאג לערנען דער שטיקל דגל, אזוי ברענגט דער הקל יצחק אין די עשרה מאמרות די **הקדמה** אויפן ספר **אמרי יוסף**.

ממילא א איד דארף קענען חזר'ן יעדן טאג נאכאמאל ווען ער זאגט דעם המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, פריער איז געווען פריער יעצט בין איך א נייע מענטש.

און ווי דער לשון הרמב"ם איז **ואיני אותו האיש שעשה אותו המעשים**, איך בין נישט דער מענטש, יא! ס'איז געווען אזא

מענטש, יעצט איז אבער דא א נייע מענטש, ווען מיר זאל ווען אמת'דיג גלייבן אז נאך יום כיפור קומען מיר ארויס א נייע מענטש, אין די אלע זאכן וואס איז דא, וואלטן מיר ווען געקענט זיין אינגאנצן נייע ברואים.

## מעשה מנשה

אונז ווייסן וואס די גמרא זאגט, אין דער ירושלמי שמועסט דאס ברייטער אויס, דער ירושלמי ברענגט אין מסכת סנהדרין (פ"י ה"ב) אמר ר' יהושע ס'איז ווערד אפצולערנען א פשוטע - ס'איז נישט קיין פשוטע, אבער לערנען די ווערטער - **תדע לך כח התשובה ממנשה בן חזקיהו בן חזקיהו שעשה כל תועבות הרעות הרבה מאד מכל הגוים**, ער האט געטון אלע סארט תועבות וואס איז דא אויף דער וועלט, **והוא העביר את בנו באש לבעל חוץ לירושלים** ער האט פארברענט זיין קינד פאר עבודה זרה **ועונן וניחש וכישף**, ער האט געטון אלע זאכן וואס ס'קען נאר זיין.

זאגט דער ירושלמי אז די סיבה פארוואס ער האט דאס געטון, איז געווען **לעשות הרע בעיני השם להכעיסו**, ער האט געוואלט דעם אויבערשטער דערצערנען, ס'איז נישט געווען אפילו פאר תאבון, ס'איז געווען צו דערצערנען דעם אויבערשטן.

שטייט אין פסוק (דברי הימים -ב לג י) **וידבר ה' אל מנשה ואל עמו ולא הקשיבו**, איז דער אויבערשטער געגאנגען ויבא עליהם את שרי הצבא למלך אשור וילכדו את מנשה, מען האט געפאנגען מנשה בחוחים ויאסרו בנחושתיים, ויוליכם בבל.

## אונעם פלאקערדיגן טאפ

מה עשו אמר לוי לקחו גיגית של נחושת, מען האט גענומען א גרויסע געלעכערטע זופ טאפ, מען האט געמאכט לעכער אין די טאפ ועשו בו נקבים נקבים, ונתנו אותו בתוכו, מען האט אריינגעלייגט דעם מנשה אין דעם טאפ, והסיקו אש תחתיה מען האט אנגעהויבן אונטער דעם פלאקערן א פייער, א מדורה,א ברענדיגע הדלקה, מנשה איז אינעווייניג ס'הייבט אן ברענען און ס'הייבט אן קאכן, ס'הייבט אן טאנצן ער הייבט אן שפרינגען אין די ברענעדיגע טאפ.

התחיל להזכיר שמות עבודה זרה שיביאו להצילו, ער האט אנגעהויבן דערמאנען די נעמען פון די עבודה זרות, וואס ער האט זיי געקענט, ער האט זיי געדינט, ער האט מעביר געווען זיינע קינדער פאר זיי באש, און ער האט געהייסן קומט מיר ראטעווען.

משראה שלא הועילו לו כלום, ער האט געזען ווי ס'העלפט נישט גארנישט קיינער קומט נישט, אמר האט ער געזאגט זכור אני איך געדענק שהיה אבי מקריא אותי איך געדענק א פסוק וואס מיין טאטע פלעגט מיט מיר ליינען (דברים ל ב) **בצר לך** ווען עס וועט דיר זיין ענג זיין, ומצאוך כל הדברים האלה עס וועט קומען די אלע עונשים וואס דער אויבערשטער זאגט ושבת עד ה' אלקיך, זאלסטו זיך צוריק קערן צום אויבערשטן.

אמר האט ער געזאגט הרי אני קורא בכל לבי איך גיי יעצט שרייען מיט מיין גאנצע הארץ, לה' אלוקי אבותי פארן הייליגן באשעפער, אם עונה אותי...

ער שטייט מיטן טאפ, ער האט שוין גערופן אלע עבודה זרות און ס'ארבעט נישט און ער דערמאנט זיך עפעס א אלטע מעמערי, איך גיי רופן דער הייליגער באשעפער, אם עונה אותי, אויב וועט ער מיר ענטפערן מורא'דיג מוטב איז גוט, ואם לאו זאגט ער ח"ו כל אנפי שווין, איז אלעס גלייך, ער זיצט אין טאפ און ער איז מחליט אויב גייט דאס גיין איז אלעס און אז נישט.. אזוי שפרינגט ער אונעם קאכעדיגן הייסן טאפ וואס פלאמט און פלאמט.

## חתירה מתחת כסא הכבוד

השרת זענען געגאנגען און זאגט דער ירושלמי די מלאכי צוגעמאכט די חלונות פונעם הימל, פארמאכט די פענסטער'ס שלא תעלה תפילתו של מנשה, די תפלה פון מנשה זאל נישט ארויפגיין.

אמר הקב"ה דאס האט דער אויבערשטער אליינס געזאגט און דאס דארף יעדער איד הזר'ן נאכאמאל מען רעדט פון מנשה וואס האט עובר געווען אויף אלע עבירות להכעיסו, **אם אין אני מקבל אותו בתשובה**, אויב איך גיי נישט מקבל זיין דעם מנשה המלך בתשובה **הרי אני נועל את הדלת בפני בעלי תשובה**, מאך איך צו די טיר פאר בעלי תשובה,

מה עשה הקב"ה וואס האט דער אויבערשטער געטון, די פענסטער זענען צוגעמאכט, די טירן זענען פארמאכט וויפיל מיר פארשטייען, מען לאזט נישט ארויף מנשה און דא שטייט מנשה וואס אין די לעצטע מינוט איז ער צוגעקומען צום אויבערשטן, נאכדעם וואס ער האט אלעס געטרייט.

זאגט די גמרא **חתר לו חתירה מתחת כסא הכבוד**, דער אויבערשטער האט אויסגעגראבן א גריבל פון אונטער די כסא הכבוד, ושמע תחינתו ער האט צוגעהערט די תחינה פון מנשה, שנאמר ויתפלל אליו ויעתר לו, ער האט געדאווענט צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים אויסגעהערט, און אזוי האט מנשה געוואוסט אז דאס איז דער באשאפער און ער האט אים ארויפגעטראגן קיין ירושלים מיט א רוח, דעמאלט האט מנשה געזאגט אית דין ואית דיין.

## גלוי וידוע לפניך

מ'לערנט אפ די גמרא טייערע אידן און מען מאכט זיך א חשבון אונז זענען עפעס דא ח"ו להכעיסו, מצער צו זיין דעם אויבערשטן ווער וויל דען מצער זיין דעם אויבערשטן?

ס'איז נעבעך שאור שבעיסה מעכב, א פלאקערדיגע ברענדיגע יצר הרע, די גאס פייניגט, די טאכנלאגיע רייסט שטיקער, מיר זענען געווען פאר א יאר צוריק אין בית המדרש, יום כיפור דער עולם איז געווען אנגעטון מיט'ן קיטל מ'האט געמאכט לעכטיגע קבלות, מ'איז געווען אויסגעטון און מ'האט נישט געהאט קיין יצר הרע.

און ווי די גמרא אין חגיגה (טז.) זאגט אונז זענען גלייך צו די מלאכי השרת ווען עס קומט צו יום כיפור,

די גמרא אין מסכת יומא (כ.) זאגט אז ווען עס קומט יום כיפור איז נישטא קיין יצר הרע, מיר זענען געווען לויטער איינס מיט'ן אויבערשטן, יעדער האט זיך מקבל געווען נייע זאכן וואס מען האט געהאלטן אמת'דיג אז מען וועט דאס קענען טיושן, ליידער איז געקומען א א ווינטער ס'קומט טעג און ס'איז דא א ברענעדיגע יצר הרע, ס'פלאקערט ס'רודערט די אלע זאכן וואס איז דא, מ'פאלט צוריק, זענען מיר דאך אבער אויף א בעסערע פלאץ ווי מנשה איז געשטאנען.

אויב דער אויבערשטער האט חותר געווען א חתירה מתחת כסא הכבוד ער האט אויסגעקראצט א לאך פאר מנשה, איז זיכער אז טאמער א איד איז זיך מתאמץ בתפלה און ער זאגט באשעפער דער יום כיפור וויל איך ווערן נאנט צום אויבערשטן, איך וויל זיין נאנט, איז דער אויבערשטער נישט

נועל דלת לפני בעלי תשובה ער עפענט אויף די טיר פאר יעדעם איינעם.

## די קל וחומר פונעם ארכי מערדער

כ'האב געזען דער **מאנטשעסטער ראש ישיבה ז"ל** זאגט א ווארט וואס איז גוט פאר יעדעם איינעם.

די גמרא זאגט אין מסכת גיטין (נז.) ווען נבוכדנצר האט געשיקט נבוזראדן ער זאל גיין חרוב מאכן ירושלים, אויפן וועג האט ער גע'הרג'ט אסאך אידן.

ווען ער איז אנגעקומען האט ער געטראפן די בלוט פון זכריה הנביא וואס קאכט, האט ער גע'שחט'ן שטייט אין די גמרא אכציג טויזענט פרחי כהונה בחורים מיט זקנים, נערים, ער האט גע'הרג'ט מיליאנען מענטשן, אויף די בלוט פון זכריה הנביא וואס האט דארט געקאכט.

ביז ער האט געזאגט פאר די בלוט פון זכריה, ווילסט איך זאל אויס'הרג'ענען אלע אידן אזוי האט ער געהאט געפרעגט?!

דעמאלט האט זיך די בלוט געגעבן א שטעל אפ.

האט נבוזראדן געמאכט א קל וחומר **ומה על נפש אחת כך**, אויף איין זכריה הנביא וואס מען האט גע'הרג'ט האב איך גע'הרג'ט מילאנען אידן וואס איך האב גע'הרג'ט, און די בלוט האט זיך נישט אפגעשטעלט, על כמה נפשות מישראל על אחת כמה וכמה, איינער וואס האט גע'הרג'ט אזויפיל נפשות ישראל, וואס גייט אים ערווארטן, **ערק ואגייר** ער איז אנטלאפן און ער האט זיך מגייר געווען.

## התבוננות

ברענגט דער מאנטשעסטער ראש ישיבה, לאמיר פאר א רגע אריינטראכטן, פון וועמען רעדט מען דא?, מען רעדט פון נבוזראדן א רוצח א אכזר, א ארכי מערדער, היטלער האט גע'הרג'ט זעקס מיליאן אידן, דא שטייט ער האט גע'הרג'ט, און האט דאס ארויפגעלייגט אויף די שטיין פון זכריה, א ארכי מערדער, און ער איז געגאנגען און ער האט געגעבן א דריי איבער.

און ווי די גמרא זאגט (סנהדרין צו.) מבני בניו של נבוזראדן למדו תורה, מ'האט זיך מגייר זיין וויאזוי האט דאס געקענט פאסירן? זאגט ער דאס איז געשען פון איין רגע התבוננות, דער ארכי מערדער האט זיך אפגעשטעלט און ער האט געגעבן א טראכט, אם על נפש אחת כך וואס קען איך טון, און אלעס האט זיך געגעבן א דריי איבער, פון איין רגע התבוננות.

ווען א איד גיבט זיך א שטעלט אפ וויאזוי די יאר איז אריבער לאמיר א רגע טראכטן, לאמיר מאכן א רגע התבוננות, וויאזוי האט אויסגעזען מיין דאווענען, וויאזוי האט אויסגעזען מיין בין אדם לחבירו, וויאזוי האט אויסגעזען מיין האנדלען, וויאזוי האט אויסגעזען מיין לשון הרע, וויאזוי האט אויסגעזען מיין שמירת עיניים, איין רגע התבוננות נאר פאר איין רגע, ווי ווייט מען קען אנקומען.

## אוי ווייי! מיין זייגער!

ס'איז באקאנט וואס דער הייליגער **רוזינער זי"ע** פלעגט פארציילן יעדעס יאר די משל ס'איז געווען א קעניג וואס האט געהאט זייער א טייערע זייגער, און ער האט דאס זייער ליב געהאט געהאט, ממש ער פלעגט זיך טשאטשקענען מיט דעם זייגער. מער ווי די גאנצע זאך האט ער ליב געהאט דער זייגער.

ער פלעגט אייביג אויסרעכנען דער זייגער האט דער פארט מיט די שטיקל, דער פארט איז א גאלדענע פארט, און דאס איז פון דעם, ער האט זיך א גאנצע צייט געשפילט מיט דעם.

איינמאל האט דער קעניג געדארפט אוועקפארן אויף א ווייטע וועג און ער האט איבערגעגעבן דאס זייגער פאר א פקדון פאר דער משנה למלך ער זאל וואטשען דער זייגער.

דער משנה למלך האט איבערגענומען דאס זייגער און אזוי מורא'דיג טייער וואטשענדיג איז ער געגאגען און די זייגער איז אראפ געפאלן, און ער האט אנגעהויבן שרייען אוי ווי ווי ווי איז מיין זייגער?!!!

אזוי פלעגט דער הייליגער רוזינער אנהייבן יום כיפור און ער פלעגט אריינקומען מיט די ווערטער **אוי ווייי ווי איז מיין זייגער**, און די גאנצע בית המדרש איז געווארן מיט געשלעפט מיט בכיות נוראות, ווען א מענטש גיבט א כאפ אזוי ווי ווי איז מיין זייגער וויאזוי זעט אויס מיין נשמה?

## א נשמה לויטער און ריין

אלקי נשמה שנתת בי טהורה דער אויבערשטער האט אונז באשאפן מיט א לויטערע נשמה, אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה בי, ואתה משמרה בקרבי, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א לעכטיג הייליגע נשמה פון תחת כסא הכבוד, פון דארט זענען מיר געווארן אויסגעהאקט, פון דארט קומען מיר, ואתה עתיד ליטלה ממני, דער אויבערשטער וועט דאס צוריקנעמען פון יעדעם איינעם.

און ווי דער הייליגער חינוך זאגט די געוואלדיגע מתנה וואס דער אויבערשטער אונז האט געגעבן אז איינמאל א יאר איז דער אויבערשטער מקבל בתשובה, ווייל ווען ס'וואלט זיך ווען אנגעזאמלעט אזויפיל וואלט מען וועט קיינמאל נישט געקענט תשובה טון.

## אחת בשנה

ס'איז באקאנט אז דער הייליגער **רוזינער** איז אמאל געגאנגען אין גאס, און ער האט געזען ווי דער קערער קערט אויס דער גאס, האט ער אים געפרעגט פארוואס קערסטו אויס די גאס, דו ווייסט דאך אז באלד וועט מען ווייטער נאכאמאל שמוציג מאכן?

האט ער געזאגט רבי טאמער וועט מען נישט אויסקערן יעדן טאג וועט די שמוץ ווערן אזוי גרויס, אז מען וועט דאס קיינמאל נישט קענען אויפקערן.

די זעלבע איז מיט דער איד ווען עס קומט ווען נישט דער איינמאל א יאר וואס איז עיצומו של יום מכפר, **כי ביום הזה יכפר עליכם לפני ה' תטהרו**, ווען דאס וואלט ווען נישט געשען איינמאל א יאר וואלט זיך ווען צוזאמגענומען אזויפיל עבירות אז מען וואלט זיך ווען נישט געקענט צוזאמנעמען.

## בחינה על ד"ף

ס'קומט א חשבון מיר דארפן יעצט דילן מיט א חשבון פון תשפ"ד, פ"ג האבן מיר געדילט, פ"ד ווען א מענטש מאכן א שנעלע חשבון ווי אזוי האט אויסגעזען מיין חשון? ווי אזוי מיין כסלו, ווי אזוי האט אויסגעזען מיין טבת, מיין שבט מיין אדר, מיין אדר, מ'גייט דורך ווי אזוי האט אויסגעזען מיין פסח, מ'נעמט זיך אביסל צוזאם און מ'איז מתפלל מ'בעט איבער

דעם רבשו"ע, מ'ווערט צוריק נאנט מ'ווערט אנגערופן בנים למקום, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

## די טאטע שטייט ביים טיר, און בעט פתח!

מיר ווייסן וואס עס שטייט אין שיר השירים (ה ב) **קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי**, די בעלי מוסר זענען מסביר א משל, ווען איינער גייט נאך געלט ער קלאפט אין טיר, ער קלאפט איינמאל, ער קלאפט א צווייטע מאל א דריטע מאל, און מ'עפענט נישט אויף, ווייסט ער דער ער איז נישט אינדערהיים, אדער וויל ער נישט עפענען די טיר, גייסטו אוועק, ווייל דו ווייסט אז דו האסט נישט ווייטער וואס צו קלאפן.

ווען איינער שטייט אבער ביים טיר, און ער ווייסט זייער קלאר, צו א טאטע קומט צו א קינד אדער ווען דו קלאפסט ביי דיין טאטע אינדערהיים, דו ווייסט אז דיין טאטע איז דארט, קלאפסטו איינמאל, טאמער האט מען נישט געעפענט קלאפסטו נאכאמאל ווייל אפשר האט ער נישט געהערט איך וועל נאכאמאל קלאפן, כ'וועל קלינגען און קלינגען ביז איינער וועט עפענען די טיר, ווייל יענער איז דארטן אינדערהיים און ער וויל מיר עפנען.

כנסת ישראל מיט אידישע קינדער אונז זענען אזוי געבינדן איינער מיט די אנדערע, קיינער וויל נישט אוועקלויפן פונעם אויבערשט'ן **ישראל אע"פ שחטא ישראל הוא**, א איד אין וועלכע מצב א איד זאל נאר זיין, איז ער א שטיק איד ער בלייבט אייביג א איד, ס'קומט נעבעך און מ'ווערט נעבעך פארטעמט.

## שטיי שוין אויף פון דיין שלאף...

ס'קומט אבער א זמן וואס ס'איז קול דודי דופק דער אויבערשטער קלאפט, דער אויבערשטער וועקט אויף, ס'גייט אריבער נאך א טראגעדיע, מיט נאך א טראגעדיע, די אלע זאכן איז נאר ווי די גמרא זאגט (ברכות נט.) **לא נבראו רעמים** די זאך פון א דינער איז נאר באשאפן געווארן אלא לפשט עקמומיות שבלב א מענטש דארף גראד ווערן.

דער אויבערשטער וועקט אונז אויף און מען וועקט זיך אויף, ער האלט אונז אין איין וועקן און ער זאגט מיין טייער ליב קינד איך ווייס אז דו ביסט דא, איך קלאפ ווייל דו ביסט דא און איך ווייס אז דו קענסט צוריק קומען קול דודי דופק, דער אויבערשטער קלאפט פתחו לי אחותי רעייתי יונתי תמתי, עפן אויף דיין טיר.

און די זעלבע פארקערט אידישע קינדער מען קומט צוריק צום אויבערשט'ן און מ'איז מתפלל מ'גלייבט אז דער אויבערשטער הערט אונזער תפלה, דער אויבערשטער איז א שומע תפלת כל פה דער אויבערשטער איז כי ימינך פשוטה לקבל שבים, און דאס איז די זמן כדי ס'זאל נישט אריבער גיין קיין יום כיפור און מ'זאל גארנישט טון.

## א שמחה אין אלע עולמות

ס'שטייט אין ספר **אורח לחיים** אין פרשת חיי שרה, א געוואלדיגע זאך איך וואל נאכזאגן זיין לשון, ס'שטייט אין פסוק (בראשית כד סב) **ויצחק בא מבוא מבאר לחי רואי**.

זאגט ער ווען א מענטש טוט תשובה איז ער גורם א אויסטערלישע שמחה אויבן אין הימל, ס'איז דא א מורא'דיגע שמחה ווען א מענטש טוט תשובה, א איד איז דאך א חלק אלוקי ממעל, און ווי דער פסוק זאגט (דברים לב ט) **כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו**, ווען א איד איז עובר עבירות גיבט ער זיך איבער פאר די יצר הרע און פאר די קליפות, און ער ווערט פארלוירן פונעם אויבערשטן, און וועגן דעם ווערן די רשעים אנגערופן מיט די נאמען אבידה, און ווי דער פסוק זאגט אין תהלים (לז כ) **כי הנה הרשעים יאבדו**.

ווען מען טוט תשובה און מען קומט צוריק צום אויבערשטן איז דאס אזא מין שמחה, אזוי ווי ווען א מענטש האט פארלוירן א גרויסע אבידה און ער זעט דאס צוריק, ער האט צוריק באקומען זיין אבידה.

און דאס מיינט דער פסוק (ישעיה נה ו) **דרשו ה' "בהמצאו"** דער אויבערשטער פרייעט זיך ווען ער טרעפט צוריק זיין אבידה, דער אויבערשטער טרעפט זיין יענק'לע און ער זאגט יענק'לע א גאנץ יאר האב איך דיר נישט די געזען, ווען ס'קומט עשרת ימי תשובה מען גרייט זיך צו דעם טאג פון יום כיפור, דער אויבערשטער גייט צוריק טרעפן יעדעם איינעם, ער גייט טרעפן די אבידות ווערט דאס א געוואלדיגע שמחה.

## ווי איז יודעלע

כ'האב געזען דער אורח לחיים האב איך מיר דערמאנט פאריאר איז געווען א מעשה מיט א בחור וואס זיצט דא ביי אונז אין בית המדרש, הבה"ח **יהודה'לע גראס** נ"י בן ידידי הרה"ח און מען קען זאגן **הרה"ג ר' יקותיאל מאיר גראס שליט"א** א גאר חשובע בחור א בחור וואס קען אויסענווייניג על לשונו צענדליגע בלעטער גמרא און משניות, מורא'דיג מורא'דיג שטארק א נשמהדיג קינד.

פאריאר זומער איז ער געגאנגען מיט א חברותא מיט זיין ברודער אין א וואלד בייכנאכט לערנען און זיי זענען פארלירן געווארן אין א טיפע געדעכטע וואלד, ס'איז געווען פאריאר זומער דער עולם געדענקט דאס, אויב כ'האב נישט קיין טעות זענען זיי פארלרן געווארן אין עלענוויל, ס'איז געקומען בייכנאכט יעדער איז אויף געווען גאנץ כלל ישראל האט מתפלל געווען.

די צער וואס די עלטערן האבן געהאט די טאטע די מאמע, אלעס איז געשטאנען דארט מיט א אנגסט און א אנגעצויגענקייט, ווי זענען זיי ווי זענען די קינדערלעך, זיי זענען נעבעך אומבאהאלפן, האבן זיי וואס צו עסן?! זיי פאלן פון פחדים ווער ווייסט?! די הארץ איז אויסגעגאנגען פאר פחד.

אזוי איז אריבער איין מינוט נאך א מינוט, נישט א שעה נאר א מינוט, נאך א געשלעפט מינוט, מ'האט פרובירט מ'איז אריין מיט איין רעסקיא"ו טיעם, מיט נאך א רעסקיא"ו טיעם, מ'האט אלעס אין די וועלט געטרייט צו טון אז די קינדער זאלן ארויסקומען די פחד וואס מען האט געהאט, די אנגסט וואס מ'האט געהאט איז געווען מורא'דיג שטארק.

## את שאהבה נפשי מצאתי

ווען דער אויבערשטער האט זיך מגלה געווען דער אויבערשטער האט געמאכט מ'האט געטראפן די צוויי קינדערלעך, מ'האט זיי געטראפן ליגן דארט, אזוי פארקלעמט ווי זיי האבן געווארט מ'זאל זיי קומען נעמען, וואספארא שמחה האט אויסגעקנאקט ביי די עלטערן, די שמחה וואס

האט אויסגעשאסן ביי די משפחה, מ'האט זוכה געווען מ'האט געטראפן יודעלע.
ס'איז געווען א שבת נאכדעם האט מען געמאכט א קידוש די צוויי בחורים זענען געזעצן אויבן אן, זייער פנים האט זיי געשטראלט פאר שמחה, מ'האט זיי געטראפן.

## ובכן צדיקים יראו וישמחו

כ'האב געטראכט ביי מיר די שמחה וואס דער אויבערשטער האט ווען ער טרעפט זיך מיט א אידישע נפש, ס'גייט אריבער א יאר און מ'ווערט איינגאנצן פארלוירן, שטייען אונזערע עלטערן אויבן אין הימל, אונזערע זיידעס מיט עלטער זיידעס, עלטער עלטער זיידעס, שטייען אויבן איינאיינעם מיט די מלאכים און זיי קוקן אראפ ווי איז מיין יודל'ע ווי איז ער נעלם געווארן? ווי איז מיין יודעלע, מ'קוקט ס'גייט אריבער נאך א שעה נאך א שעה, מ'קוקט אראפ פון הימל יודעלע איז נישט דא, מ'טרייט מ'קלאפט מ'שיקט א רעסקיא"ו טיעם, מ'שיקט נאך א זאך נאך א מעסדזש, יודעלע וועק זיך אויף, יודעלע וועק זיך אויף, יודעלע וועקט זיך אבער נישט אויף.
ווען ס'קומט אבער יום כיפור מ'קומט אין בית המדרש איבערגעדעקט מיט'ן טלית, דער גאנצער עולם קומט אריין אין בית המדרש ביי תפלת זכה, מ'גיבט זיך א צי איבער דאס טלית אויף די אויגן, און מ'גיסט זיך אויס דאס הארץ, און אויבן גיבט מען זיך צוזאמען א טרעף מיט די עלטערן מיט'ן באשעפער.
וואספארא שמחה ווערט אויבן אין הימל, ווען אונזערע זיידעס זען זיך אז מיין יודעלע איז דא, יודעלע איז דא צוריק, מ'זעט יעדעם איינעם צוריק, ס'איז דאך א געוואלדיגע געוואלדיגע שמחה.
דאס זאגט דער אורח לחיים איז פשט, די שמחה וואס געשעענט אויבן אין הימל ווען א איד טוט תשובה מ'טרעפט צוריק די אבידה, מ'טרעפט זיך, מ'באקענט זיך צוריק, דאס אלעס וואס גייט פאר.

## כ'פארשטיי דיר מיין קינד!

דער הייליגער **תנא דבי אליהו** זאגט דאס לשון א איד קען אפדינען עבודה זרה, א גאנץ לעבן ח"ו אבער איין רגע וואס ער האט חרטה נאר איין רגע פון חרטה, וויינט דער רבוש"ע און ער זאגט מיין טייער קינד איך נעם דיר צוריק.
אזוי זאגט דער תנא דבי אליהו א גאנץ לעבן איז דער געווען א עובד עבודה זרה, איין רגע מיט א אמת'ע חרטה זאגט דער אויבערשטער מיין קינד איך נעם דיך צוריק.
ער זאגט אז דער אויבערשטער ווארט אויף די תשובה פון א איד מער ווי א פרוי וואס ווארט אז איר מאן זאל צוריקקומען ממדינת הים, ווארט דער אויבערשטער און ער זאגט מיין טייער קינד קום צו מיר צוריק מיין טייער קינד לאמיר ווערן נאנט, איך ווייס ס'איז דיר שווער כ'ווייס ס'איז דיר ענג, האסט מורא.
כ'ווייס נישט פארוואס אבער מענטשן האבן עפעס אזא מורא צוריק צו קומען צום אויבערשטן מען האט מורא פון די קאמיטמענט, מען האט מורא פון די שווערקייטן, דער אויבערשטער וויינט און ער זאגט איך קען דיין יצר הרע, ואשר הרעותי (ברכות לב.) דער אויבערשטער אליינ'ס טוט אים ווי אויף דעם וואס ער האט באשאפן א יצר הרע.

ס'איז קלאר אז מיר זענען דא פאר תיקוני נפש, אבער ווען א איד גיבט זיך א כאפ א עכטע התבוננות, רבוש"ע איך גיי תשובה טון כ'גיי חרטה האבן זאגסט וידוי בפה, מ'האט אן עזיבת החטא די אלע זאכן וואס איז דא, מ'איז מקבל נייע קבלות, ביז דער אויבערשטער אליינ'ס זאגט עדות אה! ער איז מיין קינד, ס'נעמט א מינוט אבער מיט א עכטע התבוננות קומט מען צו דעם צי.

## די פרייליכע תנועה

ס'איז באקאנט וואס דער הייליגער **תפארת ישראל** ברענגט אין מסכת תענית פארוואס זאגט מען די ווידוי פון אשמנו מיט א ניגון לכאורה וואלט מען ווען דאס געדארפט זאגן מיט א צובארכנקייט, ווי קומט אריין א ניגון? מ'זינגט אה היי היי היי, וואס איז איז די שמחה?
נאר ווען מ'טוט תשובה מאהבה ווערט זדונות נעשו זכיות, ס'ווערט איבערגעדרייט די אלע עבירות צו זכיות, ממילא קומט אויס אז עס ווערט א געוואלדיגע שמחה.
לויט ווי מיר האבן פריער גערעדט פארשטייען מיר דאס אויכעט, ווייל היות ווען מען טרעפט צוריק די אבידה ווערט מען בשמחה ממילא ווען א איד טוט תשובה, קומט זיך צו זינגען א ניגון ס'זינגט זיך אונטער די אלע זאכן.

## מכאן ואילך חושבנא!!

דער הייליגער **ר' משה לייב סאסובער זי"ע** האט געזאגט א געוואלדיגע חיזוק פאר אונז, די גרעסטע בלאטע וואס א מענטש זאל האבן **"אויב גיסט מען נישט צו צו דעם קיין וואסער ווערט דאס אויסגעטרוקענט"**, א מענטש טראכט איך האב שוין געזינדיגט איך בין שוין א כפרה, ער גייט שוין ווייטער, ער גייט יעצט ווייטער, שטעל דאס אפ!, וויאזוי דו שטייסט יעצט ווען מען גיסט נישט צו קיין וואסער טרוקענט זיך אויס די בלאטע.
און דאס איז א געוואלדיגע לימוד ווייל אסאך מאל טראכט א מענטש אויב קען איך נישט צוריקקומען זאל איך שוין ווייטער גיין, די גמרא פרעגט אבער (שבת לא.) מי שאכל שום יחזיר ויאכל שום, האסט געגעסן קנאבל זאלסטו יעצט עסן נאך? שטעל אפ! שטעל אפ די זאך זאל קענען גיין ווייטער.

## לידך הפתוחה

די **רבי** ברענגט אין **תפארת צבי** א מורא'דיגע זאך, א מענטש קען אריינטראכטן, און ער קען אריינפאלן אין שלעכטע געדאנקען ער קען טראכטן, וועל איך דען טאקע זוכה זיין צו תשובה איך מיין דאך דאס נישט עכט אמת'דיג, און ס'איז נישט קיין עכטע תשובה אזוי הייבט ער אן טראכטן, ברענגט ער אז מענטשן דרייען זיך איינגאנצן מיט פארקערטע מחשבות. ווען מען פרעגט א מענטש ווי אזוי גייט דיין פרנסה?! **זאגט ער אה! ברוך השם דער באשעפער העלפט און ער וועט ווייטער העלפן.**
אויב רעדט מען אבער פון תשובה טון, הייבט ער אן צו זאגן ווער בין איך קען איך דען זוכה זיין צו תשובה?! זאגט די רבי אז אין פסוק זעט מען פונקט פארקערט.
ביי פרנסה שטייט אין פסוק (תהלים קמ"ה ט"ז) "פותח" את ידיך ומשביע לכל חי רצון, דאס הייסט אז דעם אויבערשטנ'ס אונז איז פארמאכט מען בעט נאר דעם אויבערשטן ער זאל עפענען

זיי האנט, דאס מיינט אז כביכול דער אויבערשטער זאל טוען א פעולה כדי ער זאל מיר זענען געבן פרנסה, ווי עס איז א שווערע זאך.

ביי תשובה זאגט אבער דער פסוק **כי ימינך פשוטה לקבל שבים**, דעם אויבערשטער'ס הענט איז אפן, יעדעם איינעם צו כאפן ארויף ווי א טרעקטער, און יעדעם אננעמען, קינד מיינס איך נעם דיר אן און איך בין דיר מקבל.

## שיירים פון רימנוב

כ'האב פארציילט אין ירושלים איז געווען א איד פון די געוואלדיגע בני עליה פון ירושלים, ס'איז מיר אויסגעקומען איך בין געווען אין רימנוב שבת מיט די בחורים, האב איך געהאט נאכגעזאגט די שטיקל און דאס איז א מורא'דיגע זאך, כ'האב דאס געהערט פון **הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א** וואס אין זיין זכות ווערן נתעורר אזויפיל אידישע קינדערלעך.

אין ירושלים איז געווען א איד פון די בני עליה מיט'ן נאמען **ר' נחום יאסער**, ר' נחום ז"ל איז געווען א **ביאנער** חסיד, און ער איז געווען פון די גאר געהויבענע אידן, און ס'איז נעבעך ביי אים געשען א גרויסע אומגליק, די קאמוניסטן האבן אוועקגעשלעפט איינע פון זיינע קינדער און ער איז געווארן נעבעך אינגאנצן אפגעפארן, ער איז אינגאנצן ארויס לתרבות רעה, דער טאטע ר' נחום האט געוויינט במסתרים תבכה נפשי, ער האט אזויפיל צוזאמגעוויינט דערויף.

האט פאסירט אמאל ווען ר' נחום האט שוין געוואוינט אין ארץ ישראל, ס'איז געווען אינמיטן די עשרת ימי תשובה, און אפאר געהויבענע אידן האבן זיך ארומגעזעצט ארום ר' נחום און זיי האבן געלערנט די ווערטער פון די רמב"ם וואס שרייבט אין הלכות תשובה פ"ז ה"ו, ווי ער לייגט אראפ וויאזוי א בעל תשובה טוישט זיך, פון איין רגע אויפן צווייטן.

## נקרא אהוב ונחמד, קרוב, וידיד

זאגט דער רמב"ם דאס לשון פאר א מינוט צוריק איז דער מענטש געווען **שנאוי מאוס מרוחק משוקץ ותועבה**, דער אויבערשטער האט פון אים פארעקלט פארמיאוסט און דערווייטערט, פארגרוילט, איין מינוט שפעטער גיבט ער זיך א דריי צום אויבערשטן, ער טוט תשובה **נקרא אהוב ונחמד קרוב וידיד**, אין א רגע, אויב האסטו תשובה געטון ווערסטו נאנט און באליבט, דער אויבערשטער האט דיך ליב דו ווערסט באשיינט.

האבן די יונגעלייט געפרעגט ווי אזוי קען דאס זיין אזא קיצוניות'דיגע זאך פון איין רגע אויפן צווייטן, ס'האט דאך א פראסעס ווען איינער האט פיינט דאס צווייטן, מ'הייבט זיך אן צוביסלעך באקענען צוביסלעך באליבן, מ'הייבט אן צוביסלעך צו זען ווי מען איז, אבער פון איין רגע אויפן צווייטן?

האט ר' נחום געזאגט פאר זיינע חברים עטץ ווייסט מיינע טייערע פריינט, עטץ ווייסט אז איך האב א קינד וואס איז נעבעך פארפאלן געווארן ביי די קאמוניסטן, אינגאנצן נעבעך פריי אלעס איז אפגעלאזט, טאמער מיין זון זאל זיך באווייזן דא אין איין רגע און זאגן **טאטי, איך קום צוריק!** זאגט ער פארגעס איך אלעס וואס ער האט געטון איך פאל ארויף אויף זיין האלז איך קיש אים ארום און איך נעם אים ארום, פון איין רגע אויפן צווייטן ווערט ער ממש מיין באליבסטע זון, אן קיין שום הפסק, פון איין רגע אויפן צווייטן זאגט ער.

ביז יעצט איז ער געווען **שנואי משוקץ ומרוחק ותועבה**, טאמער גייט ער מער אבער זאגן טאטי איך קום צוריק, אין איין רגע וועט ער מיר ווערן **אהוב ונחמד וקרוב וידיד**.

דאס איז נאר ביי א בשר ודם דער רבשו"ע וואס ער איז להבדיל אלף אלפי הבדלות, מען קען דאס ניטאמאל פארשטיין די רחמנות וואס דער אויבערשטער האט צו די גרעסטע בעל עבירה, אויב זאגט א אידיש קינד פארן אויבערשטן טאטי איך קום צוריק, ווערט מען אין איין רגע א אהוב ונחמד וקרוב וידיד פארן רבוש"ע.

## ארבעה חילוקי מלכים

כ'וויל אבער ארויס ברענגען איין נקודה, ס'איז דא א מדרש וואס זאגט אין איכה, (רבה ד טו) ארבעה מלכים היו ס'איז געווען פיר קעניגן, מה שתבע זה לא תבע זה, ואלו הן דוד, אסא, יהושפט וחזקיהו.

**דוד** אמר (תהלים י"ח, לח) **ארדוף אויבי ואשיגם** איך וועל גרייכן מיינע פיינט איך וועל זיי געבן מכות, און איך וועל זיי מסדר זיין, דו העלף מיר, אמר לו הקב"ה אני עושה כן, הדא הוא דכתיב (שמואל א ל) **ויכם דוד מהנשף ועד הערב למחרתו**

עמד **אסא** ואמר אני אין בי כח להרוג להם, איך קען נישט הרג'נען וואס קען איך יא טון, אלא אני רודף אותם ואתה עושה, איך וועל זיי נאכלויפן און די הרג'ע זיי.

אמר לו אני עושה, שנאמר (דברי הימים ב י"ד, יב) **וירדפם אסא והעם אשר עמו כי נשברו לפני ה' ולפני מחנהו לפני אסא אין כתיב כאן, אלא לפני ה' ולפני מחנהו.**

עמד **יהושפט** ואמר אני אין בי כח לא להרוג ולא לרדוף, אלא אני אומר שירה ואתה עושה, איך קען נישט נאכלויפן און איך קען נישט הרג'נען, איך קען אבער מאכן א קומזיץ און איך וועל זינגען שירה, דאס איז וואס איך קען טון.

אמר לו הקב"ה אני עושה, דו זינג איך וועל זיי הרג'נען ס'איז מסודר, שנאמר (דברי הימים - ב כ כב) **ובעת החלו ברנה ותהלה נתן ה' מארבים על בני עמון מואב והר שעיר.**

עמד **חזקיהו** ואמר, חזקיהו המלך האט געזאגט פארן אויבערשטן, אני אין בי כח לא להרוג ולא לרדוף איך האב נישט קיין כח צו הרג'נען און אויכעט נישט נאכצולויפן ולא לומר שירה, כ'האב ניטאמאל כח צו זינגען שירה, דו האלז טוט מיר וויי, כ'קען נישט קעריען קיין טאן, כ'קען נישט זינגען איין זאך קען איך יא טון, **אלא אני ישן על מטתי ואתה עושה**, איך גיי אין בעט און דו טו.

אמר לו הקב"ה, נישט קיין פראבלעם חזקיהו איך וועל דאס טון אני עושה, שנאמר ווי דער פסוק זאגט און מען זאגט דאס פסח ביינאכט, **ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור מאה וחמישים אלף וישכימו בבוקר, והנה כולם פגרים מתים.**

## כל מה שבכוחך עשה

פרעגן די גדולי מוסר איז דען חזקיהו המלך געווען גרעסער ווי דוד המלך?, אז דוד המלך האט געמוזט גיין נאכלויפן און הרג'נען, אסא האט געדארפט נאכלויפן און נישט הרג'נען, יהושפט האט געדארפט גיין זינגען, ער ליגט אין בעט אין אלעס איז מסודר?

זאגן די גדולי המוסר אז ניין די לימוד איז אז יעדער איד מוז טון זיין מאקסימאם, דוד המלך האט געקענט גיין מלחמה האלטן האט דער אויבערשטער פארלאנגט פון אים גיי מלחמה האלטן, אסא המלך האט נישט געקענט הרג'נען אבער לויפן

האט ער געקענט, איז לויף, יהושפט האט דאס אויכעט נישט געקענט אבער זינגען האט ער געקענט איז זינג, יעדער דארף טון וויפיל ער קען.

## פארוואס ביסטו נישט אויפגעוואקסן ר"ר זושא?!

ס'קומט יום כיפור און א יונגערמאן מאכט א חשבון ס'איז געווען אמאל גרויסע צדיקים, א הייליגע רבי ז"ל, אה איך קען נישט, און ער גיבט אינגאנצן אויף.

דער אויבערשטער דארף נישט פון דיר די עבודה וואס דער אויבערשטער האט געדארפט פון דוד המלך, ער דארף נישט פון דיר די עבודה פון אסא, ער דארף נישט פון דיר די עבודה פון יהושפט, **"ער דארף פון דיר די עבודה פון דיר"**, דאס דארף דער אויבערשטער.

יעדער האט עפעס וואס ער קען געבן פארן רבוש"ע, און דאס איז א זאך וואס א מענטש דארף וויסן איין רגע, ס'קומט עשרת ימי תשובה איך קען עפעס צוגעבן, איך קען זאגן נאך אפאר קאפיטלאך תהלים דער אויבערשטער ווייסט וואס דו קענסט, קענסט טון טו? קענסט האלטן דיין אויגן ווען דו גייסט אויפן גאס איז האלט, יעדער איינער האט א חיוב צו טון זיין מאקיסמאם, מיט סייעתא דשמיא ווען מען וועט טון די אלע זאכן וועט זיכער דער אויבערשטער העלפן.

## והשיב לב אבות

כ'וועל מסיים זיי די שיעור, כ'האב גערעדט צו א יונגערמאן וואס איז ליידער אריבער זייער א שווערע פעקעלע, ער האט זיך צוטיילט פון זיין פרוי און ס'איז איבערגעבליבן א קליין יונגעל, ס'איז געווען זייער א שווערע גט און מ'האט נישט צוגעלאזט דאס קינד זאל צוקומען צום טאטן, אזוי איז אריבער יארן יארן.

ס'איז געקומען פאר די בר מצוה האבן זיך די עסקנים אריינגעלייגט אז די טאטע זאל קענען קומען צו די בר מצוה, ער זאל זיך באקענען מיט דאס קינד, א צוויי טעג פאר די בר מצוה האט זיך די טאטע געטראפן מיט דאס קינד, ס'איז געווען זייער א עמאציאנעלע פגישה.

## וביום שמחת לבו

ס'איז געווען אנגעגרייט א הערליכע בר מצוה מ'האט געדארפט פאר דאס קינד געבן וואס האט געפעלט אייביג אין זיין לעבן, מ'האט צוגעשטעלט מוזיק מיט הערליכע פראפס, הערליכע בר מצוה, רבנים זענען געקומען, דיינים.

ס'קומט אינמיטן די סעודה די טאטע איז געזיצן אזוי איינגעקוועטשט ביים ווינקל, דער בר מצוה בחור'ל הייבט זיך אויף מיט זיין שיינע הוט, מיט'ן זיידענע בעקיטשע מיט'ן גארטל, ער גייט צו צו זיין טאטע ער לייגט אים ארויף די הענט, און ער זאגט אים טאטי אפשר רעדסטו אפאר ווערטער לכבוד די בר מצוה.

די טאטע זאגט איך האב מיך נישט געהאט אנגעגרייט איך האב זיך נישט גע'חלומ'ט איך קען רעדן, כ'האב אבער געזען די צוויי בעטענדע אויגעלעך פון מיין קינד, ווי זיין קינד בעט ער זאל רעדן האט ער זיך אויפגעשטעלט, ער האט גערעדט א דרשה ווייניגער ווי א מינוט.

און דער טאטע זאגט מיר, די דרשה איז געווען א שטיק אנזעץ כ'האב געקעקצט, כ'האב נישט גערעדט צו די זאך, כ'האב געדאנקט דעם אויבערשטן אהער אהין, כ'האב געוואונטשן און איך האב מיר אראפגעזעצט.

צוויי טעג שפעטער האט ער גערעדט מיט זיין בחור וואס ער האט שוין נישט גערעדט אזויפיל יארן, איז אים נאכאמאל אויסגעקומען צו רעדן מיט אים, און ער פרעגט זיין בחור, חיימ'ל זאג מיר צדיק'ל וואס האסטו די מערסטע ליב געהאט פון דיין בר מצוה האסט געהאט אזא שיינע בר מצוה, שיינע מוזיק מיט פראפס, וואס איז דיר די מערסטע געפאלן?

## די הויכפונקט

**זאגט ער טאטי כ'האב די מערסטע ליב געהאט דיין דרשה,** די טאטע זאגט מיר ער צעוויינט זיך, זאגט ער מיר האב איך דען געהאלטן א דרשה ס'איז געווען אזא צובראכענע דרשה, צ'ומזיקטע דרשה געווען, מיין זון האט געהערט מיין קול, די קול פון א טאטע מיט א קינד וואס האבן זיך צוריק צוזאמגענומען דאס האט ער די מערסטע ליב געהאט.

כ'האב געהערט די מעשה האב איך געטראכט צו מיר רבוש"ע ס'גייט קומען יום כיפור ביינאכט כלל ישראל גייט זאגן פאר דיר די תפלת זכה, כלל ישראל גייט שרייען **אל נא תשת עלינו חטאת אשר נואלנו ואשר חטאנו**, ס'גייט קומען תפילת נעילה, און מען גייט שרייען **ה' הוא האלוקים ה' הוא האלוקים.**

גייסט הערן אזויפיל צובראכענע קולות, אזויפיל צובראכענע נשמות גייסטו הערן זייער קול, גייסט הערן אזעלכע צובראכענע דרשות באשעפער, געדענק אז דאס איז פאר דיר די שענסטע דרשה פון די גאנצע וועלט. געדענק אז פון די גאנצע וועלט וואס דו האסט אנגעגרייט איז דאס זענען די זאכן וואס מיר קוקן ארויס דערויף.

זיי אונז מוחל נעם אונזערע תפלות און אונזערע בקשות, געב אונז מחילה סליחה מיט כפרה וואש אויס אונזערע הערצער, אונז זאלן אלע ווערן פאר דיר אהוב ונחמד וידיד וקרוב, אונז זאלן אלע ווערן נאנט צום רבוש"ע.

## ותיטב לנו החתימה

דער אויבערשטער זאל העלפן אין דער זכות וואס יעדער איינער וועט זיך מקבל זיין צו טון תשובה מיט א אמת, זאל אונז דער באשעפער באשרייבן און פאר'חתמ'ענען פאר א גמר חתימה טובה, און א גוט געבענטשט לעבטיג יאר יעדער זאל האבן א גרינגע תענית.

אויב האב איך איינעם מצער געווען פון אלע דרשות וואס מען האט גערעדט בעט איך איבער ברבים יעדעם איינעם, כ'האב חלילה נישט געמיינט איבערהויפט ביי די נושא פון שידוכים קען זיין אז איינער האט געמיינט אז מען מיינט אים, ממילא בעט איך איבער.

מען בעט גאנץ כלל ישראל יעדער זאל זיך מוחל זיין איינער דעם אנדערן, משיח שטייט שוין ביים טיר אליהו הנביא קלאפט שוין, ער ווארט אונז זאלן זיך איינער דעם צווייטן מוחל זיין.

זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה, און נאך דאס יאר צוגיין מיט גאנץ כלל ישראל, קיין ירושלים עיר הקודש, מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

## וויאזוי דארף מען דאווענען אינעם הייליגן טאג

איך זאג אלס פאר יונגעלייט: מ'זאגט דאך אין די הייליגע טעג "כתבינו בספר החיים ככתוב ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום", וואס מיינט מען ככתוב? נאר מ'בעט אויף חיים, אבער וואספארא חיים? ואתם הדבקים בה' אלוקיכם, און דעם איז גארנישט קיין חיים, ס'איז נישט געלעבט...

אבער פאר אונז פשוטי העם איז דער עיקר עבודה ביים דאווענען אין די הייליגע טעג, צו אינזיהן האבן ריכטיג דעם פירוש המילות.

איך האב געהערט פון הגה"ק רבי מאטל סלאנימער זי"ע אז ער האט געפרעגט דעם הייליגן בעלזער רב מהר"א זי"ע, אויף וואס דארף מען מתפלל זיין? און דער בעלזער רב זי"ע האט אים געענטפערט אין נאמען פון זיין זיידן הרה"ק רבי שלום'קע זי"ע (מרן השר שלום מבעלזא זי"ע): "מ'דארף נאר מכוון זיין פירוש המילות אליינס, ווער ס'איז מכוון דעם ריכטיגן פירוש המילות ביים דאווענען, דער קען זוכה זיין צו רוח הקודש, צו גילוי אליהו און נאך מער...".

נאך א וויכטיגער יסוד, וואס מיר דארפן חזר'ן פאר זיך אין די דאזיגע הייליגע טעג, איז אז מיר טארן נישט אויפהערן צו בעטן און נאכאמאל בעטן פונעם באשעפער, ביז ער וועט אונז העלפן.

הרה"ק רבי דוד'ל לעלובע'ר זי"ע האט געטייטשט "ויפגע במקום ההוא" דאס איז פון לשון "פעגען" אין אידיש. און ער האט געזאגט: "מ'דארף זיך אן פעגען אין דעם ליבער באשעפער...", מ'טאר נישט אויפגעבן, מ'דארף פשוט "פעגען" (מוטשען) און נאכאמאל בעטן און נאכאמאל דאווענען, ביז ווען מ'וועט געהאלפן ווערן.

און מ'דארף אלס געדענקען, אז מ'שטייט אין די הייליגע טעג, ווען יעדער פשוט'ער איד האט דאך אן עת רצון און הייליגע מינוטן ביים דאווענען, זאגט דערויף דער הייליגער חיד"א זי"ע "עננו באמת ישעך" אז א איד קען אויפטוהן ווען ער בעט ווען ס'איז אן עת רצון, אז אויך שפעטער ווען ער דארף עפעס האבן פונעם באשעפער, קען ער זיך פארלאזן אויף יענעם עת רצון וואס ער האט אמאל געהאט, און בעטן "עננו באמ"ת ישעך" ענטפער מיר אויפן אמת'דיגן עת רצון וואס איך האב דעמאלטס געהאט, און דער באשעפער וועט אים העלפן אפילו ווען ס'איז נישט קיין עת רצון...

דער הייליגער ייטב לב זי"ע טייטשט אויס אלע פרשיות פון סדר דברים לויט די ראשי פרקים פון די פרשה: "דברים" עטליכע ווערטער פונעם באשעפער, "ואתחנן" איך בעט זיך ביי אייך, "עקב" ווען מ'האלט ביים ענדע, "ראה" זעט אז, "שופטים" דער באשעפער משפט די וועלט, "כי תצא" זאלט איר ארויסגיין פונעם יצר הרע, "כי תבא" און איר זאלט אריינקומען צום יצר טוב, "נצבים" אזוי וועט איר זיך שטעלן כבני מרון, אבער וואס בעט איך אייך אפילו ווען די הייליגע טעג וועלן אוועקגיין, "האזינו" זאלט איר ווייטער אויסהערן מיינע רייד, דעמאלטס וועט זיין, "וזאת הברכה" דאן וועט פארבלייבן די ברכות און תפילות אויף א גאנץ יאר.

**(הגה"צ המשפיע רבי שמואל אהרן לידער זצ"ל)**

## דמותה לתמר

עס האט דערציילט הגה"צ מטעמעשוואר זצ"ל וואס ער האט עס געהערט פון הרה"ק מנאסויד זי"ע: אמאל ווען דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז אהיים יום הקדוש פון ביהמ"ד, זענען געגאנגען פון די צוויי זייטן, הגה"ק מנאסויד זי"ע און הרה"ח רבי יהודא יעקב כהנא זצ"ל, וועלכער איז געווען א תלמיד פון הייליגן ישמח משה זי"ע און שפעטער פון די נאנטע מקורבים ביים הייליגן ייטב לב זי"ע און דערנאך ביים הייליגן קדושת יו"ט זי"ע, ז"ל.

שפעטער האט דער נאסוידער רב זי"ע געפרעגט פאר רבי יהודא יעקב: "וואס זאגט איר עפעס צו די הייליגע צורה פונעם רבי'ן, ווי ער זעט אויס יום הקדוש, אנגעטוהן ווייס, ווי א מלאך ה'?", האט אים רבי יהודא יעקב זצ"ל געענטפערט: "ס'איז כעין די צורה פון ישמח משה ביי קידוש יעדן פרייטאג צונאכט'ס".

**(הרה"ח ר' יוסף לייב כהנא ז"ל מראשי קהיט"ל**
**דסאטמאר אין ניו יארק)**

# דאוועגען אינעם הייליגן טאג ביים צדיק הדור

דעם לעצטן יום הקדוש עלי אדמות פון הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל, ווען פילע אידן זענען געקומען צו אים מיט קוויטלעך, האט ער זיך דאן פארענטפערט פארוואס ער נעמט געלט פון אידן פאר זייערע בקשות, און האט דאן געזאגט, פארוואס ער דאוונט אין זיין אייגענעם ביהמ"ד אויף בעדפארד עווענין און נישט ביי מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע אין ביהמ"ד, זאגנדיג, אז: "לעולם וואלט די גאנצע וועלט געדארפט קומען צו פארן און דאוונען ביים רבי'ן אין סאטמארער ביהמ"ד, ווייל ער איז דער צדיק הדור און דורך אים גייט ארויף די תפילות פון כלל ישראל, נו אויב גאנץ כלל ישראל וואלט געקומען צום רבי'ן, וואלט ממילא מיין פלאץ געווען דא אויף דעם ארט, מילא דאווען איך דא מיטן רבי'ן אינאיינעם...". ודפח"ח.

**(ש"ב ומשב"ק הרה"ח ר' דוד הערש מערץ הי"ו)**



הגה"ק מנאסויד זי"ע

# ומושכין כולם יחד מזה אחד ומזה

הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו מראשי חברא קדישא אין קרית יואל דערציילט: געווענליך יעדן שבת ווען רביה"ק הדברי יואל מסאטמאר זי"ע האט געענדיגט דעם טיש און אזוי אויך נאכ'ן דאווענען, פלעגן מיר, עטליכע בחורים, אהיימבאגלייטן דעם רבי'ן.

דער רבי האט געהאט צוויי משמשים וועלכע האבן אים באגלייט ביי די זייטן, און מיר זענען געווען עטליכע בחורים וואס זענען געגאנגען אונטער אים. ביי יענע געלעגנהייטן האבן מיר זוכה געווען צו קענען מיטהאלטן מערערע שיינע שמועסן וואס דער רבי האט גערעדט און דערציילט אויפ'ן וועג.

איך געדענק ווען איינמאל איז דא געווען צוגאסט כ"ק אדמו"ר הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל, האט ער זיך צוגעשטעלט צו אונז, און ער



הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל



אדמו"ר מסאטמאר זי"ע

האט אונז געזאגט "איך בין אויך א תלמיד, לאזט מיר אויך באגלייטן דעם רבי'ן"...

איינמאל שבת שובה (אדער א שבת פאר ראש השנה) איז צוגעקומען אינמיטן וועג צום רבי'ן א צעבראכענער איד, ער איז נעבעך געווען אן איינזאמער מענטש, ער פלעגט זיך פרייליך מאכן מיט די קינדער אין ביהמ"ד, און ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז "משיח זאל שוין קומען".

פרעגט אים דער רבי "וואס גייט פאר?", זאגט דער איד אז זיין קאפ טוט לעצטנס זייער ווי. איך האב געוואוסט אז דער איד איז ל"ע זייער קראנק, האב איך זיך צוגעבויגן צום רבי'ן און געזאגט אז ער האט ל"ע א געוואוקס אויפ'ן מח וואס דאס איז גורם זיין קאפ ווייטאג. דער רבי האט אים זייער ווארעם אנגעוואונטשן א רפואה שלימה.

עטליכע טעג שפעטער, ערב יום הקדוש, בין איך געווען ביים רבי'נס טיש, וואס איז געווען זייער אן ערנסטער התעוררות'דיגער טיש, האט דער רבי ארומגערעדט ביי די דברי תורה ווי

יעדער איד וויל אז משיח זאל קומען, יעדער צוליב זיינע סיבות, האט ער בתוה"ד געטייטשט דעם פייט פון ערב יוה"ק ביי סליחות "ומושכין כולם יחד מזה אחד ומזה" יעדער ציהט און יעדער וויל די גאולה שלימה, כאטש יעדער האט זיך זיינע אנדערע סיבות פארוואס ער וויל אז משיח זאל קומען.

מיר האבן דעמאלטס פארשטאנען אז די תורה האט א שייכות מיט דעם שמועס וואס דער רבי האט געהאט מיט דעם איד פארגאנגענעם שב"ק.

**(זקניך ויאמרו לך)**

## אבנטו של כהן גדול

דער טשאקאווא'ער רבי הגאון הצדיק רבי יעקב האלבערשטאם זצ"ל האט געהאט די זכי' צו געבן פאר רביה"ק מסאטמאר זי"ע דאס גארטל וואס ער האט געהאט בירושה פון הייליגן צאנזער רב זי"ע, און דער רבי האט עס אנגעטוהן יעדעס יאר אום יום הקדוש.

אויף דעם גארטל איז געווען אויפגענייט מיט זילבערנע פאדים דער פסוק "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו'".

דער רבי זי"ע האט זיך אויך אמאל אויסגעדרוקט דערויף "אבנטו של כהן גדול" און האט שטענדיג אכטונג געגעבן אז באלד נאך יום הקדוש זאל מען עס אפשיקן צוריק צום טשאקאווא'ער רבי'ן זצ"ל און דאס קומענדיגע יאר האט עס דער טשאקאווא'ער רבי זצ"ל ווידער געברענגט צום רבי'ן זי"ע. אזוי איז דאס געווען מדי שנה בשנה.

**(מחזור דברי יואל)**

## די ברכה ערב דעם הייליגן טאג געטוישט אויף חג הסוכות

איך האב געהערט פון ידידי עוז אבדלחט"א, כ"ק הגאון הצדיק רבי אברהם דוד הורוביץ זצוק"ל גאב"ד שטראסבורג וחבר הבד"ץ בעיה"ק ירושלים, וואס ער האט עס געהערט פון זיין זיידן

הגה"ק בעל הפתחא זוטא זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די חסידים פון מיין גארליצער זיידן זי"ע, אז איינמאל האט ער געפרעגט דעם זיידן פארוואס ער פארט יעדעס יאר צו פראוועו דעם יו"ט סוכות בצילו פון זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים זי"ע, אין די צייט וואס ער זעלבסט דינט אלס רב אין זיין שטאט, און פארוואס פארבלייבט ער נישט מיט זיין ציבור אויף יו"ט.

דער גארליצער זיידע זי"ע האט אים געענטפערט, אז הגם וואס ער האט א מהודר'דיגן אתרוג אויף יו"ט, האט ער אבער נאך אלץ מורא אז אפשר איז עס פון די אתרוגים מורכבים, און איבער דעם פארט ער, צו מאכן די ברכה אויפן אתרוג פון זיין פאטער, וואס דאס איז זיכער נישט פון די מורכבים, ווייל "צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם".

און דער גארליצער רב זי"ע האט צוגעלייגט, אז דער דין פון "אתרוג המורכב" ווערט נישט געברענגט אין די ראשונים און אין שו"ע, ווייל אין זייער צייט איז נאכנישט געווען קיין אתרוגים מורכבים, און עס ווערט בלויז דערמאנט אין מג"א (או"ח סי' תרמח, ס"ק כג) און אין די פוסקים האחרונים (לבוש סי' תרמט, סעיף ד, ט"ז סי' תרמט, ס"ק ג).

(אגב: דער מג"א ברענגט שוין דעם נידון איבער די אתרוגים מורכבים פון תשובות הרמ"א בשם מהר"י פדואה, אבער ווי עס שיינט איז די כוונה פון דעם גארליצער זיידן זי"ע, אז וויבאלד ס'איז נישט געווען קיין דבר המצוי, וועגן דעם ווערט עס כמעט נישט דערמאנט אין די פוסקים, און איבער דעם האט אויך דער רמ"א אויסגעלאזט דעם דאזיגן הלכה. משא"כ אין די דורות נאך אים, האט זיך עס יא פארמערט און טאקע דערויף ברענגען עס שוין די פוסקים ארום דעם שו"ע).



הגאון הצדיק רבי אברהם דוד הורוביץ זצוק"ל

און דער גארליצער רב זי"ע האט צוגעלייגט אז אין די לעצטע דורות האט דער ס"מ געזען די געוואלדיגע תשוקה און התלהבות פון כלל ישראל צו די מצוה פון ארבעה מינים, האט ער מרכיב געווען די אתרוגים אז כלל ישראל זאל חלילה נישט יוצא זיין ידי חובתם, אבער צדיקים איז דאך דער כלל אז אין הקב"ה מביא תקלה על ידיהם (גיטין ז, א, חולין ה, ב) און זיי האבן יא א כשר'ן



אתרוג אויף יו"ט, וועגן דעם פארט ער צו מקיים זיין די מצוה פון די ד' מינים אין צאנז.

און בתוך הדברים האט דער גארליצער זיידע זי"ע דערציילט פארן פתחא זוטא זצ"ל, אז איינמאל ווען ער איז אנגעקומען אויף יו"ט צו זיין הייליגן פאטער אין צאנז, איז אין לויף פונעם גאנצן וועג אראפגעגאנגען שווערע שלאקס רעגנס און די רייזע קיין צאנז איז געווען זייער שווער, און אין אלע גלילות פון צאנז האט מען זיך זייער געפלאגט צו בויען די סוכות אונטער די שווערע רעגנס, און די אידן האבן זיך געזארגט וויאזוי זיי וועלן קענען מקיים זיין די מצות סוכה אין אזא שווערן וועטער.

אנקומענדיג קיין צאנז אום ערב יו"ט, האט ער געהערט אז דער דברי חיים האט דאס אלעס גע'פועל'ט, ועובדא דהוה הכי הוה.

עס זענען געווען צוויי ברודער, בארימטע האלץ הענדלער. איינער איז געווען פון די חסידים פון איינעם פון די צדיקי הדור און האט געוואוינט אין די גלילות פון צאנז, און צומאל פלעגט ער קומען זיך מסתופף זיין בצל הדברי חיים און ספעציעל אויף יום הקדוש. דער צווייטער ברודער איז נישט געגאנגען בדרך החסידות, און האט געוואוינט אין שטאט וויען.

די דאזיגע צוויי רייכע ברודער האבן געהאט ביי זיך גרייט ארויסצושיקן אסאך האלץ דורך די וואסער, אבער דער רעגן איז נישט אנגעקומען, און זיי האבן דורך דעם געקענט שאדן האבן זייער אסאך געלט. האט דער ברודער פון וויען געבעטן פון זיין ברודער וואס האט געוואוינט נעבן צאנז, אז ווען ער וועט זיין ביים הייליגן צאנזער רב אויפ'ן הייליגן טאג יום הכיפורים זאל ער זיך מזכיר זיין און בעטן אז עס זאל קומען א רעגן.

דער ברודער איז טאקע ערב דעם הייליגן טאג אריין מיט א קוויטל און פ"נ צום דברי חיים זי"ע און האט זיך אויסגערעדט זיין זארג



איבער די האלץ. האט אים דער הייליגער דברי חיים געענטפערט: "אז דו וועסט געבן טויזנט ריייניש, וועט זיין רעגן!". האט יענער געזאגט אז ער דארף דערויף האבן די צושטימונג פון זיין ברודער פון וויען. ער האט באלד ארויסגעשיקט א טעלעגראם צו זיין ברודער, און עס איז באלד צוריקגעקומען דער ענטפער אז ער איז גרייט צו געבן די גרויסע סומע.

ער איז באלד צוריק אריין אל הקודש פנימה און האט אראפגעלייגט די טויזנט ריייניש, און דער צאנזער זיידע זי"ע האט זיי אנגעוואונטשן אז עס זאל גיין וויפיל רעגן זיי דארפן צו האבן כדי צו קענען אריבערפירן די האלץ... און טאקע באלד זענען די הימלען באדעקט געווארן מיט געדעכטע וואלקענעס און עס האט אנגעפאנגען צו גיין א רעגן אן אויפהער, אין לויף פון עטליכע טעג.

הרה"ק מגארליץ זי"ע ווען ער האט דאס געהערט, איז ער אריין צו זיין הייליגן פאטער זי"ע און גע'טענה'ט: "היתכן, וועגן דעם דייטש פון וויען דארפן אידן ליידן אויף די וועגן ערב יו"ט?... ווי אזוי וועלן מיר קענען זיצן אין די סוכה?...".

האט אים דער צאנזער רב זי"ע געענטפערט: "גוט, מיר וועלן האבן אי"ה א שיינעם סוכות, אן איין טראפ רעגן!".

און תיכף ומיד האט זיך די רעגן אפגעשטעלט, און אין לויף פון א גאנץ יו"ט איז נישט אראפ קיין איין טראפ רעגן, טראץ וואס עפ"י רוב רעגנט דארט אום סוכות, ולכל בני ישראל היה אור במושבותם.

**(כ"ק אדמו"ר מצאנז טשאקאווא שליט"א לרפוא"ש)**

## "דאס זעלבסט האב איך געוואלט אויסלערנען ליל יום הקדוש"

הרה"ג רבי דוד'ל פרענקל זצ"ל משב"ק ונאמן בית הגה"ק החזון איש זי"ע האט דערציילט אז איינמאל ליל יום הקדוש, האט דער חזון איש זי"ע געוועדעט קעגן א געוויסן פסק פון איינער פון די הויפט מזרחי'סטישע רבנים, און האט זיך אויסגעדרוקט זייער שארף קעגן אים, זאגנדיג אז דאס איז א גרויסער עם הארצות.

איינער פון די אנוועזנדע האט אים געפרעגט, וואס האט עס א שייכות איצט ליל יום הקדוש, ווייל ער האט עס שוין איינמאל געזאגט אין דער פארגאנגענהייט, און פארוואס דערמאנט ער עס פונקט אין די הייליגסטע נאכט פון יאר, האט דער חזון איש זי"ע געענטפערט: "דאס זעלבסט האב איך געוואלט לערנען, אז וואס מ'מעג רעדן, מעג מען אפילו ליל יום הכיפורים, און וואס מ'טאר נישט רעדן, איז אסור אויך אין א פשוט'ן מיטוואך...".

**(זכור לדוד)**

## "איך פיל בעסער ווי ווען איך עס און ווען איך נעם די מעדיקעישן"

הגאון הצדיק רבי משה גרין זצ"ל ראש ישיבה ד'מאנסי איז ווי באוואוסט געווען א גרויסער בעל יסורים ל"ע אין לויף פון פילע יארן, אבער מיט



החזון איש זי"ע

דעם האט דער ראש ישיבה זצ"ל געדינט דעם באשעפער מיט מסי"נ ממש.

ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר'ן באשעפער, סיי ביים לערנען תורה און סיי ביים דאווענען, נישט קוקנדיג אויף זיין געזונט צושטאנד און אויף זיין שרעקליכע שוואכקייט און יסורי הגוף והנפש, נאר מיט מסירות נפש ממש האט ער געדינט דעם באשעפער יומם ולילה.

עס דערציילט איינער פון די הצלה וואלונטירן אין שיכון סקווירא, אז דעם לעצטן יאר ראש השנה, ווען ער האט געדאוונט פאר'ן עמוד אין ביהמ"ד הגדול אין סקווירא, ווען מ'האט געענדיגט תפילת שחרית האבן די ארומיגע באמערקט אז פון זיין פוס גיסט בלוט, און זיין זוהן שליט"א האט אים געזאגט: "טאטי די גאנצע ערד אונטער דיר, איז פול מיט בלוט...".

ווען עס איז געקומען צו די הפסקה, האט מען אים ארויסגענומען אין א זייטיגן צימער און צוויי הצלה מעמבערס האבן באנדאזשירט די פוס, און ווען זיי האבן געזען אז די זאקן איז געווען דורכגעווייקט מיט בלוט, האט זיך איינער פון די הצלה וואלונטירן אנגערופן צו די ארומיגע און געזאגט: "איך וואלט גענומען די בלוט דורכגעווייקטע זאקן, און עס ארויפגעלייגט אויפן באלעמער, זאל דער גאנצער עולם זען ווער עס שטייט דא פאר'ן עמוד...".

דער ראש ישיבה זצ"ל האט אלע יארן געדאוונט אין די הייליגע טעג פאר'ן עמוד, תפילת שחרית, און שפעטער נאך די הסתלקות פונעם פריערדיגן בעל תפילה הגאון הצדיק רבי חיים ברים זצ"ל, האט דער ראש ישיבה זצ"ל אנגעפאנגען צו דאווענען תפילת המוספין, און אזוי אויך אינעם הייליגן טאג האט ער געדינט אלס בעל תפילה ביי כל נדרי, ביי מוסף און ביי תפילת נעילה.

און אויך אין די שווערע יארן, ווען ער איז שוין ליידער געווען פאראלאזירט והוא מחולל מפשעינו, האט ער קיינמאל נישט מוותר געווען אויפ'ן פאסטן, און האט זיך געשטעלט צום דאווענען ווי א לייב, וואס האט יעדן איינציגן באוואונדערט.

עס דערציילט איינער פון די קינדער שליט"א, אז מיט עטליכע יאר צוריק איז דער ראש ישיבה זצ"ל געווען ביי א דאקטער צווישן יום הקדוש



הגאון הצדיק רבי משה גרין זצ"ל

און סוכות, און האט דארט געטראפן להבלח"ט הגה"צ רבי מנחם מאיר וויסמאנדל שליט"א דומ"צ נייטרא, און זיי האבן צוזאמען געשמועסט איבער הלכות חבורה אום שבת ווען געבן נידלען, און דער נייטרער דיין שליט"א האט זיך אינדערמיט אנגערופן "איר פאסט דאך נישט יום כיפור", האט דער ראש ישיבה געענטפערט מיט א פשטות: "פארוואס נישט?", האט דער דיין שליט"א אים צוריק געזאגט: "דער ראש ישיבה איז א צוקער פאציענט, און איר טארט נישט פאסטן".

דערויף האט זיך דער ראש ישיבה זצ"ל ארויסגעכאפט אומווילנדיג, און געענטפערט מיט א פשטות: "איך פאסט יום כיפור, און ב"ה איך דאווען פאר'ן עמוד. איך נעם נישט די מעדיקעישן אום יום כיפור, און איך קען אייך זאגן אז איך פיל בעסער ווי ווען איך עס און ווען איך נעם די מעדיקעישן...".

דער נייטרער דיין שליט"א האט אזוי אנגעקוקט דעם זוהן שליט"א מיט וואונדער, ווי איינער וויל זאגן, איך ווייס נישט צי איך רעד מיט א מענטש אדער מיט א מלאך...

**(תולדות הגה"צ ראש ישיבה ד'מאנסי זצ"ל)**






# ביי תפילת זכאי א שמעק טאביק?

**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

מען האלט דאך יעצט פאר יום כיפור, יעדער ווייסט דאך אז **ערב יום כיפור איז דא א גרויסע מצוה צו עסן סעודת המפסקת** א גרויסע סעודה.

איז געווען א איד ר' בערל א שרעקליכע ארימאן וואס די ארימקייט ביי אים אין שטוב האט מען געקענט טאפן אין די ווענט, עס איז נישט געווען וואס צו עסן עס איז נישט געווען וואס צו טרינקען, קוים האט ער פארדינט אפאר גראשן א וואך וואס פון דעם האט ער געקענט קויפן די איבעריגע ברויט פון נעכטן, א בלוטיגער ארימאן איז ער געווען, **עס איז געקומען צו די סעודת המפסקת, די סעודה פון ערב יום כיפור און עס איז נישט געווען וואס צו עסן,** מען פירט זיך צו עסן צוויי סעודות, און ביי אים איז אבער גארנישט געווען וואס צו עסן, ביי אים איז געווען צוויי מאל גארנישט, עד כדי כך אז ר' בערל'ס פרוי איז געווען אזוי צובראכן, זי האט נישט געקענט אדורכטראגן די שרעקליכע עניות, האט זי אים געזאגט, גיי ארויס פון הויז און פרוביר צו ברענגען עסן פאר די קינדערלעך, **ממש איך לאז דיך נישט אריין ביז עס וועט זיין עסן אין שטוב.**

ר' בערל האט זיך ארומגעדרייט אין שטעטל שרעקליך הונגעריג, ער האט נישט געהאט סיי וואס צו עסן און ער האט נישט געהאט וואו זיך אפצורוהען אפילו, ווייל אין שטוב קען ער שוין נישט זיין. אזוי דרייט ער זיך ארום, עס איז שוין געווען אזוי שפעט אז ער האט שוין געזעהן מענטשן הייבן שוין אן צו קומען מיט זייערע מחזורים אין בית מדרש, מען קומט שוין ווייסערהייט אנגעטוהן, מען קומט שוין דאווענען כל נדרי אין שוהל, **און אט זעהט ער גייט דארטן ר' זלמן דער גרויסער עושר,** ר' זלמן קומט שוין אויך צו גיין האלטנדיג אין זיין רעכטער האנט זיין שיינע לעדערנע מחזור און **אין זיין לינקע האנט האלט ער זיין שיינעם זילבערנעם טאבאק פושקע** וואס פון דעם האלט ער אין איין שמעקן דאס גיבט אים אביסל כח ווייטער אנצוגיין צו קענען פאסטן און צו קענען דאווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ר' בערל טראכט צו זיך, אה כאטשיג עפעס וועל איך




דער שטעטל בארדיטשוב אין יאר תרס"ה

קענען האבן, ווי נאר זלמן וועט זיך אוועקזעצן אויף זיין פלאץ וואל איך צוגיין צו אים בעטן א שמעק טאבאק, דאס וועט מיך געבן אביסל כח צו קענען פאסטן די גאנצע יום כיפור. ווייל ער פאסט דאך שוין פון א טאג פאר יום כיפור, ער האט דאך גארנישט געגעסן, ער האט דאך גארנישט געהאט אויף וואס איינצופאסטן. אזוי וועל איך מיך כאטש קענען אביסל בארואיגן מיין שרעקליכע הונגער און קענען פאסטן אינעם הייליגן טאג יום הקדוש. ר' זלמן האט זיך קוים געקענט געבן א ריר, ער איז געווען ממש אנגעגעסן און אנגעטרונקען פון אלע סעודות, ער קומט שוין אריין אין בית מדרש, זלמן קוקט אויף זיין פלאץ מיט זיינע שארפע בליקן צו זעהן צו איינער האט זיך פארשמעקט אראפצוזעצן אויף זיין פלאץ, דערוואגן זאל זיך איינער אוועקצוזעצן אויף זיין פלאץ, ברוך השם טאקע קיינער איז נישט געזיצן אויף זלמן'ס פלאץ. ער זעצט זיך אוועק, מאכט זיך באקוועם און **ער הייבט אן זאגן די תפילת זכאי** א תפילה וואס מען זאגט פאר כל נדרי.

בערל זעהט, אקעי, זלמן זיצט שוין אויף זיין פלאץ ער שאקלט זיך שוין, די זילבערנע טאבאק פושקע ליגט שוין אויף זיין לינקע זייט אזוי נעבן זיין פלאץ, אקעי, יעצט וועל איך צוגיין צו אים און אים בעטן כאטש עפעס א שמעק וועל איך האבן עפעס איינגעפאסט און האבן כח צו קענען פאסטן די גאנצע טאג. בערל קומט מיט געמאסטענע טריט, ער ווארט אז זלמן זאל געבן אזא בליק ארויס פון די מחזור נישט אז ער זאל אים שטערן און אים דארפן קלאפן אויפצוואוועקן און ער זעהט ווי זלמן זאגט זייער ערליך תפילת זכאי, און בערל גייט איינמאל ארויף איינמאל אראפ, און זלמן קוקט נאך אלס נישט ארויס, ביז ער גיבט אזא הוס, אהההה!!, דעמאלטס האט שוין זלמן געגעבן א קוק ארויס פון זיין מחזור און בערל געבט אים א פרעג, א גוטן ר' זלמן, איר זאלט זיך אויסבעטן אלעס גוטס, **אבער האב רחמנות אויף מיר איך וויל האבן א שמעק טאבאק פון דיין טאבאק פושקע.**

**וואאאאס?? א שמעק טאבאק פון מיין טאבאק פושקע?? ווען, יעצט ערב יום כיפור אינמיטן תפילת זכאי, דו קומסט מיך שטערן מיט א שמעק טאבאק, ביזטו אויפ'ן קאפ געפאלן**, גיי דיר, גיי דיר וואו דיינע פיס טראגן דיך, גיי דיר דארטן אין די הינטערשטע שורה פון בית מדרש דארטן וואו דיין פלאץ איז, מיט אזא חופצה קומט ער זיך אהער ער וויל שמעקן אין מיין זילבערנע טאבאק פושקע, נאך יעצט אינמיטן תפילת זכאי.

בערל איז געווארן שרעקליך צובראכן, אזוי צוקלאפט, אויסהונגערט, אפגעמוטשעט, ער איז אוועקגעגאנגען פון דארטן ווי א צובראכענע שארב, צובראכן אויף פיצלעך, ער האט זיך געשטעלט צום וואנט מיט טרערן אין די אויגן און געוויינט שרעקליך צום אויבערשטן, און ער האט געזאגט, **"רבונו של עולם, מן הסתם בין איך א שמעק טאבאק אויך נישט ווערד"**, גארנישט בין איך נישט ווערד, ווי א שטיקל ערד, דאס בין איך, און אזוי האט בערל שטארק געוויינט צום אויבערשטן.

יענע יום כיפור האבן בערל'ס צובראכענע ווערטער געשאקלט הימלען און זלמן'ס שלעכטע אויפפירונג האט צושפאלטן הימלען, און אין הימל האט זיך געטוהן א גרויסע רעש, און עס איז באשטימט געווארן **אז מען גייט אויפטוישן בערל מיט זלמן, בערל וועט ווערן א גביר און זלמן וועט ווערן פארארעמט ווי די נאכט**, דאס רעדל וועט זיך געבן א דריי, און גו"ד ביי.

נאך יום כיפור, בערל האט קוים מיט די צרות געטראפן עפעס מיט וואס אויסצופאסטן און ער איז אהיימגעקומען צו זיינע אויסגעהונגערטע קינדערלעך און געגעבן צו עסן.

א טאג נאך יום כיפור קומט אן צו בערל א קרוב זיינער און ער זאגט, בערל איך האב געהערט דיין ארימקייט **איך בין א גרויסער עושר איך האב דיך געבערענגט דריי הונדערט רובל זאלסט זיך קענען אביסל אויפהייבן זאלסט זיך קענען עפענען עפעס א ביזנעס** וואס זאל דיך קענען אריינברענגען געלט פאר א גאנץ לעבן. בערל האט ממש אויפגעלאכטן, דריי הונדערט רובל איז א גרויסע גרויסע פארמעגן.

בערל האט זיך שטארק באדאנקט פאר דעם גוטהארציגן קרוב, און בערל האט מיט דעם אפגעקויפט עפעס א געשעפט און ווי נאר ער איז אריין אין די געשעפט האט ער אנגעהויבן זייער שיין מצליח צו זיין, **בערל'ס הצלחה האט געבליהט יעדן טאג**, עטליכע וואכן נאך סוכות זענען שוין זיינע קינדער געגאנגען אנגעטוהן ווי נארמאלע קינדער, מען



דער גאר אלטע ביהמ"ד אין בארדיטשוב

האט שוין נישט גע'חלומ'ט אז דאס איז בערל'ס קינדער, די זעלבע קינדער וואס זענען געגאנגען אפאר וואכן צוריק מיט צוריסענע לאטעס מיט שמאטעס, און בערל האט זיך געלאזט איבערפארבן די הויז.

אויף די אנדערע זייט, ביי זלמן א טאג נאך יום כיפור איז אנגעקומען שלעכטע נייעס אז עטליכע פון זיינע פאבריקן האבן אפגעברענט, **אפאר טאג נאך סוכות איז געקומען אנדערע נייעס אז די שיפן וואס זענען אויפ'ן וועג פון איטאליע מיט אסאך סחורה האבן געזינקען**, און אזוי זלמן'ס געשעפטן האבן אנגעהויבן גיין בארג אראפ ער איז געווארן א בעל חוב ער איז געבליבן שולדיג פאר מענטשן וואס האבן ביי



דער מארק אין שטעטל בארדיטשוב - פאר'ן קריג



אזוי דרייט זיך בערל ארים ווי א בעטלער, שרעקליך הונגעריג

אים אריינגעלייגט געלט וויל עס וואקסט די געלט ביי זלמן'ס גרויסע ביזנעס, איז ער געווארן א בעל חוב ער איז געבליבן שולדיג פאר זיי ער האט נישט געהאט וואס צו באצאלן. **זלמן האט אנגעהויבן צו פארקויפן זיינע פארמעגנס זיין שטוב זאכן זיין זילבערנע טאבאק פושקע האט ער פארקויפט** אלעס האט ער געמוזט פארקויפן וואס ער האט געהאט, כדאי צו באצאלן און צו האבן אויף ברויט אין שטוב.

נאך עטליכע חדשים געבט זיך זלמן א כאפ איין טאג, גיב א קוק, עס איז דאך אזוי וואונדערליך, פונקט ווען איך האב אנגעהויבן גיין בארג אראפ האט בערל דער בלוטיגע ארימאן אנגעהויבן גיין בארג ארויף, ער האט זיך שוין אפילו געצויגן א דירה לעצטע וואך, ער וואוינט אין א פיר שטאקעדיגע הויז, ער האט א פאלאץ, וואס איז געשעהן צו אים, ממש אין עטליכע חדשים אין א האלבע יאר, ער האט אזויפיל געלט געמאכט, און פונקט אין די האלבע יאר בין איך געגאנגען בארג אראפ, דאס איז זייער אינטערעסאנט. זלמן האט אפילו נישט געטראכט אז עס איז פארבינדן איינער מיט'ן צווייטן אבער עס איז אים געווען זייער אינטערעסאנט.

נאך עטליכע חדשים איז אדורך, זלמן איז געווען א בלוטיגע ארימאן, ער האט נישט געקענט קומען צו זיך און ער האט מחליט געווען אריבערצוגיין צום הייליגן צדיק רבי לוי יצחק בארדיטשובער זיך גיין אויסוויינען צו אים, דער הייליגער צדיק זאל אויף אים רחמנות האבן, ער זאל זעהן עפעס צו טון.

**עס איז געווען דעמאלטס ממש פאר יום כיפור, ער קומט אריין צום הייליגן בארדיטשובער און ער וויינט זיך אויס**, זלמן האט פארציילט אזוי אינטערעסאנט אז די גאנצע יאר וואס ביי מיר איז געגאנגען בארג אראפ איז ביי בערל דער בלוטיגער ארימאן געגאנגען בארג ארויף און ער איז געווארן א גרויסע גביר, איך וואונדער מיך זייער ווי אזוי איז דאס געשעהן.

דער צדיק וקדוש רבי לוי יצחק קוקט אריין אין די אויגן פון זלמן און ער פרעגט אים, **זלמן זלמן, זאג מיר דעם אמת, האסטו אמאל געטשעפעט מיט בערל'ען**, האסטו אים אמאל געמאכט עפעס א צער?

זאגט זלמן, ניין, איך זעה נישט איך זאל אמאל...

איז פראביר דיך צו דערמאנען. עס איז דאך א צייט פון חשבון הנפש, טראכט דיך איבער צי דו האסט אמאל געמאכט פון לעצטע יאר יום כיפור ביז דער יום כיפור צי דו האסט אים אמאל געמאכט עפעס צער.

**יא!! רבי איך דערמאן זיך, עס איז געווען טאקע פונקט א יאר צוריק**, ממש פאר כל נדרי ערב יום כיפור זייענדיג אין בית מדרש ער האט געוואלט שמעקן פון מיין טאבאק פושקע, איך האב אים געזאגט אז עס איז נישט יעצט די צייט, איך האב אים עס געזאגט אפשר נישט אזוי איידל, איך האב געזעהן שפעטער ווי ער וויינט זייער שטארק...

זאלסטו וויסן זיין, רופט זיך אן דער הייליגער בארדיטשובער,

צוליב די שרעקליכע צער וואס דו האסט אנגעמאכט פאר דעם בערל איז נגזר געווארן אויף דיך אין הימל אז די רעדל זאל זיך געבן א דריי אז בערל זאל ווערן דער גביר און דו זלמן זאלסט זיין ארעם ווי די נאכט.

אזוי ווי זלמן האט דאס געהערט אז עס איז נישט דא קיין וועג ארויס פון דעם, האט ער אנגעהויבן שרעקליך צו וויינען, **ער האט זיך געווארפן אויף דער ערד און געשריגן, רבי זיי מיך מוחל, רבי פרוביר עפעס צוריקצודרייען,** דו קענסט דאך טוהן, און אזוי ווי דו האסט געוואוסט דאס אז עס איז אזוי נגזר געווארן אין הימל קענסטו עפעס טוהן אין הימל אז עס זאל זיך צוריקדרייען די רעדל אז איך זאל צוריק ווערן אן עושר, איך קען נישט אזוי לעבן, אזוי האט ער געוויינט און געוויינט.

אבער דער רבי זאגט, איין איינציגע עצה איז דא, **אויב דו וועסט אמאל בעטן פון בערל א שמעק טאבאק און ער וועט דיך נישט וועלן געבן דעמאלטס וועט זיך די רעדל צוריקדרייען,** ווילאנג דאס געשעהט נישט ביזטו ארעם ווי די נאכט.

אוי אוי וויאזוי גיי איך דאס קענען טוהן, בערל איז דאך אזא גוטהארציגע מענטש, ער ווערט קיינמאל נישט אויפגערעגט, ער האט די וועלטס צייט, ער שטעלט זיך אפ צו רעדן מיט יעדע קליינע חדר אינגל, מיט יעדע בלוטיגע ארימאן איז דאך אפגערעדט, ער געבט דאך אזויפיל צדקות, ווי זאל איך קענען בעטן פון אים א שמעק טאבאק און אז ער זאל מיך אפשטופן, וויאזוי זאל עס מיך קענען געלונגען, און אזוי איז זלמן אוועקגעגאנגען צובראכענערהייט צו זיין ארימע שטוב צו זיין ארימע הייזקעלע וואס ער האט לעצטענס געהאט געקויפט מיט א הונדערטסטל פון זיין געלט וואס ער האט פארקויפט זיין אלטע הויז.

אזוי איז ער געווען וואכן און חדשים פארנומען אויסצוטראכטן א גוטע פלאן ווי אזוי צו בערל'ען קענען אויפרעגן און אזוי זאל זיך קענען צוריקדרייען די רעדל.

בערל איז שוין אזוי רייך אז עס קומען צו אים אלע מיני גרויסע סוחרים וואס פארקויפן טייערע זאכן גאלד און זילבער און ברענגען אים אלעמאל שיינע זאכן זעהן צי ער וויל אפקויפן און טאקע צו אים איז אויך געקומען איינער פון די סוחרים וואס פארקויפן זילבערנע הערליכע פושקעלעך קליינע, ער האט אים געברענגט אזא זילבערנע טאבאק פושקע פרעגן צי ער וויל אפקויפן.

בערל קוקט אויף די זילבערנע טאבאק פושקע, ער געבט זיך א כאפ, **דאס איז נישט מער און נישט ווייניגער דער זילבערנע טאבאק פושקע וואס אפאר יאר צוריק איך בין געווען אויסגעהונגערט האבן מיינע אויגן געצילט צו די טאבאק פושקע איך האב אזוי שטארק געוואלט שמעקן פון דעם,** געב א קוק, מאשפות ירום אביון, דער באשעפער האט מיך ארויסגענומען פון די מיסט פון די שמוץ האט ער מיך אויפגעהויבן ארויפגעברענגט אזוי הויעך, מקימי מעפר דל,



דער אידישער געגענט אין דעם שטעטל בארדיטשוב - דער שוהל זעהט מען פונדערווייטנס


איינע פון די צענדליגע שוהלן אין בארדיטשוב

דער אויבערשטער שטעלט אויף דער ארימאן פון די שטויב, איך בין גארנישט געווען, איך האב געטראכט צו מיך "אפילו צו א שמעק טאבאק בין איך נישט ווערד", אוי טאטע איך דאנק דיך, **כי טוב השם ווייל דער אויבערשטער איז גוט,** און אזוי דאנקט ער דער אויבערשטער און ער האט אפגעקויפט די זילבערנע טאבאק פושקע, דאס מוז איך האבן. ער האט עס אוועקגעלייגט אין די שאפע דארטן און ער האט געטראכט צו זיך, טאטע יעדע מאל וואס איך זעה דאס דאנק איך דיך.

בערל האט יעדע מאל וואס ער איז ארויס פון שטוב צי ער איז געגאנגען אין שוהל צי נישט קיין חילוק וואו האט ער מיטגענומען טאקע די זילבערנע טאבאק פושקע ביי זיך אין טאש, דאס האט ער געשמעקט דאס האט אים געגעבן חיות און דאס האט אים דערמאנט אלעמאל אז ער דארף דאנקען דער אויבערשטער פאר די גרויסע חסדים. און ער פלעגט אריינעמען געסט ביי זיך אין שטוב און ווען ער האט נאר געהאט א געלעגנהייט האט ער געלערנט, ער איז געווען באמת א שיינער איד, א חשוב'ער איד. **ר' בערל איז געווען א איד וואס איז געווען גוט צו מענטשן און גוט צום אויבערשטן. די געלט האט אים נישט פארפירט, ער איז געבליבן ערליך.**

אזוי זענען דורך יארן און בערל טוט א שיינעם שידוך מיט



א שרעקליכע שריפה האט אויסגעבראכן אין ר' זלמן'ס געשעפטן

זיין טאכטער, א געלונגענע טאכטער זייער אן ערליכע און מיט נישט קיין צווייטער ווי דער רב פון שטאט. פארשטייט זיך אז בערל צאלט אויס די זייט פון דער רב אויכעט ער צאלט אויס ביידע צדדים און עס קומט פאר א ריזיגע גרויסע חתונה און די חתונה גייט געפראוועט ווערן מיט גרויס פראכט, ער האט צוגעשטעלט א גאנצע זאל נאר פאר די ארימעלייט אפילו צו עסן פון די בעסטע און די שענסטע, ער האט נישט גערופן נאר די ערשטע קאזינס און אויך נישט נאר אלע וועמען ער זעהט יעדן טאג, נאר ער האט גערופן יעדער איינער פון די גאנצע שטאט אלע ארימעלייט פון אלע דערפלעך, יעדער זאל קומען זיך באטייליגן ביי זיין שמחה אזא גרויסע שמחה, ער האט זיך אזוי געפריידט.

מען האלט שוין ענדליך ביים גיין צו די חופה, זלמן נעבעך איז א בלוטיגער ארימאן, ער עסט טאקע צווישן אלע ארימעלייט אבער עס גיבט אים נישט קיין מנוחה, **איך וויל נאך צוריקהאבן מיין גוטע טאג איך מוז בערל ארויסנעמען פון די כלים**, היינט גייט עס געשעהן ווען בערל וועט זיין אזוי אנגעצויגן וויל ער מאכט חתונה זיין טאכטער אלעס מוז קלאפן אזוי ביז די לעצטע סקונדע.

מען האלט שוין ענדליך ביי די חופה, שטייט דארטן די מוזיק שטייט דארטן אזא פינף און צוואנציג מע״ן בענ״ד, און עס זיצן דארטן הונדערטער הונדערטער געסט, און אזויפיל משפחה און אלע אידן פון שטאט און עס איז געקומען דארטן רבנים און עס טוט זיך דארטן א חתונה מען האט צוגעגרייט א חופה דארט, א הערליכע ערליכע חופה, ענדליך מען האלט שוין ביי די חופה, און א גרויסער עולם שטופט זיך דארטן יעדער וויל זעהן, דער רב גייט זיין מסדר קידושין, דער הייליגער באדיטשובער דער הייליגער צדיק, **חתן כלה שטייען שוין אונטער די חופה אלעס איז גרייט, און דער רב געבט זיך א דריי אויס צו בערל, בערל נו די כתובה,** און בערל שטעקט אריין די הענט אין זיין קעשענע ארויסצונעמען די כתובה וואס ליגט אזוי שיין איינגעדרייט אין זיין קעשענע. און ער וויל ארויסנעמען די כתובה, גיבט זיך א שטופ אריין זלמן זיין נאז, ער זאגט בערל בערל. און בערל'ס הענט ליגט שוין אזוי ער האלט שוין אינמיטן ארויסשלעפן די כתובה.

און זלמן שרייט, בערל.

**יא יא יא וואס ווילסטו וואס קען איך דיך טוהן?**

איך וואלט געוואלט האבן א שמעק טאבאק.

**אזוי?** בערל הערט אז זלמן וויל א שמעק טאבאק, זלמן איז געווען זיכער אז יעצט גייט עס געשעהן, בערל גייט זיך אויפרעגן און אין אפאר וואכן ארום בין איך צוריק אן עושר. אבער נישט מער און נישט ווייניגער, די כתובה איז שוין געליגן אינדרויסן, בערל לייגט עס שיין צוריק און ער לייגט אריין זיין לינקע האנט אין די רעכטע קעשענע און ער נעמט ארויס די זילבערנע טאבאק פושקע, און ער גיבט עס פאר זלמן, **דא האסטו.**

**זלמן האט דאס געזעהן האט ער דאפלט גע'חלש'ט**, ער האט נישט געקענט קומען צו זיך, אזוי איז ער געליגן פאר'חלש'ט, סיי עס איז דאך מיין זילבערנע טאבאק פושקע וואס איך האב אמאל געהאט וואס אמאל האב איך עס געהאלטן און ער האט געוואלט שמעקן און איך האב אים נישט געוואלט געבן, און סיי אז ער גיבט עס מיך מיט אזא ברייטקייט אין די גרעסטע אנגעצויגנסטע מינוטן גיבט ער מיך מיט א ברייטקייט, אוודאי, זלמן געב א שמעק. אזוי איז ער געבליבן אויף דער ערד, ער האט נישט געקענט קומען צו זיך. מען איז שנעל צאמגעלאפן מען האט אים דערמונטערט, ער האט אזוי געוויינט און ער איז געליגן אויף די ערד.

**"יארן לאנג ווארט שוין זלמן צו קענען ארויסנעמען בערל פון די כלים, און גארנישט, עס איז גארנישט גארנישט גארנישט געלונגען, גארנישט גייט מיך נישט, איך בין א פארפאלענער אויף אייביג"**, אזוי ליגט ער אויף דער ערד, איך בין צו גארנישט ווערד.

בערל גייט צו צו זלמן, פרובירט אים צו ברענגען אין א גוטע מוט, זאגט אים זלמן, קום קום אין די זייט קום לאמיר שמועסן וואס גייט פאר וואס איז געשעהן, איך האב דיך געוואלט געבן די טאבאק פושקע, האסטו זיך פאר'חלש'ט.

און זלמן נעמט זיך אים זאגן, איך בין א פארלוירענער, איך האב נישט קיין שום האפענונגען.

וואס איז געשעהן צו דיך? איך האב דיך דאך שוין געגעבן א שיינע מטבע פאר די חתונה איך וועל דיך געבן נאך...

נישט דאס, בערל נישט דאס, דו האסט שוין פארגעסן, אבער מיר ליגט עס נאך אין די ביינער עס שטייט מיר פאר די אויגן. **דו געדענקסט נאך די זעלבע זילבערנע טאבאק פושקע וואס דו האסט געוואלט שמעקן ווען דו ביזט געווען**

**אין אזא מצב וואס איך בין יעצט און איך האב דיך פארווארפן,** וואס דער הייליגער בארדיטשובער האט מיך געזאגט אז אלס איז געקומען מיין גאנצע ארימקייט איז נאר געקומען וועגן דעם און עס איז אריבערגעגאנגען צו דיך, האב איך געווארט פאר א געלעגענהייט אז עס זאל קענען צוריקקומען צו מיך דורכדעם וואס איך זאל דיך ארויסנעמען פון די כלים, און עס געלונגט מיך נישט, עס איז מיר נישט געגאנגען, יעצט בין איך א פארפאלענער.

בערל זאגט אים, זלמן, לאמיר גיין צו די חתונה פרייליכערהייט, פראווענען די חופה, די גאנצע חתונה, אלע זיבן טעג שבע ברכות, לאמיר פראווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין, **נאך וואס די שבע ברכות ענדיגט זיך גייען מיר צוזאמען אריבערגיין צום הייליגן בארדיטשובער און זיך דורך שמועסן.**

זלמן האט זיך געשפירט רואיג, בערל קוקט זיך אום אויף מיך, בערל זוכט מיר גוט צו מאכן, נו איך בין טאקע נישט קיין פארפאלענער, דער אויבערשטער וועט מיך העלפן. און ער איז געגאנגען צו די חתונה, ער איז געווען זייער פרייליך, אלס איז אנגעגאנגען גוט.

נאך די שבע ברכות, מען האט געענדיגט די שבע ברכות און זלמן מיט בערל קומען אריבער צום הייליגן בארדיטשובער און זיי זעצן זיך אוועק.

דער הייליגער בארדיטשובער גיבט א קוק אויף די צוויי, יא, מיט וואס קען איך אייך העלפן.

רופט זיך אן זלמן צום רבי'ן, **איך דארף אזויפיל ליידן וועגן דעם איין טעות וואס איך האב געמאכט און פארדעם איז מיר אוועקגעגאנגען די גאנצע רייכקייט** און איך קען אויף קיין שום וועג נישט ארויסנעמען בערל פון די כלים קיינמאל, איך בין א פארפאלענער וואס קען מען טוהן דא צו דעם, ווי קען מיך דער אויבערשטער מוחל זיין אויף די עבירה וואס איך האב געטוהן?

**דער הייליגער בארדיטשובער רופט זיך אן, ענק זענען גרייט צו מאכן א פשרה?** ר' זלמן איז נעבעך שוין אזויפיל יארן פארארעמט, און ער איז שוין אפגעקומען פאר זיין זינד, **ר' בערל, ביזטו גרייט אוועקצוגעבן האלב פון דיין רייכקייט?**

בערל טראכט צו זיך, יא איך בין גרייט אוועקצוגעבן האלב פון מיין רייכקייט אבי דער אויבערשטער זאל מוחל זיין פאר זלמן, און אבי זלמן זאל האבן א גוטע טאג און זלמן זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיין לעבן אזוי ווי אמאל.

**ר' בערל האט מיט זיין גוט הארציגקייט אוועקגעגעבן האלב פון זיין פארמעגן פאר זלמן, זלמן איז צוריק רייך געווארן,** ביידע זענען געווען שיינע עשירים און ביידע האבן



וואס מיין געוועזענע טאביק פושקע ליגט ביי בערל אין האנט

זיך אפגעגעבן פאר אלע ארימעלייט מיט א ברייטקייט, און אזוי האט זלמן זוכה געווען צו א תשובה שלימה.

**דער הייליגער בארדיטשובער'ס 211'טע (נפטר געווארן אין יאר תק"ע) יארצייט געפאלט אויס כ"ה תשרי דינסטאג פ' בראשית, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

**פון דא זעהט מען די שרעקליכע עונש וואס א מענטש באקומט פאר'ן טשעפענען א צוויטן, און ווען א מענטש דאווענט מיט א צובראכן הארץ וואס געשעהט, דער באשעפער נעמט אן זיין תפילה, ווען איינער דאווענט צו דער אויבערשטער מען האט מיך געטשעפעט, וואס געשעהט צו יענעם, רחמנא ליצלן אזעלכע ביטערע שטראפן, נאר מיט א מורא'דיגע תשובה מיט יסורים נעבעך וואס זלמן האט געדארפט דורכגיין ביז דער אויבערשטער האט אים מוחל געווען, און ווי אויך, ווי גוט הארציג האט בערל אוועקגעגעבן האלב פון זיין פארמעגן צו מאכן זלמן גוט שפירן, נו, יעצט טאקע אין אזא צייט ווען מיר שטייען דא פאר יום כיפור וואס מען וויל האבן א גמר חתימה טובה יעדע וויל האבן א פארזיגלטן גוטע זיסע יאר, עס זאל זיין די ריכטיגע יאר וואס טאקע די יאר וואס מא'ש'פ'ת' ירום אביון וואס דאס איז תשפ"א וואס דער אויבערשטער וועט אונז אלע אויפהייבן, אונז אלע זענען אזוי פארארעמט נעבעך, דער אויבערשטער וועט אונז ארויפנעמען צום דריטן בית המקדש און מיט'ן מלך המשיח וועלן מיר ארויפגיין קיין ירושלים עיר הקודש עולה רגל זיין אין די יום טוב סוכות בנערינו ובזקנינו געזונטערהייט נלך וועלן מיר גיין, אמן.**

אויב האט איר אמאל א גוטע מעשה, אדער אן הערה אויף א מעשה, אדער עפעס צוצולייגן, וועלן מיר שטארק הנאה האבן צו הערן.

טובי' לייב שטערן
07798638225
Lemaantesapeir@gmail.com

# כל מי שמכוין בעת התחלת אדון עולם ערב אני בדבר שתפלתו נשמעת ואין שטן מקטרג על תפילתו ואין לו שטן ופגע רע בראש השנה והיום הכיפורים בתפילתו

(אלף המגן סימן תקפ"ד ס"ק יב, בשם רבי יהודה החסיד ורב האי גאון ורב שרירא גאון)

**הקדמה**

די פיוט "אדון עולם" ווערט שוין געברענגט אין סידור פון רב האי גאון און רב שרירא גאון, וואס זיי האבען געלעבט אין די תקופה פון די גאונים איבער טויזענט יאר צוריק. די פיוט איז געבויט ווי א פזמון, אזוי ווי רוב פיוטים וואס זענען נתחבר געווארען יענע צייטען.

**גודל מעלת הפיוט**

אפילו אז די פיוט ווערט נישט געברענגט אין חז"ל, איז עס אנגענומען געווארן אין אלע יודישע קרייזען, עס צו זאגען יעדע אינדערפרי פאר תפילת שחרית און ביינאכט פאר'ן גיין שלאפן. פון איין זייט ברענגט די פיוט ארויס די גרויסקייט און שטארקייט פון השי"ת, און פין די צווייטע זייט ברענגט עס ארויס די שטארקע נאנטקייט וואס השי"ת האט צו אונז, און אז ער העלפט אונז ארויס פון יעדע קלעם. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (מגילה לא.) אמר רבי יוחנן כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענותנותו, יעדע פלאץ ווי די טרעפסט די גרויסקייט פון השי"ת דארט וועסטו טרעפן זיין עניוות.

די פיוט איז מעורר יעדע מענטש פאר ער גייט זיך יעצט שטעלן דאווענען, א בחינה פון דע לפני מי אתה עומד.

די פיוט איז זייער באליבט געווארן ביי די תלמידים פון אר"י הקדוש און ביי די חסידים (אמרי פנחס שער ג סדר היום צ - צב, ועיין סידור שער השמים להשל"ה מה שמפרשים ע"ד הסוד) וואס האבען עס געזאגט פארן דאווענען און נאכן דאווענען. און עס איז אפילו דא וואס האבען עס געזאגט פאר יעדע תפילה.

**אין ספר אליה רבה (סימן מו ס"ק טו בשם המרש"ל) ווערט געברענגט אין נאמען פון רב האי גאון און רב שרירא גאון, אז ווער עס וועט זאגן "אדון עלם" פארן דאווענען מיט כוונה, געב איך אים א גאראנטי אז זיין תפלה ווערט אויסגעהערט (ערב אני שתפלתו נשמעת) און די שטן קען נישט מקטרג זיין אויף זיין תפילה. די פשוטע טעם פון דעם איז, ווייל צו זאגן אדון עולם מיט כוונה איז די בעסטע הכנה צום דאווענען, און נאכדעם פארשטייט זיך וועט זיין דאווענען אויסזעהן אסאך מער דערהויבן.**

---

אֲדוֹן עוֹלָם אֲשֶׁר מָלַךְ, בְּטֶרֶם כָּל
יְצִיר נִבְרָא: לְעֵת נַעֲשָׂה בְחֶפְצוֹ
כֹּל, אֲזַי מֶלֶךְ שְׁמוֹ נִקְרָא: וְאַחֲרֵי
כִּכְלוֹת הַכֹּל, לְבַדּוֹ יִמְלוֹךְ נוֹרָא:
וְהוּא הָיָה, וְהוּא הֹוֶה, וְהוּא
יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה: וְהוּא אֶחָד וְאֵין
שֵׁנִי, לְהַמְשִׁיל לוֹ לְהַחְבִּירָה:
בְּלִי רֵאשִׁית בְּלִי תַכְלִית, וְלוֹ
הָעֹז וְהַמִּשְׂרָה: וְהוּא קֵלִי וְחַי
גּוֹאֲלִי, וְצוּר חֶבְלִי בְּעֵת צָרָה:
וְהוּא נִסִּי וּמָנוֹס לִי, מְנָת כּוֹסִי
בְּיוֹם אֶקְרָא: בְּיָדוֹ אַפְקִיד רוּחִי,
בְּעֵת אִישַׁן וְאָעִירָה: וְעִם רוּחִי
גְּוִיָּתִי, ד' לִי וְלֹא אִירָא:

אֲדוֹן עוֹלָם דער אויבישטער איז דער האר פון דער וועלט אֲשֶׁר מָלַךְ, וואס ער האט געקעניגט בְּטֶרֶם כָּל יְצִיר נִבְרָא: נאך איידער אלע באשעפענישן זענען באשאפן געווארן לְעֵת נַעֲשָׂה אזוי אויך שפעטער אין די צייט ווען עס איז געמאכט געווארן בְחֶפְצוֹ מיט זיין ווילן כֹּל, אלעס דער גאנצע באשאף אֲזַי מֶלֶךְ איז דאן, מיטן נאמען "קעניג" שְׁמוֹ נִקְרָא: זיין נאמען גערופען געווארן וְאַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל און אזוי אויך נאכדעם ווען אלעס וועט זיך שוין ענדיגן ביים ענדע פון דער וועלט, לְבַדּוֹ יִמְלוֹךְ נוֹרָא: וועט ער אליין קעניגן, דער פארכטיגער באשעפער וְהוּא הָיָה און ער איז אייביג געווען אין דער פארגאנגענהייט, וְהוּא הֹוֶה און ער איז יעצט אויפן מאמענט, וְהוּא יִהְיֶה און ער וועט אייביג זיין אין דער צוקונפט בְּתִפְאָרָה מיט שיינהייט: וְהוּא אֶחָד און ער איז איינער וְאֵין שֵׁנִי און עס איז נישטא קיין צווייטער, לְהַמְשִׁיל לוֹ צו צוגלייכן צו אים לְהַחְבִּירָה צו מאכן ווי א גלייכער חבר: בְּלִי רֵאשִׁית ער איז אהן א אנפאנג בְּלִי תַכְלִית און אהן א ענדע וְלוֹ הָעֹז וְהַמִּשְׂרָה און ביי אים איז דאס שטארקייט און דער הערשאפט: וְהוּא קֵלִי און ער איז מיין גאט וְחַי גּוֹאֲלִי און מיין אויסלייזער וואס לעבט אויף אייביג, וְצוּר חֶבְלִי און דער שטארקע פעלז פון מיין טייל אויף אים פארלאז איך מיך בְּעֵת צָרָה אין די צייט פון ענגשאפט: וְהוּא נִסִּי און ער איז מיין פאן-שטאנג וואס מען שטעלט אין דער הייך און דערצו פארזאמלען זיך אלע מלחמה לייט וּמָנוֹס לִי, און דאס אנטלויף ארט פאר מיר זיך צו באשיצן אונטער אים מְנָת כּוֹסִי ער איז דער טייל פון מיין גורל, בְּיוֹם אֶקְרָא אין טאג ווען איך רוף אים, נאר צו אים רוף איך, און ער הערט מיך אויס: בְּיָדוֹ אַפְקִיד רוּחִי אין זיין האנט גיב איך איבער צו באהלטן מיין גייסט, בְּעֵת אִישַׁן אין די צייט ווען איך שלאף וְאָעִירָה און אויך ווען איך טו מיך אויפוועקן : וְעִם רוּחִי גְּוִיָּתִי און צוזאמען מיט מיין גייסט, גיב איך אים אויך איבער מיין קערפער ד' לִי וְלֹא אִירָא: די אייבישטער איז מיט מיר צו מיין הילף און איך האב נישט מורא פון גארנישט.

**לע"נ האה"ח מרת יהודית בת ר' שמואל מאיר ע"ה הכ"מ**

# סגולה גדולה ותיקון גדול ובפרט לר"ה, יוה"כ ו"הושענה רבה"

# לומר "עלינו לשבח" ז' פעמים ישר והפוך

## ועשרה שאומרים אותו יכולין להציל את כל העיר מכל גזירות רעות

**כן אמרו יהושע בעת כיבוש יריחו** (סדר היום)**.** והוא סגולה לאומרו בכל יום, ובפרט בר"ח בג' התפילות, כמ"ש מהר"ח וויטאל בשם רבינו האר"י הק' זי"ע בפרי עץ חיים (שער ר"ח פרק ג') וז"ל: **מצאתי כתוב במכתבי קודש של הרב במצרים, סגולה נפלאה מכל צרה וצוקה** בפרט בזמן המגיפה שמידת הדין מתוחה לומר בכל ג' תפילות של ר"ח "עלינו" עד "אין עוד" ישר והפוך ז' פעמים, **ובפ"א יאמר אב"ג ית"ץ, קר"ע שט"ן. ובפ"ב יאמר נג"ד יכ"ש, ובפ"ג יאמר בט"ר צת"ג חק"ב טנ"ע. ובפ"ד יאמר יג"ל פז"ק שק"ו צי"ת... אח"כ יאמר על כן נקוה עד גמיר.** ויכוין בסופי תיבות **מהר'ה בתפאר'ת עוזי'ך ס"ת תכ"ה.** ואח"כ יאמר מזמור ז' שגיון לדוד. וסיים הרב **ויודע אני שהוא מקובל, ונגע לא יקרב באהלו,** עכ"ל הפרע"ח.

סגולה מיוחדת לאומרו ביום הו"ר, ועשרה שאומרים אותו יכולין להציל כל העיר, כ"כ בספר הקדוש **יסוד יוסף,** (פרק ע"ח) וכ"ה **בסידור תפילה ישרה** (לפני עלינו לשבח) לאומרו בכל יום ובפרט בר"ה ויום כיפור, וכן נהגו לאומרו **ביום הושענה רבא.** הרה"ק **מאפטא** בעל ה**אוהב ישראל** (כ"ה בס' ילקוט אוהב ישראל עמוד קסז, אות מב)**,** צדיקי בית **טשערנאביל** (כ"ה בס' ליקוטי צבי)**,** הגה"ק **מהרי"ץ דושינסקי** זצ"ל גאב"ד ירושלים ת"ו.

**אופן אמירתו:** בספה"ק יסוד יוסף איתא לאומרו, ד' פעמים ישר וג' פעמים הפוך. ובסידור תפלה ישרה איתא לאומרו ז"פ ישר, וז' פעמים הפוך. ובס' ליקוטי צבי כ': שכן נהגו הצדיקים.

(ישר) עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ לַאֲדוֹן הַכֹּל. לָתֵת גְּדֻלָּה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית. שֶׁלֹּא עָשָׂנוּ כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת. וְלֹא שָׂמָנוּ כְּמִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה. שֶׁלֹּא שָׂם חֶלְקֵנוּ כָּהֶם וְגוֹרָלֵנוּ כְּכָל הֲמוֹנָם: (שֶׁהֵם מִשְׁתַּחֲוִים לְהֶבֶל וָרִיק וּמִתְפַּלְלִים אֶל אֵל לֹא יוֹשִׁיעַ:) וַאֲנַחְנוּ כּוֹרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים וּמוֹדִים לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: שֶׁהוּא נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיוֹסֵד אָרֶץ. וּמוֹשַׁב יְקָרוֹ בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל. וּשְׁכִינַת עֻזּוֹ בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים: הוּא אֱלֹקֵינוּ אֵין עוֹד. אֱמֶת מַלְכֵּנוּ. אֶפֶס זוּלָתוֹ. כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתוֹ. וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ. כִּי ד' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת. אֵין עוֹד:

(הפוך: ראוי להפסיק אחר כל תיבה ותיבה) עוֹד. אֵין. מִתָּחַת. הָאָרֶץ. וְעַל. מִמַּעַל. בַּשָּׁמַיִם. הָאֱלֹקִים. הוּא. ד'. כִּי. לְבָבֶךָ. אֶל. וַהֲשֵׁבֹתָ. הַיּוֹם. וְיָדַעְתָּ. בְּתוֹרָתוֹ. כַּכָּתוּב. זוּלָתוֹ. אֶפֶס. מַלְכֵּנוּ. אֱמֶת. עוֹד. אֵין. אֱלֹקֵינוּ. הוּא. מְרוֹמִים. בְּגָבְהֵי. עֻזּוֹ. וּשְׁכִינַת. מִמַּעַל. בַּשָּׁמַיִם. יְקָרוֹ. וּמוֹשַׁב. אָרֶץ. וְיֹסֵד. שָׁמַיִם. נוֹטֶה. שֶׁהוּא. הוּא. בָּרוּךְ. הַקָּדוֹשׁ. הַמְּלָכִים. מַלְכֵי. מֶלֶךְ. לִפְנֵי. וּמוֹדִים. וּמִשְׁתַּחֲוִים. כּוֹרְעִים. וַאֲנַחְנוּ. (יוֹשִׁיעַ. לֹא. אֵל. אֶל. וּמִתְפַּלְלִים. וָרִיק. לְהֶבֶל. מִשְׁתַּחֲוִים. שֶׁהֵם). הֲמוֹנָם. כְּכָל. וְגוֹרָלֵנוּ. כָּהֶם. חֶלְקֵנוּ. שָׂם. שֶׁלֹּא. הָאֲדָמָה. כְּמִשְׁפְּחוֹת. שָׂמָנוּ. וְלֹא. הָאֲרָצוֹת. כְּגוֹיֵי. עָשָׂנוּ. שֶׁלֹּא. בְּרֵאשִׁית. לְיוֹצֵר. גְּדֻלָּה. לָתֵת. הַכֹּל. לַאֲדוֹן. לְשַׁבֵּחַ. עָלֵינוּ.

וְעַל כֵּן נְקַוֶּה-לְּךָ ד' אֱלֹקֵינוּ, לִרְאוֹת מְהֵרָה בְּתִפְאֶרֶת עֻזֶּךָ, לְהַעֲבִיר גִּלּוּלִים מִן הָאָרֶץ, וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן, לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי, וְכָל-בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ, לְהַפְנוֹת אֵלֶיךָ כָּל רִשְׁעֵי אָרֶץ. יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל, כִּי-לְךָ תִּכְרַע כָּל-בֶּרֶךְ, תִּשָּׁבַע כָּל לָשׁוֹן. לְפָנֶיךָ ד' אֱלֹקֵינוּ יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ, וְלִכְבוֹד שִׁמְךָ יְקָר יִתֵּנוּ, וִיקַבְּלוּ כֻלָּם אֶת עֹל מַלְכוּתֶךָ, וְתִמְלֹךְ עֲלֵיהֶם מְהֵרָה לְעוֹלָם וָעֶד. כִּי הַמַּלְכוּת שֶׁלְּךָ הִיא, וּלְעוֹלְמֵי עַד תִּמְלוֹךְ בְּכָבוֹד, כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתֶךָ: ד' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד: וְנֶאֱמַר: וְהָיָה ד' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ. בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ד' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד:

אָנָּא, בְּכֹחַ גְּדֻלַּת יְמִינְךָ תַּתִּיר צְרוּרָה: קַבֵּל רִנַּת עַמְּךָ, שַׂגְּבֵנוּ, טַהֲרֵנוּ, נוֹרָא: נָא גִבּוֹר, דּוֹרְשֵׁי יִחוּדְךָ כְּבָבַת שָׁמְרֵם: בָּרְכֵם, טַהֲרֵם, רַחֲמֵי צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם: חֲסִין קָדוֹשׁ, בְּרוֹב טוּבְךָ נַהֵל עֲדָתֶךָ: יָחִיד גֵּאֶה, לְעַמְּךָ פְּנֵה, זוֹכְרֵי קְדֻשָּׁתֶךָ: שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ, יוֹדֵעַ תַּעֲלֻמוֹת: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

**קאפיטל ז' בתהלים:** שִׁגָּיוֹן לְדָוִד אֲשֶׁר שָׁר לַד' עַל דִּבְרֵי כוּשׁ בֶּן יְמִינִי: ד' אֱלֹקַי, בְּךָ חָסִיתִי; הוֹשִׁיעֵנִי מִכָּל רֹדְפַי, וְהַצִּילֵנִי: פֶּן יִטְרֹף כְּאַרְיֵה נַפְשִׁי; פֹּרֵק וְאֵין מַצִּיל: ד' אֱלֹקַי, אִם עָשִׂיתִי זֹאת; אִם יֶשׁ עָוֶל בְּכַפָּי: אִם גָּמַלְתִּי שׁוֹלְמִי רָע וָאֲחַלְּצָה צוֹרְרִי רֵיקָם: יִרַדֹּף אוֹיֵב נַפְשִׁי, וְיַשֵּׂג וְיִרְמֹס לָאָרֶץ חַיָּי; וּכְבוֹדִי, לֶעָפָר יַשְׁכֵּן סֶלָה: קוּמָה ד' בְּאַפֶּךָ הִנָּשֵׂא, בְּעַבְרוֹת צוֹרְרָי; וְעוּרָה אֵלַי, מִשְׁפָּט צִוִּיתָ: וַעֲדַת לְאֻמִּים, תְּסוֹבְבֶךָּ; וְעָלֶיהָ, לַמָּרוֹם שׁוּבָה: ד' יָדִין עַמִּים שָׁפְטֵנִי ד' כְּצִדְקִי וּכְתֻמִּי עָלָי: יִגְמָר נָא רַע, רְשָׁעִים וּתְכוֹנֵן צַדִּיק וּבֹחֵן לִבּוֹת וּכְלָיוֹת אֱלֹקִים צַדִּיק: מָגִנִּי עַל אֱלֹקִים מוֹשִׁיעַ, יִשְׁרֵי לֵב: אֱלֹקִים, שׁוֹפֵט צַדִּיק וְקֵל זֹעֵם בְּכָל יוֹם: אִם לֹא יָשׁוּב, חַרְבּוֹ יִלְטוֹשׁ קַשְׁתּוֹ דָרַךְ, וַיְכוֹנְנֶהָ: וְלוֹ הֵכִין כְּלֵי מָוֶת חִצָּיו, לְדֹלְקִים יִפְעָל: הִנֵּה יְחַבֶּל-אָוֶן; וְהָרָה עָמָל, וְיָלַד שָׁקֶר: בּוֹר כָּרָה, וַיַּחְפְּרֵהוּ; וַיִּפֹּל, בְּשַׁחַת יִפְעָל: יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ; וְעַל קָדְקֳדוֹ, חֲמָסוֹ יֵרֵד: אוֹדֶה ד' כְּצִדְקוֹ; וַאֲזַמְּרָה, שֵׁם ד' עֶלְיוֹן:

**לע"נ האה"ח מרת יהודית בת ר' שמואל מאיר ע"ה הכ"מ**

מ'קען באקומען די תפילה אויף www.UmeinVumein.org

הילולא דצדיקיא

פרשת האזינו – שנה יג גליון 3 (520)

לעילו נשמת אבי מורי ר' שמואל בן ר' משה ע"ה, י"ב חשון תשפ"ה

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'

לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com

**הבהרה:** מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז **נישט** ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. אויך איז **נישט** ערלויבט צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

# הרב הקדוש ר' מנחם מענדל (פנט) בן ר' יחזקאל זי"ע, מדעעש, יג תשרי תרמ"ה

**געבוירען:** י' טבת אין יאר תקע"ח אין שטאט טערצאל (אונגארין) אלס יונגסטע קינד צו זיין טאטע ר' יחזקאל וואס איז דאן געווען רב אין טערצאל שפעטער רב אין קארלסבורג (מראה יחזקאל) און צו זיין מאמע מרת חי' רחל בת ר' משה העניק פון שטאט לינסק. זיין נאמען מנחם מנדל איז נאך ר' מנחם מנדל פון רימנוב און ר' מנחם מענדל פון לינסק. **אוועק:** יג תשרי תרמ"ה **חתונה געהאט:** מרת רייזל בת ר' בת הנגיד ר' לייב קרויס פון איהל מתלמידי הישמח משה **קינדער:** ר' משה ממלא מקומו בדעעש. **תלמיד פון:** זיין גרויסן טאטע, דערנאך פון דער הייליגע חתם סופר, ישמח משה, ער האט זיך געדרייט ביי ר' ישראל פון ריזשין, ר' צבי הירש מרימנוב, ר' מאיר פרעמישלאן, דברי חיים פון צאנז און נאך. **געווען רב:** נאך זיין חתונה געוואוינט אין אוהעל ווי ער האט פארשפרייט תורה, שפעטער צוריק צו זיין טאטע קיין קארלסבורג. אין יאר תר"ד געווארן רב אין דעעש, ווי צום ערשט האט ער זיך באזעצט אין אורישאר וואס איז נישט ווייט פון דעעש (ווייל דאן האבן יודען נישט געמעגט וואוינען אין דעעש) אין יאר תרכ"ב אריבער געצויגן קיין דעעש. דארט האט ער האט אויך געהאט א ישיבה גדולי ווי ער האט אוועק געשטעלט אסאך אסאך תלמידים אינצווישן זיי באקאנטע רבנים מורי הוראה וגדולי הדור. ער האט אויך געדינט אלס רב הכולל זיבענבערגן צו צוזאם נעמען געלט פאר צדקת ר' מאיר בעל הנס. **זיינע ספרים:** מעגלי צדק, ש"ת שערי צדק און נאך. **ער ליגט:** אין דעעש.

## ביים חתם סופר

לערנענדיג אין די ישיבה פון דער חתם סופר, האט זיין רבי דער חתם סופר איהם אנגערופען 'דעם זיידענער בחור' צוליב דעם וואס ער האט זיך געפירט ווי זיינע עלטערן צו אנטוהן שבת קודש זיידענע קליידער, דער חתם סופר האט זיך נישט סתם אזוי געווארפן מיט טיטלעך, האט דער חתם סופר געמיינט מיט דעם צו ארויס ווייזען א ספעציעלע ליבשאפט אז ער איז א זיידערנער בחור.

צוליב די ליבשאפט וואס זיין רבי דער חתם סופר האט געהאט צו איהם פלעגט ער גיין שפאצירן מיט איהם ערב שבת קודש פארן דאווענן פאר 10 מינוט, ווי ר' מנחם האט זיך יארן שפעטער ואיסגעדריקט אז אין די עטליכע מינוט האט ער זוכה געווען צו זעהן זאכן וואס אנדערע תלמידים האבן נישט זוכה געווען צו זעהן אפילו אין פינף יאר.

## יונגערהייט האט מען געזען זיין גרויס יראת שמים.

האט זיך אמאל געמאכט אלס קינד אז ער איז געגאנגן שפאצירן אויף א גרויס וואנט אין שטאט קארלסבורג, ווען מיט אמאל קומט צו איהם א גרויסע שטארקע שייגעץ און זאגט איהם 'אויב וועסטו חלילה הנישט לייקענען אין דיין באשעפער ווארף איך דיר אראפ פון דעם וואנט רח"ל', דאס קינד דערשרעקט זיך נישט און געבט א געשריי 'איך וועלט נישט לייקענען אין דעם באשעפער וואס האט באשאפן הימל אין ערד'. ווי נאר ער זאגט די רייד האט די גוי געהערט עפעס א שרעקליכע קול ווי עס קומען רויבער'ס און פון שרעק איז ער אנטלאפן.

דאס קינד וואקסט אויף העכער, הייליגע און ריינער מיט גרויסע מדרגות אז ער האט זוכה געווען אז אליהו הנביא זאל זיך אנטפלעקן צו איהם.

## אליהו הנביא

דער גאון ר' יהודה גרינוואלד פון סאטמאר (שבט מיהודה) האט אמאל געלערנט מיט זיינע תלמידים ווי אינמיטן איז זיי עפעס שווער געווארן א שטארקע קשיא ווי ער רופט זיך אהן 'ווי נעמט מען דעם דעעשער רבי ר' מענדלע וואס אליהו הנביא האט זיך אנטפלעקט צו איהם און פארענפטערט א קשיא וואס איז איהם שווער געווען'.

דער גאון האט דאן פארציילט א מעשה אז ווען ר' מענדל איז נאך געווען יונג איז ער אמאל אז ער איז געגאנגן שפאצירן אין שטאט קארלסבורג ווי ער איז געווען פארטיפט צו איבער חזר'ן אויסווייניג וואס ער האט געלערנט ווען מיט אמאל פאלט איהם אראפ די ציגאר שפיצעל וואס איז געווען געמאכט פון גאלד וואס ער האט באקומען אלס א מתנה פון זיין רבי דער חתם סופר און איז געווען ביי איהם גאר חשוב, אבער וויבאלד דארט האט זיך געפונען אן עבודה זרה האט ער זיך נישט געוואלט אראפ בייגן עס אויפהייבן עס זאל נישט אויסזעהן ווי ער בייגט זיך צו קיין עבודה זרה אפילו אויב אויף דעם חשבון וועט מער פארלירן די חשובע מתנה.

נאך עטליכע טריט קומט איהם אנטקעגן א יוד מיט שיין געשטאלט און פרעגט ווי וואוינט דער רב? זאגט ר' מענדל 'איך בין דער זוהן פון דער רב לאמיר גיין צוזאמען'. אזוי גייענדיג האט ר' מענדל געוואלט זעהן אויב יענער יוד איז קען לערנן האט ער איהם פארציילט אז זיין ציגער שפיצעל איז אראפ געפאלן אין פארנט פון אן עבודה זרה און ער האט זיך נישט אראפ געבויגן עס צו אויפהייבן. אזוי רעדענדיג האט ר' מענדל איהם פארגעלייגט א שטארקע קשיא וואס איז איהם שווער, און דער יוד האט עס פארענטפערט פאר איהם גאר וואונדערליך.

אזוי האט דער יוד גערעדט מיט איהם אין לערנן ביז מען איז אנגעקומען צו זיין טאטע אין שטוב, ווי דאן שטרעקט יענער אויס זיין האנט און זאגט אהים 'דא האט איהר דאס ציגאר שפיצאל'.

ווי נאר ער געבט איהם דאס איבער איז דער מענטש מיט אמאל פארשוואונדען געווארן און איהם נישט געזען.

יארן שפעטער האט דער צדיק אליינס פארציילט די מעשה און געזאגט אז ער האט דאן זוכה געווען אז אליהו הנביא זאל זיך אנטפלעקן צו איהם'.

די מעשה ווערט פארציילט אין עטליכע נסחאות פונקטליך ווען און ווי אזוי עס האט פאסירט, אבער די עיקר איז די זעלבע אז ער האט זיך נישט אראפ געבויגן צו אויפהייבן די מתנה און אליהו הנביא האט זיך דאן אנטפלעקט צו איהם.

## הייליגע אויגן

יונגערהייט האט ער שוין אכטונג געגעבן צו האלטן זיינע אויגן הייליג. אלס יונג קינד ווען ער איז געגאנגן צום שטוב פון זיין ברידער ר' לייבוש האט ער זיך צוגעדעקט די אויגן נישט צו דארפן קוקען אויף זיין ברידער'ס ווייב.

## די באשערטע שידוך

לערנענדיג ביים הייליגן חתם סופר אין פרעשבורג, זייענדיג א בחור פון איבער די צוואנציג יאר, האט זיך געמאכט אז ער האט געוואלט אהיים פארן אויף איין שבת באזוכן זיינע עלטערן מקיים צו זיין כיבוד אב ואם. ווען ער האט זיך געזעגנט פון זיי רבי, זאגט איהם דער חתם סופר אז אזוי אזוי ווי אויפן וועג אהיים וועט ער זיין נישט ווייט פון שטאט אוהעל איז גוט אז ער זאל אריין פארן אין שטאט ווי עס איז גוט ער זאל באזוכן דעם צדיק דעם ישמח משה וואס איז א גאון אין תורה און יראת שמים.

דער בחור האט געטוהן ווי אזוי זיין רבי האט איהם געהייסן, ווי ער איז אריין אין שטאט אוהעל צו זעהן דעם ישמח משה, ווי עס איז אויסגעקומען אז ער האט שוין פארוויילט אין שטאט אוהעל פאר עטליכע טעג. איין טאג נאך שחרית איז דער בחור מנחם ארויס אויפן גאס ווי עס איז געשטאנען א יודישן מיידל און פארקויפט מעלאנע, ר' מנחם גייט צו צום טיש און פרעגט וויפיל א מעלאנע איז, ווען ער האט געהערט די פרייז האט ער עס נישט געוואלט קויפן און האט אנגעהויבן צו גיין פון דארט. דאס מיידל זעהט אז ר' מנחם קויפט נישט רופט זי זיך אהן 'צדיק זה בא לבית מלוני (מיינענדיג צו זאגן 'מעלאנע') ויפטר בלא מעלאנע (אין פרשת ויצא שרייבט רש"י די זאך ווען יעקב איז אנגעקומען צו די פלאץ פון די בית המקדש). ר' מנחם הערט ווי א יודיש מיידל כאפט אהן אזא גוט ווארט אויף דעם וואס ער פארקויפט נישט קיין מעלאנע, און פון גרויס וואונדער האט ער געגעבן א שנעלער בליק אויף דעם מיידל.

פון דארט איז דער בחור געגאנגן צום גאסט הויז ווי ער שטייט אן, אבער ווי נאר ער גייט אריין אין זיין צימער, פאלט ער אראפ אויף דער ערד און נעמט זיך וויינען ביטערליך אהן אויפהער. דער בעל הבית הערט ווי דער בחור וויינט שרעקליך גייט ער צו אין פרעגט וואס האט פאסירט צו ער קען איהם אפשר העלפן? זאגט דער בחור 'וואס הייסט איך האט געטוהן א שרעקליכע עבירה איך האב געקוקט אויף א פרעמד מיידל פאר א סעקונדע און איך ווייס נישט ווי אזוי צו תשובה טוהן', דער בחור האט דאן פארציילט פאר דעם בעל הבית די גאנצע מעשה מיט די מעלאנע.

דער בעל הבית זעהט אז פאר איהם שטייט נישט קיין פשוטע בחור, וואס פאר דעם וואס ער האט בטעות געקוקט אויף א מיידל פאר א סעקונדע קען ער נישט צו זיך קומען, רופט ער זיך אהן און זאגט 'אונזער חכמים זאגן אז מען טאר נישט חתונה האבן מיט א מיידל בעפאר מען קוקט אויף איהר, דערפאר האב איך אן עצה אז אויב דו ביסט מסכים איהר צו נעמען פאר דיין כלה וועט דאך אויסקומען אז האסט נישט געקוקט אויף איהר סתם אזוי, נאר אז זי זאל ווערן דיין כלה אזוי ארום האסטו געמעגט קוקען אויף איהר. הערענדיג דאס האט זיך דער בחור שטארק בארואיגט און געווען גרייט צו מאכן די שידוך, אבער צום ערשט האט ער עס געוואלט אדורך רעדן מיט דער ישמח משה דער רב פון שטאט און אויב דער רב איז מסכים איז ער גרייט צו טוהן דעם שידוך.

דער בחור גייט מיט דער בעל הבית צום ישמח משה ווי דער בעל הבית פארציילט די גאנצע מעשה ווי דער בחור האט אזוי שטארק געוויינט אז ער האט נישט געקענט זיך בארואיגן און זיי פרעגן וואס ער זאגט צו די פלאן פון מאכן די שידוך מיט דעם מיידל. זאגט דער ישמח משה אז עס איז א גוטע עצה אבער ווי אזוי קען ער א חתן ווערן אהן פרעגן צום ערשט זיינע עלטערן, דערפאר איז גוט אז מען זאל שרייבן א בריוו צו זיינע עלטערן קיין קארלסבורג אז זיי זאלן קומען קיין אוהעל ווי פריער צו אדורך רעדן די גאנצע זאך פון די שידוך.

ר' מענדל האט געטוהן אזוי ווי דער ישמח משה הייסט איהם, ווי ער האט אהיים געשיקט א בריוו אז ערווארט פאר זיינע עלטערן צו קומען. ווען זיינע עלטערן זענען געקומען קיין אוהעל פארציילט זיי דער ישמח משה די גאנצע זאך און ער האלט שטארק אז מען קען מאכן דעם שידוך. זאגט ר' יחזקאל דער טאטע פון ר' מענדל אז זיין רעבעצין וויל נישט מאכן די שידוך וויבאלד זייער זוהן איז גאר א חשובע בחור און ער קומט פון א שיינע חשובע מיוחס'דיגע משפחה, איז ווי אזוי קענען זיי נעמען עפעס סתם אן ארימער מיידל פון עפעס א פשוטע משפחה? זאגט דער ישמח משה דער עיקר יחוס איז דאך וואס דער מענטש איז אליינס, ממילא אויב מען פרעגט זיך נאך און מען הערט אז די מיידל איז א פיין עהרליך מיידל קען מען טוהן דעם שידוך. זאגט ר' יחזקאל פאר זיין רעבעצין אז ער האלט אז דער ישמח משה איז גערעכט און די רעבעצין זאל גיין אנקוקען דעם מיידל און רעדן מיט איהר און הערן אויב זי וויל די שידוך און אויב אלעס קלאפט קען מען ווייטער גיין מיטן שידוך.

די רעבעצין איז געגאנגן זיך נאכפרעגן אויפן מייד ווי זי האט טאקע געהערט גאר גוטע זאכן, דאך אבער האט איהר שטארק וויי געטוהן ווייל די מיידל איז געווען זייער נישט שיין אין אויסזעהן, און ווי קען זי נעמען אזא מיידל פאר איהר חשובע זוהן.

קומעדיגע צופרי נאך שחרית זענען אלע דריי ר' יחזקאל, זיין רעבעצין מיט די בחור מענדל אריין צום ישמח משה ווי די מאמע האט אויסגעבראכן מיט א געוויין 'רבי וואס קומט מיר אזא שטראף אז מען גאר חשובע זוהן זאל דארפן טוהן אזא שידוך מיט א מיידל וואס איז זייער מיאוס אין אויסזעהן'. דער ישמח משה האט רחמנות געהאט אויף די מאמע ער האט איהר באמת נישט געהאט וואס צו זאגן און ער רופט זיך אהן צום דעם בחור מענדל 'דיין מאמע איז דאך גערעכט, דו ביסט א זייער חשובע בחור וואס קומט פון א שיינע חשובע משפחה'. ווי נאר מענדל הערט דאס, האט ער זיך אויס געלייגט אויף דער ערד און אויסגעבראכן אין א שרעקליך געוויין און געשריגן 'וואס וועט זיין מיט דעם וואס ער האט געקוקט אויף דעם מיידל?'.

הערענדיג דאס ווי עהרליך דער בחור איז און עס שטערט איהם גאר שטארק פון טיפעניש פון הארץ אז ער האט געקוקט אויף א מייד, האט דער ישמח משה גערופען די עלטערן אין א צימער און זאגט זיי אז זיי זאלן טוהן דעם שידוך, ווי ער זאגט זיי צו אז זיי וועלן זעהן שיינע דורות פון דעם שידוך.

די עלטערן האבן מסכים געווען, די שידוך האט זיך געענדיגט אין א מזל'דיגע שעה און די ברכה פונם צדיק איז מקוים געווארן אז פון דעם שידוך זענען ארויס געקומען שיין אין אויסזעהן און שיין אין עהרליכקייט.

### סאלדאטן שטארבן

זייענדיג רב אין אורשאר איז דאן געווען די צייט ווי אונגארין האט מלחמה געהאלטן מיט זייער פיינט, איז דאן געווען א צייט וואס די אונגארישער מיליטער איז אריבער די הויז פון ר' מנחם מענדל. האט זיך געמאכט אז לעבן די שטאט האט זיך געפונען א בארג ווי די צוויי זייטען האבן זיך שטארק ארום געשלאגן ווי די אונארישער מיליטער האט געכאפט ביטערע קלעפ פון די אנדערע זייט און פארלוירן גאר אסאך סאלדאטן.

שפעטער האט דער צדיק געזאגט 'איך האב געבעטן פון דער מלאך אין הימל וואס איז איבער אונגארין (א יעדער לאנד האט א מלאך אין הימל) אז זייער מיליטער זאל נישט אריבער גיין מיין הויז אז עס זאל מיר נישט שטערן לערנן, אבער וויבאלד זיי האבן מיר נישט געפאלגט האבן זיי געהאט א ביטערע ענדע.

### ריינע טראכטונגען

בשעת דער צדיק האט געוואוינט אין אורשאר האט אין דעם דערנעבענדיגן שטאט דעעש געוואוינט א דיין וואס פלעגט פארן צו דברי חיים פון צאנז. איינמאל פרעגט איהם דער דברי חיים או עס מאכט זיך אמאל שבת קודש אז ער גייט אריין קיין אורשאר צום צדיק ר' מנדל. זאגט דער דיין אז ער קען נישט ווייל לויט זיין חשבון איז עס צו גיין מער ווי א תחום שבת (2000 איילן), זאגט דער צאנזער רב אז אויב מען גייט די וועג פון יענעם בארג וועט עס אויסקומען אז מען מעג גיין. דער דיין איז ממש פארוואונדערט געווארן אז פון ווי ווייסט דער צאנזער רב פון יענעם וועג און עס איז ווייניגער ווי תחום שבת.

קומענדיג אהיים האט דער דיין באשלאסן אז ער גייט גיין אינמיטן וואך יענעם וועג קיין אורשאר צו מעסטן אויב עס איז טאקע ווייניגער ווי א תחום שבת, דער דיין גייט ווי א גאנצע וועג מעסט ער וויפיל ער גייט ווי ער באמערקט אז די תחום שבת קומט אהן ממש ביז צום שטוב פון דער צדיק ר' מענדל.

דער דיין גייט אריין צו ר' מענדל אין שטוב ווי ער זעהט ווי דער צדיק זיצט ביי אן אפענעם גמרא מיט זיינע צוויי קליינע קינדער אויף זיין שויס און ער זיצט און הארעוועט נישט באמערקענדיג וואס טוט זיך ארום איהם. דער דיין שטייט און ווארט ביז ר' מענדל וועט איהם באמערקן, ווען ר' מענדל האט איהם ענדליך באמערקט האט ער איהם געגעבן שלום און פרעגט איהם 'וואס טוט איהר דא זענט איהר אפשר געקומען מעסטן צו עס איז א תחום שבת?'

פון גרויס וואונדער פרעגט דער דיין 'פון ווייסט דער רבי פארוואס איך בין אהער געקומען?' זאגט דער צדיק 'א יוד וואס טראכט נישט קיין פרעמדע זאכן און ער איז פארטראכט נאר אין תורה דאן אויב עס פאלט עפעס אריין אין זיין קאפ צו טראכטן ווייסט ער אז עס איז ריכטיג וואס ער טראכט'.

### מיט דער תנא ר' עקיבא

אין שטאט דעעש איז א יעדער דינסטאג פארגעקומען די מארק, ווי אלע מענטשן פון די דערנעבענדיגן דערפלעך פלעגן קומען איינקויפן וואס זיי דארפן און דערנאך זענען זיי געקומען צום רב אין שטוב פרעגן זייער שאלות ווי דער רעבעצין האט זיין אפגעקאכט צו עסן.

איינמאל אויף א דינסטאג האט די רעבעצין געבעטן פון איהר הייליגן מאן אז זי דארף געלט צו איינקויפן צו קענען קאכן עסן פאר די מענטשן וואס קומען. זאגט איהר דעם צדיק 'נעכטן נאכט איז דא געווען דער תנא ר' עקיבא און דו דארפסט נאך געלט?, און א סימן האסטו אז ער איז דא געווען, ווייל וועסט זעהן אז היינט וועט אנקומען איינער פון ארץ ישראל און מיר ברענגן א מתנה פון די כולל דארט'.

אזויאיז געווען אז יענער טאג איז געקומען איינער פון ארץ ישראל א שליח פון די כולל ר' מאיר בעל הנס מיט א נייע בעקיטשע אלס א מתנה פאר דער צדיק, ווי דער צדיק האט זיך שטארק געפרייט דערמיט אז די סימן איז מקוים געווארן.

דער צדיק האט פארציילט פאר דער שליח פון ארץ ישראל אז דער נאכט איז דא געווען ביי איהם דער הייליגע תנא ר' עקיבא איהם צו באדאנקן אויף דעם וואס ער האט פארענטפערט א שטארקע קשיא וואס איז דא אויף איהם אויף איינער פון די זאכן וואס ער זאגט, און דער תנא האט איהם געגעבן די סימן אז עס וועט קומען א שליח פון ארץ ישראל.

### געזאגט די הלכה

זיין משמש ר' יוסף משה איז געווען אן עהרליכע יוד און האט פארציילט איבער אן אפענעם רוח הקודש וואס ער אליינס האט בייגעוואוינט. די סדר איז געווען אז א יעדער נאכט האט ר' יוסף משה צוזאם גענומען א מנין צו קומען דאווענן מעריב מיטן צדיק. איין נאכט האט ר' יוסף משה געהאט עפעס א שאלה צו פרעגן, האט ער געטראכט אז היינט פאר מעריב וועט ער פרעגן די שאלה פון זיין רבי.

פאר מען האט זיך געשטעלט דאווענען נאך פאר ר' יוסף משה האט געפרעגט זיין שאלה, האט זיין רבי געזאגט אז פאר'ן דאווענן דארף מען לערנן א הלכה, דערפאר וועט ער זאגן א הלכה, דער צדיק האט דאן פונקט געזאגט די הלכה אויף די שאלה וואס ר' יוסף משה האט געוואלט פרעגן.

### האט נישט מורא

פאר ער איז אוועק איז מען איהם געקומען זאגן אז עס זענען דא געוויסע מענטשן וואס זאגן אז נאך וואס ער גייט אוועק פון די וועלט וועלן זיי נישט אויפנעמען זיין זוהן דער צדיק ר' משה צו איבער נעמען די רבנות אין שטאט נאר זיי וועלן אויפנעמען איינעם אנדערש.

זאגט דער צדיק 'ער האט נישט מורא ווייל איך האב בקבלה איז אויב מען האט נישט מורא פון רשעים קענען זיי נישט טוהן קיין שלעכט'ס'. אזוי איז געווען אז נאך זיין פטירה האט זיין זוהן ר' משה איבער גענומען די רבנות אין שטאט אויפן פלאץ פון זיין טאטע'.

## מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

עס זענען אמאל געקומען א גרופע מתנגדים צום הייליגן בעש"ט ווי זיי האבן פרובירט אויף צו ווייזען אז לויט די הלכה איז זיין סוכה נישט כשר צו עסן אין איהר, דער בעש"ט אבער האט נישט מסכים געווען צו זיי און האט געהאלטן אין איין מסביר זיין אין אויפווייזען אז די סוכה איז יא כשר. אזוי ווי עס איז אריבער א לענגערע צייט ווי זיי האבן זיך אזוי ארום געטענט האט דער בעש"ט אראפ געלייגט זיינע הענט אויף זיין קאפ, ווען מיט אמאל הייבט ער אויף זיין קאפ ווי מען האט דארט געפונען א צעטעל וואס אין איהר איז געשטאנען 'די סוכה פון ר' ישראל בעש"ט איז כשר אזוי זאגט מלאך מט"ט שר הפנים'. ווען די מתנגדים האבן געזען אז פון הימל האט מען דא אראפ געשיקט א צעטעל צו אויפווייזען אז די סוכה איז כשר זענען זיי שטיל געבליבן.

די וואונדערליכע צעטעל איז אריבער בירושה צו דער אייניקל פון דער בעש"ט דער בעל 'דגל מחנה אפרים' וואס ער פלעגט עס ניצען צו אויסהיילן קראנקע מענטשן און שטענדיג ווי נאר ער האט דאס ארויף געלייגט אויף די קאפ פון א קראנקע איז יענער גלייך געזונט געווארן. דער צעטעל האט ער גענוצט פאר צוויי יאר, און קיינער איז אין די צייט נישט געשטארבן, ווייל דער צדיק האט זיי אויסעהיילט מיט די צעטעל פון זיין זיידע. עס איז אבער געווען איינמאל וואס דער צדיק האט עס געלייגט אויף די קאפ פון א קראנקן, ווען מיט אמאל איז דער צעטעל פארשווינדן געווארן און מען האט עס בשום אופן נישט געקענט טרעפן. האט דער צדיק געזאגט 'פון הימל האט מען איהם געלאזט וויסען געווען אז מען איז נישט צופרידען פון דער צעטל, ווייל עס איז א גזרה אז מענטשען דארפן אוועק גיין פון דער וועלט און מען קען נישט כסדר היילן מענטשן מיט דעם צעטעל.